STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05598

EYROPEISHE LITERATUR

Permanent preservation of this book was made possible
by Milton & Ethel Bergman
in celebration of their 52nd wedding anniversary 10-31-2000

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

8 טע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט:

1) דער יאנוס-טעמפעל (פון דייטשען). — ל. בערנע.
2) אלטינקע (פון פראנצויזישען). — ק. לעמאניע.
3) דיאדעסטע. — באלזאק.
4) ליעבע אין ערשטען אויגענבליק (פון דייטשען). — פראנק וועדעקינד.
5) כ'האב דערצעהלט (געדיכט).
6) פריילין מוטער. ראמאן (פון דייטשען). — ע. נעארגי.
7) פיפא ספאנא, ראמאן (פון דייטשען). — ה. מאַן.
8) טויט אדער לעבעדיג (הומארעסקע). — געלסויערסי.
9) אפאריזמען.
10) ליטעראַרישע נייס.

לודוויג בערנע.

דער יאנוס־טעמפעל.

„פריהע קלוגשאַפט, שפּעטע ליעבע!“...

יעדעס מאָל, ווי מיין פינף און דרייסיג יעהריגער פריינד — נישט אונזער פריינדשאַפט, נאָר ע ר איז אַזוי אַלט — זאָגט אַרויס דעם דאָזיגען שפּרוך, וועלכען ער האָט אַליין פערפאַסט, מאַכט ער דערצו אַ זעהר נאַריש געזיכט און טרייסעלט זיך אָב ווי אַ הונד, וואָס קומט אַרויס פון וואַסער.

נישט לאַנג האָב איך איהם געמאַכט אַ וויזיט. איך האָב איהם געטראָפען, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די לינקע האַנד; אין דער רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ פעדער און ווי עס ווייזט אויס האָט ער געהאַלטען אין שרייבען אין דאָס פּאַפּיער־העפט, וואָס איז פאַר איהם געלעגען.

— ווי געהט עס דיר, פריץ? דו זעהסט דאָך עפּעס גאָר אויס ווי דער גאָט פון נאָוועמבער!

— „פריהע קלוגשאפט, שפעטע ליעבע!" — האט ער געענטפערט און האט זיינע ווערטער בעגלייט מיט א לאנג-געצויגענעם פירפיערטעל זיפץ.

— וואו איז דיין ליעבע פרוי?

— „ליעבע פרוי!" — ער איז אויסגעשפרונגען פון שטוהל. — יא, ליעב זענען זיי אלע, כל זמן מען ליעבט זיי.

איך האב אויסגעבראכען מיט א הויכען געלעכטער.

— אה, פאמיליען-ליידען! דאס איז פרעכטיג! ווארט נאר, פריץ, דערצו מוז איך מיר מאכען בעקוועם...

איך האב מיר אניעדערגעזעצט אויפ'ן ווייכסטען שטוהל, פערלעגט א פוס איבער א פוס, און מיט פערגעניגען מיר געגלעט דעם בויך...

— איצט דערצעהל, מיין טייערער, דאס וועט מיך דערקוויקען. עס איז געשמאק, ווען מען שטעהט אויף א זיכערען ברעג, צו זעהן, ווי מענשען טרינקען זיך!

— אין מיין זעקס-וועכענטליכען גליקליכען פאמיליען-לעבען, האב איך מיך שוין אכט מאל געקריגט מיט מיין גוטער סאפיע און האב שוין געהאט אכט טריבע טעג. לויט זיסמילך'ס געטליכער ארדנונג אין לעבען און שטארבען, קומט מיר נאך אויס צו לעבען ניין און צוואנציג יאהר. אין זעקס וואכען אכט טאג, מאכט דאס אויס אויף א יאהר צוויי מאנאטען, פיער טעג, איין און צוואנציג שטונדען און צוואנציג מינוטען; מאכט דאס אויס אין ניין און צוואנציג יאהר — פינף יאהר, איין מאנאט, זיבען און צוואנציג טעג, עלף שטונדען, צוויי מינוט און דרייסיג סעקונדען אסטראנאמישע טרויעריגע צייט.

— ריכטיג, זעהר ריכטיג, פריץ! דאס פאמיליען-לעבען איז א מאטעמאטישער אונגליק.

— און אויב דו, קארל, וועסט שטארבען פריהער, ווי דער גוטער זיסמילך האט עס אויסגערעכענט, און איך וועל ירשה'נען א טייל פון דיינע יאהרען, דאן וועל איך נאך לענגער לעבען, און די סומע פון מיינע צרות וועט נאך גרעסער ווערען.

— וועגען דעם האסטו זיך נישט וואס צו זארגען, פריץ, איך וועל דיר אזא פערדרוס נישט אנטהון. נאר עס מוזען דאך געווים זיין וויכטיגע זאכען, איבער וועלכע איהר האט זיך געקריגט! דאס זענען די ערשטע פריהלינגס-שטורעמס פון פאמיליען-לעבען; זיי געהען פאריבער.

— יא, זעה נאר אליין, ווי זיי געהען פאריבער!

מיין פריינד האָט מיר מיט די פינגער אָנגעוויזען אויפ'ן אויוועז. דער אויוועז איז געווען פון ווייסען פאָרצעלאַן, אַרומגעפּאַסט מיט מעשענע רויפען. די צוויי שטאַפּלען, אויף וועלכע ער איז געשטאַנען, און די מאַרמאָרפּלאַטע, וועלכע האָט איהם בעדעקט, האָבען איהם געגעבען דאָס גראַציעזע אויסזעהן פון אַ אַלטאַר. איבער דער פּלאַטע האָט זיך געהויבען אַ מעשענער זייל, וועלכער האָט זיך פערענדיגט מיט אַ קוגעל אין דער הויך.

— זעהסטו דאָס אָפענע טהירעל?

— צי דען רעכענסטו איינצוזייצען? פון הימעל וועט זיך אָן אַ שלעכט וועטער.

— וואָס געהט מיך דאָס שלעכטע וועטער אָן; דאָס שלעכטע וועטער איז אויף מיין הימעל. שוין צוויי טעג איז דאָס אויוועז-טהירעל געעפענט.

— פריץ, זייט דיין חתונה אָן האָסטו מיר עפעס אָנגעהויבען רעדען מיט מליצות; צי קאָנסטו זיך נישט דייטליכער ערקלערען?

— איך האָב מיין פרוי געגעבען אַ לעקציע אין דער מיטאָלאָגיע. אין דעם טאָג, ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל געקריגט, האָבען מיר גראַדע געהאַלטען ביים גאָט יאַנוס און ביים יאַנוס-טעמפּעל, וועלכען די רוימער האָבען בשעת מלחמה געעפענט און בשעת שלום פערשלאָסען. מיר איז איינגעפאַלען צו מאַכען אַ שפּאַס, וועלכער קאָן נוצען ברענגען.

„— סאָפיע, זאָג איך צו איהר, אָט דאָ דער אויוועז זאָל זיין אונזער יאַנוס-טעמפּעל. יעדעס מאָל, ווען מיר וועלען זיך צעקריגען, וועל איך עפענען דעם טהירעל. ווילסטו שלום, קאָנסטו עס נישט פרעגענדיג צומאַכען; דו ווייסט דאָך, ליעבע סאָפיע, איך בין יעדען אויגענבליק בערייט זיך איבערצובעטען".

— דאָס האָסטו גוט געמאַכט, פריץ. אייגענטליך דאַרפען מען יאַנוס'ן אָנרופען דעם גאָט פון פאַמיליען-לעבען. ער האָט צוויי געזיכטער; ער עפענט און שליעסט צו די טויערען פון הימעל; ער טראָגט אין דער רעכטער האַנד דעם סצעפּטער: דאָס איז דער מאַן, און אין דער לינקער האַנד האַלט ער אַ שליעסעל: דאָס איז די פרוי. האָסטו דאָס אויך דערצעהלט דיין ווייבעל?

— יאָ, נאָר זי האָט עס שוין געוואוסט. איין גאָט ווייס, פון וואַנען זי האָט זיך דאָס דערוואוסט, דען בכלל איז זי אין דער מיטאָלאָגיע געווען גאַנץ ווייניג בקיא.

— און דאס איז ביי דיר א וואונדער, פריץ? בנוגע צו זייערע אייגענע רעכטע קאנען די פרויען קאנקורירען מיט די בעסטע יוריסטען.

— דער שפאס האט געהאלפען; מיין גוטע סאפיע האט נישט געקאנט זעהן, ווי דאס אויווען־טהירעל איז אפען. נאכדעם ווי זי איז עטליכע שעה געווען אנגעבלאזען, האט זי צוגעמאכט דעם יאנוס־טעמפעל, באלד לאכענדיג, באלד מיט אויגען פול טרעהרען, מיר געפאלען ארום האלז, און אט זענען מיר שוין ווידער חבר.

— און וואס איז עס, וועגען וואס איהר האט זיך איצט אזוי הארטנעקיג צעקריעגט?

— דו זאלסט עס אויסהערען, קארל, איך וועל דיר דאס פארלעזען.

— ווי, דו פיהרסט א הויפט־בוך וועגען דיינע ליידען?

— מיר רופען דאס פאעטיש אן: אונזער מגילה. איך האב מיר באשלאסען, אז ווען דאס דאזיגע העפט וועט פול זיין, זאל איך דאס לאזען דרוקען; נאר איך האב מורא, איך וועל דאס נישט אויסהאלטען, און ערשט מיינע יורשים וועלען בעקומען דעם האנאראר.

— זיי קליגער, פריץ, היים דיר בעסער בעצאהלען דעם האנארער פאראויס; דאס טהוען איצט אלע בעליעבטע שריפטשטעלער. הויב נאר אן צו לעזען, נאר פון סאמע אנהויב; איך בין נייגיעריג צו הערען, צוליעב וואס איהר האט זיך דאס ערשטע מאל צעגקריעגט.

„מיטוואך, דעם 25 יוני"...

— צי איז יענעם טאג נישט געווען דיין חתונה?

— ניין, די חתונה איז געווען מיט א טאג פריהער...

„א, איהר געטער, ווי גליקליך האט איהר מיך געמאכט! פאר וועלכען טייערען געשאנק מוז איך דאנקבאר זיין אייער גוטסקייט! וואס פאר א גייסט! וואס פאר א הארץ! זייט איך קען סאפיען, בין איך מיר אליין ערשט קלאר געווארען, זי האט מיין שלאפענדע זעעלע מיט פידעל־שפיעל אויפגעוועקט. ווי צארט זי פאסט אליץ אויף! זי גיעט מיר בעסערס ווי די שענסטע עצה: זי זאגט פערקעהרט אויף אליץ, וואס איך זאג צו פיעל, צו גראב, אדער נישט פאסיג! וואס פאר א הארציגען וויץ זי בעזיצט! זי בעפריעדיגט נישט נאר מיינע אלע פערלאנגען, זי ווייס נאך צו בעשאפען אין מיר נייע פערלאנגען, כדי זיי צו בעפריעדיגען. זי וואכט פאר יעדען איינגאנג פון מיין רוהע, איבער יעדען אויגענבליק פון מיין צופריעדענהייט. זי חיים שטענדיג מיט א האלבע שטונדע פאראויס, ווען דער קאפ וועט מיר אנהויבען וועה טהון".

— פריץ, דאס איז שוין גראדע נישט אזא גרויסער כישוף. אזעלכע נביאות קאן דיר זאגען יעדע פרוי, כאטש זי קאן זיין א גאנץ קליינער נביא.

„דו גוטע סאפיע, ווי זאל איך דיר בעלוינען פאר דיין ליעבע? דיין איינציגע שמחה איז דאך נאר מיך גליקליך צו זעהן, און די דאזיגע שמחה פערשאפסטו זיך אליין“.

— ווילסטו מיר א טובה טהון, פריץ? איך וואלט דיר מוחל געווען דיין גאנצען גליק; צרות, צרות וויל איך האבען.

— זיי נאר געדולדיג, קיין צרות וועט נישט פעהלען.

„אווענד, צעהן דעם זייגער“.

— פון דעם זעלביגען טאג?

— אה, יא, דאס איז געווען דער זעלביגער טאג.

„א גאט, ווי בעטריבט בין איך!“

— שעם דיך פויל! אין דערפריה, ווען דו ביזט געווען גליקליך, האסטו זיך געווענדעט צו די געטער, און ערשט, ווען דיר איז א אונגליק געשעהן, ביזטו געווארען א גוטער קריסט און האסט זיך געווענדעט צו גאט! דו ביזט א שלעכטער מענש!

„מיר זענען געזעסען אין גארטען-געצעהלט און האבען געליי-ענט „ראמעא און יוליע“. ווי פיעל טייערער איז מיר סאפיע געווארען, זייט איך וויים, אז שעקספיר איז איהר ווירדיג. זי האט אויסגערופען מיט א געריהרטער שטימע: „וואס פאר א ליעבע!“ איך בין אפילו צום אנהויב אביסעלע אייפערזיכטיג געווארען. נאר ניין, די גוטע זעלע האט געוויס קיין שלעכטס נישט געקלערט; זי האט גאר געהאט טרעהרען אין די אויגען... אין מיטען האט מען אויפ'ן הויף געבראכט צו פיהרען מיין קליידער-קופער, וועלכען איך האב געלאזט ברענגען פון מיין קאוואלער-שען צימער. סאפיע איז ארויסגעגאנגען מיט נאסע אויגען, אויפצונעהמען דעם קופער. איך האב דערווייל ווייטער געליינט. איך האב געווארט א גאנצע שטונדע, סאפיע איז נישט צוריקגעקומען. האב איך געשיקט נאך איהר; דאס דינסט-מערעל האט געזאגט, אז די מאדאם איז בעשעפטיגט און קאן איצט נישט קומען. ווארט איך נאך א צווייטע שטונדע. ענדליך געה איך ארויף און טרעף מיין גוטע סאפיע שטעהענדיג, שרעקליך דערהיצט פון אנשטרענגונג, פאר א גרויסע שאפע. זי האט מיינע וועש און מיינע אלטע מלבושים איינגעארדענט סיסטעמאטיש לויט שניט און פארב, די אבגעטרא-גענע זאכען האט זי צוזאמענגעבונדען אין גרויסע פעק, ווענען אלץ צונויפ-

געשטעלט אַ געגנויִען רעגיסטער און אָנגעשלאָגען דעם צעטעל אויף דער אינוועניגסטער זייט פון דער טהיר־שאַפע.

„— פּריץ, זאָגט זי צו מיר שווער עטעמענדיג, דאָרט הינטען ליגען די שענערע קראַוואַטען; פון פּאַרענט האָב איך געלעגט די פּראָסטע, וועלכע דו קאָנסט געברויכען יעדען טאָג.״ — פרעג איך זי פריינדליך:

„— אָבער סאָפיע, ווי האָסטו געקאָנט צוליעב אַזאַ נאַרישקייט פערלאָזען מיך און שעקספּיר׳ן אויף מעהר ווי צוויי שטונדען?

„פערדריעסט עס איהר, מאַכט זי אַ אומעטיג געזיכט און זאָגט, דער קאָפּ טהוט איהר וועה״.

— און דאָס איז געוועזען אַ טאָג נאָך דער חתונה?

— „יאָ, זי האָט זיך אָנגעבלאָזען און האָט זיך נײַן דעם זייגער געלעגט שלאָפען״.

— נישט אַליין דאַרפסטו באַלד אויסטײַטשען אַזוי שלעכט, פּריץ.

„שבת, דעם 28 יוני. איך האָב מיט סאָפיע׳ן געמאַכט אַ וויזיט בײַ איינער פון איהרע פריינדינען. די צײַט איז מיר דאָרטען געוואָרען שרעקליך לאַנגווײַליג. איך האָב מײַן פרוי געגעבען הונדערט צייכענס און וואונקען, אַז מען זאָל אַוועקגעהן; נאָר זי האָט דאָס נישט געוואָלט בעמערקען. ענדליך, נאָך דריי מוראדיגע שטונדען, איז זי אויפגעשטאַנען. מיר איז געוואָרען אַזוי לײַכט אויפ׳ן האַרצען, און נאָך אין די לעצטע מינוטען האָב איך מיך אויפגעפיהרט, ווי אַ אַנגענעהמער געזעלשאַפטער. סאָפיע האָט אויפגעעפענט די טהיר, איהר פריינדין האָט געהאַלטען דאָס ליכט אין דער האַנד. אָ, קאַרל, ערשט דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען מײַנע אמת׳ע לײַדען! אַ פערטעל שטונדע האָבען זיי גערעדט שטעהענדיג אין טהיר, אַ פערטעל שטונדע אין דרויסען פאַר דער טהיר און אַ פערטעל שטונדע אויף די טרעפּ״.

— אַזוי טהוען דאָס, אַלע ווײַבער, פּריץ. קיין פרוי קאָן קיין בריעף נישט שרײַבען, אַז זי זאָל נישט צושרײַבען צו׳ם סוף אַ פּאָסט־סקריפּטום, אויך קאָן זי נישט מאַכען קיין וויזיט, זי זאָל נישט צו׳ם סוף צולעגען נאָך אַ שטיקעל וויזיט. זענען די בעזוכענדע אמת׳ע פריינדינען, דאַן איז נאָך אַ האַלבע צרה; דאָס רעדען נאָכ׳ן בעזוך דויערט אַן ערך אַ האַלבע שטונדע, נישט מעהר, און די טהיר ווערט צוגעמאַכט, נאָך איידער דער צימער איז אינגאַנצען קאַלט געוואָרען. האָבען זיי זיך אָבער פײַנד ווי די שפּינען, דאַן איז עס נישט אויסצוהאַלטען. דאַן ווערט די פריינדליכקייט פערדאָפּעלט; דאַן וויל די אַוועקגעהענדע ווײַזען, אַז זי געהט אַוועק נישט

גערן, און די בעגלייטענדע וויל וויזען, אַז זי לאָזט זי נישט גערן אַרויס, און דאַן ווערען די וויכטיגסטע זאַכען אָבגערעדט ביי אָפענע טהירען, אַזוי ווי די קייזערליכע פּאָסטולאַטען פון די בעהמישע שטאַנדען.

„ביי דער קאָלאַציע בעט איך סאָפיע'ן, אַז ווייטער זאָל זי נישט רעדען אַזוי לאַנג אויף די טרעפּ, וויַיל זי קאָן זיך חלילה פערקיהלען. ענטפערט זי מיר, עס איז ביי איהר אַ פּרינציפּ, זיך צו צופּאַסען צו דעם ווילען פון יעדען מענשען. בעקלער דיך נאָר, קאַרל, זי האָט פּרינציפּען אויך! זי האָט זיך אָנגעהויבען צו בלאָזען און האָט מעהר קיין וואָרט נישט גערעדט. נאָר אויף צו מאָרגענס, שוין גאַנץ פריה, האָט זי צוגעשלאָסען דעם יאַנוס-טעמפּעל; זי איז אויפ'ן אָוענד געווען איינגעלאַדען אויף אַ באַל“.

„דאָנערשטאָג, דעם 3 יולי. ווען איך בין געקומען אַהיים, האָט מיר סאָפיע אַקעגען געטראָגען אַ קוש. זי האָט מיך אַריינגעפיהרט אין מיין שטודיר-צימער און געזאָגט: זעה נאָר, פריץ, ווי שען איך האָב דיר אין אָרדנונג געבראַכט דיין ביבליאָטעק! איך בין שטאַרק דער-שראָקען געוואָרען; זי האָט מיינע ביכער געשטעלט אין אַזאַ אָרדנונג, אַז איך האָב קיין איין בוך שוין מעהר נישט געקאָנט געפינען. האַרטלע-בענס איבערזעצונג פון דעם מעדערנישען פראַנצויזישען געזעץ-בוך איז געשטאַנען נעבען ווינקעלמאַנ'ען, וויַיל זיי זענען ביידע געווען פון איין פאָרמאַט; און מיין טאַבאַק-פּושקע, וועלכע זי האָט אָנגענומען פאַר אַ בוך, האָט זי געשטעלט נעבען רוסאָ'ס „העלואיזע“, וויַיל זיי זענען ביידע געווען געבונדען אין גרינעם סאַפיאַן. איך האָב זי בעדאַנקט פאַר איהר גוטען ווילען, נאָר זי געבעטען, אַז ווייטער זאָל זי מיינע ביכער מעהר נישט אָנריהרען. דערפאַר האָט זי זיך בעלוידיגט, און צוליעב אַזאַ קלייניגקייט האָב איך געמוזט עפענען דעם יאַנוס-טעמפּעל!“

— פריץ, מיין פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק פלעגט זאָגען: דאָס פאַמיליען-לעבען איז די לעהרע וועגען דאָס אונענדליך-קליינע. פערציג יאָהר לאַנג האָט ער אומזיסט געזוכט די קוואַדראַטור פון זיין הויז-צופריעדענהייט. זיין פרוי האָט זיך געקייקעלט פון איין קאַפּריז צום אַנדערען, ביז זי איז אַריינגעפאַלען אין קבר אַריין.

— און דאַן איז דער פּראָפעסאָר געווים פרעהליך געוואָרען?

— אָ ניין; ער האָט געוויינט און איז געשטאָרבען.

„מאָנטאָג, דעם 7 יולי. סאָפיע איז אַריינגעקומען אין מיין צימער און האָט מיך געטראָפען רויכערען. זי האָט אויפגעעפענט אַלע פענסטער און געזאָגט גאַנץ שטרענג און ערנסט:

„— פּריץ, פון רויבערען וועל איך דיך אָבגעוואוינען!“...

— אָ, קאַרל, טייערער פריינד, האָסטו געהערט אַזוינס? אַזאַ מין שנעקעל פון אַבצעהן יאָהר וויל מיך פון עפּעס אָבגעוואוינען, מיך, אַ מענשען פון געזעצטען כאַראַקטער!

— פון געזעצטען אַלטער, ווילסטו זאָגען.

— נו, מיינעטוועגען זאָל זיין אַזוי, אויב דו ווילסט. פריהע קלוגשאַפט, שפּעטע ליעבע!

„מאָנטאָג, דעם 14 יולי“...

ווי עס ווייזט אויס זענען דיינע מאָנטאָגען נישט זעהר קיין געראָטענע.

„אָבער מיין סאָפיע איז דאָך שוין עפּעס גאָר צו שרעקליך! פאַר אַ פרוי פאַסט זעהר שלעכט, זי זאָל זיך אַביסעלע מורא האָבען; אַ מוטיגע פרוי איז אַזוי העסליך, ווי אַ פורכטזאַמער מאַן. נאָר צו פיעל מוטיג טאָר זי נישט זיין.

„מיר זענען געגאַנגען אויפ'ן הערליכען שטעג, וועלכער פיהרט איבער דער לענג פון וואַלד צום ברונען צו. אַ סטאַרע שעפּסען האָט זיך גע־פּאַשעט אויפ'ן וועג. סאָפיע האָט נישט געוואָלט פערבייגעהן, צוליעב דעם פּאַסטוך'ס הונד. זי האָט בעמערקט, אַז דער הונד שטעקט אַרויס די צונג, און דאָס איז גאָרנישט קיין גוטער סימן. איך האָב זי אַריינגעצויגען אַביסעל מיט געוואַלד צווישען דער סטאַדע. אָה! צווישען די שעפּסען איז זי געוועזען...“

— דאַרפסט זיך נישט צווינגען, פּריץ; איך וועל דאָס זאָגען פאַר דיר. צווישען די שעפּסען איז זי געווען אַ וועלפין. —

— איצט קומען צוויי פּאַראַגראַפען, וועלכע איך מוז דיר פערשווייגען, קאַרל.

— האַלט זיי פאַר זיך, אויב דו האָסט געשוואוירען צו שווייגען. אַזעלכע שרעקליכע סודות, וואָס יעדער ערוואַקסענער מענש ווייס! איך וואָלט נאָר געוואָלט הערען, וואָס איז געוועזען די סבה פון אייער איצטיגען, שוין דרייסיג־שטונדיגען קריעג.

„אייער־נעכטען האָבען מיר פערבראַכט דעם טאָג אין אונזער זומער־וואָהנונג. פאַר'ן עסען זענען מיר געגאַנגען שפּאַצירען. אין מיטען דערזעה איך פון דערווייטען, ווי פרוי מאַרטע קומט אָן. קאַרל, דו ביזט געוועזען דערביי, ווי איך האָב מיך געשלאָגען אין אַ דועל מיט'ן ווילדען סעניאָר פון וועסטפאַלען; נאָר ווען איך דערזעה פרוי מאַרטע, ווער איך בלאַס. וועה איז דעם אונגליקליכען, וועלכער קומט איהר אין וועג אַריין! זי

פֿיהרט איהם מיט איהר מײַלכעל אַרײַן אין הויז פֿון יעדער פֿאַמיליע, אין יעדען צימער פֿון הויז, אין יעדע לאָך פֿון צימער, און דערצעהלט, וואָס דאָרט איז געשעהן שוין זײַט צוואַנציג יאָהר. און ווען זי האָט שוין געענדיגט, פֿערדרעהט זי די אויגען און זאָגט, אַז דאָס בעסטע, דאָס הייסט דאָס ערגסטע, פֿערשווײַגט זי אויס מענשען־ליעבע. איך קאָן גאָרנישט בעגרײַפֿען, ווי מײַן סאָפֿיע, וועלכע בעזיצט אַזוי פֿיעל גײַסט און האַרץ, קאָן געפֿעלען ווערען אַזאַ מין שאַרף צינגעל!"

— און דאָס קאָנסטו נישט בעגרײַפֿען, פֿריץ? טאָ זײַ זשע וויסען, וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַז אין יעדער פֿרוי, סײַ אין דער גײַסטרײַכסטער, סײַ אין דער נאַרישסטער, שטעקט אַ גענזעלע, און ווען עס קומט אָן די צײַט צו גאַגאַטשען, קאָן אַפֿילו מאַדאַם דע שטאַעל*) סימפּאַטיזירען מיט איהר דיענסט־מעדעל.

„נאָך איז צווישען אונז און איהר געווען אַ בערגעל, אַרום וועלכען עס האָבען זיך געצויגען פֿערשיעדענע וועגען. איך האָב מיך געלאָזט געהן אויף אַ וועג, אויף וועלכע איך האָב געהאָפֿט, זי אויסצומײַדען. נאָר, אָדער איך בין נישט געווען קלאָר אין דער געאָגראַפֿיע פֿון אָרט, אָדער איך בין אַ שלעכטער טאַקטיקער, דען ווען מיר זענען אַרויסגעקומען פֿון טהאָל, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען מיט איהר קאָפּ אָן קאָפּ. קודם כל האָבען זיך די ווײַבער צוקושט; ערשט דערנאָך האָט זיך עס אָנגעהויבען. אַמאָל, ווען איך בין אַ סטודענט געווען, בין איך אַ נאַכט געשלאָפֿען אין אַ מיהל; נאָר ווען איך בין צומאָרגענס אויפֿגעשטאַנען האָב איך וועניגסטענס אײַנגעזעהן, אַז דעם מיהלנערס טאָכטער איז אַ שענע. נאָר פֿרוי מאַרטע איז מיאוס ווי די נאַכט".

— אוי וועה, דו אָרעמער פֿריץ! אויב פֿרוי מאַרטע איז אַ מיאוסע, איז די פֿרײַנדשאַפֿט צווישען איהר און דײַן פֿרוי אַזוי שטאַרק, אַז זי וועט קיינמאָל נישט אויפֿהערען.

„הײַנט דאָס קריכעניש, קאַרל! דו ווייסט נישט, וואָס פֿאַר אַ פּײַן דאָס איז. די ווײַבער געהען, פּונקט ווי זייערע פֿיס וואָלטען געווען פֿון פּאָרצעלאַן. אַזוי ווי דער מינוטען־ווײַזער אַרום דעם שטונדען־ווײַזער, אַזוי האָב איך געמאַכט אַרום מײַן סאָפֿיען זעכציג טריט, ווען דערווײַל זי האָט געמאַכט נאָר איינעם, און דאָך האָב איך נישט שנעלער דערגרייכט דעם ציעל. בשעת איך טראַכט וועגען דעם גליק, וואָס גאָט האָט מיר

*) א בעריהמטע פראנצויזישע שריפטשטעלערין.

געשענקט, צו וואַנדערען מיט מײַן סאָפיע דורך דעם לעבענס־וועג, קאָן איך נישט בעגרײַפען דעם יעניגען גליק, וועלכען איך וועל ערשט פיהלען, ווען איך וועל מיט איהר מוזען געהן אויפ׳ן וועג מיט שטאַרקע טריט!...

„פרוי מאַרטע איז מיט אונז געגאַנגען צוריק, און ענדליך זענען מיר אָנגעקומען ביז צו אונזער גאָרטען. איך בין געווען גליקליך. סאָפיע האָט זי געבעטען, אַרײַנצוגעהן מיט אונז; איך האָב געציטערט. נאָר פרוי מאַרטע האָט זיך ענטזאַגט. וואָס טהוט מײַן גוטע סאָפיע? זאָגט זי מיט איהר זיסער פלײַטען־שטימע:

„— טײַערסטע, איהר האָט אונז בעגלײַט אַהײַם, איצט וועלען מיר אײַך בעגלײַטען אַהײַם.

— מיר, האָט זי געזאָגט, גלײַך איך וואָלט געווען דער קאָמעטען־עק פון איהר קאַפּריז. בין איך נאָכגעגאַנגען האַלב בעוואוסטלאָז, אַזוי ווי איך וואָלט געפיהרט געוואָרען צו דער תליה. אויפ׳ן וועג האָב איך געפיהלט, אַז אַט־אַט פאַל איך אין חלשות, און איך האָב מײַן פרוי לײַכט אַ שטופּ געטהון. ערשט דאַן האָבען זײ זיך צעשײדט. איך האָב פרײַ אָפּגעאָטעמט; און וואָס אַנ׳אמת, פרישע לופט איז מיר טאַקי באַלד נויטיג געווען. דער צאָרן פון מײַן גוטער סאָפיע איז געלעגען ווי אַ באַרג אויף מײַן ברוסט און האָט זי שיער נישט צעדריקט. זי האָט געזאָגט, אַז איך בין געגען פרוי מאַרטע צו גראָב, און זי אַלײן האָב איך אַ שטויס געטהון. איך שווער עס דיר, קאַרל, אויראָרע מיט איהרע צאַרטע רויזען־פינגער וואָלט זי צאַרטער נישט געקאָנט בעריהרען. נאָר זי איז געבליבען בײַ דאָס איהריגע, אַז איך האָב איהר אַ שטאַרקען שטויס געגעבען, און האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ בער״.

— אַ בער!

— יאָ, אַ בער! און דאָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט, וואָס איך האָב פון איהר געהערט זײַט אויער־נעכטען אָן.

— נײַן, פריץ, דאָס קאָן איך שוין נישט אויסהאַלטען. אויב אַזוי זאָל שוין בעסער... דו, פילאָלאָג, ווי זאָגט מען „דונערוועטער״ אויף צאַרט גריעכיש? אויב דײַן פרוי קאָן געדולדיג צוזעהן, ווי דו לײַדסט פון לאַנג־ווײַלע, איז זי דאָך אויך פעהיג דיך צו פערסמ׳ען. גט זיך מיט איהר, פריץ. איך האָב מיר צום שפּאַס איבערגעלײענט קאַרלס דעם פינפטען שרעקליכע געריכטס־געזעצען, און די גאַנצע נײַערע ליטעראַטור וועגען הענקער און טורמעס. גאָט מײַנער! ווי פיעל די פּאַטערס פון פאָלק האָבען געראַדערט, געהאַנגען, געקעפּט, פערשיקט, דערשטאָכען, געפיערטעלט,

דערשאָכטען, געבּרענט, געפּײַניגט, געשלאָגען, געטרעטען, בּעפּויהלען און פערבּאָטען! יעדען אָווענד, ווען איך געה שלאָפען, וואונדער איך מיך, וואָס איך בּין נאָך נישט אויפגעהאַנגען. נאָר וועגען דאָס גרעסטע פון אַלע פערבּרעכען האָבּען זיי קיין וואָרט נישט געזאָגט; זעגען דאָס פערבּרעכען, צו מאַכען לאַנגווײַליג אַמענשליכען וועזען, וואָס איז בּעשאַפען געוואָרען אין גאָטס פּאָרם. נאַטירליך, די הערען געזעצגעבּער זענען געוועזען גרויסע און פאָרנעהמע הערען, וועלכע האָבּען געקאָנט יעדען איינציגען רופען צו זיך אָדער אַוועקשיקען, אויפנעהמען אָדער זיך אָבּשיידען פון איהם, ווי זיי איז געפעלען געוואָרען. זיי האָבּען דעריבּער נישט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס לאַנגווײַלע, און זיי האָבּען אַזוי וועניג געטראַכט פון דעם דאָזיגען פערבּרעכען צו בּעשאַפען אַ שטראָף, אַזוי ווי סאָלאָן וועגען דעם עלטערן=מאָרד. צי דען איז מאַכען עמיצען לאַנגווײַליג נישט קיין אמת'ער עלטערן=מאָרד? צי דען איז די צײַט נישט די מוטער פון אונז אַלעמען? ווער עס פערוואונדעט מיך אָדער בּרענגט מיך אום, פערוואונדעט אָדער טוידט נאָר מײַן קערפּער; נאָר ווער עס מאַכט מיר לאַנגווײַליג, דער פערוואונדעט אָדער ערמאָרדעט מײַן נשמה.

— איך קלער אויך אַזוי, קאַרל. איך קאָן דיר אַלץ איבּערטראָגען, הונגער און דורשט, פראָסט און היץ, רײַמאַטיזם און די טאָג=בּלעטער אין פּאַריז, ציהען=וועהטאָג און אַ פּעדרינטען פּאָרוואורף; נאָר די לאַנגווײַלע, ניין, דאָס איז שטאַרקער פון מיר. און נאָך נישט גענוג איהר, וואָס זי האָט מיר, פּיליכט אָהן איהר שולד, לאַנגווײַליג געמאַכט דורך אַנדערע, מאַכט זי מיר נאָך מעהר לאַנגווײַליג דערמיט, וואָס זי בּלאָזט זיך אָן, און שוין זײַט צוויי טעג האָט זי מיך געלאָזען אַליין.

— פיהר מיך צו איהר, פּריץ; איך וויל איהר דעם קאָפּ צורעכט מאַכען.

— טהו דאָס, ליעבּער קאַרל; נאָר איך בּעט דיך, זיי נישט גראָבּ.

— פערלאָז זיך נאָר אויף מיר. איך קאָן אויסווענדיג אַ מוסר=דרשה, וועלכע האָט שוין אין צוואַנציג פּאַלען אויסגעצייכענט געהאָלפען. אין צעהן מינוטען האָסטו זי ווידער געוואונען, אָדער דו האָסט אין איהר גאָרנישט פערלאָרען.

פּריץ האָט מיך אַרײַנגעפיהרט אין זײַן פרוי'ס צימער. דאָס ליעבּע חײַבּעל איז זיך געזעסען מיט גרויס פערגעניגען בּײַ אַ טישעל און האָט געגעסען, יאַגאָדעס מיט צוקער. דאָס פּאַראַיאָהריגע טאַשען=בּיכעל פאַר ליעבּע און פרײַנדשאַפט איז געלעגען אָפען פאַר איהר.

ווען מיר זענען אריינגעקומען, האט זי געוואלט ארויסגעהן; נאר איך האב זי געבעטען צו בלייבען, איך האב איהר צו זאגען עפעס א נויטיגע זאך. איצט האב איך אנגעהויבען רעדען, נאר נישט אזוי פשוט, נאר גלייך אזוי מוראדיג און שרעקליך, אזוי ווי די אוווערטורע צו דער שרעקליכער אפערע.

פוי! ניעדערע מיט די קנייטשען פון שטערן און פינסטערע מינעם!
נישט שפאט זאל שיעסען פון דעם צעפלאמטען בליק
אויף דיין הערצן, דיין קאפ, דיין פירשטליכען קאפ!
דאס קרענקט די שענהייט, אזוי ווי דער פראסט דאס בליהעכץ,
מאכט מיאוס דעם גוטען שם, אזוי ווי דער שטורם דעם בליהענדען
בוים,
און דאס איז כלל נישט שען און אויך נישט אנגענעהם.
אן'אויפגערעגט ווייב איז גלייך צו א זומפ,
שמוציג, בלאטיג, מיאוס, דיק — אהן א שום חן!
כל זמן דער זומפ איז אזוי, וועט אפילו דער דורשטיגסטער
פון איהם קיין טראפען נישט טרינקען, איהם אפילו נישט אנריהרען.
דיין מאן איז דיין הארר, דיין ליכט, דיין לעבען,
דיין קעניג, די קרוין פון דיין קאפ; ער זארגט פאר דיר
און פאר דיין גליק; ער אפפערט זיין קערפער
צו שווערער ארבייט, סיי אין ים, סיי אויף דער יבשה,
פערברענגט גאנצע נעכט אין שטורם און טעג אין פראסט,
הייל דו ליעגסט זיך אין דערהיים ווארם און געשמאק;
און קיינע צינזען פערלאנגט ער פון דיר,
אויסער ליעבע, א פרעהליכען בליק און זאלסט איהם פאלגען:
צו ווייניג געצאהלטס פאר אזא גרויסען חוב!
וואס דער אונטערטהאן איז שולדיג זיין קעניג,
דאס איז די פרוי אויך שולדיג איהר מאן.
און אויב זי איז א עקשענטע, א קאפריזע, א אומעטיגע, א זויערע,
פאלגט נישט דעם מאנס מינדעסטען בעפעהל,
וואס איז זי דען מעהר, ווי א מיאוסע רעוואלוציאנערקע,
אונדאנקבאר און לעסטערענדיג איהר מעכטיגען הארר?
איך שעם מיך, וואס ווייבער זענען אזוי נאריש,
צו זוכען מחלוקת, דאן ווען זיי מוזען קניענדיג בעטען אום שלום;
צו שטרעבען צו הערשאפט, צו מאכט און צו טיראניי,

דאַן ווען עס פּאַסט בעסער געהאָרזאַמקייט, ליעבע און טריַיהייט. פאַרוואָס איז אייער קערפּער געבויט אַזוי צאַרט, אַזוי פיין און געשמאַק.

קראַפטלאָז פאַר אַרבייט און מיה פון דער וועלט?
אַ זאַנפט האַרץ, זאַנפטע זיטען, צאַרטע און פיינע
זאָלען איינשטימען מיט אייער אויסערליכען אויסזעהן.

צו'ם אָנהויב האָט סאָפיע געמאַכט אַ שפּאָטישע מינע; דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען שמייכלען; דערנאָך איז זי געוואָרען גאַנץ שטיל; דערנאָך איז זי געוואָרען ערנסט; דערנאָך האָבען אירע אויגען אָנגע-הויבען צו טריפען; דערנאָך האָט פון זיי אַרויסגעזעצט אַ שטראָם פון טרעהרען; דערנאָך איז זי אַרויסגעלאָפען, צוגעמאַכט דעם יאַנוס-טעמפּעל, צוריקגעקומען און געפאַלען שלוכצענדיג דעם מאַן אַרום האַלז.

שעקספּירס גייסט האָט אַראָבגעשמייכעלט פון די שטערען אַראָב; איך אָבער בין שנעל אַוועקגעגאַנגען און געלאָזט די גליקליכע אַליין מיט זייער ליעבע.

איבערזעצט פון דייטש: לעאָן.

קאַמיל לעמאַניע.

אלטינקע.

דער קליינער שניידער פלעגט קומען רעגעלמעסיג יעדען נאָכמיטאָג. איינמאָל האָט מען איהם געגעבען אַ צונאָמען גרויפאָדם און ביי דעם נאָמען איז ער שוין געבליבען אויף שטענדיג. קיינער האָט נישט גע־וואוסט, צי האָט ער גאָר געהאַט ווען עס איז אַנ׳אַנדערע נאָמען. אפילו פהינאַ גופא, זיין געטרייע פהינאַ, האָט איהם קיינמאָל אַנדערש נישט גערופען. צוזאמען האָט שוין אָט דאָס פּאָר׳ל געהאַט אָנדערהאַלבען הונ־דערט יאָהר; דער קליינער שניידערל איז געווען דער עלטערער, אָבער פהינאַ האָט געטהון אַלץ וואָס זי האָט נאָר געהאַט ביכולת איהם איינצוזאָגען.

איינמאָל, שוין מיט אַ סך, אַ סך יאָהרען צוריק, האָבען זיי זיך איינער דעם אַנדערן דערקלערט ליבע. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען זיי ביידע זענען נאָך גאָר יונג געוועזען, ווען זיי האָבען נאָך אַ סך יאָהרען געהאַט צו לעבען. דרויסען איז דאַמאָלס געווען זומער־לעב און פריי פון דער אַרבייט זענען זיי געווען, מחמת עס איז געוועזען זונטאָג, זענען זיי ביידע געגאַנגען שפּאַצירען. אָבער עפּיס האָט זיך נאָך געקלעבט און פון זייער ליבע האָט קיין שידוך נישט געקאָנט אַרויסוואַקסען, זי האָט דאַמאָלס געדינט ביי אַנ׳אַלטע דאַמע, וועלכע עס איז איהר געווען אַ שאָד אַוועקצוּוואַרפען, ער ווידער, אַ לאַטוטניק כל ימיו, האָט געהאַט פרנסה בדוחק קוים פאַר זיך אַליין. אַ פּאָר מאָל האָבען זיי ווידער גערעדט איינער מיט דעם אַנדער׳ן, אָבער פון ליבע האָבען זיי שוין מעהר קיין וואָרט נישט דערמאָנט. רבונו של עולם, דאָס איז דאָך שוין געווען אַ יאָהר פערציג נאָך זייער ערשטער ליבעס־ערקלערונג.

*

*

אַנ'אָבגעמאַטערטע זון אַנ'אויסגעהאָרעוועטע האָט פּ ה י נ א, מיט דעם ביסעל געלד, וואָס די דאַמע האָט איהר אין איהר צואה אָבגעשריבען, אין דאָס גאָרהויז זיך אַריינגעקליבען. גאָרהויז רופט מען אין אַ געוויסען געגענד אין פּראַנקרייך די הייזער, וואו מען נעמט אַריין די אַלטע לייט, וואָס האָבען שוין מעהר קיין כח נישט צו אַרבייטען און מען פערזאָרגט זיי מיט אַלעם. ג ר ו י ס פ אָ ד ע ם האָט זיך אויך אויסגעזוכט אַ קליין צימערל אין דעם גאָרהויז פאַר מאַנסבילען, וואָס איז אַ פערטעל שעה גאַנג ווייט געווען פון דעם ווייבערשען גאָרהויז. און ווען די איבריגע אַלטע לייט פון גאָרהויז האָבען געזעהן, ווי ער עפענט די טהיר און זיך איינגעקוקט, ווי ער הויבט די אויסגעקרימטע פיסלעך זיינע און טאָפּטשעט מיט זיינע שניידערישע קלאַפּענדיגע אָבזאַצען איבער'ן ברוק, האָבען זיי שוין געוואוסט וואָס דאָס האָט צו בעדייטען. פּ ה י נ א אָנגעטהון אין אַ קאַפּע-ברוינעם זשאַקעט, אַ פרישע, ווייסע הויב איבער די אַמילגע בלאָנדע האָאר, האָט געוואַרט הינטער דעם קליינעם פענסטער-פאָרהאַנג, פערלאַ-טענענדיג איהרע קליידער אָדער אָבוויקלענדיג אַ קנויל פאָדעם צו איהרע שטיקערייען.

ג ר ו י ס פ אָ ד ע ם פלעגט קומען צוויי מאָל וועכענטליך, דאָנערשטאָג און זונטאָג. לאַנגזאַם פלעגט ער עפענען די טהיר. די שויב האָט געפונ-קעלט; דער וואַנד-שראַנק האָט אויסגעוויזען ווי מען וואָלט עם אָקאָרשט היינט אין דער פריה פריש אָנגעשטריכען, און דער קליינער שפּיגעל אויפ'ן קאַמין-גזימס האָט אין זיין אָבנאַרענדיגע פלאַכקייט געוויזען די מיט קאַלך געווייסטע געגנד, די טונקעלע באַלקענס פונ'ם סופיט, דעם בלאַנק אָבגעשייערטען טיש און דריי שטילען.

איינמאָל האָט ער איהר געשענקט צו איהר געבורטסטאָג אַ קאָפּ-קאַן מיט פערגאָלדעטע שטרייפען און נאָך אַ מילך-קאַן דערצו. צו אַ צוויי-טען געבורטס-טאָג האָט ער איהר געשענקט עפּיס אַנדערש פון ווירטשאַפט-זאַכען. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז ביי איהר אָנגעקליבען, פון זיינע מתנות, אַ גאַנצער סערוויז. אויף סתם אַ יום-טוב פלעגט ער איהר שענקען אַנ-אונטער-טאַס. זי האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט גאַנצע צעהן פאָר-צעלאַנענע אונטער-טאַסען, וועלכע זענען אַלע געווען בלויז אויסגעגלייזט מיט גאָלדענע שטרייפען און מיט אַנ'אויסשריפט: „צום ליעבעס אָנ-דענקען".

דער סערוויז איז געוועזען איינער פון די טייערסטע אוצרות, וואָס דאָס גאָרהויז האָט פערמאָגט. איז אַמאָל געקומען צו גאַסט אַ פרוי פון אַנ-

אַנדער גאַרדהיס האָט מען איהר באַלד דורך די שויבען געוויזען פּ ה י נ א ס סערוויז. ביי יעדע נייע אונטער-טאַסע, וואָס פּ ה י נ א האָט בעקומען געשאָנקען האָבען זיך חברה ווייבער איינע צו די אַנדערע איבערגעוואונקען ווי זיי וואָלטען פרעגען: וועט דאָס נאָך לאַנג אַזוי געשעהן? און ביז וויפיעל אונטער-טאַסען וועט דאָס פּ ה י נ א איינענטליך אָנקלייבען?

אַלע פרויען פון גאַרדהיס האָבען געהאַט איין בעשעפטיגונג; אַ טייל האָבען געאַרבייט זיצענדיג ביין סאַמע שוועל אויף נידריגע בענקלאַך יענע שפיצען, וועלכע האָבען געהאַט אַ שם אין גאַנץ פראַנקרייך און זענען בעוואוסט געוועזען מיט דעם נאָמען: „די שווערע שפיצען פון בריגג". אַ טייל ווידער האָבען צוריק אויפגעטרענט די שפיצען, וואָס די קונדען האָבען זיי געבראַכט. די דאָזיגע פרויען, ביי וועלכע די ראיה איז שוין אַ ביסעל קאַליע געוואָרען, האָבען זיך זעהר פלייסיג בעשעפטיגט מיט וואַשען די פיינע שלייערס, וועלכע זענען געווען דין ווי אַ שפינוועבס. יעדע פרוי האָט זיך געלעבט פאַר זיך, איינזאַם און ברוגזליך, ווי שוין אַלטע פרויען. אין ראָג פון איין הויף איז געוועזען דאָס קראַנקענהויז, מיט אַ בית עולם אָן דער זייט, פיער שורות קליינע, שפיציגע גיבלען אונטער אַלטע דעכער, זענען מיט פיערקאַנטיגע רויטע צויגעל וואַפּעלאַרטיג געציערט געוועזען. אין מיטען הויף האָט געבליהט אַ גאָרטען פול מיט הויכע גראָזען, פון וועלכע עס האָט זיך איבער די גאַנצע געגענד אַנגענעהמער ריח געטראָגען. דאָס האָט דערמאָנט אין אַ קאַפּעלע אָהן אַ קרייץ, וואָס איז בעזייעט מיט קליינע קברים-הייזלעך, אין וועלכע די דאַמאָלסדיגע אַלטע לייט האָבען געקאָנט שלאָפען, האַלטענדיג די הענד צוזאַמענגעלעגט אויף דער ברוסט. און דאָך האָט זיך דאָ זומער-צייט גאַנץ גוט געלעבט, ווען אַ לוי-וואַרם ווינדטעל האָט געבלאָזען אונטער די דעכער און צוזאַמען מיט דעם רויהען ערד-גערוך האָט עס אויך דעם אַנגענעהמען דופט פון ליליען און רעזעדען אין דעם אָבענד דונקעל פונאַנדערגעטראַגען, ווי פון אַ גאָרטען, וואָס איז פול מיט צדקות און מעשים טובים.

דער קליינער שניידעריל האָט יעדעס מאָל עפּיס מיטגעבראַכט, דאָ אַ קיכעל, דאָ אַ צייטיגע באַרנע, אַ בילד פון דער הייליגער יונגפרוי אָדער אַ באָב, וועלכען ער האָט אין אַ קליין טעפּעל איינגעפלאַנצט.

דאָרט אין זיין גאַרדהיס האָבען אידם, טייל מאָל די פרעמדע, וואָס האָבען דאָרט דורכגערייזט און בעזוכט, איבערגעלאָזט עטליכע מטבעות. געהייסען האָט עס, אַז זיי גיבען איהם דאָס נישט, חס ושלום, אַלס

א נדבה, נאר פאר פערלאטענען עפיס אנ'אלט שוך, וואס זיי האבען ערגיץ וואו אויסגעזוכט און עס באלד צוריק אוועקגעווארפען. אט דערפון, צוזאמען מיט די עטליכע סו'ס, וואס ער האט בעקומען אויף קויפען זיך טאבאק און וואכאלדער וויין, פון וועלכע ער האט קיין געברויך נישט געמאכט, ווארום אונזער גרויפאדם איז געוועזען א שטיקעל נזיר פון טאבאק און וויין, אט פון דעם אלעם האט ער דאס געקאנט קויפען אפט מתנות און עס ברענגען זיין פהינא'ן. ער פלעגט זיין מתנה אלע מאל אויפ'ן טיש אוועקשטעלען; ביידע האבען זיך אנגעקוקט, פהינא האט געשמייכעלט און זיין פנים האט געלויכטען פאר צופרידענקייט.

און אזוי ווי ער קומט דאך פון גאס האט ער אלעמאל פערשידענע נייעס מיטגעבראכט: אנ'ארבייטער קראצט אב שוין זייט דריי חדשים די פיגורען פון ראטהויז, הויך ארויפגעצויגען אויף א רישטאוואניע. קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאלען צו פרעגען, פארוואס מען האט צו אזא שווערע מלאכה נאר בלויז איין איינציגען ארבייטער גענומען. דער קרייטעכץ-הענדלער, וואס האט זיין געוועלבעל אין געסעל נעבען בריק, האט געלאזען די פענסטער פריש אנשטרייכען. צוויי שטארכען זענען איבער דעם ביעלפרידער אריבערגעפלויגען. דער בעקער האט אינ'ם יום טוב טאג פון אלעהייליגע באלד אין דערפריה, אזוי ווי אלע יאהר, געלאזט בעקאנט מאכען דורך טרומייטערן אויף אלע פיער עקען פונ'ם פלאץ, אז ביי איהם בעקומט מען די קליינע הייליגע ברוידטלעך צו קויפען. ער האט זיך שטארק געפרעהט, אז ער האט איהר געקאנט אנזאגען די בשורה, אז אויף די בוימער האבען זיך שוין אנגעהויבען די ערשטע בלעטלעך ארויסצושלאגן. און האטש עס האט נאך דאמאלס דער פראסט נישט איינמאל בעשאטען די דעכער פון גארדהיס ווי מיט מעהל-צוקער אזוי פיין ווי וואפלען, נאר, אז ער זאגט, דאס עס שלאגען זיך שוין ארויס בלעטער פון די ביימער, מסתמא איז עס אזוי.

— די ערשטע בלעטער, גרויפארם! דער ליעבער גאט וויל אונז, הייסט עס, נאכאמאל דעם פריהלינג שענקען.

— און נאך אמאל, פהינא, וועט עס זיין זומער, אזוי ווי אין יענעם זונטאג, ווען מיר זענען ביידע דאס ערשטע מאל געגאנגען אין פעלד שפאצירען.

דאס איז געוועזען דער שענסטער טאג אין איהר לעבען. קיינמאל איז די זון שוין מעהר נישט אזוי שען געוועזען. די פעלדער זענען געוועזען פול מיט געלה און דימאנטען ווי דער וועג פון א פראצעסיע. א האניג

(העפט 8

שמעקענדיגער ווינד האט איהר מויל דערקוויקט. איהר איינפאך און אונשולדיג הארץ איז שטענדיג דורך יענע גליקליכע עבּיגקייט פון דאס נייע אויפגעלעבט געווארען. זיי האבען שטענדיג פון דעם גערעדט, זייענדיג אנגעשפארט איינער אן אנדערען הינטער די ביידע זשעראניום בלומענטעפּ ביים פענסטער, א שמייכעל און א פערלארענקייט איז אין זייערע בליקען געוועזען. פון וואס זיי זאלען נישט אנהויבען צו שמועסען האבען זיי אלץ געמוזט ארויפקומען אויף דעם.

איינמאל אריינקומענדיג, האט ער פון דער קעשענע, ווי גנב'נענדיג, ארויסגענומען דעם שנופּטוך און אינעווייניג איז געוועזען איינגעוויקעלט א קליין מיהלכעל, וועלכע ער האט פון פאפּ-מאפּיער צוזאמענגעשטעלט. לאנג שוין האט ער עפּיס פון אנ'איבערראשונג גערעדט, וועלכע ער גרייט פאר איהר צו. און אט איז געשטאנען די מיהל אויפ'ן טיש, מיט'ן לייטער אויף וועלכען דער מילנער בעדארף ארויפצוקלעטערן און מיט איהרע גרויסע פליגלען אזוי ווי אנ'ארדענס-קרייץ. פּ הינא האט אנגעהויבען שטיל צו וויינען. אויף דעם פעלד, וואו זיי זענען אין יענעם זונטאג, וועלכען זיי וועלען אין לעבען נישט פערגעסען, איז אויך געשטאנען א מיהל מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען. גרויפּאדם האט זיינע באקען אויפגעבלאזען און האט א לייכטען ווינטעל פון מויל ארויסגעשטויסען פון וועלכען די פליגעל האבען זיך אנגעהויבען צו דרעהען. און היימליך איז זיי געווארען, גלייך ווי גאט אליין וואלט צו זיי אין פענסטער אריינגעקוקט.

און דאמאלס האבען די ליליען ווידער אנגעהויבען ארויסצוגעבען זייער דופטענדיגען גערוך. א גאנצער ווינקעל פון גארטען האט זיך אין זייער העלע מילך-ווייסע פארב געבאדען. קעגען די מויערען האבען זונען-בלומען געוואקסען, קליינע-זונען פאר ארימע לייט און פערוועלקטע גאלדלאק בלומען האבען ווידער אויפגעבליהט. אויבען אין דער הויך אויף די פענסטער האבען די ווינדען-בלומען מיט זייערע ווייסע און בלויע בליהונג ארויפגעקלעטערט און די ברייטע בלעטער מיט די זאפראן-געלבע בליהונג-קרוינען פון די קאפּוצינערקרעסע האבען זיך געשלענגעלט און ווי די שרויפען זיך אין דער הויך ארויפגעדרעהט. ווי א קליינער גן-עדן האט דער אלטער שמאלער גארטען אויסגעזעהן. די גיבלען האבען זיך דארט אונטען אין א מאט גאלדיגען קאליער אויסגעצאקט און פון רויך אביסעל פערדונקעלט געווארען. פּהינא האט די הענד איבער איהר ברוסט-טיכעל צוזאמענגעלעגט און האט געפיהלט, אז עס איז נאך אמאל זומער גע-

וואָרען, טאַקי ווי ער האָט געזאָגט. און אין די קליינע בלומענטעפּ האָבען אָנגעהויבען לאַנגזאַם זיך אַרויפצוהויבען די שויטען־געווינדען פון די באָב וואָס גרויספאָדם האָט איינגעפלאַנצט.

* *
*

ערען מאָרגען האָט איהם די גוטע רייכע ערד, וועלכע איז מיט וואַסער גוט דורכגעווייקט און אָנגעטרונקען געווען, פרישע, שימערענדיגע בלומען־בינטלעך געגעבען אויסצופוצען די קאַפּעלע. דאָס מאָרגענס האָט די גלאָק געקלונגען; אַלע אַלטינקע האָבען זיך שטיל ווי די מייז צוזאַמענגעזוכט און טראַפּלענדיג מיט די אויסגעקרימטע פיס, זיך אַנאָרט אויף די בענק אויסגעזוכט. די עלסטע, וועלכע האָט שוין אויף קוליעס אַרומגעלאָזט, האָט ווי דורכ'ן נאָז זיי געבעט פסוקים פאָרגעלייענט און זיי האָבען מיט דינע, האַרטע שטימען איהר נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. דאָס איז געווען די איינציגע טעגליכע פליכט אונטער וועלכע דאָס אַלטינקע גוטע פרויענפאָלק איז געווען אונטערגעוואָרפען. גרויספאָדעם האָט זיך אַרום פּ י ה נ א'ס דישקראַניען־בעט געעסק'ט און טייל מאָל האָט ער די ערד אַרום די ליליען־בעטען אַרומגעשאַרט. ווי אַ מאַי־רעגען האָט דאָס פיינע קלינגענדיגע ציטערן פון אַ גלאָק איבער די דעכער געטאַנצט.

אַז ס'איז געקומען זונטאָג האָט זיך פּ י נ א פערפלאָכטען איהרע האָאָר אין אַ הויכע פריזור, עס דורכגעצויגען מיט גרינע בענדער און זיך אָנגעטהון איהר זשאַקעט. דער קליינער שניידער האָט מיט אַ ביגעל שטריך די אָבגעריבענע נעט פון זיין אַליוועגעלבען געה־ראָק וויעדער גלאַנציג געמאַכט. און אַזוי זענען זיי זיך ביידע געגאַנגען. שטענדיג האָבען זיך געפונען איינציגע, וועלכע האָבען, אויסציהענדיג זייערע העלדזער ווי שילדקרעטען, מיט זיי ביז דעם קירכהויף מיטגעגאַנגען און פון דאָרט געקוקט ווי די ביידע ווערען אין די שלענגעלדיגע גאַסען פערשוואונדען. זי איז זיך געגאַנגען לאַנגזאַם אויף איהרע גרויסע פיס, וועלכע האָבען זיך פון דאָס אַמאָליגע אַרומלויפעניש זיך אַלץ נאָך נישט אויסגערוהט. ג ר ו י ס פ אָ ד ע ם איז זיך וויעדער געגאַנגען מיט זיינע קליינע שניידערישע פיסלעך מיט דעם זעלביגען טאַקט, ווי ער האָט געצויגען די נאָדעל, שטאָך פאַר שטאָך, שטאָך פאַר שטאָך.

טיילמאָל האָבען זיי זיך אַריבערגעבויגען איבער די זיילען פון די

בריקען, וואו דאָס ליכט האָט דורך די בוימער דעם ברוק פון גאַס ווי דורך אַ גאָלדענע זיפּ בעשטרייט; אַ שאָטען האָט זיך איבער די פּאַסאַדען געצויגען, וואו עס האָבען זיך אין וואַסער אָבגעשפּיגעלט די גלעזערנע קוגלען פון אַ הערבסטאַיגען אַלטען גאָרטען. זיי האָבען זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקען ווי די בלאַקנע שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך אויף די קאַנאַלען אָבגעשלאָגען און געבלישצעט.

מיט קליינע טריט האָבען זיי דעם בעגוינאַזש דורכגעמאָסטען. ווייסע שעפּסלעך מיט געקרייזעלטע לאָקען האָבען זיך דאָרטען געפּאַשעט אונטער דעם שטילען מורמלען פון די פּאַפּעל־בוימער. ביידע זענען זיי דאַמאָלס געגאַנגען אין אַ הערבסטאַיג פעלד רייסען לייבען־צייהנ־בלומען. לכבוד זונטאָג האָט זיך גרויפּאָדעם, וועלכער איז אַ גאַנצע וואָך געווען אַ שטיקעל גזיר פון טאַבאַק רויכערן, פערגינען זיך אָנצוטהון דעם פערגניגען און קויפען אַ ציגאַר פאַר אַ גאַנצען סו; דער רויך פון זיין ציגאַר, וועלכען ער האָט מיט אַ מין שניידערשע גדלות געבלאָזען, האָט זיך אין רונדע וואָלקענס אַרום די עפּעל־בוימער געצויגען. אַ גאַנצע שעה זענען זיי אַזוי געבליבען ביין עק פון שאָטען אונטערן פרייען הימעל זיצען. נאָר געזעצט האָט מען זיך ניט אָהן די פריהער דערצו נויטיגע הכנות. זי האָט איהר קליינע אַביסעל אַרויפגעשאַרצט, ער האָט דאָס טאַשען־טיכעל פון קעשענע אַרויסגענומען, אַ פּאָר מאָל אין דער לופט אָבגעפּאָכעט, אויסגעשפּרייט אויף דעם גרינעם, קיהלען גראָז און פאָרזיכטיג זיך געזעצט.

די הענה זייערע זענען אויפ'ן שמעקעדיגען גראָז געלעגען אויסגעשפּרייט:

— דאַמאָלס איז פּונקט געווען אַזאַ טאָג ווי היינט, געדענקסט פּהינאַ?

— חו האָסט דאַמאָלס מיר פאַר'ן האַנד אָנגענומען, יאָ, גרויפּאָדעם, דאַמאָלס.

— מן הסתם זענען מיר דאָך ניט קיין בעשערטע פּאָר, פּהינאַ!

זיי האָבען אויפגעהערט צו רעדען, ער האָט געצויגען זיין ציגאַר, זי האָט מיט'ן אָפענעם מויל דעם פרישען תבואה־גערוך איינגעאָטהעמט. קיינער פון זיי ביידען האָט וועגען גליק ניט געטראַכט, זיי זענען צופריעדען געווען וואָס דער הימעל איז בלוי און אַ זיסער ווינד האָט זייערע איינגעקאָרטשעטע געזיכטער אַזוי ליעבליך געגלעט. אַזוי וואָלטען זיי צום בעסטען שטענדיג געלעבט, וואַרטענדיג אויף עפּיס וואָס ניט איז, וואָס זיי האָבען פון דעם אַלעם אויך ניט געוואוסט.

פארנאכטליך, אז עס האט אנגעהויבען קיהל ווערען, זענען זיי מיט א וויגענדיגען, פערמאטערטען גאנג געשפאנט צוריק אהיים, האלטענדיג זייערע ליבענ-צייהנ-קרענצלעך אין די הענד. אונטערוועגענס האט גרויסאדעם מכבד געווען פיהנען מיט א גלאז בייעריש ביער און זיך גופא אויך נישט פערלאזט און אין א שאטען פון א קליין גערטעל האבען זיי זייערע גלעזער איינס אן דעם אנדערן אנגעקלאפט און עס שלוק ביי שלוק, שלוק ביי שלוק אויסגעטרונקען; פונקט ווי אין דערפריה האבען זיי זיך איינגע-קוקט ווי דאס וואסער שטראמט אונטער דעם בריק. נו זענען זיי נאר א פאר טריט פון זייער גאדהיס ווייט געוועזען; רבונו של עולם, איז דאס דאמאלס א שענער טאג געוועזען!

אז ער האט איהר ביין שוועל ארויסבעגלייט האט די נאכט שוין זיך אויף דער ערד אראבגעלאזט. איילענדיגע שאטענס האבען פער'גנב'עט זיך צוריקגעקעהרט, בעהאלטענדיג געהיימניספאל זייערע האנדקערבלעך אונטער די ברייטע פאלטען. אלע קליינע טירלעך דא אינעווייניג האבען זיך אינים שמעקעדיגען ריח פון ליליען און רעזעדע איינע נאך די אנדערע צוגעמאכט.

און דאמאלס האט די אבענד-גלאק אנגעהויבען קלינגען.

באלזאק.

דיאדיעסטע.

— אין איהר קלויבט זיך טאקי התונה צו האבען? — האט די גרעפין איהם געפרעגט, ווען ער האט געענדיגט לעזען זיין מאנוסקריפט.

— זעלבסטפערשטענדליך, גנעדיגע פרוי. די האפנונג צו טרעפען א פרוי, וואס וועט זיין גענוג דרייסט מיט מיר צו געהן אונטער דער חופה, רייצט מיך בעזונדערס.

— וועלכעס בעוועגט אייך אייגענטליך צו דעם, די שטילע אונטער־געווארפענהייט דעם שיקזאל, אדער דאס ביסעל נאך געבליבענע יוגענד־האפערינקייט?...

— דאס, גנעדיגע פרוי, איז מיין סוד.

— אויב אזוי, הערר דאקטאר פון הייראטס־קונסט און וויסענשאפט, ערלויבט אייך צו ערצעהלען איין בעלעהרענד מעשה׳לע פון די אריענטא־לישע זיטען. איך האב וועגען דעם אמאל געלעזען אין איינעם פון די יאהרביכער, וועלכע מען האט אונז אין די פערגאנגענע צייטען אנשטאט אלמאנאכ׳ן בייגעטראגען.

— אין די ערשטע יאהרען פון דער אימפעריע האבען די דאמען אריינגעפיהרט אין דער מאדע א שפיעל, וואס איז בעשטאנען אין פאל־גענדען:

— מען זאל קיין זאך ניט נעהמען פון פארטנער ניט דאנקענדיג איהם מיט דעםווארט „דיאדעסטע".

— דאס אנגעהויבענע שפיעל, ווי איהר קענט זיך לייכט פארשטעלען, האט זיך געקאנט ציהען גאנצע וואכען. געוואונען האט דער, וועמען עס האט זיך איינגעגעבן דעם צווייטען וואס עס איז צו געבן ביי זאלכע אומשטענדען, וואס האבען איהם געצוואונגען צו פערגעסען אין דעם פעריפישוק׳שען ווארט.

— אין דער צאָהל פֿון זאָלכע געשענקען געהט אַריין אַ קוש אויך?

— נו, יאָ, פֿערשטעהט זיך!

— איך אַליין האָב אַזוי אַמאָל צוואַנציג געווינען אין „דיאַדעסטע" — האָט זי בעשטעטיגט איהרע רעד, און זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— דעמאָלט, טאַקי אַ דאַנק דער שפּיעל, וואָס איז געווירשנט געוואָרען פֿון די אַראַבער אָדער הינעזער, איך געדענק שוין ניט אויף ריכטיג, האָט דאָס מעשה'לע, פֿון די אָריענטאַלישע זיטען זוכה געווען צו ערשיינען אין דער פּרעסע.

— איבריגענס — האָט די גרעפֿין צו געגעבען מיט אַ צוגעבענד, קאָקעטיש שמייכעלע און האָט מיט איהר צייגע-פֿינגער זיך צוגעריהרט צו איהר שען נ..על, — איך דערצעהל אייך דאָס יעצט אויך נאָר צוליעב דעם, איהר זאָלט דאָס דורך אויס געבען אָרט אין דער ענדע פֿון אייער ווערק...

— מיין ווערק וועט אַלזאָ בעשוינט ווערען מיט איין אונשאַצבאַרען אוצר! אַלץ איינס בין איך שוין אַזוי פֿיעל אייך פֿערשולדיגט, אַז איך פֿאַנטאַזיר שוין גאָרניט אַמאָל זיך אויסצוצאָהלען, און איך וועל גערען נעהמען ביי אייך דאָס נייע געפֿעליגקייט.

זי האָט גנבה'ש אַ שמייכעלע געטהון און ווייטער דערצעהלט:

אַ פֿילאָסאָף פֿון די מורח-לענדער האָט זיך צונויפֿגעשטעלט אַ לאַנגען צעטעל, אַ גאַנץ בוך פֿון אַלע שווינדעלעך, שפּיצלעך, וואָס פֿרויען האָבען מיט מענער דורכגעמאַכט. און כדי זיך אָב צו צוימען פֿון די שפּיצלעך פֿלעגט ער דעם צעטעל שטענדיג מיט זיך מיט טראָגען. איינמאָל, ווען ער איז געווען אין וועג, איז איהם, דעם פֿילאָסאָף, אויסגעקומען פֿערביי צו געהן אַן אַראַבישען לאַגער. פּלוצלונג, דערזעהענדיג דעם רייזענדער, איז אַ יונגע פֿרוי, וועלכע איז געזעסען אין שאָטען פֿון אַ פּאַלמע אויפֿגעשטאַנען און איהם אַזוי פֿריינדליך געבעטען ער זאָל אָברוהען אין „שאַלאַש", אַז ער האָט זיך געלאָזט אָנרעדען און האָט אָנגענומען די איינלאַדונג.

— דער דאַמעס מאַן האָט זיך דאַן געפֿונען אין אַבוועזענהייט.

— קוים האָט דער פֿילאָסאָף בעוויזען זיך אַראָבצולאָזען אויף דעם ווייכען טעפּיך, האָט די שענע ווירטהין איהם שוין צוגעברענגט פֿרישע דייטלען מיט איין „אַלקאַ ראַאווזע" (אַזאַ אַרט קריגעל) פֿול מיט קאַלטע מילך. ביי דעם האָט דער פֿילאָסאָף ניט ווילענדיג בעמערקט דאָס זעלטענע שענהייט פֿון די הענדטלעך, וואָס האָבען איהם מכבד געווען.

— צו פֿערטרייבען די געפֿיהלען, וועלכע די פֿרוי האָט ביי איהם

ארויסגערופען, אין וועלכע ער האט, מיט רעכט, פאר זיך געזעהן א געפאהר, האט דער חכם געעפענט זיין בוך און זיך געטומען לעזען.

— דעמאלט האט די רייצענדע פרוי, זייענדיג אנגעריהרט ביזן בײן מיט אזא אונאכטונג צו איהר שענהייט, געזאגט מיט א העכסט־מעלאדישע שטימע:

„— דאס בוך, מוז זיין, איז זעהר אינטערעסאנט, ווייל דאס שיינט צו זיין ביי אייך די איינציגסטע זאך אויף וועלכער עס לוינט אבצושטעלען די אויפמערקזאמקייט. איך האף, אז איהר וועט ניט נעהמען פאר אומגוט, אויב איך וועל אייך פרעגען וועגען וועלכע וויסענשאפט אייגענטליך עס רעדט זיך אין דעם?...

— ניט אויפהויבענדיג די אויגען אויף דער פערפיהרערישער פרוי, האט דער פילאסאף קורץ און שארף געענטפערט:

„— דאס בוך איז אנגעשריבען ניט פאר קיין פרויען; דאס געהער זיך צו זיי ניט אן.

— דעם פילאסאפ'ס אבזאגען האט נאך מעהר פונאנדערגעברענט די נייגיעריגקייט פון דער יונגער אראבין. און זי האט ארויסגעשטעלט צו ווייזען דאס קלענסטע, שענסטע, בעסטע פוסיל, וועלכעס האט וועגן דעם לייכסטען שפור געלאזט אויף די פליהענדע זאמדען פון דער וויסטע.

— דער פילאסאף האט ניט ווילענדיג זיך אנגעהויבען צו צערשטרייען; זיינע אויגען האבען געגען אזא מעכטיג פערפיהרונג ניט געקענט בייסטעהן. און זיי האבען אנגעהויבען וואנדערען, געגען זיין אייגענעם ווילען, פון די פיסלעך, וואס האבען אזוי פיעל צוגעזאגט ביז דער ברוסט, וואס איז נאך מעהר ענטציקענד געוועזן.

— דער פלאם, וואס האט אין זיינע אויגען אויפגעפלאמט האט זיך גלייך צונויפגעגאסען מיט דעם פייער, וואס האט געפינקעלט אין די אראבינס שווארצע אויגען.

— זי האט נאכאמאל געפרעגט, וועגען וואס, אייגענטליך, עס האנדעלט זיך אין דעם בוך. די פראגע איז געשטעלט געווארען מיט אזא צערטליכע שטימע, אז דער חכם האט ניט געקענט בייסטעהן און האט געענטפערט:

„— איך אליין האב דאס בוך אנגעשריבען, נאר דעם אינהאלט האב ניט איך אויסגעטראכט; איך האב נאר איבערגעגעבען אלע קונסט־שטיק, וואס פרויען האבען אויסגעפונען איבערצופיהרען די מענער.

„— ווי, זיכער אלע! — האט די טאכטער פון דער וויסטע זיך ערקונדיגט.

„— יאָ, ווירקליך אַלע! פלייסיג, אונערמידליך האָב איך ערלערנט די פרויען און אויסגעאַרבייט פאַר זיך די מעגליכקייט מעהר זיך פאַר זיי ניט צו שרעקען.

„— אַזוי!... — האָט בעמערקט די יונגע אַראַבין און האָט צניעות'דיג אַראָבגעלאָזט איהרע דינע ברעמען, מיט לאַנגע, שוואַרצע האָאר, ווי סמאָלע אַרום געזוימטע.

— גלייך, אונערוואַרט, האָט זי זיי ווידער אויפגעהויבען און האָט געוואָרפען אויף דעם חכם, וואָס איז ביי זיך אַזוי פעסט געוועזן, אַזאַ ברע־נענדיגען. רעדעוודיגען בליק, אַז ער האָט באַלד פערגעסען אין זיין צעטעל און אין אַלע שפיצלעך, וואָס זענען דאָרט געווען אָנגעשריבען. דער פילאָ־סאָף האָט גאָר ניט געוואַרט און גלייך געוואָרען אַ פראָסטער שטערבליכער, ער האָט געברענט פון ליידענשאַפט. בעמערקענדיג אין די בענעמונגען פון דער יונגער אַזעלכעס, וואָס איז איהם פאָרגעקומען, ווי אַ שאָטען פון קאָקעטעריי, האָט ער געפּועל'ט ביי זיך און זיך צו איהר געווענדעט מיט אַנ'ערקלערונג.

— און ווי האָט ער געקאָנט ביישטעהן? דער הימעל איז געווען לויטער, די זאַמדען האָבען געפינקעלט אין דער ווייטקייט, ווי פאַסען גאָלד. דער ווינד האָט געפּאַכט מיט ליעבע. און די יונגע אַראַבין האָט, ווי אַ טייערער דיאַמענט, אָבגעשפּיגעלט אין זיך דאָס לויכטען פון די אַלע צויבערייען אַרום איהר.

— ווען זי האָט מיט אַ שאָקעל מיט איהר קעפּיל, בעווילינט אויסצו־הערען פון דעם פרעמדען ליעבעס ווערטער, האָבען זיך איהרע טיעפע, דורכדרינגליכע אויגען פערצויגען מיט אַ פייכטקייט.

— דער חכם האָט שוין אָנגעהויבען צו פער'שכור'ט צו ווערען און צו צערטלען זיך מיט די שענסטע האָפנונגען, ווען די יונגע פרוי האָט דער־הערט פון ווייטען דאָס טאָפּען פון אַ פערד, וואָס האָט זיך געטראָגען, ווי אויף די פליגעל פון ווינד, ווען די יונגע פרוי האָט אויסגעשריגען:

„— מיר זענען פערלוירען! דאָס איז מיין מאַן!

„— ער איז איינפערזיכטיג, ווי אַ טיגער, און נאָך אונערבאַרמליכער פון איהם...

„— אויב דאָס לעבען איז אייך טייער, בעשווער איך אייך אין נאָמען פון נביא, איהר זאָלט זיך בעהאַלטען אין דעם קאַסטען...

— דער ערשראָקענער מחבר פון דעם בעלעהרענדען בוך, ניט זעהענדיג קיין אַנדער מיטעל, ווי אַזוי זיך אַרויס צו פּלאָנטערען פון זיין שווערער

לאַגע, האָט זיך איבערגעפּעקעלט אין קאַסטען אַריין און זיך דאָרט איינגע-דרעהט אין דריי קלאָגען...

— די יונגע אַראַבין האָט דאַן פערקלאַפּט די דעק פון קאַסטען, פערשלאָסען איהם אויף'ן שלאָס, גענומען מיט זיך דעם שליסעל און אַקעגען געגאַנגען דעם מאַן.

— אַריינברענגענדיג איהם מיט איהרע צערטליכקייטען אין אַ גוטע שטימונג, האָט זי געזאָגט:

„— איך מוז דיר ערצעהלען, וועגען דעם צופאַל, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען.

„— מיינע אויערען זענען אָפען דיך צו הערען, מיין טייערע גאַזעל, — האָט דער אַראַב געענטפערט, זעצענדיג זיך אויף דעם טעפּיך, אויף'ן אָריענטאַלישען אופן: נעהמענדיג די פיס אונטער זיך.

„— היינט איז אַהער געקומען אַ מענש, וועלכער האָט זיך פאָר-געשטעלט אַלס פילאָסאָף, — האָט די שענהייט געזאָגט.

„ער האָט פערזיכערט, אַז ער האָט אין זיין בוך צונויפגעזאַמעלט אַלע קונסטשטיקלעך, צו וועלכע פרויען זענען פעהיג...

„— דער חכם האָט זיך מיר ערקלערט אין ליבע.

„— און וואָס?... — האָט דער אַראַב אויסגעשריגען.

„— איך האָב איהם אויסגעהערט... — האָט די אַראַבין קאַלט בלוטיג ווייטער געזאָגט.

„ — ער איז נאָך יונג, דרייסט און... דו ביזט פונקט גוט געקומען אונטער צו לעגען מיין טוגענד, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו וויגען...

— דער אַראַב איז אויפגעשפרונגען, ווי אַ צורייצטער לייב און האָט, מיט אַ ווילד ברומען אַרויסגעכאַפּט זיין קאַנדושאַר.

— דער פילאָסאָף, הערענדיג פון קאַסטען יעדעס וואָרט פון דער טענה, האָט דערווייל געשיקט צו אַרימאַן, דאָס הייסט צום טייוועל אַלע אָהן אויסנאַהם פרויען און מענער פון דער שטיינערנער אַראַביען.

„— פאַטימאַ, — האָט דער מאַן אויסגעשריגען — אויב דו ווילסט בלייבען לעבען, ענטפער מיר!...

„— וואו איז דער מערדער?...

— פאַטימאַ, אַנ'איבערגעשראָקענע מיט דעם שטורם, וואָס זי האָט אַליין אַרויסגערופען, ציטערענדיג פאַר דעם גאָלען קאַנדושאַר, וואָס האָט געבלאַנקט איבער איהר, האָט זיך געוואָרפען איהר מאַן צו די פיס און

האָט מיט אַ שנעלן, איבערגעשראָקענעם בליק אָנגעוויזען אויף דעם קאַס־טען.

— נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ פערשעמטען בליק, האָט גענומען דעם שליסעל, וואָס איז געהאָנגען ביי איהר גורט און איהם דערלאַנגט דעם איבעריזכטיגען מאַן.

— און אין דער זעלבער סעקונדע, ווען דער אַראַב האָט געוואָלט עפענען דעם קאַסטען, האָט די דורכגעטריבענע שענהייט אונערוואַרט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דער מאַן האָט זיך אָבגעשטעלט אונענטשלאָסען און האָט אונרוהיג אַ קוק געטהון אויף זיין פרוי.

„— אַם ענדע האָט זיך מיר איינגעגעבען צו געווינען ביי דיר, דאָס גאָלדענע קייטעל, וועלכעס איך האָב אַזוי געוואָלט האָבען! — האָט זי אויסגעשריגען טאַנצענדיג פאַר פרייד.

„— גיב דאָס שוין אַהער, ליעבער דו האָסט דאָך פערשפיעלט די „דיאַדעסטע“. איך האָף, אַז אַ צווייטעס מאָל וועסט דו האָבען אַ בעסערען זכרון!

— דער בעטויבטער מאַן האָט אַרויסגעלאָזט דעם שליסעל פון דער האַנד, איז געפאַלען פאַר זיין פרוי אויף די קניען, האָט איהר דערלאַנגט, דאָס רייצענדע, גאָלדענע קייטעלע און איהר איינצייטיג פאָרגעשלאָגען, צו שענקען איהר, זיין פאַטימאַ'ן אַלע קאָסטבאַרקייטען פון אַלע זיינע קאַראַוואַנען, אַבי זי זאָל בעשטעהן מעהר ניט אָנצווענדען אַזעלכע שרעק־ליכע מיטלען ביי דער שפיעל אין „דיאַדעסטע“.

— ער איז פונדעסטוועגען געווען אַנ'אמת'ער אַראַב. און דאָס פער־שפיעלען אַ גאָלדען קייטעל זאָל זיין אפילו צו זיין אייגענער פרוי, האָט איהם דאָס מינדעסטע פערגעניגען ניט פערשאַפט.

— פאַראַן איז אַלזאָ אַרויסגעשפרונגען אויף זיין שנעלפיסיג פערד און זיך צוריק אַוועקגעטראָגען אין דער וויסטע, וואו ער האָט געקאָנט בעקוועם אָבפיהרען די נשמה מיט זידלעריי און מיט קללות אויף דער אַדרעס פון שיקזאַל. ער האָט צו שטאַרק געליעבט פאַטימאַ'ן, אַרויסצו־ווייזען אין איהר געגענוואַרט, וועלכע עס איז אונצופריעדענהייט פון דעם פערשפיעלען.

— איבער דער צייט איז דער פילאָסאָף געלעגען אין קאַסטען, ווי עס רעדט זיך ניט מידט און ניט לעבעדיג.

— ווען די יונגע אַראַבין האָט איהם אַרויסגעלאָזט פון קאַסטען, האָט זי איהם מיט אַנ'ערנסטאָן בעמערקט:

„— דויך, געשעצטער הכם, פערגעסט נ͏ִיט צו צושרייבען אויך דאָס שפּיצעל, אין אייער זאַמלונג פון פרויען קונסטשטיק!

— גנעדיגע פרוי,— האָב איך געזאָגט דער גרעפין — איך פערשטעה אויף וואָס איהר מערקט אָן! אין פאַל ווען איך וועל הייראַטען איז מיר בעשערט צו פאַלען אַלעס קרבן פון וועלכער ניט איז טייפעלשער שלויהייט...

— זייט זיכער פונדעסטוועגען, אַז אויב אפילו אַזוי וועט אויך מיין לעבען מיט אַ פרוי דיענען פאַר אַ מוסטער מיינע צייט געגאָסען.

פ ר א נ ק ו ו ע ד ע ק י נ ד.

ליעבע אין ערשטען אויגענבליק.

„אבער איהר קענט דאך מיר נישט. אייער דרייסטקייט בעליידיגט מיך. איהר זעהט מיך אין אן'אבענד ערגיץ-וואו אין א געזעלשאפט, דערוויסט זיך, ווער איך בין, און צו מארגענס קומט איהר און באט אן מיין האנד. מיין פאטער שמ'ט פאר א מיליאנער. אין אמת'ען אבער וואלט איך זיך געוואונשען, אז עס זאל זיין אנדערש; דאמאלס וואלט איך האטש געהאט, פאר וואס צו זיין שטאלץ מיט זיך און אויף די איינוויילונגען וואס מען האלט מיר אין איין ברענגען.

דאס יונגע מעדעל האט אראבגעלאזען די אויגען, פערשטעהענדיג, אז זי האט ארויסגערעדט א בעליידיגונג. זי האט דאס נאר דערפאר ארויסגעזאגט, ווייל אין אמת'ען איז זי נישט געווען גלייכגילטיג מיט'ן שמועס, וואס האט זיך אנגעהויבען אומגעריכטערהייד.

„איהר זאגט, פרייליין, אז איך קען אייך נישט, איך האב זיך טאקי קוים דערמאנט אייער נאמען. און דאך קען איך אייך בעסער, ווי אלע, וועלכע איהר האט ביז יעצט בעגעגענט אין אייער לעבען. אייך דאכט זיך, אז דאס איז נישט מעגליך. איך בין געקומען אהער, כדי דאס אייך צו בעווייזען. איהר האט געהאט אזא גוטע ערציהונג, און קיינער האט אייך נאך געוויס נישט געזאגט, אז צווישען דעם אויסענווייניגסטען און דעם אינעווייניגסטען מענש איז נישטא קיין שום אונטערשייד. איהר וועט זאגען, אז איך רעד זיך נאר איין אזוי, אויב איך וועל אייך אויפווייזען, אז נעכטען אין אבענד, האב איך דערקענט לויט אייער אויסזעהן, דאס גאנצע וועזען אייערס, אייער פיהלען און דענקען, אייער ארט צו ליעבען,

צו ליידען און צו פרעהען זיך. איך האָב דערקענט דאָס, וואָס כ'האָב געזוכט זיבען יאָהרען אין דער דאָזיגער, און וועלכע איך וועל שוין נישט געפינען נאָך איינמאָל אַזוי גיך. יעצט פערשטעהט איהר שוין, פאַר וואָס איך האָב נישט פערזאַמט איין מינוט. איך וואָלט נאָך נעכטען אין אָבענד גערעדט מיט אייך, ווען איהר וואָלט נישט אונבעמערקט פערשוואונדען מיט אייער מוטער פון זאַל אַרויס."

„אויב איהר האָט מיר שוין יאָ אין דריי שטונדען פאָלשטענדיג דערקענט דורך און דורך, גלויב איך אייך, אַז כ'וועל אייך קאָנען ווייניג פערגעניגען פערשאַפען פאַר'ן גאַנצען לעבען".

„עס איז נישט קיין פערגעניגען, וואָס איך זוך ביי אייך, מיין פריילין, גאָט איז אַנ'עדות, אַז דאָס איז עפּעס אַנדערש. ווערט איהר, אַ פויער האָט חתונה מיט אַ פרוי, וואָס זאָל אויף איהם אַרבייטען, וועלכע ער שאַצט אַיין אין פערמעגען. אַ לעדיגעהער האָט חתונה מיט אַזעלכער, ביי וועלכער ער געפינט פערגעניגען. אַ שעהן-גייסט האָט חתונה מיט אַ פרוי, „וואָס פערשטעהט איהם", מעג זי נאָך זיין אַזוי אָרעם אין גייסט, מעג זי נאָך אַזוי ווייניג פערשטעהן פון דער וועלט, אַבי נאָר איהם פערשטעהט זי. ער פערלאַנגט דורך אויס ביי זיין פרוי, אַ ווערטה, וואָס געהער זיך נאָר אָן צו איהם, ער זוכט נאָר ביי איהר די ערהויבונג פון זיין אייגענע פערזענליכקייט, און זי מוז איהם פערגעטערען. דאָס זענען אַלע עגאָאיסטען פון צווייטען ראַנג. ווער עס פערשטעהט אָבער, וואָס אַ פרוי איז אַלס פרויען-צימער, וואָס אַ פרויענצימער קאָן נאָר זיין אין דער דאָזיגער וועלט, דער זוכט זיך אויס דאָס עהרליכסטע, וואָס דאָס לעבען קאָן נאָר געבען, כדי דאָס אָנצורופען זיין אייגענס, דער זוכט שוין נישט קיין פרוי, וואָס זאָל מיט וואָס פאַר עס איז באַציהונג האָבען אַ שייכות צו איהם, נאָר אַזעלכע, וואָס איז אַליין עפּעס; ענטוויקלונג, שעהנקייט, גרויסקייט, הויכע פערלאַנגען און טיעפע געפיהלען, אַזאַ וועלכע איז פעהיג אין אַ גרויסער מאָס צו זיין גליקליך. דאַמאָלס איז דאָס אויך געווים זיין גליק. — עס בעקלאָגען זיך אַזוי פיעל מענשען, אַז אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלען זעהר ווייניג גליק, און פערשטעהען גאָרנישט, אַז זיי זענען גאָר אין גאַנצען צו קליין, כדי אַזעלכעס אין בעסטען פאַל צוקאָנען פיהלען. עס זענען דאָ אַ סך מענשען, וואָס האַלטען אַ העסליכע פרוי פאַר שעהן, נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען זיך טועה, אָדער פערשטעהען נישט, פשוט דערפאַר, ווייל שענקייט איז ביי זיי העסליך. צי וואָלט איהר געקאָנט, פריילין, אַכטען אַ מענש מיט קליינע פערלאַנגען? — זיך אַליין קענט איהר דאָך. צי וואָלט איהר געקאָנט

ליעבען אזא מענש, וואס לאזט זיך בעווינגען מיט הענגער, ווי איהר זענט אליין?'

„אבער פון וואנען ווייסט איהר דען, אז איך בעוויין אט די אלע שעהנע, מעלות, פון וועלכע איהר האט נאר וואס גערעדט?"

„דאס וויל איך דאך אייך בעווייזען, אויב איהר וועט מיר נאר אויף איין מינוט שענקען אייער אויפמערקזאמקייט. קיינער וועט מיר נישט בעסער בעגריפען, ווי איהר. — ווען איהר גערט אונטער אימיצען, ביי נאכט, ווען עס איז שטאק-פינסטער אדער אין א נעבעל און אויף דער גאס רעגענט, און דער וואס געהט פאר אייך איז איינגעהילט אין א מאנטעל ביז די פיס, אזוי אז קיין איינציג גליעד פון זיין פיגור, קאן מען נישט גענוי בעטראכטען, פונדעסטוועגען, בלייבט אייך נאך אלץ עפעס, מיט וואס איהר וועט קאנען אורטיילען דעם גאנצען קערפער..."

„זיין ארט גאנג".

„געוויס. פון וואנען ווייסט איהר דאס?"

„איך גלויב נישט אין דעם. — נאר איך מיין אזוי, ווייל עפעס אנדערש זעהט מען דאך נישט."

„איהר וועט זיך שוין אויסלערנען גלויבען, מיין פריילין. דער גאנג פון א מענש איז נישט עפעס צופעליגעס. ער איז אבהענגיג לויט'ן ארט פון זיין קערפער-בוי. און אויב ביי אייער ארט קליידען זיך, קאן מיין נישט אורטיילען דעם קערפער פון א פרוי, ווי לאנג זי שטעהט רוהיג אויף איין ארט, דערקענט מען אבער באלד די ריכטיגסטע פערהעלטעניס-מעסיגקייט און די שטריכען, ביי איהרע ערשטע דריי טריט, וואס זי טהוט. נאר מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער שמועס, וועגען יענע ביינאכטיגע ערשיינונג. דער גאנג פון א מענש האט זיין ריטהם, וואס לאזט זיך נישט דערקלערען דורך ווערטער, נאר פיהלען קאן מען דאס. לויט דעם דאזיגען ריטהם, קאן עס אייך געלונגען, זייענדיג גענויט, לייכט צו בעשטימען דעם גאנצען קערפער. איהר קאנט גאנץ גוט בעשטימען, צי דער, וואס געהט פאר אייך, איז א רענעסאנס-פיגור, ארעקאקא-פיגור, א קלאסישע פיגור אדער א מאדערנע פיגור. דערביי איז זעהר וויכטיג, אויב די בעוועגונגס ליניע ציהט זיך ארונטער גלייך, אדער זי רייסט זיך איבער ביי די קלובעס, אויב זי רייסט זיך איבער ביי די קלובעס, האט איהר פאר זיך א אונהארמאנישע נאטור, און דאס קאן מען אפילו פעסטשטעלען דורך א מאנטעל מיט א סך פאלדען. — ווען עס איז אייך שוין געווארען קלאר איבער'ן קערפער, שטעלט איהר זיך שוין פאר דעם צוגעפאסטען אויסדרוק פון פנים צו איהם,

פריהער פאר אלץ דאס מויל און די נאז. אין אמת'ן קאן מען זאגען לויט'ן טריט פון א דאמע, וואס פאר א נאז זי האט, צי א גרויסע אדער א קליינע, צי זי האט גראבע ליפען אדער דינע ליפען. און דאמאלס ווייסט איהר שוין זיכער, אויב די דאמע, ווען איהר וואלט זי געקענט, צי וואלט זי אייך פערשטאנען און געליעבט אדער נישט. פון דעם אלעמען אבער קאנט איהר נישט דערקענען, צי די וואס געהט פאר אייך, איז א פרינצעסין אדער א בעטלערין, א קעכין אדער א מיליאנערין, אבער דעם מין פון מענש, קאנט איהר דערקענען דורך דעם, אויסענוועניג, ווי אינעווייניג, און דאמאלס וויסען, אויב איהר האט צו טהון מיט א פרייע אדער מיט א בעשרענקטע נאטור, א רייכע אדער א ארעמע נאטור. און אויב איהר וועט זיך דאמאלס צו איילען, נאהענט פארביי געהן דער דאזיגער פערזאן און איהר אריינקוקען אין געזיכט אריין, וועט איהר זיך איבערצייגען, אז אין א סך זאכען, האט איהר..."

„זיך גענארט, מיין הער!"

„אז איך האב זיך גענארט, מיין פריילען, ווייס איך דאמאלס, אז פאר מיר איז א ראסע-לאזע בעשעפעניש, אז זי וועט מיך, ווי דא גענארען און בעטריגען דאס גאנצע לעבען, און ביי וועלכע איך האב נישט מעהר צו ערווארטען פאר אלע מיינע ליעבעס-מיה, ווי אונדאנקבארקייט; און איך זעה, וואס גיכער אוועקצוגעהן פון איהר. ווייל פון אזעלכע נאטורען דארף מען זיך האלטען פון דערווייטענס, מען מעג שטרעבען אין לעבען, וואס מען וויל זיך; וועט מען דאך ביי זיי גארנישט דערגרייכען. די שטערען לייקענען נישט. וואו זיי לייקענען, דארט, איז נישט קיין הימעל, נאר א פער-פיהרעניש פון טייוועל. דאס איז דאס האראקטעריסטישע ביי מענשען, וואס האבען, וועלכע ער איז ראסע, אז זיי זענען הארמאניש אין דער נשמה און אין לייב, אין קאפ, און אין די פיס, אזוי, אז לויט איין בעוועגונג פון דער האנד, — ווי איהר מאכט יעצט — קאן מען טרעפען דאס געפיהל אין הארצען, אז זיי זענען געווארען בעשאפען פון איין געדאנק ארויס, אז זיי זענען קונסט-ווערק אין פולען זינען, ווי יעדעס גרויסע קונסט-שעפונג בעדארף צו זיין. איך וואלט זיך אויך אזוי פערליעבט אין אייך, ווען איך וואלט נאר געזעהן איין בעוועגונג פון אייער א האנד אדער א פוס, אדער גאר, ווען איך וואלט פון אייך דערהאלטען א בריעף, ווי איך האב זיך יעצט פערליעבט אין אייך, בעטראכטענדיג אייך א גאנצען אבענד. איך האב אייך געזעהן נעכטען רעדען מינדעסטען מיט צוואנציג פער-שיעדענע פערזאנען, איך האב אויך בעטראכט די דאזיגע מענשען און

איך קאן אייך אפילו זאגען, אויב איהר ווילט עס נאר, ווי אזוי איהר האלט פון יעדען איינעם. דאן וועט איהר קאנען בעשיידען, אויב איך וויים ריכטיג צו שעטצען אייערע אינערליכע נאטור אדער נישט, האטש לויט אייער מיינונג האב איך נישט קיין בעגריף וועגען איהר. פאר מיר איז יעדענפאלס געוועזען אייער יעדעס ווארט, אויף וויפיעל איך האב נאר געקאנט האפען פונ'ם שמועס, א בעשטעטיגונג, אויף דעם, וואס עס איז מיר באלד אויפ'ן ערשטען בליק געוועזען קלאר, לויט אייער קעניגליכע וואוקס, און די העלדישע ארט פון אייער בעוועגונג."

„דום, ליעבע מאכט בלינד".

„די ליעבע מאכט בלינד; אבער וועמען, פריילען? — א מענש, וואס איז קיינמאל נישט ארויס געטראטען פון זיינע פיער ווינקלען, וועלכער קאן נישט, נישט די וועלט און נישט די מענשען און גלויבט, אז דאס וואס ער קלייבט זיך אויס, איז עס פון פרייען ווילען און ער וויים גארנישט, אז ער איז גאר אונטערגעווארפען אונטער א טיראנישן אינסטינקט. אויב ווער פון אונז פערליעבט זיך, דאמאלס וויים ער דאס פארוואס; איהר קאנט אין דעם זיין גאנץ זיכער, אז איהר וועט דערויף זיין שטאלץ, וואס איהר געהערט נישט צו די ענג-היציגע פרויען נאטורען, וועלכע זענען איימפער־זיכטיג אויפ'ן מאנ'ס פערגאנגענהייט. איהר וואלט זיך געשעמט, התונה צו האבען מיט אזא מענש, וואס וואלט אפילו נישט געקאנט אבמעסטען אייער ווערט מיט יענע אנדערע פרויען, וועלכע ער האט געקענט ביז אייך. איך האב נאר אייך געליעבט, מיין פריילין, לאנג שוין, איידערע נאך, איך האב אייך דערקענט. א נישט וואלט איך דאך נישט אלט געווארען זעקס און דרייסיג יאהר און נאך נישט התונה געהאט. ווענינ פון אייערע ליעבהאבער'ס, וועלען זיך קאנען בערימען מיט אזא מעלה. און יעצט ערלויבט מיר אייך צו ברענגען נאך איין בעווייז, ווי היינט איך שעץ אייך, און אז איך בין נישט בלינד און בין זיך נישט טועה אין אייך: איהר זענט א מוטיג און אנ'ענטשלאסען מעדעל; דאס לעז איך אין אייערע אויגען. דא וואו איהר האט זיך נאר איינמאל איבערצייגט דאס ריכטיגסטע, פערזאמט איהר נישט אוועקצוגעבען דערפאר אייער גאנצען פערזאן. איהר האט עס ליעב איינצושטעלען מיט אייער לעבען. איהר זענט נישט פון די, וואס שטעלען זיך פאר צו ערווארטען עפעס שרעקליכעס, קאנען זיך נישט אליין בעשליסען און דארפען פרעגען א עצה און זוכען הילף ביי אנ־אנדערען..."

פריילין עללי, וואס האט אויף א מינוט מיט ביידע הענד פערבאר־

גען דאס געזיכט, האט זיך אין איהר גאנצע גרויסקייט אויפגעהויבען פון איהר שטוהל, דעם בעזוכער, וואס איז אויך געשטאנען, ארומגענומען און האט איהם געקושט.

דאס שפיעל פון לעבען איז געווען געוואונען.

איבערגעזעצט פון דייטש: פ — ר.

כ'האב דערצעהלט...

(איבערזעצונג).

כ'האב דערצעהלט פאר דעם שטילינקען ווינטעל
ווי דזשנע מיר איז אויף דער וועלט, —
און געבראכט האט עס גיך פון גאנץ ווייט מיר
א פרישע, א ליעבליכע קעלט.

כ'האב דערצעהלט פאר די שאטיגע בוימער
דאס שוואך בין איך זעהר און מיעד, —
און זיי האבען געאיילט מיך פערוויעגען
אין שאטען ביים זינגען א ליעד...

כ'האב דערצעהלט פאר דער זון, דאס איך זעה ניט
קיין איינציגען שיין און קיין ליכט —
און די האט מיך מיט גאלדענע שטראהלען
געווארימט, בעשיינט מיין געזיכט.

כ'האב דערצעהלט פאר א מענש, א מיט־ברודער
פון מיין טרויעריגער, עלענדער וועג —
און, דריקענדיג נאר מיט די אקסלען
איז ער זיך שנעל ווייטער אוועק...

ראובן רודניק.

ערנסט נעאַרני.

פריילין מוטער.

ראָמאַן.

(פאָרזעצונג פון העפט 7).

אָבגעדאַכט, אַז די הייזער דרעהען זיך פאַר איהם אין אַ ווילדען טאַנץ, דאָס בלוט האָט איהם אין פנים שטראָמענווייז אַריינגעשפּאַרט. ער האָט די ליפּען מיט די ציינער געביסען און דעם צוים פעסטער צוזאַמענגעדריקט. אַ סך מאָל האָט ער די אויגען ווייט אויפגעריסען, ער זאָל קענען קלערער זעהן. איין דריק דעם רעוואָלווער און ער איז פריי! — — — דאָס טאַקטישע קלאַפּען, די רהיטמישע מוזיק האָט איהם צו זיך געבראַכט און ער איז ווידער רוהיג און פעסט אויף זיין פערד געזעסען. קומענדיג אויפ'ן מושטיר-פּלאַץ האָט ער די סאָלדאַטען געהייסען אָבזאָטלען די פערד, זיי האָבען אויף זיין בעפעהל פערוואונדערט מיט די קעפּ געשאָקעלט. צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען האָט זיי זייער בעליעבטער ראָטמייסטער אַזוי שטאַרק געקוועלט. —

די פּערזאָנען, וועלכע אַ ט ט אָ האָט געזעהן פאָהרען זענען ווירקליך געוועזען אַ נ נ אַ, איהר קינד און די ניאַניע. נאָך גוט וואָס זיי זענען אַזוי געשווינד פאַרבייגעפאָהרען. ער וואָלט נישט אים שטאַנד געווען לענגער אַריבער-צוטראָגען דאָס צוקוקען זיך צו דער שרעקליכער אויפרעגונג פון די ביידע פרויען. אַ נ נ אַ ז אַ נ ד ע ר ס האָט אַנ'אָווענד פריהער, געוואַרט אויף דאָס צוריקקומען פון איהר בעשיצערן וואָס האָט אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט געוואָלט בעזוכען די קברים פון איהרע עלטערן. די פרוי פון ד ר אָ ס ס איז נישט אָנגעקומען, אָנגעקומען איז די בשורה פון דער אייזענבאַהן-קאַטאַסטראָפע. אַ נ נ אַ האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. דעפּעשען זענען געפלויגען אַהין און צוריק, קיין קלאָרע ידיעה אָבער האָט מען נישט בעקומען. אַ סך טוידטע קערפּער האָט מען נאָך נישט בעזיכטיגט, אַ סך פערוואונדעטע — נאָך נישט אויסגעפרעגט. — אַ נ נ אַ האָט די נאַכט אין שרעקליכער אויפרעגונג צוגעבראַכט. זי האָט צוזאַמענגעפאַקט אַלע איהרע

זאכען אין קאמער און זיך ביין אפענעם באלקאן געזעצט, נישט צו פערזאמען דעם ערשטען צוג, וואס האט בעדארפט נאך דער קאטאסטראפע אבגעהן. צוערשט האט איהר דאס הארץ פערקלעמט פאר גרויס רחמנות אויף דער גוטער פרוי, וואס האט זי אין איהר ארעמער און פערצווייפעלטער לאגע אזוי פיעל געהאלפען. דערנאך האבען איהר אנדערע זארגען אנגעהויבען קוועלען. וואס וועט הוערען, ווען די רייכע פרוי יועט פאר איהר און אטטאן שוין מעהר נישט זארגען? דערווייל האט זי איהר נאך נישט פערזארגט מיט א שטעלע, וואו זי זאל זעלבסטשטענדיג קאנען איהר ברויט פערדינען, ווי זי האט גערעכענט! און זאל די טאנטע טאקע זיין געשטארבען — וואס הויבט מען דאמאלס אן צו טהון? ווער ווייסט אויב עס איז גאר דא א צואה? אדער האטש עפיס א בעווייז, אז די אלע איינריכטונגען, וואס מען האט געקויפט צום פאטאגראפישען אטעליער געהערען איהר — אננא'ן? דאס מיידעל האט געקוקט אין דער פינסטערער נאכט און פערצווייפעלט געקלערט. די מורא פאר דעם עלענד, וואס וועט אפשר באלד אויף איהר און איהר קינד בעפאלען האט פערטריבען פון איהרע געדאנקען אלע אנדערע זארג און געפיהלען, זאגאר די זארג וועגען איהר געליבטען אטטא.

ענדליך האט אנגעהויבען צו בעגינען. געשווינד האט זי די ניאניע אויפגעוועקט און האט דעם נאך פול מיט שלאף בעטרונקענעם יונגעל זיינע קליידלעך אנגעטהון. באלד האט דער קליינער מיט די דיקע הענטלעך דעם שלאף פון זיינע אויגעלעך אויסגעריבען, און, ווי שוין א געזונד קינד אנגעהויבען אלערליי פרעהליכע העויות צו מאכען, לוסטיגע קולות אויסגעשריען. זיי האבען געפריהשטיקט, דערנאך האט זי די רעכנונג געפאדערט. האט איהר ביסעל מזומן געלד צוזאמענגעצעהלט. צוזאמען מיט די דריי הונדערט מארק, וואס די טאנטע רעזי האט איהר צום געבורטסטאג געשאנקען, האט זי געהאט אג'ערך פון פינף הונדערט מארק. פרוי פאן דראס האט איהר כמעט ווי געצוואונגען דאס געלד צו נעהמען, כדי זי זאל נישט בעדארפען יעדען טאלער צו בעטען. ווען זי האט אמאל דאס געלד נישט געוואלט אננעהמען, פלעגט איהר די פרוי דראס זאגען: „אבער ליעבע ענני, דאס לעג איך דיר דערווייל נאר אויס, אז דיין אטעליע וועט זיין פארטיג וועסט דו מיר אלעס בעצאהלען!" דאס רחמנות, וואס די גוטע פרוי האט געגען איהר שטענדיג בעוויזען, האט איהר שוין דערצו אזוי צוגעוואהנט, אז זי האט געמיינט, דאס עס מוז שוין אזוי זיין; זי האט אין דאס דראסישע הויז געוואוינט ווי בייזיך אין דערהיים,

זיך נישט געדמענדיג פון קיין זאך די מינדסטע זארג. די איינציגע געצאהלט, וואס זי האט דער דאזיגער גוטהערציגער פרוי געגעבען, איז געווען איהר ווארעמע ליעבע! די מלחמה פאר'ן לעבען האט אננא אינגאנצען פערגעסען און האט זיך נאר איבערגעגעבען צו די שווערע, פייניגענדיגע געדאנקען וועגען די שרעקליכע זינד, וואס זי איז בעגאנגען. און איצט, נא דיר גאר פון דאסניי: נויט, עלענד, שאנדע! אלץ וועט זי יעצט מוזען אויסשטעהן. זייענדיג ביי דער גוטער פרוי האט זי איהר שרעקליכע לאגע אזוי ריכטיג נישט פערשטאנען, נישט געפיהלט. נון אבער פערשטעהט זי עס דערפאר יעצט מיט איהר גאנצער גרויזאמקייט און טיעפקייט, נון הייבט זיך אן דאס ביטערע אבקומעניש פאר איהרע שווערע זינד!

אננא האט פעסט דעם שירם ארומגעקלאמערט. גלייך ווי דאס שוואכע העלץ וואלט איהר געקאנט פאר אן אנשפאר, א שוץ דיענען. ווען זי האט געזעהן די סאלדאטען אנקומען האט זי די אויגען פערמאכט. זי האט קיין זאך נישט געוואלט זעהן, קיין זאך נישט! נישט איהם, נישט די אוניפארמס, וואס האבען איהם אין איהר זכרון אויפגעוועקט. היינט האט זי נאר געוואלט טראכטען וועגען יענער גוטער פרוי, וואס איז פאר איהר א צווייטע מוטער געווען; דער געדאנק, אז די דאזיגע פרוי לעבט שוין נישט מעהר האט איהר א קעלט דורך אלע גליעדער דורכגעיאגט: — זי האט די ניאניע מיט דעם קליינעם קינד געשיקט ביי דער טאנטע אין בערלין. זי גופא האט געוואלט יענע גוטע פרוי אויפזוכען. און אויב עס קאן נאך אנגעהן, זיין נעבען איהר! אויב עס קאן נאך אנגעהן?? זי האט צוזאמענגעשויערט. זי איז אויף זיך גופא אין כעס מיט זיך גופא געקעמפפט; אבער זי האט דאך נישט געקאנט פערהינדערן, אז אין איהר ווערטאג וועגען דער גוטער פרוי זאלען זיך קיין עגאאיסטישע געפיהלען נישט אריינמישען. לאנגזאם איז זי מיט א שלעפציג צום אומגליקס-ארט אנגעקומען.

צום וואקזאל האט מען איהר נישט געלאזט צופאהרען. זי האט זיך געמוזט א פערטעל שעה וועג פריהער אבשטעלען און פון דארט צוגעהן צו פוס. — באלד ווי זי איז אנגעקומען ביין וואקזאל האט זי דערזעהן צוזאמענגעשאטענע הויפענס פון צעבראכענע שטיקער האלץ און אייזען, שארבענס פון צעבראכענע כלים און גאנצע קאלוזשעס בלוט. די פריוויליגע פייער-לעשער, די באהן בעאמטע און פויערן פון די נאהנטע דערפער האבען געארבייט מיט אלע כחות, צו ברענגען אלץ אין ארדנונג. פאליציי האט דעם איינגאנג צום וואקזאל פערשפארט און קיין פרעמדע

מענשען נישט צוגעלאָזט. דאָקטוירים און פעלדשערס זענען געלאָפען פון איין הויפען צום אַנדערן, פון אונטער װעלכע מען האָט נאָך אַלץ פערשאָטענע טוידטע אָדער פערוואונדעטע אַרויסגעצויגען. איינצעלנע גליעדער זענען געלעגען צעוואָרפען אויף פערשיעדענע שטרעקעס, די פעלדשערס האָבען עס צונויפגעשאַרט און אין פערדעקטע קערב אַריינגעפאַקט. — די לופט איז פול געווען מיט יאָמערדיגע געשרייען, קרעכצען, זיפצען, וויינען און געבעטען, אויסגעמישט מיט געשרייען פון די בעאַמטע און קראַנקענאויפזעהער צו זייערע מיטהעלפער, ווי זיך מיט די פערוואונדעטע צו בעגעהן. שרעקליכע, אונבעשרײַבליכע סצענעס פון אומגליקען און שמערצען האָט זיך דאָרטען אָבגעשפיעגעלט. אַננאַ איז בלאַס ווי קריידע צוגעגאַנגען צו אַ פאָליציי‏סקען אין וואַרטע-זאַל, וואו מען האָט די טוידטע קערפער אויף דערווייל אַנידערגעלעגט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט דעם נאָמען פון פרוי פאָן דראָסס. קיינער האָט אָבער פון איהר נישט געוואוסט. דער פאָליציאַנט האָט די שוידערערנדיגע אַננאַ צו אַ דאָקטאָר צוגעפיהרט, וועלכער האָט איהר געגעבען אַביסעל קאָניאַק צו טרינקען, זי זאָל צו זיך קומען. אָנהאַלטענדיג זיך אָן דאָקטאָר איז זי פאַרביי די טישען פאַרבײַגעגאַנגען אויף וועלכע עס זענען די טוידטע קערפער געלעגען. מיט גרויס מיה האָט זי זיך אויף די פיס געהאַלטען. מיט פערצוויפעלטער ענערגיע האָט זי זיך געשטאַרקט אום, פון גרויס איבלונג, נישט צו פאַלען אין חלשות. זי האָט אַלע כחות אָנגעשטרענגט און זיך איינגעבויגען איבער אַלע טוידטע קערפער, וועלכע זענען אַזוי צעריבען געווען, אַז עס איז כמעט אונמעגליך געווען צו דערקענען, אַז דאָס זענען אַמאָל מענשען געוועזען. יעדען בעזונדער האָט זי בעקוקט טאָמער וועט זי נאָך די קליידער די גוטע פרוי דערקענען. דאָס האָט געדויערט אונגעפעהר אַ האַלבע שעה. אָ, די האַלבע שעה וועט זי געדענקען אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבען. נישט געפינענדיג וועמען זי זוכט האָט זי מיט אַ צעבראָכען האַרץ דאָס צימער פערלאָזען. — דערווייל זענען אָנגעקומען אַלץ נייע מענשען מיט צוגען אָדער אַזוי מיט פוהרען, וועלכע האָבען מיט ציטערענדיגע הענד און קלאַפענדיגע הערצער זייערע נאָהנטע קרובים און גוטע בעקאַנטע געזוכט. דער צוג, אויף וועלכען דאָס שרעקליכע אומגליק האָט געטראָפען איז געווען אַ לאָקאַל-צוג, וואָס געהט נאָר אַ קורצע שטרעקע, די פאַסאַזשירען, וועלכע זענען מיט איהם צום מאַרק אין שטאָדט געפאָהרען זענען דאָס רוב געווען פון דער אומגעגענד. דער שנעלער טעלעגראַף האָט אָבער די טרויעריגע בשורה אין די וויטסטע

דערפֿער פֿונאַנדערגעטראָגען. —

— איהר האָט אײַער פֿרוי טאַנטע נישט געפֿינען, — האָט דער דאָקטאָר געפּרובט אַננאַ׳ן צו בערוהיגען. — לאָמיר האָפֿען, אַז איהר וועט די דאָזיגע דאַמע געפֿינען אין דעם שטאָדטס־שפּיטאָל! און אפֿשר נאָך גאָר זעהר לײַכט פֿערוואונדעט! ווי ווײַט איך קאָן מיך דערמאָנען, שרעק, אָנגשטרענגונגען איבער די כחות און מידיגקײַט האָבען מיר אײַנגאַנצען די כחות אָבגענומען; די גאַנצע נאַכט האָט מען זיך אַזעלכע אומגליקען אָנגעזעהן, וואָס די האָאר שטעלען זיך קאַפּויר, קײַן וואונדער נישט, אַז איך געדענק נישט די נעמען פֿון די פֿערוואונדעטע, וועלכע איך האָב אין שפּיטאָל אַוועקגעשיקט, נאָר דאָס ווײס איך אויף געווים, אַז אײניגע פּאַסאַזשירען זענען אָבגעקומען מיט גאַנץ לײַכטע וואונדען, בײַ דעם האָט זיך בלויז די הויט אַביסעל אָבגעריבען, דער האָט אַ לײַכטען קוועטש בעקומען! איך האָף, אַז אין אַ שעה אַרום וועלען זי שוין האָבען אַ גענויע ידיעה וועגען אײַער טאַנטע און וועלען שוין זײַן אינגאַנצען בערוהיגט!

——— לײדער קאָן איך נאָך נישט פֿערלאָזען דעם וואָקזאַל און מוז דעריבער פֿון אײַך אָבשייד נעמען! —

דער דאָקטאָר האָט צוגעוואונקען אַ פֿוהרמאַן, וועלכער איז מיט זײַן וואָגען פֿאַר דעם וואָקזאַל געשטאַנען, האָט איהם ערקלערט אין קורצע ווערטער וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און האָט איהם מיטגעגעבען זײַן וויזיט־קאַרטע, וועלכע וועט אַננאַ׳ן בײַן דירעקטאָר און אַסיסטענט פֿון שפּיטאָל צונוץ קומען. — אַננאַ, געפֿינענדיג זיך נאָך אינגאַנצען אונטער דעם שווערען אײַנדרוק פֿון די שרעקליכע אומגליקען און שוידערהאַפֿטע סצענעס, וואָס זי האָט זיך אָנגעזעהן, האָט ציטערנדיג מיט אַלע גלידער געדאַנקט דעם דאָקטאָר פֿאַר זײַן פֿרײַנדליכקײַט און איז אין וואַגאָן אַרײַנגעשטיגען. זי האָט נישט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט און האָט קײן וואָרט נישט געקענט רעדען. גערעדט האָט פֿאַר איהר דער פֿוהרמאַן און שפּעטער אײַנע פֿון די באַרעמהערציגע שוועסטער. מעכאַניש איז זי נאָך די פֿיהרערין דורך לאַנגע קאָרידאָרען דורכגעגאַנגען, ביז זי איז צו אַ טהיר צוגעקומען. דאָס האַרץ האָט בײַ איהר געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער, איהר גאַנצער קערפּער איז איהר ווי אײַז קאַלט געוואָרען. צווײ באַרעמהערציגע שוועסטער האָבען זיך שטיל עצות געהאַלטען. אַננאַ׳ן איז זײער שעפּטשען ווי דאָס ווײַטע ברויזען פֿונ׳ם ים פֿאָרגעקומען. ענדליך

(פֿאָרטזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּאַ ספּאַנאָ.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 7).

— זאָג מיר, דו אַרבייסט האָטש ווען ניט איז?

ער האָט מיט'ן קאָפּ אויף ניין געשאָקעלט.

— ניין, מיט אַנ'אמת, איך וויל דאָס וויסען. ווען איך וואָלט נישט געקומען, וואָלסט דו נאָך אַלץ געזעסען און געוואַרט אויף מיר? דו זעהסט אָבער אויסגעצייכענט אויס, בעסער, פיעל בעסער ווי פריהער. אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל דיר נישט געזעהן זיצענדיג ביים שרייב-טיש. דו קלערסט דאָך מסתמא נישט, אַז איך וויל דיך פון דעם אָפּרייסען?

ער האָט פערשטאַנען איהר מיין. זי האָט איהם בעגעהרט אין גאַנצען, זאָגאַר זיצענדיג ביים שרייב-טיש. — זי האָט מורא, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַז איך בעהאַלט זיך פאַר איהר, ווען איך שאַפף עפּיס, אַז איך פערבאָרג אין זיך אינעווייניג נאָך אַנ'אַנדער לעבען, וואָס געהערט נישט איהר. ווען זי וואָלט געוואוסט ווי זי איז זיך טועה!

זי האָט בעמערקט דעם שליסעל אין שופלאָד, האָט זיך צו איהם אַ וואָרף געטהון און אַרויסגעכאַפּט אַ מאַנוסקריפּט.

— אָט ביזטו אַריינגעפאַלען! דאָס האָסט דו מיר נאָך נישט געוויזען. אַזאַ שענע זאַך.

דאָס ערשטע מאָל איז איהם אויסגעקומען צו זעהן, אַז זי בעציעהט זיך צו עפּיס מיט אַכטונג. אין בעסטען אָרדנונג האָט זי אַוועקגעלעגט די בלעטער אויפ'ן טיש.

— נו, יעצט זעץ זיך!

— איך מוז שרייבען? דושעממאַ, בעדענק זיך נאָר, דריי לאַנגע טעג האָב איך זיך געריסען צו דיר!

— אַז דו וועסט נישט שרייבען בעדאַרף איך דיר גאָרנישט!

ער האט זיך ענטשולדיגט. מיט א טרויעריגע מינע האט ער איבער-געבלעטערט דאס אנגעשריבענע, מיט גרויס מיה האט ער זיך דערמאנט דעם זאץ, וואס איז שוין ביי איהם אין די געדאנקען פארטיג געוועז. ער האט עס אנגעשריבען — און דערמיט האט זיך אלעס געענדיגט. ווען ער האט די אויגען אויפגעהויבען איז ד ז ש ע מ מ א געשטאנען אין גאנצען א נאקעטע מיט די הענד איבער'ן ברוסט פערוואָרפען.

— נו, יעצט שרייב, — האט זי שטיל און מיט אכטונג געזאגט.

ער איז געזעסען גלייך, אין גאנצען א בלאסער און זיך געביסען די ליפען. זי האט זיך אנגעהויבען ארום איהם דרעהען: זי האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי א ווייסער, זעהר גרויסער בלום, וואס דרעהט זיך ארום איהם און בלאזט אויף איהם א קיהל מהיהדיג ווינטעל.

— איך וויל, דו זאלסט פון מיר בעגייסטערונג בעקומען, — האט זי געשעפטשעט.

זי האט זיך צו איהם מיט איהר נאקעטען לייב צוגערידהט. דאס גאנצע בלוט זיינע האט זיך איהם אין פנים הוואליעס-וויז אריינגעשפארט. א, יא, בעגייסטערונג! געפיהלען פון נישט ערקלערבארע עמפפינדונגען זענען אין זיין הארץ אויפגעשטיגען, — עפיס א גאנצער יונגער וואלד פול מיט גייסטער, מיט בלומען און גראזען פון די אנגענעהמסטע ריחות, א וואלד פון וועלכען עס רוישען און ברילען די ווילדעסטע חיות. ער איז געוועזען אונבעהאלפען, נישט איינעם פון זיינע ברויזענדע געפיהלען האט ער נישט געקאנט בעהערשען, פון דעם אלעם וואס קומט ביי איהם יעצט פאר האט ער זיך קיין שום בילד נישט געקאנט צוזאמענשטעלען, נישט איין איינציג וואָרט געפונען. — דאס אלץ וועט קומען שפעטער, שפעטער...

ער האט איהר געזעהן שטעהן פאר איהם אויפ'ן שוועל בעגאסען מיט זונענגלאנץ. איהר הויט-פארב איז געוועזען ראזיג און אנידלער קוים פיהל-בארער ריח, וואס צעגיסט זיך אין אלע גליעדער האט זיך פון איהר יעדערן אדער'ל געטראגען. ווי א רייצענדע גאזעל האט זי אויסגעזעהן, איהרע פונאנדערגעלאזטע האר האבען זיך ווי ביי א וואסער-נימפע ארום איהר לייב געוויקעלט.

זי האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אנ'אונשולדיגער מלאך, וואס קומט ערשט פון הימעל אראבגעפלויגען, בעגאסען מיט הימלישען ליכט, שוועבט לייכט און געשווינד פאר זיינע אויגען און בלענדעט זיי, אזוי אז ער קאן קוים קוקען אויף די ערדפארבינע טאפעטען אויף דער וואנד. אט קוקט זי זיך אין איהם איין פון זיינע אקסעל אראב און אט ווערט

זי װידער װי אַ געהײמער גײַסט פֿערשװאונדען נישט איבערלאָזענדיג גאָר־נישט, אויסער אַ לײַכטען ריח, װאָס איז ענליך צו די שפּור פֿון עפּיס אַ פֿער׳כישופֿט׳ען חלום.

און פּלוצלונג איז זי שוין געשטאַנען דאָרטען, בײַם עק פֿון זײַן ברײטען טיש מיט הויכע אויסגעשטאַרצטע האָר איבער דעם אָן אַ זײַט אָבגעבויגענעם פּראָפֿיל, מיט דעם יונגען אויסגעבויגענעם האַלז, מיט אײן האַנד בײַם ברוסט, און די אַנדערע בײַ די פֿערשלאָסענע לענדען — אַ װאָרע װענוס...

— װען דו װעסט נישט שרײַבען... האָט זי ענדליך געזאָגט.

ער האָט אָנגעהויבען האַקען אויפֿ׳ן פּאַפּיער אַלץ װאָס ס׳איז אים נאָר אַרײַנגעפֿאַלען אין קאָפּ. זי איז נײַגעריג נעהנטער צו אים צוגעגאַנגען, האָט זיך געזעצט אויף דעם פֿאָרענטש פֿון זײַן שטול און האָט אָנגעהויבען קוקען. ער האָט געזעהן, װי עס ציטערן די מוסקולען פֿון איהרע דינע פּיס און האָט װײַטער געשריבען. איז דען נישט אַלץ אײנס: ער האָט גע־פּיבערט פֿאַר זיסער בעפֿרידונג. ער האָט זיך געפֿיהלט װי אויף עפּיס אַ געפֿעהרליכע הויכקײַט, העכער פֿאַר אַלץ װאָס האָט זיך אים אַמאָל אויסגעדאַכט פֿאַר דאָס העכסטע אין דער װעלט. די קונסט? די קונסט צו װעלכער מען קאָן קײנמאָל נישט צוקומען? צוליעב װעלכער ער האָט זיך געלאָזט דאָס גאַנצע לעבענס־האַפּט אויסנאָגען און איז אַזוי אויסגעמאָ־גערט, אַזוי אויסגעדאַרט געװאָרען, צוליעב װעלכע ער האָט זיך פֿון דער מענשהײַט ענטזאַגט, אום צו װערען אַ קאָמעדיאַנט. אַה, און װאָס טהוט ער יעצט? שפּיעלט װידער אַ קאָמעדיע. יעצט איז שוין אַפֿילו די אַרבײט זײַנע, די אַרבײט בײַם שרײַב־טיש, די קונסט גופֿא אַ קאָמעדיע בײַ אים געװאָרען, און די דאָזיגע קאָמעדיע האָט ער אין נאָמען פֿון דער ליעבע געשפּיעלט!

דזשעממאַ האָט זײַן קאָפּ אַרומגענומען און אים אַהינטערגעבויגען, גלײַך װי זי װאָלט געװאָלט אַהײם פֿיהרען אַ קינד, װאָס האָט אַ גאַנצען טאָג אַרומגעבלאָנדזשעט נישט געפֿינענדיג זײַן הײם.

שטיל האָט זי זיך צו אים צוגעבויגען, בכדי איהר לײַדענשאַפֿט צו בעפֿריעדיגען, האָט אים מיט ברענענדיגע קושען בעשאָטען. ער האָט זיך אין גאַנצען אין איהר קערפּער פֿערװיקעלט, װעלכער איז מיט איהר ליעבלינג־פּערפֿום איבערן דורכגעזאַפּט געװען.

צו מיטאָג האָט זי געמוזט זײַן אין דער הײם. זי איז אין טואַלעטענ־צימער אַרײַנגעגאַנגען. באַלד נאָך איהר אַרויסגעהן האָט ער זיך דערפֿיהלט

העכסט אומגליקליך, אגאנצע שעה האט ער געמוזט זיין אהן איהר.

— איך קאן גאר מיט איהר נישט זאט ווערען, — האט ער צו זיך אליין געזאגט פערדריסליך. מיר דאכט זיך, אז איך וועל דורך איהר קיינמאל גארנישט אבגעשוואכט ווערען. פערקעהרט, זי מאכט מיר נאך שטארקער, איך פיהל מיך יעצט געזונדטער און מונטערער ווי אלע מאל, דער אפעטיט איז מיר בעדייטענד בעסער, איך רייט יעצט אויף מיין פערד אהן שום אנשטרענגונג, האב זיך מיר גוט איינגעאיבט אין פעכטען. איך קלער וועגען גארנישט — איך בין גליקליך!

און אט אין וואס עס בעשטעהט דאס גליק: ווערען א קערפער. מיין קראנקע פאנטאזיע האט ביז יעצט געשטרעבט נאך עפיס, וואס האט מיר עמפפינדליך געמאכט און מיר פון מענשען דערווייטערט. שטענדיג האב איך די פרויען נישט נאר מיט מיין קערפער געליעבט, נאר אויך מיט מיין גייסט, איך האב געליעבט יענע פאנטאזיעס, וועלכע איך גופא האב אין זיי בעשאפען. דאס איז א דאפעלטע ליעבע געווען און דאס האט מיך אבגעצעהרט. יעצט אבער, ווען איך ליעב נאר מיט'ן קערפער אליין, א ליעבע ווי די מענשליכע נאטור פאדערט, יעצט וועל איך ווערען געזונד, אין גאנצען געזונד. ה ז ש ע מ מ א איז נישט קיין פוסטע פאנטאזיע, זי איז א ווירקליכקייט, און איך גופא בין שוין אויך נישט מעהר קיין פאנ־טאזיאר. איך בין יעצט א קערפער וועלכער ווערט נישט פערצעהרט אויף דעם השבון פון גייסט, איך האלט יעצט די גלייכגעוויכט צווישען קערפער און גייסט, איינער זאל דעם אנדערן נישט איבערשטייגען און איך בין דערמיט העכסט צופריעדען. איך ליעב זי אהן געהיימע געדאנקען, אהן די בענקשאפט פון פראסטער ליידענשאפט, פונקט אזוי ווי זי האט גע־וואלט געליעבט ווערען, ווען זי האט זיך מיר אמאל ביי נאכט אין די ארעמס געווארפען! איך וועל שוין מעהר נישט שרייבען קיין פאנטאסטישע ראמאנען, איך וועל גארנישט שרייבען מעהר. איך האב יעצט בלויז לעבע־דיגע פארשטעלונגען פון קערפערשאפט. איך זעה זי אין דעם יעצטיגען אויגענבליק אזוי דייטליך, גלייך ווי זי וואלט גאר פון מיר נישט האבען אוועקגעגאנגען. מיין מארך, דאס גאנצע בלוט מיינע איז מיט איהר לייב אנגעפילט, מיט איהרע הענד, וועלכע זעהען ווי בלומען שטענגלעך אויס, אנגעפילט מיט איהרע לאנגע, עדעל אבגערונדעטע לענדען, וועלכע עפע־נען זיך פאר מיר. איך בין ווי אין א נעץ מיט איהרע גראציעזע בעווע־גונגען פערפלאכטען. זי איז פול אין מיר, אין מיין הויז, אין מיין גארטען. אין דעם היגעל: אומעטום איז זי פול, האטש זי גופא איז ווייט פון

דאַנען, — אומעטום װוּ איך איהרע בעװעגונגען, װאָס זענען גלײך װי די בעװעגונגען פֿון אַנ׳עדעלער רױז, װי זי צעלאָזט איהרע בעשײדענע בלעטלאַך פֿונאַנדער און פֿערשפּרײט אַנ׳ אָנגענעהמען גערוך.

זי איז צוריקגעקומען, שוין אַנ׳אָנגעטהוענע. בײם געזעגנען אָבער, װען זײ האָבען זיך אַזױ האַרציג צעקושט, איז זי װידער האַלב אַנ׳אױסגעטהונענע געלעגען אין זײנע אָרעמס.

— איך געה שוין ניט מעהר אַהײם! — האָט זי געזאָגט און לײדענשאַפֿטליך מיט די פֿיס געקלאַפּט, — מיר װעלען בײדע צוזאַמען מיטאָגען.

ער האָט איהר אַרײנגעפֿיהרט אין אַ צימער, װאו דאָרטען זענען די הײסע זונען שטראַהלען ניט אַזױ צוגעקומען, דער פֿענסטער פֿון יענעם צימער איז אַרױסגעגאַנגען אין גאָרטען, װאו עס זענען געשטאַנען ערשט גרינגעװאָרענע בױמער און זיך װי צו אַ תפלה געשאָקעלט, אַ מאַרמאָר פֿיגור האָט זיך צום האַלב-בלױען ים אַרױסגעבױגען, פֿון די נאָהענטע פֿעלדער האָט זיך דורך די אָפֿענע פֿענסטער אַ פֿרישער ריח געטראָגען און פֿון ים האָט אַ לײכט װינטעל געבלאָזען.

מ אַ ל װ אָ ל ט אָ האָט דאָס עסען בײם שװעל נאָך פֿון דיענער׳ס האַנד אַרױסגענומען און אַלײן עס אױף דעם טיש געשטעלט.

— עפּיס שרעקסטו זיך הײנט צופֿיעל! — האָט ד ז ש ע מ מ אַ געזאָגט.

— איך שרעק מיך ניט, מײן טײערע, איך בין איבערזיכטיג, — האָט ער זיך אָפּגערופֿען. אַפֿילו אָט דער גלאָטישקער, דער אױסגעטריקנעטער שאַרבען בעדאַרף ניט זעהן דאָס מינדסטע שטיקעל לײב דײנס, װעלכעס שײנט אַרױס דורך די העמד-שפּיצען װאָס אױף דײן ברוסט. אַלץ איז מײנס!

ניט ענטפֿערענדיג און בײסענדיג די ליפּען מיט די צײהן, האָט זי אַראָפּגעריסען פֿון זיך אַלץ, װאָס האָט נאָך איהר קערפּער בעדעקט. ער איז צו איהרע קניע מיט זײנע ליפּען צוגעפֿאַלען.

האָב איך דיר דען שוין אַמאָל ניט געזאָגט, — האָט זי מיט אַ צופֿריעדענעם שמײכעל געשעפּטשעט, אַז פֿאַר דיר װיל איך שטענדיג שטעהן נאַקעט!

ער האָט זיך אױפֿגעהױבען.

— עס קאָן זײן, אַז „פּאַן" דער גאָט פֿון די פּאַסטוכער קוקט אױף אונז פֿון פֿעלד אַרױס, װײטער זעהט אונז קײנער ניט.

(פארטזעצונג קומט).

געלסויערס.

טויט אדער לעבעדיג.

(הומארעסקע, פון ענגלישען).

א יוריסט און זיינער א בעקאנטער זענען געזעסען ארום א גלעזעל ביער.

— די טעג — האט זיך אבגערופען דער יוריסט — האב איך זיך געראַיעט אין די פאפיערען פון מיין פערשטארבענעם פאטער און אין מיינע הענד איז ארייגעפאלען אנ'אינטערעסאנטער אויסשניט פון א ציימונג. א משונה'דיגער דאָקומענט. ווילט איהר, וועל איך עס אייך דורכלעזען.

— לייענט דורך — האט געזאגט דער בעקאנטער.

דער יוריסט האט גענומען לעזען.

„נעכטען איז אין א לאנדאנער פאָליציי-געריכט פארגעקומען א פאקט, וועלכער קאן גערעכענט ווערען פאר אַ סענסאציע אין זיין ארט. אין געריכט איז אריין אנ'אָרים-געקליידעטער אונבעקאנטער מיט אנ'אָנשטענדיג אויסזעהן און זיך געווענדעט צום ריכטער:

— ערלויבט מיר אייך צו שטעלען איין פראגע, סער?

— ווען איך קאן אייך נאר ענטפערן, מעגט איהר פרעגען.

— די פראגע איז: „בין איך טויט אָדער לעבעדיג?"

— ארויס!

— איך פרעג אייך גאנץ ערנסט, סער. פאר מיר איז עס א לעבענס-פראגע. איך בין אנ'ארבייטער.

— איהר זענט ביים פולען פערשטאנד?

— געוויס.

— ווי אזוי קומט איהר צו מיר מיט אזא פראגע?

— איך בין אנ'ארבייטסלאזער, סער.

— וואס פאר א שייכות האט עס צו אייער פראגע?

— אָט וועלכע שייכות, סער. איך געפין זיך צוויי חדשים אָהן ארבייט. איהר ווייסט דאך געוויס, אז אונזערע, ארבייטסלאזע, זענען פארהאן צעהנדלינגער טויזענד.

— בוט! ווייטער!

— איך געהער נישט צו קיין איין פערבאנד. איך בין א יובעליר-ארבייטער און פון דעם פאך זענען קיין פערבאנדען נישטא.

— איך וויים, איך וויים.

— איך האב געזוכט און געזוכט און קיין ארבייט נישט בעקומען. איצט בין איך געבליבען אהן מיטלען.

— האט איהר זיך געווענדעט אין ארמען-קאמיטעט פון אייער ראיאן?

— זיך געווענדעט. דארט איז אלץ איבערפולט.

— און צום וואהלטעטיגקייט'ס-פעראיין האט איהר זיך געווענדעט?

— זיך געווענדעט, סער? און צום פאסטאר האב איך זיך שוין געווענדעט.

— האט איהר דען נישט קיין קרובים, אדער פריינד, וועלכע וואלטען אייך גע-קאנט העלפען?

— איך האב אייניגע פריינד, נאר זיי זענען אייך ארבייטסלאזע און קבצנים.

— האט איהר א פרוי, קינדער?

— ניין, סער.

— אזוי; עס זענען דאך פארהאן ארבייטער-הייזער פאר ארימע; איהר האט דאס רעכט...

— איך בין שוין געווען איז אזעלכע צווי הייזער, נאר נעכטען אין אווענד האבען צעהדליגער ארבייטסלאזע נעמוזט אוועקגעהן פון אזעלכע הייזער, ווייל עס איז דארט קיין ארט מעהר נישטא... איך בין הונגעריג, סער: איך האב דאס רעכט צו ארבייטען?

— נאר אין אנ'ארבייטער-הויז.

— איך האב דאך אייך געזאגט, סער, אז מען האט מיך דארט נישט צוגענומען. קאן איך עמיצען צווינגען, אז ער זאל מיר געבען ארבייט?

— ניין.

— איך בין זעהר הונגעריג, סער; ערלויבט מיר צו בעטען נדבות אויף די גאסען.

— ניין, ניין! איהר ווייסט דאך, אז דאס קאן איך נישט ערלויבען.

— אפשר מעג איך גנבענען?

— וואס נאך?! פערדרעהט מיר נישט דעם קאפ מיט אייערע נארישע פראגען.

— אבער, סער, ביי מיר איז דאס אנ'ערנסטע זאך. איך קאן דאך פון הונגער נישט שטארבען. אפשר וועט איהר מיר ערלויבען פערקויפען מיין מארינארקע, אדער מיינע הויזען? — און דער אומבעקאנטער ארבייטסלאזער האט אבגעשפילעט זיין מארינארקע און בעוויזען זיין געבלויזטע ברוסט. — מעהר האב איך נישט וואס אנצוטהון....

— מען טאר אויף די גאסען נאקיטערהייד נישט ארומגעהן. איך קאן אייך נישט ערלויבען עובר צו זיין אויפ'ן געזעץ.

— גיעט מיר, וועניגסטענס, אַנ׳ערלויבניש צו שלאָפען אויפ׳ן גאס, אז מען זאל מיך נישט ארעסטירען.

— איך האב אייך דאך שוין געזאגט, אז אונגעזעצליכעס קאן איך אייך נישט ערלויבען.

— היינט וואס זאל איך טהון, סער. איך זאג אייך דעם אמת, איך האב אליין נישט געוואלט שטערען דאס געזעץ. אפשר קאנט איהר מיר געבען אנ׳עצה, ווי צו לעבען אהן עסען?

— איך וואלט אייך גערן געגעבען, ווען איך וואלט געהאט.

— דערום פרעג איך אייך דאך טאקי: צי בין איך לויט׳ן געזעץ טויט אדער לעבעדיג?

— אויף דער פראגע קאן איך אייך נישט ענטפערן, ליעבער פריינד. דא האט איהר א שילינג און נעהמט אייך געזונדערהייט...״

דער יוריסט האט געענדיגט.

איבערזעצט ל — ר.

אפאָריזמען.

זיין גליקליך הייסט — איבערלעבען דאס אונגעדולדיגעס, רייסען זיך צום גליק. עס וואלט נוט געווען, ווען פון צייט צו צייט וואלט פאר אונז ארויסגעטראטען א מאן, וועמען דאס מזל האט געשאנקען אנ׳אנזיכטיגעס, זיכערעס, איבערמענשליכעס גליק, און דער דאזיגער מאן זאל אונז איינפאך זאגען:

איך בעזיץ אלץ, צו וואס אייערע פערלאנגען ציהען זיך אלע טאג: איך האב עשירות, געזונד, יוגענד, כבוד, מאכט און ליעבע. איצט קאן איך מיך אנרופען א גליקליכער — ניט צוליעב די מתנות, וואס דאס גליק האט מיר געבראכט, נאר דערפאר, וואס די דאזיגע מתנות האבען מיך געלערנט ווי צו פעראכטען דאס גליק.

מעטערלינק.

ליטעראַרישע נייס.

אין דייטשלאַנד האָט די לעצטע צייט זיך בעוויזען אויפ'ן ליטעראַרישען מאַרק אַ ראָמאַן פון טשאַרל לעווע. דער דייטשער קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס", וועלכער האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסע סענסאַציע. דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן איז נעמליך דער דייטשער קייזער ווילהעלם, אַלס ער איז נאָך געווען אַ פּרינץ. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער צייט פון דעם גאָלדענעם יובילייאום פון דער קעניגין, דערביי האַנדלען אַלע פּערזאָנען פון ראָמאַן מיט זייערע עכטע נעמען, און דער טיטול פון ראָמאַן איז „די שטיק פון פּרינץ" („דעם פּרינצען שטרייכע").

לויט דער אַרויסגעבער פערזיכערט, האָט דער אויטאָר פון ראָמאַן געהאַט בדעה צו געבען אַ ריכטיגעס בילד פון דער פּסיכאָלאָגיע פונ'ם קייזער, וועלכען, ווי עס איז בעוואוסט, די ענגלענדער האָבען ניט בעזונדערס ליעב, און דערמיט העלפען צו דערנעהנטערן די צוויי גרויסע פעלקער.

דאָך איז דער פאַרטרעט פון קייזער אַרויסגעקומען ניט גאָר געראָטען. דער אויטאָר בעשרייבט עטליכע פּאַסירונגען פון פּרינץ, צוויי פון זיי פּאָליטישע, נאָר זיי דערמאָנען ניכער די שטיק פון שערלאָק האָלמס. אין איין פּלאַץ אין ראָמאַן ווערט, למשל, דערצעהלט, ווי אַזוי דער פּרינץ קריגט אַריין אין זיין האַנד וויכטיגע דעפּעשען, דורך וועלכע ער פערהיט אַן ענגליש־רוסישע מלחמה, ער בעזוכט בסוד אַנאַרכיסטישע פערזאַמלונגען, נעהמט איבער געהיימע ביסמאַרק'ס טעלעגראַמען, וועגען דער בעוועגונג פון רוסישען חיל אויף דעם דייטשען גרענעץ א. אַז. וו. א. אַז. וו.

דער ראָמאַן פערקויפט זיך זעהר גוט, עס איז אָבער אַ ספק, צי וועט ער פערווירקליכען די האָפנונג פון אויטאָר — אַרויסצורופען צווישען די ענגלענדער אַ סימפּאַטיע צו ווילהעלמ'ען: ניכער פערקעהרט...

Гедизд. Я. ЛИДСКIИ, Европейская Литература, То 8
Тип. Г. Кимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

קופּאָן פיר ניט אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ. אין ווארשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ, די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָהלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.

9 טע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט:

1) ערשט אנ'אנהויב. — אויגוסט סטרינדבערג.
2) זשולעטא (פון פראנצויזישען). — ק. מענדעס.
3) יאפאנישע ליעדער.
4)ביידע האבען געווינגט. — ק. לעמאניע.
5) דער נסיון פון א גלה. — ל. בראנקא.
6) דער שטן. — יאלמאר סיעדערבערג.
7) פרייליין מוטער (ראמאן). — ע. נעארני.
8) פיפא ספאנא (ראמאן). — ה. מאן.
9) אייראפעאישער הומאר. 10) אפאריזמען.

אויגוסט סטרינדבערג.

ערשט אנ'אנהויב.

דער מאן האט געהייסען ביארן, דאס ווייב — טארהערדא. געווען בײַ די צווײַ זיהן, איינער טארע, איינער — אן. טארע האט געדיענט אין דער לייבגווארדיע בײַם קעניג, אן איז געליגען אין דער היים אין קיה און האט געברענט קויהלען.

אן האט שוין געהאט אויף זיך פערצעהן ווינטערען, נאר טהון האט ער גארנישט געוואלט; איז זיך געזעסען גאנצענע טעג אין דערהיים זיך געהאלטען מיט איין האנד פאר'ן קאפ, מיט דער צווייטער — געשארט די קויהלען אין אויווען.

דער משפחה איז עס זעהר ניט געפעלען.

אריינגעקומען ביארן.

— נו, בחור, צייט דיר אנצוהויבען עפעס צו טהון. די לופט איז

וואַרעמער, די ערד איז אָבגעגאַנגען. הויב זיך אויף געשווינדער, העלף אונז אַראָבצופיהרען דעם טאָרף פון פעלד.

— לאָמיך פריהער דערוואַקסען ביזן צייכען, וועל איך געהן מיט אייך. דערוויילע קאָן איך נאָך ניט.

— ביזט אַ גרויסער לא יוצלח, מיין זוהן, אַ גאַנץ קנאַפּען נחת האָב איך פון דיר. אָט דער עלטערער איז אַ יונג מיט ביינער, און דו — טויגסט נישט אַ קאַץ אַנ'עק צו פערבינדען.

ביאָרן איז צוגעגאַנגען נעהנטער, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט און איז אַרויס פון הויז.

ער האָט געמאַכט אַ צייכען אויף דער וואַנד, זיבען פיס הויך פון דער ערד, און די קרובים האָבען איהם איינגערעדט, אַז אַ מאַן ווערט ער ווערען ערשט ווען ער וועט דערוואַקסען ביזן צייכען.

ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ שוואַרץ יאָהר. אַלע קרובים זענען איהם איבערגעוואַקסען אויף אַ היבש ביסעל, דעריבער זענען די הויזען, אָנקומענדיג צו איהם, געווען אַזוי אָבגעטראָגען, דאָס זיינע קניען האָבען געשטעקט דרויסען. זיין רעקעל אויף די עלענבויגענס איז אויך געווען דורכגעריסען. פון רויך זענען זיינע האָר געוואָרען געל און דאָס פנים שוואַרץ. האָבען אַלע געלאַכט פון איהם. די מוטער האָט איהם געוואָלט קויפען צו „קריסטוס-געבורט" אַ נייעם קאָסטיום, האָט ביאָרן געזאָגט, ער קומט איהם ניט.

אין הויז זענען אַרומגעלאָפען חזירים און האָבען פערשמוצט אַלע הפצים. נאָר איין חזירל איז געווען לייטישער פון די אַנדערע און האָט נישט פעראומרייניגט די שטרויה, אויף וועלכער ער איז געשלאָפען. דערפאַר האָט איהם ער געהאַלטען פאַר זיין פריינד און איהם אָנגענומען געגעבען גראָטטע.

יעדעס מאָל ווען דער פאָטער האָט אָנעין געזידעלט, האָט ער פערפאַסט אַ נייַ ליעד פאַר גראָטטען. אַ הויך גראָטטען האָט קיינער די דאָזיגע ליעדער ניט פערשטאַנען, דעריבער האָבען אַלע געהאַלטען אָנ'ען פאַר אַ משוגענעם. בלויז גראָטטע אַליין פלעגט צולויפען צו איהם, זיך זעצען אויף די הינטערשטע פיס און הערען, מיט אויפגעשפיצטע אויערען און מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: — מהיה נפשות!

דער פריהשטיק איז פאַרטיג געוואָרען.

— נעהם נאָר אַראָב דאָס טעפּעל פון פייער. — האָט איינער פון די קרובים געבעטען אָנ'ען.

— כ׳וויל ניט, — האָט ער געענטפערט.

דער קרוב האָט אָנגענומען אַ לעפעל געקעכטס און אַ פליוך געטאָן אָנ׳ען אין פּנים. ער האָט אָבגעווישט דאָס פּנים און געשוויגן.

— וואָס שווייגסטו איהם, אָן? דערלאַנג איהם אַ גאָב! — האָבען די אַנדערע געשריגען.

— איך קאָן נישט, — האָט ער געזאָגט און זיך אַוועקגעלעגט אויפ׳ן שטרויה.

געקומען דער פריהלינג, און דאָס אייז אויף די בערג האָט זיך אָנגעהויבען שמעלצען. גראַטטע איז געוואָרען אונרוהיג, דען אין הויז איז געווען אַ יונגע „זי״. גראַטטע האָט שוין ניט געוואָלט הערען אָנ׳ס ליעדער און איינמאָל איז ער זאָגאַר נעלם געוואָרען אויף אַ גאַנצע נאַכט. געקומען איז ער ערשט אין דערפריה און האָט געוואָרפען אַ דערשראָקענעם קוק זיין די טהיר פון קיך. ער האָט איהם געוואָלט צורופען צו זיך, אָבער גראַטטע האָט זיך בעהאַלטען אונטער אַ קאַסטען מיט מעהל.

דאַן האָט ער גענומען זינגען:

וואַנדערער, שרעק זיך פאַר׳ן פריהלינג!
זעה: דאָס אייז איז ברעכיג, דין
און דער שנעע דער פאַלשער — טיעף.
שרעקליך איז די בערג-לאַווינע,
שטורמיש יאָגט דער שטראָם און שנעל,
און געדיכט, געדיכט — די וועל...

גראַטטע איז אַרויסגעקראָכען פון אונטער׳ן מעהל-קאַסטען, און ער האָט איהם אויסגעווישט די טרערען מיט זיין אַרבעל. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מען די „זי״ געפונען אַ טויטע.

ווען די ערד האָט זיך בעדעקט מיט גרינס, איז ער אַראָב אין טאָל.

דעם שכנ׳ס טאָכטער איז געלעגען ביי׳ם טייכעל און האָט געוואַשען די נייע לייווענד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, האָט פערדעקט זיינע הענד צווישען די קניען און געקוקט.

— וואָס איז, ס׳איז דיר קאַלט אין די קניען? — האָט דריפאַ געפרעגט.

ער איז רויט געוואָרען איבער די אויערען.

— אַנעלע, העלף מיר אַרויפטראָגען דעם ציבער אויפ׳ן באַרג.

ער איז אויפגעשפרונגען און האָט אַרויפגעשטעלט דעם ציבער צו זיך אויפ׳ן קאָפּ.

דריפאַ האָט זיך צעלאַכט.

— פארוואס לאכסטו פון מיר?

— ארעמער אן, מ'זאגט, ביזט פון זינען.

ער האט זיך געהאפט פאר'ן קאפ און געטראכט.

דאן האט דריפא זיך אזוי פונאנדערגעלאכט, דאס די ברוסט האט אנגעהויבען טאנצען ביי איהר אונטער'ן העמד.

דערווייל איז צו זיי אונטערגעקומען טארע און האט גענומען דריפא'ן צו זיך אויף די קניען. אן איז פלוצים בלאס געווארען און האט אויפגעהויבען א שטיין. אבער דא איז אונטערגעלאפען גראטטע און האט אנ'עז אזא ציה געטהון פאר'ן רעקעל, דאס ער האט איהם אבגעריסען א גאנצע פאלדע. אן האט אבגעלאזען דעם שטיין און האט זיך אויסגעקערעוועט. טארע און דריפא האבען ווידער גענומען לאכען. אן האט זיך פערשטעקט די אויערען מיט די פינגער און איז אוועקגעלאפען אהיים.

אנהויב פריהלינג האט מען זיך געקליעבען שפיעלען התונה ביי טאר'ען. צוליעב דעם איז אלעס אין הויז געווען מיט'ן קאפ אראב.

איין פריהמארגען איז גראטטע געקומען צולויפען א דערשראקענער און האט זיך בעהאלטען הינטער אנ'ען. נאך גראטטען האט זיך געיאגט דאס גאנצע הויזגעזינד. אן האט געהאפט א קאטשערע און געפאכט מיט איהר אין אלע זייטען. נאך אזא אבשניט האבען די קרובים גראטטען ניט געטשעפעט דעם גאנצען טאג.

אויף מארגען אין דער פריה איז גראטטע פערשוואונדען.

אן איז אויפגעשפרונגען פון בעט. אויפ'ן אויוען איז געשטאנען דער גרעסטער טאפ, אין איהם האט זיך געקאכט גראטטע'ס קאפ און האט מיט פעראיבעל געקוקט אויף אנ'ען.

דאן האט אן געזונגען:

ווארס זינגסטו אזוי טרויעריג, טאפ דו טאפ?
שלאפט מיין גראטטע דעם עביגען שלאף.
שטייגט דער רויך צום הימעל ארויף,
ליעגט מיין גראטטע, מיין פריינד, זאהן א קאפ.
געטויט האט מען דיך אזוי פריה!
פערצייה מיר דעם טויט פון דיין „זי".
קוק נישט מעהר אזוי אויף מיר,
שטיל און רוהיג ליעג זיך דיר.

ער האט זיך אוועקגעלעגט אין א ווינקעל און האט פערגראבען דעם קאפ אין שטרויה.

אַרײַנגעקומען ביאָרן און האָט אים גענומען טרײַסלען.

— בנאָך! שטעה אויף און געה העלף דעם ברודער.

אָן האָט געשוויגען.

— הערר נאַר, ביזט שוין אַ מאַן — און וואַלגערסט זיך דאָ, ווי אַ נבלה אין שמוץ.

אָן האָט געשוויגען.

ביאָרן האָט געהאַפּט אַ בראָטשפּיז און האָט מיט אים דערלאַנגט דעם זוהן איבער׳ן האַלז.

אָן האָט זיך אויסגעקעהרעוועט.

ביאָרן האָט איהם ווידער געגעבען אַ קלאַפּ.

אָן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן עלענבויגען און אַ קוק געטהון דעם פֿאָטער אין די אויגען.

ביאָרן האָט אויפֿגעהערט צו שלאָגען.

— שטעה אויף!

אָן האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

ביאָרן האָט נאָכאַמאָל אַ זעץ געטהון און איבערגעבראָכען דעם בראָט־שפּיז אויף צווייען.

— נו, טאַטע, ס׳וועט זײַן גענוג! — האָט אָן געזאָגט און האָט אַוועק־געזעצט דעם פֿאָטער אויף דער באַנק מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז די באַנק האָט געפּלאַצט.

— עהע, ביזט דאָך עפּעס אַ גבור! — האָט זיך ביאָרן פֿערוואונדערט.

— נאָך ניט, — האָט אָן געזאָגט.

— פֿאַר וואָס־זשע אַרבײַסטו ניט?

— כ׳בין נאָך ניט דערוואַקסען ביז׳ן צײַכען.

— ביז׳ן צײַכען וועסטו קיינמאָל ניט דערוואַקסען.

— כ׳וועל נישט דערוואַקסען?

אָן האָט זיך געהאַפּט פֿאַר׳ן קאָפּ און זיך פֿערטראַכט.

ביאָרן איז אַוועק.

אָן איז אַזוי אָפּגעזעסען ביז נאַכט און האָט אַלץ געקוקט אויפ׳ן צײַכען אויף דער וואַנד. דערנאָך איז ער פֿערשוואונדען פֿון הויז אויף דרײַ טאָג.

טאָר׳עס התונה איז בעשטימט געווען אויפ׳ן דריטען טאָג. אָן איז געקומען אַהיים מיט אַ שטוהל אויף די פּלייצעס.

צו׳ם אַלעם ערשטען איז ער אַרײַן צו׳ם שכן אין הויף און האָט זיך

אונטערגעגנב'עט צום פענסטער פון ווייבערשען צימער. פון דארטען איז ער געקומען צולויפען צו דער מוטער זעהר אויפגערעגט.

— נא, מאמע, דאס איז פאר דיר! — האט ער געזאגט, אוועקשטעלענדיג דעם שטוהל.

— וואס זאל איך דערמיט מאכען?

— זעץ זיך און רוה זיך אב.

— ביין דיין שטוהל, זיהנוניו, זענען די פיסלעך צו הויך. כ'וועל אויף איהם נישט קאנען ארויפקלעטערן.

ער האט זיך פערטראכט.

דערוויילע איז ביארן אריינגעקומען אין הויז.

— וואו ביזטו נעלם געווארען?

— שווייג, מאטע!

— וואו האסטו גענומען האלץ פאר'ן שטוהל?

— שווייג, מאטע, ווען איך שמועס מיט דער מאמען!

— ווי איז דיר קיין בושה ניט, יונגאטש איינער, — האסט אוועקגעגנב'עט מיינע ברעטער!

— דו ליינסט, ביארן!

ביארן האט איהם דערלאנגט א פאטש.

— עפעס האט דא געפלאצט, — האט ער געזאגט און זיך געהאפט פאר'ן קאפ.

ביארן איז ארויס פון די כלים און האט אזא זעץ געגעבען דעם שטוהל אין דער ערד, אז ער איז צעשמעטערט געווארען אויף שפענדלעך.

— קאנסטו איהם איצט פערריכטען? — האט ער געפרעגט.

ווען ביארן איז אוועק, האט די מוטער געפרעגט אנען:

— זיהנוניו, וואו ביזטו געוועזען?

— איך בין געזעסען ביים ברעג פון ים.

— וואס האסטו דארט געטהון?

— כ'האב געווארט.

— אויף וואס האסטו געווארט?

— דער ווינד טרייבט אמאל צו ברעטלעך צום ברעג.

— הייסט עס, האסטו ביים טאטען קיין ברעטער נישט געגנב'עט?

— ביים טאטען?

— ט, יא, ביי ביארנ'ען?

— איך? געגנב'עט?...

ער האט זיך א ווארף געטהון מיט׳ן פנים צו דער ערד. די מוטער האט גענומען זיין קאפ צו זיך אויף די קניען, און ער האט געקרעכצט און געהליפעט, און זיין גאנצער קערפער האט זיך געטרייסעלט.

די מוטער האט אנ׳ען געגעבען א מאנטעל אויף אנצוטהון ווען די געסט וועלען זיך צונויפקומען.

האט איהם אבער בערן פערבאטען זיך צו ווייזען פאר די מחותנים. איז ער געליגען אין קיך.

ביינאכט זענען אלע אויף דער התונה געווען שכור. אן האט אויך אויסגעטרונקען א גלאז ביער, וואס די קרובים האבען איהם געבראכט. דערפון איז ער געווארען פרעהליך און האט אנגעהויבען צו לאכען. ער האט צוזאמענגענומען אין א פאטשיילע די שפענדלעך פונ׳ם צובראכענעם שטוהל, האט זיך אויסגעשמירט דאס פנים מיט סאושע, האט אנגעטהון דעם מאנטעל און איז ארויס אין זאל. אין מיטען זאל האט ער א ווארף געטהון אויף דער ערד די פאטשיילע מיט האלץ און האט זיך אזוי הויך צולאכט, דאס אלע געסט האבען דערשראקען א קוק געטהון איינער אויפ׳ן אנדערן און די הינד אויפ׳ן הויף האבען אנגעהויבען צו בילען.

— ס׳ א ליץ! א בדחן! א דאנק דיר, בערן, וואס דו ביזט אונז אזוי משמח! — האבען די מחותנים געשריגען.

— קאנסט זאגען גראם? — האט איוואר ביעססע געפרעגט ביי אנ׳ען.

— פריהער האב איך געקאנט, יעצט קאן איך שוין נישט. אט דא האט ביי מיר עפעס געפלאצט.

— וואס האסטו אין דער פאטשיילע?

— א שטוהל צו בעזעצען די כלה, האט ער אבער אויך געפלאצט.

ער האט זיך ווידער צולאכט נאך העכער ווי פריהער.

— נעהם־זשע אראב דעם מאנטעל, אז דו ווילסט זיין א מחותן, — האט גוזע געזאגט.

אן האט געשוויגען.

עמיצער איז אונטערגעלאפען פון הינטען און האט פון איהם אראב־געשלעפט דעם מנאטעל.

די געסט האבען זיך צולאכט.

— ווי רופט מען דיך? — האט גיזלע געפרעגט.

— מ׳רופט מיך משוגענער.

— ביזט טאקי א משוגענער. אבער ווי רופט מען דיך פארט?

— דער טאַטע האָט מיך איינמאָל אָנגערופן גנב, אָבער יעצט האָב איך שוין קיין טאַטען נישט.

— און וואָס פאַר אַ נאָמען האָט מען דיר געגעבן ביים טויפן?

— דאָס פרעג ביי ביאָרנ׳ען.

— וואו האָסטו דערטאַפּט דעם ליך? — האָט גיזעלע געפרעגט ביאָרנ׳ען.

— איך קען דעם יונג נישט, — האָט ביאָרן געענטפערט.

— ס׳איז מיין יונגערער זוהן, — האָט די מוטער געזאָגט.

— וואָס הייסט דאָס, ביאָרן? קענסט ניט דיין אייגען ווייב׳ס קינד? — האָט זיך גיזעלע געטשעפעט.

ביאָרן האָט געקוקט אַראָב.

און האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ׳ן פאַטער, האָט פונאַנדערגעבונדען די פּאַטשיילע און אַרויסגענומען דאָס גרעסטע פּיסעל פון׳ם שטוהל.

— הערסט אַ מעשה! אַבי מיר האָבען געמיינט, אַז דו, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַנסביל, מאַכסט אַליין דיינע קינדער! — האָט גיזעלע נישט אויפגעהערט.

און האָט אָנגעשפּיגען אויפ׳ן פּיסעל פון שטוהל און האָט עס אַ שליידער געטהון גיזעלען אין קאָפּ מיט אַזאַ קראַפט, דאָס יענער איז געפאַלען חלשות.

אַלע געסט האָבען זיך אַרויסגעוואָרפען אויף אָנ׳עם, אָבער ביאָרן האָט איהם פערשטעלט מיט זיך. דאַן איז אין זאַל געוואָרען גאָר שטיל.

דערווייל האָבען די קרובים אַריינגעטראָגען אויף אַ לאַנגען טעלער אַ הויר׳ל און האָבען עס אַוועקגעשטעלט פאַר דער כלה. און האָט דערקענט גראַטשען, איז צוגעגאַנגען און האָט איהם אַ קוש געגעבען צווישען די אויגען.

אַלע האָבען זיך צולאַכט.

— האָסט איהם דערקענט? — האָט דריפאַ געפרעגט.

— נאָך ווי! נישט דערקענען מיין פריינד! איך מיט איהם זענען געווען אמת׳ע גוטע פריינד, ביז ער האָט אָנגעהויבען צו נעכטיגען ביי דער „זוי". דאַן האָב איך די „זוי" דערהרג׳עט, דערנאָך איז גראַטשע אויך געשטאָרבען.

— דו דענקסט, ער איז געשטאָרבען פון צרות?

— ניין, כ׳מיין, אַז נישט. ער איז געשטאָרבען פון דיינעטהוועגען און איז וואַהרשיינליך געווען זעהר צופריעדען.

— כ׳האָב דיר פערשאַפט עגמת נפש, און?

— אָהן סכנות. עס קאָן זיין ערגער.

— נאָך וואָס־זשע האָסטו געמוּיט די „זי״?

— איך געדענק שוין יעצט ניט רעכט, נאָר דעמאָלט האָט זי מיך ניט געלאָזען שלאָפען.

— וועסט זיין אַ קלוגער, ווען דו וועסט אויסוואַקסען.

— אַזוי מיינסטו? מיינסט טאַקי אַזוי? — האָט ער געפרעגט און זיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ.

— האָב אויף מיר קיין פּעראיבעל ניט, ליעבּער ער! — האָט דריפּאַ געבעטען.

ער איז אויפגעשפּרונגען, האָט געכאַפּט גראַבטען אויף די הענד און איז מיט איהם אַוועקגעלאָפען צווישען די בערג. דאָרט האָט ער אויסגעגראָבען אַ קבר, האָט אויף איהם אָנגעשאָטען אַ בערגעלע און איז אָבגעלעגען אויף יענעם אָרט ביז טאָג. דערנאָך איז ער געגאַנגען און האָט זיך אַוועק־געלעגט אויף דער שוועל פון צימער, וואו דריפּאַ איז געשלאָפען.

ווען די זון איז אַרויף העכער, איז ער אַוועק צום טייך און האָט זיך אָבגעוואַשען פון קאָפּ ביז פיס, דערנאָך האָט ער אָנגעטהון נייע קליידער און האָט גענומען דעם פיילענבויגען, וואָס איז געווען ביי איהם בעהאַלטען אויפ׳ן בוידעם.

אין יענעם טאָג האָט זיך טאָרע געקליבען צו פאָהרען צום קעניג. אז טאָרע איז געקומען צום ברעג, איז שוין ער דאָרט געזעסען אויף אַ שטיין.

— וואָהנט דען דער קעניג פון יענער־זייט ים? — האָט ער געפרעגט, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויפ׳ן ים.

— יאָ, דאָרט וואָהנט ער.

— איז עס וויט פון דאַנען?

— קאָנסט זעהן דעם רויך פון זיין קוימען, — האָט טאָרע געזאָגט און געוויזען מיט דער האַנד אויפ׳ן מאָרגען־וואָלקענדעל, וואָס האָט געפויזעט ביים ראַנד פון הימעל און וואַסער.

— כ׳וויל פאָהרען מיט דיר אַהין, — האָט ער געזאָגט.

— כ׳פערשטעה, אז דו הילסט, דו וואַגסט אָבער ניט.

ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דאָס שיף און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן דעק.

דאַן איז צוגעגאַנגען איינער פון טאָרע׳ס מענשען און האָט ער׳ען איבערגעקעהרט.

— ביזט גאָרנישט אַזוי שטאַרק, ווי דו מיינסט.

— קיינער ווייסט ניט גענוי וואָס צו מיינען, — האָט אָן געזאָגט און האָט דעם דאָזיגן מענשען אַרײַנגעוואָרפען אין ים אַרײַן.

דאַן האָבען טאָרע׳ס מענשען אומגעוואַלגערט אָניען פון די פּיס און האָבען איהם צוגעבונדען צו אַ סאָסנע אויפ׳ן ברעג.

אַז מ׳האָט אויפגעהויבען דעם אַנקער, איז אָן אַרויסגעשפּרונגען אויפ׳ן דעק צוזאַמען מיט דער סאָסנע.

— ערלויב מיר צו זיין דיין וואָפּענטרעגער, — האָט אָן געבעטען טאָרע׳ן.

— וועסט זיין אין דער לייבגוואַרדיע ביים קעניג אַליין.

— כ׳בין אָבער נאָך ניט דערוואַקסען ביז׳ן צייכען.

— ביז דעם צייכען וועסטו קיינמאָל ניט דערוואַקסען.

— דו דענקסט אויך אַזוי?

— געוויס. שוין צוויי יאָהר זייט דו האָסט אויפגעהערט צו וואַקסען.

— וועל איך, הייסט עס, קיינמאָל ניט אויסוואַקסען?

— ווער ס׳איז העכער פון אַלעמען, דער דאַרף ניט וואַקסען.

— העכער פון אַלעמען?

— יאָ, דו ביזט דער העכסטער צווישען אונז.

אָן האָט זיך געהאַפּט פאַר׳ן קאָפּ.

— יאָ. און דער שטאַרקסטער.

— פאַרוואָס האָסטו עס מיר פריהער ניט געזאָגט?

— כ׳האָב עס נישט געוואוסט.

— און איך האָב אויך נישט געוואוסט.

מיט דער הילף פון די רודער איז דאָס שיף אַרויס פון פיראָה אין פרייען ים.

— האָסט זיך געזעגענט מיט דער מאַמען? — האָט טאָרע געפרעגט.

— ניין, כ׳האָב פערגעסען. זאָג נאָר, דער קעניג איז זעהר לאַנג?

— דער קעניג איז זעהר הויך.

אויפ׳ן ברעג, אויפ׳ן קאָפּ פון פעלז, האָט געפלאַטערט אַ ווייס טיכעל. טאָרע איז געשטאַנען אויפ׳ן הינטערטייל פון שיף און האָט געגעבען מיט זיין פאַנצער. מיט אַ פינסטער געזיכט איז אָן געליגען אויף דער „נאָז" פון שיף און האָט געקוקט אויף דאָס ליכטיגע וואָלקענדעל.

— ווילסט זיך גאָרנישט געזעגנען מיט דער מאַמען? — האָט טאָרע געפרעגט.

— כימע! — האָט אָן אויסגעשריגען צום ברעג, שטעלענדיג זיך נעבען ברודער.

די זון האָט זיך געזעצט. די ערד איז געליגען פון הינטען ווי אַ שמאָלער טונקעל-בלויער פאַס.

פלוצים האָט עס אָנגעהויבען צו זשומען אין דער לופט.

— וואָס איז דאָס? — האָט אָן געפרעגט און איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

דאָס געהט דער ווינד...

נאָך וויַט צו שווימען?

דאָס איז ערשט דער אָנהויב, — האָט טאָרע געזאָגט און האָט בעפוילען אויפצוציהען די זעגלען.

יודיש — פון ל. שאַכיראָ.

קאַטול מענדעס.

זשולעטאַ.

I

זשולעטאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם קליינעם פענסטער פון דעם דאָרפישען הײַזעל, וואָס איז איינגעאַנצען געווען פערטרונקען אין בלומען און קוקט ווי עס לויפט דאָס וואַסער אין טײַכעל. איהר פענעהמט, פערשפּיעלט דער אָבגלאַנץ פון איהר פּנים, שען פּנימ׳ל, וואָס ציטערט, ווערט אײַנגעאַנצען פערשוואונדען אין די וויעגענדיגע לויפענדיגע וואַליעס.

אָבער איהר פענעהמט ניט נאָר דער לויף פון דעם פערגאָלדעטען גרינקײַט פון טײַך, וועלכער טראָגט זיך הינטער די ציטעריגע ווערבעס...

זי טראַכט אויך וועגען וואַלענטינען, וועלכער דאַרף באַלד אין דעם צימער, וואו עס איז איהם ביז איצט געווען פערבאָטען דער אײַנטריט. — אַ, די ציטעריגע פערלאַנגען פון רשר ערשטער זעהונג! — און עפּיס אונרוהיג פרעגט דאָס אייגענע האַרץ:

— וועל איך איהם ליעבען אָדער ניט? וועל איך זײַן צו איהם באַרמהערציג אָדער גרויזאַם? צי וועל איך איהם מיט איין צאַרטען בליק ערלויבען צו בלײַבען; אָדער איך וועל איהם מיט איין שטרענגען בליק הייסען אַוועקגעהן?

זי איז אויף אַן׳אמת זעהר בעאונרוהיגט און קען ניט אויף זיך פערלאָזען. זי איז זעהר אַיין צנועה׳דיגע סערזאָן, און קען ניט אַזוי אונבעטראַכט געוועלטיגען מיט איהר האַרץ און מיט אַלעם איבריגען.

און עס איז איהר אַלזאָ געקומען אין קאָפּ אַרײַן אַזאַ געדאַנק: זי וועט צונויפקלויבען די אַראָבגעשאָטענע בלעטעלעך, פון די בלימעלעך, וואָס וואַקסען נעבען איהר פענסטער, און וועט זיי וואַרפען אין טײַך;

אויב איינס פון זיי וועט אראפפאלען אויף א שטיין אדער בלייבען צווישען די צווייגען פון די בוימער, וועט זי ליעבען וואלענטינען; פערקעהרט אבער, אויב אלע וועלען אריינפאלען גלייך אין וואסער, וועט זי איהם זאגען: „גנעדיגער העрר! וואס האבען זי דא נויטיג?“

זי רייסט בלעטלעך, און ווארפט זיי.... און די בלעטלעך, פון קיין זאך ניט פערהאלטען, פאלען גלייך אין דעם פערגאלדעטען גרינקייט פון טייך...

צווישען הויכען געלעכטער זאגט זשולעטא:

— אך, ארים יונגעלע!

II

און פונדעסטוועגען קלערט זי, אז עס איז א שאד... אין דעם דרייסטקייט פון זיינע פינף און צוואנציג יאהר, אין דעם פערשייטקייט פון זיינע אויפגעשטעלטע וואנצען און אין דעם צארטקייט פון זיינע בליקען איז דאך וואלענטין פארט ניט פון ליעבהאבער, פון וועלכע מען קען זיך לייכט מיט פעראכטונג אבזאגען. אפילו אין זיין קול, וואס ער זאל ניט רעדען, קלינגט עפעס אנ׳אויפרעגענדע צערטליכקייט — ווען ער זאגט „איך ליעב אייך“, איז ניט מעגליך דאס הארץ צו בעהערשען. זשולעטא האט זעהר גוט בעמערקט, אז אלע פרויען אהן אויסנאהמע האבען פערגניגען צו קוקען אויף דעם שענעם געזיכט פון דעם יונגען מענש, אז זיי שטרעקען איהם גערן זייערע הענדטעלעך אויס און איילען זיך ניט זיי צוריק צו נעהמען. און אפילו די שטרענגסטע פון זיי געפינט קיינמאל ניט פארנויטיג צו מאכען א בעלעדיגטע מינע, ווען ער דריקט זי צו צו שטארק צו זיך, אדער ער אטהעמט צו נאהענט אויף איהר בעקאלטע איין וואלם.

און וואס אנבעלאנגט איהר אליין, האט זי געקענט אפען מודה זיין, אז ניט אלע מאל האט זי זיך בעצויגען מיט גענוג גלייכגילטיגקייט צו וואלענטינ׳ס צארטען צושטעהן. און ווען דאס מזל וואלט פערטראגען בלומען-בלעטלעך אויף א שטיין איבער א צווייג, וואלט זי זיך אונטערגעווארפען דעם בעפעהל גאר אהן ווידערוילען. נאר, א דאנק גאט, וועט לויט דעם מזל׳ס בעפעהל איהר טוגענד בלייבען אונבעפלעקט, און זשולעטא וועט דיענען אלס ביישפיעל ווי אזוי ענטקעגען שטעלען זיך קעגען אלעם בייז: א, זי איז שרעקליך גליקליך, וואס ניט קיין שטיינדעל,

ניט קיין צווייגעל...

פלוצלונג ווערט זי זעהר ערנסט. זי דערמאָנט זיך, אַז אין דער מינוט, ווען זי האָט געוואָרפען די בלומעלעך, האָט פּונקט אַ בלאָז געטהון אַ ווינד. דעם ווינד האָט זי גאָר ניט פּעררעכענעט. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין ווינד וואָלטען, זעלבסטפערשטענדליך, די בלעטעלעך געפאַלען גאָר אויף אַנדערע ערטער, און ווער ווייסט, וואָס דאַמאָלט וואָלט געווען...

זשולעטאַ — איז פון דער נאַטור זעהר אַנאָרענטליכע, זי וויל אויף קיין פאַל ניט שפּיעלען מיט דעם מזל. זי איז געצוואונגען מודה צו זיין, אַז דאָס גורל וואַרפען איז ניט געוועזען ענדגילטיג און קען זיך ניט רעכענען, זי איז גרייט אָנצופאַנגען פון דאָס ניי. אָבער שוין ניט ווי פריהער.

זי זעהט, אַז אויף דעם צווייטען ברעג טייך איבער דעם וועלדעל פליהט אַ פויגעל, ער מאַכט מיט די פליגעלעך און לאָזט אַרויס אָבגעהאַקטע געשרייען.

אויב דער פויגעל וועט זיך אַראָבלאָזען אויף איינעם פון די בלומעלעך, דאַרף זי ביי וואַלענטינען ניט צונעהמען די האָפנונג, אָבער אויב דער פויגעל פליהט אַוועק דאַרף זי ביי איהם ניט אַוועקנעהמען די האָפענונג...

זי האָט נאָר וואָס געענדיגט פאָרצולעגען דעם גורל די אַלטערנאַטיווע, ווי דער פויגעל האָט זיך אויפגעהויבען אין דער לופט מיט אַ הויכען געשריי, געפלאַטערט מיט זיינע גאָלדענע פליגעל, און איז פערשוואונדען...

— געזונטערהייד! — זאָגט זשולעטאַ. — אַצינד קען שוין ניט זיין דער קלענסטער צווייפעל: דאָס מזל אַליין בעשטימט פאַר מיר דעם בעשלוס, וועלכער פאַסט פאַר מיין נאַטור.

און אויב זי זיפצט לייכט אָב, די מאָראַלע פּערזאָן, איז דאָס נאָר פון צופריעדענהייט...

III

אַוי — דאָס איז בעשלאָסען. אומזיסט וועט ער קוקען אויף איהר מיט אַ בעטענדען בליק; אומזיסט וועט ער איהר פליסטערן אויף די קניען די צאַרטסטע ווערטער, שווערען זיך מיט די הייליגסטע שבועות. איהר וועט קיין זאַך ניט רידהרען, און זי וועט אָננעהמען אַזאַ שטרענגען, זאָגאַר בעליידיגטען אויסזעהן, אַז ער וועט דערפיהלען דעם פערבאָט וואָס ליעגט אויף זיינע האָפנונגען. און מיט אַנאַראָבגעלאָזטען קאָפּ וועט ער אַוועקגעהן,

בעטענדיג פערצווייפלונג. אָ, זי האָט אָהן צווייפעל ניט געקענט פערבעהאַל־
טען פון זיך זעלבסט, אַז זי וועט אַזאַ שטרענגקייט ניט ביליג קאָסטען!
וואַלענטין פערמאָגט דאָך עפּעס אַזעלכע צאַרטע מינעס, וועלכע ענטוואָפנען
די אויפריכטיגסטע קאַלטקייט. און פּלוצלונג פאַלט איהר אַריין אין קאָפּ גאָר
עפּעס שרעקליכס...

— וואָס וועט זײַן, אויב וואַלענטין, פון איהר אָבגעוואָרפען וועט
ליעב קריגען אַ צווייטע פרוי?...

ביי דעם געדאַנק פערדריקט איהר דאָס הערצעל. אַ דראָבנע טרערעל
בעווייזט זיך אין ווינקעל פון איהר אויג. וואַלענטין, פערליעבט אין דער
מאַדאַם דע׳קורטיזאַל אָדער מאַדאַם ד׳אָרזשלע!

זי איז אונגליקליך, זי איז משוגע...

זי טופּעט מיט׳ן פיסעל, און איהרע פינגער ציהען זיך מיט אַ העפטיגען
כעס, ווי צום געוויכט פון איהר געגנערין...

אָבער זי בעהערשט זיך שנעל. זאָל ער זיך ליעבען, ווען איהם
געפעלט, אויב ער האָט פעגניגען דערפון. זי וועט נאָר אָהן מיטלייד
בעגעגענען דאָס גליק, וועלכעס ער וועט זײַן אַ צווייטער פערפליכטעט...
ניטאָ נאָך וואָס צו טראַכטען איבער אַזעלכעס, וואָס איז שוין אָבגעשטימט...

און כדי אויסצומײַדען דעם געפעהרליכסטען נסיון, כדי אויסצומײַדען
אַ מעגליך געפאַהר, נעהמט זי אָן אַ וויכטיגען בעשלוס: זי וועט ניט וואַרטען
אויף וואַלענטינען און וועט אַוועקגעהן פון שטוב. און אַז וואַלענטין וועט
קומען, וועט ער קיינעם ניט טרעפען... זי אײַלט זיך, טהוט אָן דאָס הוטעלע,
וואַרפט אַרויף אויף זיך דאָס מאַנטעל; אָט האָט זי שוין געעפענט די
טהיר און איז פערטיג אַראָבצוגעהן פון די שטיגען. נאָר פונקט אין
דער מינוט דערהערט זיך אויף דעם ברעג טײַך, הינטער איהר פענסטער׳ל
אַ גערויש, אַ געלעכטער. זי געהט צוריק צום פענסטער און קוקט אַרויס
דורך די בלומען. האַרט בײַ׳ם וואַסער לויפט הין און צוריק אַ פרעהליכע
באַנדע יונגלעך און שפּיעלט זיך, מיט וואַרפען שטיינער אין די איבער־
געשראָקענע פויגעל...

— ניין, אין אמת׳ן! — זאָגט זשולעטאַ צו זיך, — עס געהט מיר ניט,
און אַלץ לעגט זיך אַזוי צונויף, אַז איך קען זיך אויף גאָר ניט אָבשטעלען.
איך קען דאָך אַצינד זײַן זיכער, אַז דער שטיבליך איז נאָר דערפאַר אַוועקגע־
פלויגען, ווײַל די שלעכטע קינדער האָבען בעהאַלטענדיג זיך הינטער די
בוימלעך געוואָרפען אין איהם שטיינער!...

דאָס מאָל וועט זי מאַכען אַזאַ פּרוב, בײַ וועלכען עס זאָל שוין קיין

שום ספק ניט קענען זיין. זי פֿערמאַכט דאָס פֿענסטער, זי שרעקט זיך פֿאַר'ן ווינד, פֿאַר אַ געוואָרפֿענעם שטיין, וועלכע קענען קאַליע מאַכען די בע־וויזען פֿון גורל... זי זוכט אין די שופֿלעדלעך פֿון שאַנק צווישען איהרע טואַלעט זאַכען, רייסט אויף פֿון פּודער־בערשטעלע אַ שטיקעל שוואָנען־פּוך, נעהמט אַרויס רויזע באַנד, פֿון איהרע האָר, וועגט אין איין האַנד דעם לייכטען פּוך, און דער צווייטער דאָס לייכטע באַנד און וואַרפֿט זיי איינציייטיג מיט'ן גאַנצען כח אין דער לופֿט, שווערנדיג, אַז זי וועט בעגעגענען וואַלענטינען דערבאַרמדיג, אויב דאָס באַנד וועט צום ערשטען אַראָבפֿאַלען אויף דעם דיוואַן, און זי וועט איהם גאָר אָהן מיטלייד אַרויס־יאָגען, אויב דער פּוך וועט אַראָבפֿאַלען דער ערשטער.

IV.

אָ, קלערט נאָר ניט, אַז זי האָט האָטש איין רגע פֿערהוילען די זינ־דיגע האָפֿנונג אויף דעם גרעסערען שווערקייט פֿון באַנד! זי האָט אָהן קינצען עהרליך אָבגעוואויגען אין די הענד איינס און דאָס צווייטע און געפֿונען אַז זיי האָבען ביידע איין געוויכט!

און האָט אַצינד נעמען זיך ביידע שטיפֿערישע בעשטימערס פֿון איהר גורל — ווי צוויי פֿליעגעלעך: אַ ווייס און ראָזאַ'ס — אַראָבלאָזען מיט אַ ציטעריג לאַנגזאַמקייט...

דאָס באַנד יאָגט איבער דעם פּוך... זשולעט שרעקט זיך שטאַרק. ווי הייסט? ניט שוין זשע איז דעם מזל גינסטיג, אַז זי זאָל זיך ניט געגען־שטעלען וואַלענטינס אויסגעלאַכענע פֿערלאַנגען? זי וועט מוזען פֿיהלען נעבען איהרע ליפּען דאָס פֿרעכע קיצלען פֿון וואַלענטינס אונפֿערשעמטע וואָנסען?... ווי שרעקליך!

נאָר ניין, דאָס באַנד האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקעלט און עס פֿאַלט שוין גאָר ניט אַזוי געשווינד, און דער שוואַנען פּוך יאָגט עס נעאיילציג איבער... זשולעטאַ ציטערט, זי לאָזט זיך אַראָב אויף די קניען, אום צו קענען פֿון דער נאָהנט פֿאָרשען דעם שליסליכען אויסגאַנג פֿון דעם אַמפֿערען זיך... דער פּוך לאָזט זיך אַראָב, אַראָב... דאָס בעסער!... סאָפּענדיג, בויגט זי זיך נאָך נעהנטער צו צום פּוך... געוויגט! דאָס באַנד שטעהט געגנצליך אָב, און דער פּוך ריהרט אָט אָן דעם קאָברעץ...

אָבער! טריאומפֿירענדיג, האָט זשולעטאַ פֿערגעסען איינצוהאַלטען דעם אָטהעם, און צו איהר גרויסען בעדויערען — צו דעם גרעסטען בעדויערען—

פערפליהט דער פוך ווייטער, און דאס באנד לאזט זיך אראב, ווי א ראזא שמעטערלינג, אויף איינס פון די דיוואן־בלומלעך...

— וואס קען מען טהון! — זאגט די עהרליכע פערזאן. — מיר וועט אויסקומען צו בעשליסען זיך אויף דער שווערסטער זעלבסטאויפאפפערונג. נאר איך וועל האטש האבען די איינע טרייסט, אז איך בין אין דעם ניט שולדיג!...

יאפאנישע ליעדער.

(נאך דער דייטשער איבערזעצונג).

1

דער אבשייד פון פריינד.

איך בין אראב פון פערד און האב די האנד
גערייכט צום אבשייד איהם, און האב געפרעגט:
וואוהין און אויך פאר וואס ער פאהרט אוועק!
ער האט מיט ציטערדיגער שטים געזאגט:
מיר איז, א פריינד, דאס גליק ניט טריי געוועז.

וואוהין איך געה? איך וואנדער אין די בערג;
איך זוך מנוחה פאר מיין איינזאם הארץ;
איך וועל שוין קיינמאל זיך ניט שלעפען ווייט —
מיעד איז מיין פוס און מיין נשמה מיעד.
די ערד, מיין פריינד, איז גלייך, גלייך אומעדום
און אייביג זענען נאר די ווייסע וואלקען...

2

אין דער פרעמד.

אין פרעמדען לאנד בין איך געלעגען. אין גלאנץ
אין ווייסען האט דער מאנד מיין ארט געמאלט.
איך האב דעם קאפ געהויבען אויף — געמיינט האב איך,
עס איז דער מארגענשטערן, וואס האט אזוי געשימערט.
דאן אבער האב געפיהלט איך: דער מאנד, דער מאנד!
און האב געניגט מיין פנים צו דער ערד אהין
און האב געמיינט מיין היים, זי ווינקט מיר פון דער וייט...

קאמיל לעמאניע.

#ביידע האבען געזינדיגט.

א בריעף אהן א נאמען האט איהם דאס געהיימניס ענטדעקט. יעדען דאנערשטאג קומט זי זיך מיט איהר געליעבטען אין האטעל גארני צוזאמען, דריי מאנאטען נאכאנאנד קומט שוין דאס פאר. דער געליעבטער איהרער איז א פערהייראטער און האט שוין צוויי קינדער.

און האטש איהם האט געפעהלט בעהארצטקייט, האט ער דאך געהאט גענוג כח דעם ווייטערדיגען פלאן אויסצופיהרען. ער האט געדונגען א עקי-פאזש, איז צום האטעל צוגעפאהרען, זיך געהייסען געבען א צימער און פון אונטער די פארהאנגען אויף זי געלויערט. אויף דער גאס, וואס איז אין אן אבגעלעגען ווינקעל פון שטאדט געווען, האבען זיך קיין מענשען נישט געוויזען. ער האט געזעהן, ווי זי איז געקומען, ווי דער געליעבטער איהרער איז געקומען. אויך א פראפעסאר ווי ער גופא איז געוועזען; א מיטעליאהריגער מאנסביל מיט א שענעם בלאנדען בארד. נאך האט ער נישט געוואוסט, וואס ער זאל אנהויבען צו טהון. איידער ער איז אהער געקומען האט ער גרויס עגמת נפש געהאט דערפון, וואס ער איז גאר זיין פרוי חושד אין דעם, יעצט, אז ער האט שוין דאס אליין מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, האט ער נאך מעהר קרענקונג געהאט. א לאנגע צייט איז ער געזעסען ביים פענסטער און געזיפצט, האלטענדיג די הענד כמעט ביז דער פאדלאגע אראבגעלאזט. דערנאך האט ער אויס-געטהון זיינע קאמאשען און אין די זאקען אויף די שפיץ פינגער די טרעפען אראבגעשטיגען. געהענדיג האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאהן, קומענדיג צו זייער צימער האט ער מיט א קלאפעדיג הארץ צוגע-לעגט דעם אויער צום שליסעל-לאך, אבער מעהר ווי א פרעהליך געלעכטער האט ער נישט געהערט. פלוצלונג איז איהם אריינגעפאלען א געדאנק, אז עס קאן נאך עמיצער אנקומען און זעהן, ווי ער לויערט הינטערן

זעהר, דאמאלס וועט ער גאר בלייבען אַן אָבגענאַרטער נאַרישער מאַן און האַסטיג איז ער צוריק אויף די טרעפּען אַרויפגעשטיגען. פון אַ דער־בייאיגען צימער איז עמיצער אַרויסגעגאַנגען און הערענדיג זיינע זיפצען האָט יענער שטיל אין זיין טהיר אָנגעקלאַפּט. ער האָט די טהיר האַלב געעפענט און דערזעהן דאָס געזיכט פון אַן אַלטע דאַמע.

— ענטשולדיגט מיר מיין העֶרר, — זאָגט זי צו איהם, איך האָב געמיינט, אַז אייך איז עפּיס נישט גוט געוואָרען...

זי האָט איהם געוואָלט בעהילפיג זיין, ער האָט איהר העפליך גע־דאַנקט. — נײן איך בעדאַרף גאָרנישט. — דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און זי האָט איהם אין זיינע געראָיטעלטע אויגען אַריינגעקוקט. אַ קורצע ווײַלע האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט זיין געהיימניס ענטדעקען,, זי איז אָבער באַלד, בעטענדיג אום ענטשולדיגונג, צוריק פון זיין צימער אַרויס, מרויעריג און אָבהענגדיג, קענטיג, אַז זי האָט גענוג געהאַט איהר אייגען בעקיל.

צוויי שטונדען זענען אַריבער. איבער דעם דיוואַן, וואָס אויף די טרעפּען האָט זיך געהערט דאָס רוישען פון אַ קלייד. ער האָט זיך ווידער געשטעלט אין אַ זייט פענסטער. מיט שטילע טריט, אַריבערציהענדיג דעם שלייער טיעף איבער'ן געזיכט איז זיין פרוי אַרויף אויף דער גאַס. די לייכטע בעוועגונג פון איהרע היפטען, איהר טאַקט מעסיגער גאַנג און איהר גאַנצע פראַכטפאָלע ערשיינונג האָט איהם אָנגעהויבען שרעקליך קוועלען. דאָס האַרץ האָט זיך איהם שטאַרק צוזאַמענגעקרעמפּט, ער האָט געפיהלט, אַז די כּחות שווינדען איהם, אַנאַנדערן געהער יעצט זיין פערשוועכטע פרוי. ער האָט אין דעם פערפיהרער פון זיין פרוי אין דעם אויגענבליק אין גאַנצען פערגעסען און האָט נאָר געטראַכט ווי נאָכ־צוגעהן פון דער ווײַטענס נאָך זיין פרוי, וואָס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז זי איז שוין פאַר איהם פערלאָרען אויף עביג. ער איז פון די טרעפּ אַראָב־געשטיגען, אָבער אין דעם אויגענבליק, וואָס ער איז פאַרביינגעגאַנגען דעם שווייצערס צימער, האָט איהם עמיצער נאָכגעשריען און דערזעהענדיג דעם שווייצערס פערוואונדערטען בליק האָט ער זיך ערשט דערמאָנט, אַז ער געדט אין בלויזע זאָקען און די קאַמאַשען האַלט ער אין האַנד, ווי אַ גנב, וואָס וויל אַנטלויפען. רויטווערענדיג איבער די אויערן האָט ער אָנ־געהויבען עפּיס אונפערשטענדליכע ווערטער צו שטאַמלען און האָט בע־צאָהלט פאַר'ן צימער. קומענדיג אויף דעם טראָטואַר האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַלע פענסטער פון האָטעל זענען אָפען און מען קוקט

איהם אלע נאך און דאס האט איהם אזוי שרעקליך געפייניגט, אז ער האט קוים געקאנט די פיס שלעפען.

די גאס האט זיך געבראכען קרייץ און קווער. ער האט אנגעהויבען לויפען מיט אלע כחות. א לייכטע אסטמא האט זיינע לונגען אויפגערייצט און ער האט זיך פערקייכט אין אזא שטארקען הוסטען, אז ער האט זיך געמוזט אן א שטיינערנעם סליפ אביסעל אברוהען. איהם איז אויסגעקומען פארביי צו געהן פאר א בולוואר, וואס איז געווען געפאקט מיט מענשען; דא האט ער שוין אינגאנצען אנגעווארען די האפנונג זיין פרוי אנצויאגען. די געדאנקען האבען זיך איהם אנגעהויבען מישען. ער האט זיך געפיהלט, אז ער איז אינגאנצען עפיס ווי אויסגעלעדיגט געווארען. ער האט געהאפט, אז נאר אנאמניבוס, וואס וועט אויף איהם אנלויפען און איהם צעשמעטערען וועט מאכען א סוף צו זיינע צרות.

אליין נישט וויסענדיג ווי אזוי איז ער דאך נאך א היבשע ווייל ארויפגעשטיגען די טרעפען פון זיין וואהנונג און די שליסעל אין טהיר-שלאס אריינגעשטעקט. פון צימער האט זיך געהערט די ווייכע, לוסטיגע טענער פון א וואלצער קלינגען פון א פיאנע ארויס.

— הערמינע!

ער איז געשטאנען נעבען איהר. זי האט אין איהר ווייס שטובען־קלייד גאנץ מונטער אויסגעזעהן. א העל פייער האט אין איהרע אויגען זיך אבגעשפיגעלט. ער האט זיך געפיהלט שרעקליך מיעד, אינגאנצען א צעבראכענער, גלייך ווי ער וואלט דאס געוועזען דער זינדיגער. זיינע אויגען האבען שטאר געקוקט אויף איהר קרושין־רינג, וואס האט צוזאמען מיט די אנדערע רינגען פון איהרע פינגער אויף די עלפענביינענע קלאווישען געטאנצט.

— וואס, דו ביזט עס? איך האב דאך דיך גארנישט געהערט אריינקומענדיג!

נישט אבטרעטענדיג פון דער פיאנא, האלטענדיג די פינגער איבער די קלאווישען אויסגעשטרעקט, האט זי צו איהם א לאכענדיג פנים אויסגעדרעהט, די ליפען האט זי האלב־אפען געהאלטען און דעם שטערן איהם צום קושען צוגעבויגען.

— ניין, — האט ער זיך אבגערופען, — בעט מיך נישט מעהר וועגען דעם. דאס, הערמינע, וועט שוין ביי אונז ביידען מעהר קיינמאל נישט פארקומען, קיינמאל נישט!

גערעדט האט ער מיט א הייזעריג, ציטעריג קול. די אויגען האט ער

פֿון איהר אָבגעהווענדעט און געקוקט אויף די בלומען פֿונ'ם דיוואַן. דערנאָך האָט זי זיך פלוצלונג אויפגעהויבען אונרוהיג, אויפגערעגט, פינטלענדיג האַסטיג מיט די אויגען און איהם איהר האַנד אַרויפגעלעגט אויף זיין אַקסעל. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם צימער, וואו מיט אַ סעקונדע צוריק האָבען זיך נאָך געהערט די לעצטע אָבקלאַנגען פון אַ ליעבעס וואַלצער. נון האָט ער איהר אָנגעקוקט אין גאַנצען אַ בלאַסער און טרערען ווי טהוי-טראָפּענס זענען איהם אין די אויגען געשטאַנען.

— וואָס געשעהן איז געשעהן, הערמינע... יעצט ווייסט דו פאַרוואָס דאָס וועט שוין מעהר ביי אונז ביידען קיינמאָל נישט פאָרקומען.

די פרוי, וועלכע דער מאַן האָט זי ביי איהר פערברעכען געהאַפּט איז שרעקליך בייז געוואָרען, אַזוי אַז איהרע ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען און איז בלאַס געוואָרען ווי קרייד.

— דאָס איז נישט אמת!... דו זאָגסט ליגען!

— ניין, דאָס איז יאָ אמת. זעהסט דאָך, איך האָב דיר נאָך קיין איינציג וואָרט נישט געזאָגט וועגען וואָס איך בעשולדיג דיך און דו האָסט באַלד געטראָפען, וואָס איך וויל דיר זאָגען... היינטיגעס מאָל, הערמינע, זאָגסט דו ליגען, נישט איך.

זי האָט איהם רוהיג אָנגעקוקט, האָט אָנגעהויבען לאַכען און מיט איהרע אָרעמס זיין האַלז אַרומגענומען.

— אָה, גרויסער נאַר איינער! וואָס איז דיר היינט איינגעפאַלען אין קאָפּ?

ער האָט אַראָבגענומען פון זיין האַלז איהרע היבשע אָרעמס, וועלכע זענען אונטער די אויפגעפּוצטע אַרבעל נאַקעט געווען. זי האָט אויף איהר גליהענדער הויט זיינע אייז-קאַלטע פינגער דערפיהלט. מיט נאָך אַ מעהר הייזריגער שטימע, אָהן אַ שום גלאַנץ אן די אויגען האָט ער צו איהר ווייטער גערעדט:

— איך בין דאָרטען געוועזען, אין האָטעל, איך האָב געזעהן, ווי דו ביזט דאָרט אַריינגעגאַנגען... באַלד נאָך דיר איז ער אָנגעקומען... איך בין דערווייל די גרעסטע קוואַל אויסגעשטאַנען.

זי איז שטעהן געבליבען גלייך. מיט איהרע העגד האָט זי דאָס געזיכט פערשטעלט, גלייך ווי ער וואָלט זי געוואָלט שלאָגען. ער האָט אומעטיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— האָב נישט קיין מורא! איך האָב דיך דאַמאָלס נישט געשלאָגען, איך וועל דיך יעצט אויך נישט שלאָגען... אָבער הער זיך נאָר צו...

איך וועל דיר עפּעס זאגען, וואס איך האב דיר שוין אפט געוואלט זאגען... וואס איך האב זיך, ביז יעצט, נישט אונטערגעשטאנען צו זאגען. דערנאך קאנסט דו דיין מיינונג וועגען מיר פריי ארויסזאגען ווי איך זאג מיין מיינונג איבער דיר.

זיינע ערדעלע ווערטער האבען זי טיעף גערירט. עס איז איהר אויסגעקומען, ווי צו איהר וואלט גערעדט א גוטער פריינד א ברודער. דער פריהערדיגער, קאלטער אויסדרוק איז פון איהר געזיכט פערשוואונדען. זי איז ארויס מיט א געוויין און ארויבלאזענדיג די אויגען צו דר'ערה האט זי געשטאמעלט:

— אה, איך שווער דיר... איך שווער דיר...

ער האט זיין האנד אויף זיין פון געדאנקען פערפינסטערטען שטערן ארויפגעלעגט און אנ'אויגענבליק זיינע ליפען אונרוהיג בעוועגט, נישט קאנענדיג קיין איינציגווארט אויסרעדען. דערנאך האט ער זיך א שטארקען רוק געגעבען, שווער אבגעזיפצט און געזאגט:

— איך וואלט געוואלט וויסען אויף זיכער, אז דו ליעבסט דעם דאזיגען מענשען נישט, אז בלויז ביזע ליידענשאפטען האבען דיך געבראכט דערצו. אבער דו זאלסט מיר גארנישט זאגען. דו וועסט אין דעם יעצטיגען מאמענט נישט קאנען געניג אפענהערציג זיין. עס קאן אויך מעגליך זיין, אז איך וועל דיר נישט וועלען גלויבען. אפשר בין איך טאקע נישט — ווי עס ווייזט זיך יעצט ארויס — דער מאן, וואס זאל דיך קאנען גליקליך מאכען... א, הערמינע! דו האסט דיין לייב, דיין טייער לייב אנאנדערן מאנסביל אוועקגעגעבען! זעהסט דו, דאס וועל איך קיינמאל נישט פערגעסען, האטש, נאכדעם וואס איך וועל דיר באלד זאגען, וועסט דו אליין פיהלען, אז איך מוז דיר מוחל זיין, אז איך האב דיר אייגענטליך טיעף אין מיין נשמה שוין באלד מוחל געווען... דען איך, הערמינע, האב דיך אויך אבגענארט. איך בין דיר אויך פאלש געווען... א, די הייבערשע שוואכקייטען קאן זיך מיט די מאנסבילשע נישט פערגלייכען.. ערשטענס פיהלט יעדע עמפפינדליכע פרוי א שטילען היעהטאג, ווען זי בעגעהט דאס ערשטע מאל א פערברעכען קעגען איהר מאן... אפט האט זי אויף איהר מאן רחמנות אפילו שוין זייענדיג ביי אנ'אנדער מאנסביל אין די ארעמס. און ווען זי מאכט זיך לויז פון איהר פערפיהרערס ארעמס ליידט זי דאפעלט: אי פון דאס פערטרויען, וועלכען זי הערט פאלש אי פון די ליעבע, וועלכע נארט איהר ווידער אב. אבער דער מאן, הערמינע! דאס איז א גרייצטער אקס. דער בעסטער איז נאר דער, וועלכער האלט

נישט פאר קיין עבירה צו זוכען צערטליכקייט ביי אנדערע פרויען. ווער עס איז שטרענג געגען זיין פרוי און ער ערלויבט איהר נישט זיך צו בעטראכטען גלייך ווי איהם פאר א זינדיגע נשמה, דער איז קיין היינטוועלטיגער, מאדערנער מאן נישט, סיידען ער זינדיגט אפילו מיט די געדאנקען נישט. ער וויל, אז אלע פעהלער וואס ער בעגעהט זאלען איהם אבלויבען גלאט און ער זאל דערפאר גארנישט בעשטראפט ווערען, ווייל ביי איהם הייסען דאס גארנישט קיין פערברעכען, דערפאר אבער האלט ער עס ביי די פרוי פאר זעהר שווערע פערברעכען. אין גרונד גענומען איז עס גאנץ איינערליי. די ביידע נשמות זענען מעהר נישט אפען איינע געגען דער אנדערער און האבען אויפגעהערט איינער דעם אנדערן צו געהערען.
זעהסט דו, ביי מיר האט שוין דאס דריימאל פאסירט, און איך האב צומאל פאר זיך אליין נישט געהאט דערביי די ענטשולדיגונג, אז איך האב דאס געטהון פון ליעבע צו יענער פרוי. און דערנאך בין איך ווידער צו דיר געקומען אהן בושה, אהן חרפה און מיין געוויסען האט זיך גארנישט פערענדערט. דו האסט גארנישט געקאנט חושד זיין, אז דער חתונה-רינג אויף מיין האנד איז שוין געפלאצט... איך וואלט שרעקליך געליטען, ווען איך זאל האבען געפיהלט, אז איך האב דיך אנגעווארען, און דעריבער קאן איך בעגרייפען, ווי שווער איך האב זיך געגען דיר פערזינדיגט, ווען דו האסט מיך אנגעווארען... די זינד פון אמן געגען דער פרוי איז פונקט אזוי שווער גלאט צו מאכען ווי די זינד פון דער פרוי. יעצט האב איך נישט דאס רעכט מיט דיר זיך שטרענג צו בעגעהן. יעצט זענען מיר קוויט: א זינד פאר א זינד.

ער האט איהרע הענד אין זיינע אריינגענומען. מיט טרויעריגע, בעשיידענע בליקען אויף איהר געקוקט, מיט דעם געפיהל אין הארץ, אז אין זייער פאמיליען-לעבען איז עפיס צעבראכען געווארען.

זי האט אנגעהויבען שרעקליך שרייען:

— נאך וואס האסט דו זיך פאר מיר אליץ מודה געווען, אין דער צייט ווען איך האב דיך נאך אויף אזוי פיעל געליעבט, אז איך האב דיר קייןווארט דערפון נישט דערצעהלט?

א לאנגע צייט זענען זיי ביידע געבליבען שטעהן ארומגענומענערהייד. ביידע האבען זיך צעהליפעט אויפ'ן קול אין גרויס צערטליכקייט און שטארקען שמערץ.

ל. בראנקא.

דער נסיון פון א גלח.

נאוועלע.

(פון איטאליעניש).

די שוועסטער פילאמענא האט כמעט ווי צוגעלעגט די ליפּען צום פענסטערעל פון דזשי שטיבעל און מיט אַ הכנעה'דיג, שטיל קול האט זי אנגעהויבען זיך מתודה זיין.

— פאטער, איך ווייס נישט, צי איך האב געזינדיגט צי ניין. טיילמאל זאגט מיר דאס געוויסען, אז איך האב יא געזינדיגט, טיילמאל אז ניין. און מערקווירדיג, ווערט איהר, דאמאלס, ווען דאס געוויסען זאגט מיר, אז איך האב נישט געזינדיגט לייד איך מעהר, ווי דאמאלס, ווען דאס געוויסען זאגט מיר, אז איך האב יא געזינדיגט.

דער גלח האט זי נישט פערשטאנען.

— רעד קלאהרער, טאכטער מיינע, רעד קלאהרער. און סטארע זיך דערמאהנען זיך גאנץ גוט אין אלעם. דו ביזט דאך נאך אזוי יונג'! דאמאלס, ווען מען איז אכטצעהן יאהר אלט רעכענט מען זיך נישט איבריג מיט דעם געוויסען... פערלאז זיך אויף מיין משפט. דער אייביגער גאט וועט בעלויכטען דעם שכל מיינעם. רעד זשע, טאכטער, רעד.

— אט איז דער גאנצער אמת, פאטער. מאנטאג ארום האלבער נאכט בין איך געזעסען ביים גוסס'ען גומער זיעבען אין דער פינפטער פאלאטא, וואו איך האב פערביטען די שוועסטער מאריא, זינט איך האב אין שפּיטאל אריינגעטראטען.

דער דזשורנע דאקטאר האט ערקלעהרט, אז עס איז קיין האפנונג

נישט פערדאן, און האט מיר געזאגט, אז די גסיסה וועט נישט זיין קיין דויערענדע, ביז אין דער פריה נאך וועט אויף זיכער דער טוידט אנקומען. בעזונדער גסיסה ענויים וועט נישט זיין — האט געענדיגט דער דאקטאר: „נאר אויב איהר וועט געפינען, אז איך בין נויטיג, זאלט איהר מיך דורכאוים רופען. וועגען די איבריגע חוליים איז נישט דא וואס צו זארגען. זיי וועלען נישט בעאונרוהיגען נישט אייך און נישט מיך. און ער איז שלאפען אוועקגעגאנגען. איך האב נאר בעדארפט דער־לאנגען דעם קראנקען אלע האלבע שעה א לעפעל פונ׳ם צוגעגרייטען רעצעפט. האב איך מיר אנידערגעזעצט אויף מיין געוועהנליך ארט, אויף דעם בעט און האב אנגעהויבען אין געדאנק מתפלל צו זיין פאר דער נשמה זיינער.

— פאר וועמענ׳ס נשמה?

— פאר דער נשמה פונ׳ם אומגליקליכען חולה, וואס האט גע׳גוסס׳עט.

— איז דער חולה, הייסט עס, געווען א מאנסביל?

— האב איך אייך עס דען נישט געזאגט, פאטער?

— דו האסט איהם גערופען נומער זיעבען, און אויב איך האב קיין טעות נישט, טאכטער מיינע, איז נומער זיעבען נישט קיין זכר און נישט קיין נקבה. נו, גוט, דערצעהל ווייטער.

— דריי א זייגער ביינאכט איז געווען, ווען ער האט זיך צו מיר געווענדעט מיט א שטיל שוואך קול —: שוועסטער פילאמענא, אט אט קומט דער סוף! — שטארקט זיך, פערליערט נישט קיין מוט, ברודער, — האב איך איהם געזאגט אויפ׳ן אויער: — שטארקט זיך. דאן האט ער ווייטער אנגעהויבען רעדען שטיל גאר שטיל, אנשטרענגענדיג אלע קרעפטען, ער זאל די ווערטער אויסרעדען, ווי עס ברויך צו זיין: — איך בין גרייט, טרויעריג צו שטארבען זייענדיג אלט פינף און צוואנציג יאהר, איך גיעב זיך אבער אונטער דעם גורל. אפשר איז אזוי גאר בעסער. איך בין געווען ארעם און עלענד, איך האב זיך גערעכענט פאר א פאעט, געוועזען בין איך אבער גאר נישט. איך האב געטרוימט, אז איך בין געליעבט, קיינער האט מיר אבער נישט ליעב געהאט. ווען איהר וואלט בישט זיצען יעצט נעבען מיר, וואלט איך עלענד, ווי אין דער מדבר, געשטארבען. — ביי די ווערטער איז ער אנטשוויגען געווארען, און איך האב ווידערהאלט: — שטארקט זיך, ברודער, גאט איז מיט אייך! — אין עטליכע מינוט ארום האב איך בעמערקט, אז זיינע טיעפע בלאהע אויגען זענען פול מיט טרערען געווארען. ער האט א פרעג געטהון: —

ווילט איהר מיר טהון אַ גנעפּעליגקײט, שוועסטער פּילאַמענאַ? — און איך (— אַלעס, וואָס נאָר מעגליך וועט זײן, ברודער מײנער. — און ער האָט ווײטער געזאָגט: — ווילט איהר, אַז איך זאָל שטאַרבען, בענטשענדיג דעם, וואָס האָט מיך בעשאַפען? — אַזוי דאַרף יעדער כריסט שטאַרבען, — האָב איך געענטפערט...

— גוט געזאָגט!

און זעהר מיט אַ ווייכער שטים האָט ער נאָך צוגעגעבען: — העלפט מיר זײן אַ גוטער כריסט! — מיט וואָס זשע, ברודער? — מאַכט, אַז איך זאָל האָבן אַ שלעכטען געפיהל אַנטרעטען די שוועל פון לעבען, וואָס איך פערלאָז! מאַכט, אַז איך זאָל מיטנעהמען מיט זיך אין יענעם זכרונות וועגען מענשליכער גוטסקײט. שוועסטער פּילאַמענאַ. דערבאַרעמט זיך אויף אַ שטאַרבענדען מענשען. איך בעט אײך וועגען אײן און אײנציגען קוש.

— וועגען אַ קוש!?

און איך האָב נאָך אַמאָל געזאָגט: — שטאַרקט זיך ברודער, גרייט זיך צו זײן קוש.

— גוט געזאָגט!

— נאָר, אָנשטרענגענדיג די לעצטע כחות האָט זיך דער אומגליקליכער אָנגעהויבען בעטען: — טהוט מיר די געפעליגקײט. פערשטעהט איהר נשמה? צי ווילט איהר דען, אַז עס זאָל אײך עביג דאָס געוויסען אײערעס בייסען? צי ווילט איהר דען אומברענגען מיך פון יענער וועלט, איך זאָל שטאַרבען מיט אַ קללה אויף מײנע ליפּען.

— און די?... און דו...

— פאָטער, איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען פאַר די ווערטער! איך האָב געטראַכט וועגען דעם, אַז שטאַרבענדיג אָהן שום זכרונות וועגען מענש־ליכער גוטסקײט, וועט זיך אַ שרעקליכע קללה אַרויסרייסען פון זײן מויל. איך האָב געטראַכט וועגען דעם, אַז דער טוידט וועט נאָך ביז טאָג קומען, דען מיט יעדער רגע דערנאָהענט ער זיך צו איהם אַלץ מעהר און מעהר. איך האָב מיר צוגעהאָרכט צום שטילקײט, צו זײן אָטמען, וואָס עס איז אַלץ שווערער און שווערער געוואָרען. די ווײסע געלעגערס האָבען אין דער פינסטער אויסגעזעהן, ווי קברים. און ער האָט אַלץ געוואַרט מיר איז זעהר טרויעריג געוואָרען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. נאָכדעם האָב איך זיך אַ ביסעל אָנגעבויגען און האָב איהם אַ קוש געטהון. קוים וואָס מען האָט געהאָרכט, האָט ער אַ זאָג געטהון; — אַ דאַנק! — און איך האָב מיר ווײטער רוהיג גענומען פאַר דער תפלה.

— און וואו האסטו איהם א קוש געטהון? — האט דער גלה א פרעג געטהון מיט אַן׳אומגעדולדיגער אונרוהיגקייט.

— פאטער, עס איז פינסטער געווען, — האט רוהיג געענטפערט די שוועסטער פילאמענא: — נאר מיר דאכט, אז אין די ליפען האב איך איהם א קוש געגעבען.

אט דאס איז שוין זעהר אונפארזיכטיג! יא, צום זעניגסטען — אונפארזיכטיג! איך פערשטעה, אז דאס איז מיט א פרומער כונה געטהון געווארען. דו מאכטער מיינע, דו האסט געפאלגט דעם כריסטליכען געפיהל פון מיטליידען, דעם געטליכען געפיהל, אויב דו ווילסט, וואס אין דיר האט דאמאלט געלעבט. ער איז אבער אויך פאר דיר אביסעל אונקלאהר געווען, איך וואלט אויך געזאגט, אביסעל אפילו געפעהרליך: בעסער וואלט געווען א קוש געבען איהם אין שטערן, נישט אין די ליפען. אויף צו מציל זיין די נשמה זיינע וואלט אויך דער קוש אין שטערן געווען גאנץ גענוג. איבריגענס, דו האסט דאך א האלב־טוידטען מענשען געקושט...

— דאס האט אויך מיר בערוהיגט.

— און יעצט, ווען ער איז שוין אינגאנצען געשטארבען און בעגראבען געווארען, לאמיר מתפלל זיין פאר זיין נשמה און מעהר נישט טראכטען וועגען איהם.

— ניין, פאטער, די מעשה איז נישט אזוי. ער לעבט.

— ער לעבט?!...

— נו, יא. ער האט זיך געמוטשעט ביז אין דער פריה. די ערשטע שטראהלען פון דער זון האבען איהם כחות צוגעגעבען. דער דיזשורנע דאקטאר האט נישט געקאנט בעהאלטען זיין פערוואונדערונג פונ׳ם קראנקען, אריינגעהענדיג אין פאלאטא אין בעמערקענדיג א שוואכען שמייכעל אויף די ליפען פונ׳ם חולה. דער דאקטאר האט איהם באלד אויסגעהערט, האט איהם אנאריינשפריצונג געמאכט און האט מיר מיט א שטיל קול געזאגט: — מערקווירדיג, עס קאן זיין, אז עס זאל אונז געלונגען בייצוקומען דאס שלאפקייט.

— דאס איז דאך אבער אַנ׳אונגליק! — האט אויסגעשריען פלוצלינג דער גלח.

— וואס רעדט איהר, פאטער?

עס איז נישטא, וואס אפצונארען זיך. אויב דו האסט א קוש געגעבען אין די ליפען א לעבעדיגען מענשען, וועלכער לעבט נאך אויך יעצט, ווייס איך, ווירקליך נישט, מיט וואס צופעריכטען דעם חטא. גאר אני־

אַנדערע זאַך וואָלט געווען, ווען דער טוידט זאָל אונטער דער טהיר זיין. אַלעם וואָלט מען דאַן געקאָנט מאַכען מיט דעם רבונו של עולם. יעצט אָבער איז זעהר שלעכט! אין וואָס פאַר אַ שווערען נסיון דו ווילסט שטעלען דעם רבונו של עולם'ס דערבאַרמהערציגקייט. זאָלען מיר רעדען אָפען: אַנשטענדיג דאַרף מען זיך האַלטען, וואָס ס'וואָלט נישט פאַר־געקומען.

נאָך אַ מינוט שווייגען האָט דער גלח אַפרעג געטהון:

— זאָג נאָר שוועסטער, פ י ל אָ מ ע נ אַ, וואָס פאַר אַ מענש איז דאָס דער דאָקטאָר.

— אָ, זעהר אַ פיינער מענש.

— יאָ, נאָר, ווי הויך שטעהט ער, אַלס דאָקטאָר?

— זעהר הויך. איינער פון די דאָקטוירים.

— און ווי פיהלט זיך דער חולה?

— עס איז איהם בעסער.

— גאָט מיינער!

— דו ביזט פערפאַלען.

— דו וואגסט נאָך אויסרעדען זיין נאָמען?

— שוין זשע, פאָטער, בין איך אַזאַ גרויסע זינדערין?

— דו ביזט נישט ווערט צו טראָגען די מלבושים דיינע!

נאָר זעהענדיג, אַז די שוועסטער פילאָמענאַ האָט זיך ביטער צעוויינט, האָט דער גלח ביי זיך בעשלאָסען אַביסעלע ווייכער מאַכען דעם טאָן.

— דאָך פערשטעה איך דיר נישט אינגאַנצען. דו פערזיכערסט, אַז דאַמאָלס, ווען דאָס געוויסען זאָגט דיר, אַז דו האָסט כלומר'שט נישט געזינדיגט, ליידסט דו מעהר, ווי דאַמאָלס, ווען עס זאָגט דיר, אַז דו האָסט יאָ געזינדיגט. איז דען מעגליך, אַזאַ ווידערשפרוך? ווי אַזוי ברויכט מען עס צו פערשטעהן?

— איך ווייס גאָר נישט, פאָטער. איך פיהל נאָר דאָס, וואָס איך פיהל און איך בין זיך אין אַלעם מתודה פאַר אייך.

— און חרטה האָסטו אויף דעם, וואָס דו האָסט געטהון?

— אויב דאָס איז אַ גרויסע זינד, בין איך געצוואונגען חרטה צו האָבען.

— נאָר מיין נים, אַז איך וועל דיר שוין כפרת עוונות געבען. מיר וועלען צוואַרטען עטליכע טעג... וועלען מיר זעהן! מיר וועלען זעהן, מיט וואָס פאַר אַ וועג עס וועט דאָס שלאַפקייט פונ'ם יונגען מאַן אַוועקגעהן, און מיר וועלען איינאָרדנען לויט די אומשטענדען. געה, געה. איך וויל

דיר מעהר נישט אויסרעגען היינט. און ווען דו וועסט צו זיין בעט צוקומען, זאָל דיר דאָס פנים רויט זיין פאַר הרפה. האָסט פערשטאַנען?

— מיר איז שטענדיג דאָס פנים רויט, פאָטער.

— אָ, אַ דאָס איז דאָס!

אין עטליכע טעג אַרום איז די שוועסטער פילאָמענאַ ווידער צום גלח געקומען.

— נו, ווי זשע פיהלט זיך דער זיעבטער נומער?

— מיר דאַכט, אַז גאָר גיך וועט ער געזונד ווערען.

— נאָכדעם, וואָס ער איז שוין מיט איין פוס געשטאַנען אין קבר.

— קענטיג, אַז ער האָט זעהר אַ שטאַרקען אָרגאַניזם.

— און וואָס רעכענען די דאָקטוירים?

— זיי זאָגען... אַז ער וועט געזונד ווערען.

— געזונד ווערען!! עס איז גאָר קיין רעטונג פאַר דיר נישט פערהאַן!

— דאָס האָב איך אויך איהם געזאָגט.

— וואָס זשע האָסט דו איהם געזאָגט?

— איך האָב איהם געזאָגט, אַז צוליעב איהם בין איך אומגעקומען, און אַז ווען איך זאָל געוועזן וויסען, אַז ער וועט לעבען בלייבען, וואָלט איך איהם נישט געוועזן געקושט.

— און וואָס האָט ער דיר געענטפערט דער רשע?

— ער האָט געענטפערט, אַז ער וויל נישט, איך זאָל אומקומען, און ער וועט רעטען די נשמה מיינע.

— נאָר ווען ער שטאַרבט, וואָלט ער זי רעטען געקאָנט. וואָס פאַר אַ נאַרעשקייטען דערצעהלט ער דיר!

— דאָס איז עס דאָך טאַקי, פאָטער. ער האָט זיך געשוואָרען, אַז אין דעם טאָג, וואָס מען וועט איהם זאָגען, אַז ער איז שוין פאָלקאָם געזונד, וועט ער זיך נעהמען דאָס לעבען צוליעב מיר.

דער גלח איז שרעקליך צערודערט געוואָרען פון דער נייער ידיעה. ער האָט אַביסעל געטראַכט און נאָכדעם קאַטעגאָריש געזאָגט:

ענדליך וועל איך דיר בעסער אָבלאָזען די זינד. איך האָב מורא, אַז עס זאָל זיך מיט אייך נישט איבער׳חזר׳ען דאָס פריהעריגע, אויב אָט דער העלד וועט נאָך אַמאָל אָנהויבען צו׳גוסס׳ען.

יאלמאר סיעדערבערג.

דער שאטען.

(פון שוועדישען).

איך ווייס ניט צי איך האָב ליעב דאָס לעבען, צי האָב איך עס פיינט; נאָר איך בין צו איהם פעסט צוגעשמידט מיט מיין גאנצען הערצען, מיט אלע מיינע פערלאנגען און בעגעהרען.

איך וויל ניט שטאַרבען.

ניין, איך וויל ניט שטאַרבען: נישט היינט, נישט מאָרגען, נישט אין דעם יאָהר און נישט אין קומענדען.

און דאָך האָב איך מיט פיעל יאָהר צוריק אַ חלום געזעהן, וועלכער האָט מיך געצוואונגען נישט וועלען קיינמאָל געבוירען ווערען. — — —

איך בין געגאַנגען איינער אַליין אויף דער שווייגענדער און לעערער גאַס. ס'איז וואַרעם געווען, אָנהויב פריהלינג, די טראָפּענס רעגען פון די דעכער האָבען געפינקעלט אויף דער זון, אויף די גאַסען האָבען זיך ליכטיגע וואַסערלאַך געבילדעט, וועלכע האָבען אָבגעשפּיגעלט די הימעל-בלאָהקייט, איבער די דאַך-קוימענס האָט געשיינט דער בלאַסער פריהלינגס-הימעל, די פריהלינגס-לופט, מיט וועלכער איך האָב געאָטעמט, האָט זיך מיר אויסגעדרוקט ווי בּאַלזאַם, ווי אַ היילונגס-מיטעל פאַר דעם געהיימען קומער און ליידען, וועלכע האָבען דעמאָלט אפילו אין שלאָף געסמיט מיין נשמה.

און דאָך האָב איך עפּעס אַ אונרוה געפיהלט. בין איך ווירקליך איינזאַם געווען? ביי מיר איז געווען אַ געפיהל, ווי עמיצער זאָלט נאָכגעגאַנגען נאָך מיר, נאָר איך האָב ניט געזעהן ווער דאָס איז, ווייל די גאַנצע צייט האָט ער זיך געהאַלטען אויף אַ האַלבען טריט הינטער מיר;

און ווען איך פלעג זיך אומקערען צו זעהן זיין פנים, פלעגט ער זיך שנייצען די נאָז און דערביי פערשטעלען דאָס געזיכט מיט'ן שנופ-טוך. פלוצלונג איז מיר איינגעפאַלען אין קאָפּ, אַז איך בין געגאַנגען אויף דער זונענדיגער זייט גאַס און אַז נאָך מיר האָט געקענט נאָכפאָלגען מיין שאָטען אויף דער ווייסער וואַנד. איך האָב אַליין אַ קאַטער געהאַפּט פון פריהלינגס-וועטער, פאַר וואָס-זשע זאָל ער ניט קענען זיין ביי מיין שאָטען?

פריהער איז מיין שאָטען מיר קיינמאָל צום לאַסט ניט געווען, נאָר דעם טאָג איז ער מיר צו שווער געווען. ביי מיר זענען געווען נייע הענטשקעס און קליידער; נאָר מיין שאָטען איז גראָה און בלייך געווען און פלעגט מאַכען אַ קלאָגעדיגען איינדרוק.

פאַרוואָס האָט מיך מיין שאָטען נאָכגעפאָלגט גראַדע אין דעם טאָג, ווען איך בין געגאַנגען זעהן זיך מיט דער, וועלכער איך האָב געליעבט?

זי איז מיר אַנטקעגען געגאַנגען, און זי האָט געשיינט און געשמייכעלט, נאָר עפּעס זעהר עהנליך צו אַ טרער האָט געפינקעלט ביי איהר אין די אויגען, זי האָט געהאַלטען אין האַנד צוויי ראָזען. איינע איז געווען אַ ווייסע, די צווייטע — אַ רויטע. זי האָט מיר געגעבען די ווייסע ראָזע; די רויטע אָבער האָט זי בעהאַלטען ביי זיך אויף דער ברוסט.

„פאַרוואָס גיסטו מיר ניט די רויטע ראָזע?" — האָב איך איהר געפרעגט.

„ניט איצטער", האָט זי געענטפערט און אַ שמייכעל געטהון. און אין מיין חלום האָט זיך מיר געדוכט, אַז ביי איהר איז געווען דער זעלבער שמייכעל, מיט וועלכען עס שמייכלען די פרויען ביי ל עאָנאַרדאָ.

איך האָב זי געוואָלט נעמען אונטערן האַנד, נאָר אָנשטאָט דעם האָט זי מיך גענומען. און, ווי צוויי קינדער, האַנד ביי האַנד, זענען מיר געגאַנגען אַראָב גאַס. איך האָב זיך זעהר בעמיהט, זי זאָל געהן פון דער זייט, וואו עס איז מיין שאָטען געווען, אַזוי אַז זי האָט צוטראָטען מיין שאָטען און ער איז נעלם געוואָרען.

נאָר אַ חלום בייט זיך גיכער, ווי די צייט.

די גאַס, אויף וועלכער מיר זענען געגאַנגען, איז געווען די זעלבע, וואָס פריהער, מיט הילצערנע הייזער און מיט גערטנער הינטער דעם רויטען פּאַרקאַן, און דאָך איז זי געווען אַ אַנדערע, ווייל ס'איז שוין קיין שניי ניט געווען און עס זענען אויך ניט געוואָרען די וואַסערען, וועלכע האָבען אָבגעשפּיגעלט די הימעל-בלאָהקייט; ס'איז געווען אמת'ער פריהלינג.

די בוימער זענען שוין געוועזען אין פולען בליהען, און אויף די ווײַנשעל־בײַמער אין אונזער שכנ'ס קליינעם גערטעל זענען שוין געוועזען גרויסע קנאָספּען.

און פּלוצלונג איז פינסטער געוואָרען; די טהירען פון די קליינע הײַזלעך האָבען געפינקעלט מיט זייערע לעכער דורך דער ניט ריכטיגער האַלב־ליכטיגקײַט פון שלאָף, און עפּעס אַיין אַלטער מאַן האָט אַרום געבלאָנדזשעט מיט אַ פאַקעל און פלעגט, דאָ און דאָרטען אָנצינדען אַ לאַמטערען.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט בײַם אַרײַנפאָהר פון אונזער הויז. דאָס איז געווען דאָס הויז, אין וועלכען איך האָב נאָך יונגעלווײַז געלעבט און וועלכעס איז שוין לאַנג נעלם געוואָרען, צוזאַמען מיט דער גאַס, מיט די גערטנער און ווײַנשעל־בײַמער. מיר זענען געשטאַנען אין דער פינסטער און האָבען זיך געסודעט און געגלעט איינער בײַם אַנדערען די הענד, און די צײַט איז פאָרבײַ אין קושען.

„און די רויטע רויזע?“ האָב איך איהר אַ פרעג געטהון. „עה, זי איז שוין פערוועלקט געווים?“

„ניין“, האָט זי געענטפערט, „זי איז נאָך ניט פערוועלקט. טהאַ אַ קוק, זי האָט ביז בלוט פערוואונדעט מײַן ברוסט, און איך דורשט אַזוי דיר זי אַוועקגעבען: נאָר איך בעשליס זיך ניט. ניין, איך בעשליס זיך ניט!“

און איהרע אויגען זענען פול טרערען געווען, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און האָט געהאַלטען די רויזע בײַם בלײַכען שײַן ליכט, וועלכע האָט אַרײַנגעדרונגען דורך דער טהיר. איך האָב זיך ניט געקענט אײַנהאַלטען, מיט בײדע הענד האָב איך איהר האַנד געהאַפּט, און איך האָב צוגעדריקט די רויטע רויזע צו מײַנע ליפּען און האָב זי געקושט.

דער קאָפּ האָט זיך בײַ מיר פערדרעהט, אין די אויגען איז מיר פינסטער געוואָרען, און איך האָב אַלץ פערגעסען. ווען איך בין אָבער ווידער געקומען צו זיך, איז יענע, וועלכער איך האָב ליעב געהאַט, געשטאַנען שוין פיעל ווײַטער, דאָס פּנים איז בײַ איהר בלײַכער געווען, און אַרום מויל האָט זיך בעוויזען עפּעס אַ לײַדענ'ס־קנײַטש.

איך האָב זיך געוואָלט דערנעהנטערען צו איהר, נאָר אָט, האָט זיך אַ גליטש געטהון אַ שאָטען דורכגעלאָפען צווישען מיר און איהר.

דער שאָטען איז געווען אַ גראָהער און בלײַכער, די נעגעל פון אָרימקײַט זענען געווען קענטיג אויף איהם. איך האָב איהם געוואָלט אָבשטויסען, נאָר ער איז געווען שטאַרקער פאַר מיר; און אין דער צײַט,

ווען איך און מײַן שאָטען האָבען זיך געראַנגעלט, איז מײַן געליעבטע שוין לאַנג אַוועק אין דער פינסטערקייט פון שלאָף, און איז נעלם געװאָרען, ווי אַ שײַן פון אַ בלײַכען נעבעל — — — — — —

— — — איך בין אַרויס אין דער טהיר, און דער שאָטען איז נאָכגעגאַנגען נאָך מיר. קיין פריהלינג איז שוין מעהר ניט געווען, ס'זענען ווינטערדיגע בין־השמשות געווען; דער ווײַסער שניי, וועלכער איז ערשט אויסגעפאַלען איז געלעגען אונטער דעם גראָהען, פינסטערען הימעל, און איז אַלץ געפאַלען און געפאַלען.

איך האָב שוין קיין שנאה ניט געהאַט צו מײַן שאָטען, ווײַל איך בין אַלט און אײַנגעהויקערט געווען און האָב שוין אַלץ פערגעסען.

איבערזעצט: א—ק.

ערנסט געארני.

פריילין מוטער.

ראמאן.

(פארטזעצונג פון העפט 8).

האט זי צוזאמענגעשוידערט, א האנד האט זיך אויף איהר ארעם ארויפ־געלעגט.

— פאסט אייך מוט, פריילין, בערוהיגט אייך! — האט א ווייכע שטימע צו איהר געזאגט, — איך וועל אייך צו פרוי פאן דראס ברענגען! איהר מוזט מיר אבער צוזאגען, אז איהר וועט זיין רוהיג און די אומגליקליכע איהרע לעצטע שטונדען נישט שטערען! — —

— האלט זי דען — — ביי'ן שטארבען? האט א נ נ א געפרעגט און איז שיער נישט אומגעפאלען. ווידער האט זיך אויף איהר אנ'ארעם ארויפגעלעגט זי צו שטיצען, ביז זי איז צו זיך געקומען. —

— דער ליעבער גאט וועט די קראנקע פון איהרע שווערע יסורים בעפרייען און איהר גנעדיג צו זיך אין הימעל ארויפנעמען!

נון האט א נ נ א אינגאנצען דאס בעוואוסטזיין פערלארען. זי האט נאר געפיהלט, אז מען האט איהר צו א בעט צוגעפיהרט און אויף א שטול ארויפגעזעצט. פאר איהר איז געלעגען די גוטע פרוי בלייך ווי קאלך, שטיל און אפגעריסען געזיפצט און זיך געראנגעלט מיט דעם טוידט. ביסלעכווייז איז א נ נ א צו זיך געקומען. שטונדען לאנג איז זי געזעסען די גוטס'דיגע פרוי, וואס האט מיט איהר אזוי פיעל גוטס געטהון געזעסען און מיט די שרעקליכסטע שמערצען איהרע יסורים מיטגעפיהלט. ענדליך האט ט ה ע ר ע ז ע פאן דראסס די אויגען געעפענט. איהר ערשטער נישט קלארער בליק האט געטראפען אנא'ן, וועלכע האט זיך איבער איהר אריבערגעבויגען. — טיעפע אונרוהיגקייט האט געשוועבט אויף איהר פנים און אויף איהרע שוין פון טוידט געצייכענטע מינעס. פלוצלונג איז איהר

ליק קלאָר געוואָרען. מיט אונגעהויערער אָנשטרענגונג האָט זי אויס-גערעדט די ווערטער:

— אָרים קינד — קיין צ׳אה — אָהן הילף — שענקען!

— טאַנטע רעזי, זאָרג זיך נישט! אַלעס וועט שוין גוט זיין, זעהר ט זיין! — האָט אַננאַ פערצווייפעלט געזאָגט.

עס האָט געדויערט אַ קורצע ווײַלע. די אַנגסט, וואָס אויף דער וסס׳דיגער פּנים האָט זיך אין אַ שמייכעלענדיגע רוהיגקייט פערוואַנדעלט. ם האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט נאָכגעקלערט. דערנאָך האָט זי ווידער ט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט:

— אַ, קאַנטהאַגען וועט — — זאָרגען?

אַ׳אונבעשרייבליכע פּײַן האָט אַננאַ׳ן געמאַטערט. פון טיעפסטען אַרצען האָט זי פיינד געהאַט צו זאָגען ליגען; אָבער האָט זי דען עקענט די שטאַרבענדע מיט׳ן ריכטיגען אמת קוועלען? האָט זי דען ישט געמוזט איהר די לעצטע מינוטען פערלייכטערן? היינטיגעס מאָל וז זי זאָגען אַ ליגען:

— יאָ, ליעבע גוטע טאַנטע רעזי! אָטטאָ וועט שוין אַלעס וט מאַכען. מיר וועלען זעהר גליקליך זיין, זעהר גליקליך! — — עָה אָזט דיך הערצליך גריסען, און דיין קליינער ליעבלינג לאָזט דיך אויך ערצליך גריסען! אַרויסרעדענדיג די לעצטע ווערטער האָט זי זיך די יפּען געביסען, בכדי קיין געשריי נישט אַרויסצולאָזען.

די טאַנטעס געזיכט האָט זיך פון טיעפער, אינערליכער פרייד אויפ-געקלערט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז די יסורים האָבען אויף אַ קורצע ווײַלע נאָכגעלאָזט. — אַננאַ האָט מיט אַ האָפנונגספאָלען בליק אויף די באַרעמהערציגע שוועסטער געקוקט, יענע האָט אָבער רחמנות׳דיג מיט די אַקסלען געצויגען און אַ פינגער אויף דעם מויל אַרויפגעלעגט. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך דער טוידט-קאַמפּף מיט נאָך שרעקליכער העפ-טיגקייט ווידער אָנגעהויבען. פערציג מינוטען שפּעטער האָט שוין די גוטע פרוי נישט מעהר געלעבט.

אַננאַ האָט נישט געוואוסט וואָס מיט איהר טהוט זיך. ווי אַ אונבע-האָלפען קינד האָט זי געטהון אַלץ, וואָס מען האָט איהר געהייסען. די מענשען פון שפּיטאָל האָבען איהר זעהר גוט בעהאַנדעלט, יעדער האָט זיך בעמיהט איהר מיט עפּיס בעהילפיג צו זיין. — די געשטאָרבענע האָט מען נאָך בערלין אַריבערגעפיהרט. און האָטש זייט ביי דער פרוי פאָן דראָסס איז דער מאַן געשטאָרבען האָבען איהר אַלע זיינע קרובים אויסגעמידען

און פון איהרע אייגענע קרובים אפילו האט אידר אויך קיינער נישט
בעזוכט, זענען דאך באלד נאך דער מעלדונג פון איהר טוידט, געקומע
זעהר פיעל פערוואנדטע און בעקאנטע איהר דעם לעצטען כבוד אבגעבען.
אלע האבען אויף די פערשטארבענע געטרויערט, אלע האבען זי בעקלאגט
און אלע האבען זיי די בלאסע און שווארצען געקליידעטע א נ נ א ז א נ
ד ע ר ס מיט פיינדליכע בליקען אנגעקוקט. זיי האבען מורא געהאט, אז די
דאזיגע בלאסע פרייליין, וועלכע האט די לעצטע פערצעהן חדשים ביי דע
רייכער אלמנה געלעבט, זאל זיי נישט ווערען א געפעהרליכע שותפית
אין דער ירושה, אויף וועלכער זיי האבען אזוי שטארק און אונגעדולדי
געווארט. דער יוסטיץ-ראט, וועלכער איז געוועזען דער פריינד און הבו
מונים פערשטארבענעם הערר פאן ד ר א ס ס און נאך זיין טוידט געווארע
דער גאנצער יועץ ביי דער פרוי פאן ד ר א ס ס, האט שוין אנגעהויבע
חעגען דעם צו טהון. ער האט א נ נ א ן אוועקגערופען און א זייט או
מיט איהר א לאנגע צייט גערעדט וועגען איהרע אינטערעסען. ט ה ע ר ע ז
פאן ד ר א ס ס מיט איהר ריעזיגע געזונדהייט האט גארנישט געקאנ
טראכטען וועגען אזא גיכען טוידט. זי האט דעריבער איהרע פלענע
וועגען איהר פערמעגען נאך גארנישט אנגעהויבען אויסצופיהרען. זי האט
געוואלט א נ נ א ן איבערלאזען דאס גאנצע גרויסע סומע פראצענט, וואס
האט זיך אנגעזאמעלט פון דעם געלד, וואס איז מאה איהר בעשטימט. דאס
קאפיטאל גופא האט זי נישט געקאנט בענוצען צו דעם צוועק, איהו
פערשטארבענער מאן האט עס נאך ביים לעבען צו אנדערע צוועקען בע
שטימט.

א נ נ א ס גאנץ פערמעגען איז בעשטאנען בלויז פון די מתנות
וועלכע פרוי פאן ד ר א ס ס האט איהר אין לויף פון דער צייט געשאנ
קען און א שפאר-קאסע ביכעל אויף איבער טויזענד מארק. דאס דאזיג
ביכעל האט איהר די פערשטארבענע צו א ט ט א ס ערשטען געבורטס
טאג דערלאנגט און אויף די ערשטע זייט אויפגעשריבען: „א מתנה פו
מיעפסטען הארצען צושטייער פאר די ערציהונג פון אונזער אטטא". —

נון האט א נ נ א געמוזט דאס שענע הויז, וואס איז פאר איהו
א צווייטע היים געוועזען מיט איינינע קאמערס זאכען איננאנצען פערלא
זען. איהר מזומן געלד איז בעשטאנען פון פיערצעהנהונדערט מארק
פאר יעדען פאל גענוג פאר די ערשטע צייט, ביז עס וועט זיך איהו
עפיס מאכען. — פאר די פהאטאגראפען אפעראטען איז נאך נישט בע
צאהלט געווארען און נאך נישט אוי'ן ארט אבגעליווערט געווארען. דעו

יוסטיץ-ראט איז דעריבער געלונגען צו פועל'ן ביי די פאבריקאנטען זיי זאלען עס צוריק נעמען. דעם יוסטיץ-ראט'ס פראיעקט, אז אננא זאל די איינריכטונג איבערנעהמען, איינארדנען אנ'אטעליער און ביסלעכווייז פון דעם פערדיענטען געלד אויסצאהלען, איז אפילו נישט קיין שלעכטע געוועזן. אין אנאנדער צייט וואלט אננא עס געוויס אנגענומען און מסתמא עס אויך אויסגעפיהרט. יעצט אבער האט זי דעם פראיעקט ניט אנגענומען. די אויפרעגונג, וואס זי האט די לעצטע צייט איבערגעלעבט האט איהר איבגאנצען צוזאמענגעבראכען. די אלע ליידען, וואס זי האט געהאט אויסצושטעהן זענענדיג צוזאמען מיט קאנטהאגען, די באלה דערנאך קומענדיגע שרעק, דער טוידט פון דער טאנטע, די שטעכווערטלעך פון פרוי פאן-דראסטען'ס יורשים, וועלכע האבען זי ביז אין צעדגטען ריפ געשטאכען, דאס אלץ האט זי אינגאנצען די כחות אויסגעשעפט.

פיערטעם קאפיטעל.

דער פענסיאן פון דער פרוי ראט באלל האט זיך געפונען אין איינער פון די שנעל אויסגעוואקסענע גאסען נישט ווייט פונ'ם באטאנישען גארטען. דאס הויז איז געוועזן אנ'אמת געדונגענע קאזארמע. פינף עטאזש הויך און אונטען גלייך מיט דער ערד איז נאך א שורה געוועלבער געוועזן. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס די פענסטער זענען אזוי ענג איינס צו'ם אנדערען צוגערוקט געוועזן, איז דער פראנט געוועזן באלאדען מיט שטוקאטור פון ביליגסטען געשמאק. די הילצערנע, ענגע און שמאלע טרעפען זענען געוועזן מיט ראגאזשעס באלעגט. די ווענד מיט געשמאקלאזע בלומען און פיגורען בעמאלט. די איינגאנג-טהירען נידריג. די וואהנונגען גופא ענג, נידריג, קאלט און פייכט. די פאדריאדטשיקעס פון אזעלכע סארטען הייזער, קוים האבען זיי עס אונטערן דאך געבראכט מאכען באלה פליטה און עס געדט איבער אויף עפענטליכע ליציטאציעס פון האנד צו האנד, ביז עס געפינט זיך א דרייסטע אקציענגעזעלשאפט, וועלכע קויפט דאס אב. די בעלי מלאכות ווערען געדריקט, ארבייטען דעריבער שלעכט, מאכען עס אוועק פון דער האנד, אבי עס זאל נאר האבען א גלאנץ, עס זאל זיך ווארפען אין אויג. פאר'ן הויז איז פארהאן א קליינער אויסגעפלאסטערטער הויף און אין מיטען הויף א גערטיל מיט איניגע אלעאנדערע בוימער.

דער דריטען און פיערטען עטאזש פון פראנט, דאס הייסט, נאר

די רעכטע זײט, האָט בעוואוינט פרוי באַלל אַן אַלמנה נאָך אַ ראַטהס־סעקרעטאַר. זי האָט זיך דאָרטען היבש געקוועלט ביז זי האָט איהר שטיקעל הונה אויפגעראַביײט. אין די אונטערשטע וואָהנונגען האָבען געוואוינט אַ פּאָר באַנק־בעאַמטע, שילער פון קאָנסערוואַטאָריום אָדער פרעמדע סטודענטען וואָס בעזוכען דעם אוניווערזיטעט, צוויי לעהרערינס און דער שטערן פון פענסיאָן: אַ בעוואוסטע קאָנצערט־זינגערין און שוי־שפּיעלערין פון בערלינער טהעאַטער. — דאָ האָט עס ביי פרוי באַלל געהייסען האָבען די פאָרנעהמע געוואָהנט. אויבען אויפ'ן פיערטען עטאַזש האָט געוואוינט, ווי פרוי באַלל האָט זיי אָנגערופען דער „פּראָלעטאַריאַט": די פרייזענדריקער, די נישט זיכערע קונדען, וואָס צאָהלען נישט רעגעלמעסיג דאָס דירה־געלד. דעריבער איז טאַקי די איינריכטונג אין יענע צימער געווען גאָר פון איינפאַכסטען סאָרט, און די דיענערשאַפט, וואָס האָט אַסך צו טהון געהאַט „אונטען" איז „אויבען" געווען אַ זעלטענער גאַסט.

דורך אַנ'אַנאָנסע אין דער צייטונג האָט זיך אַננאַ דערוואוסט, אַז דאָרטען איז דאָ אַ וואָהנונג צו פערדינגען. איהר איז זעהר געפעהלען געוואָרען, וואָס עס איז נאָהנט צום פּאַרק און זי האָט זיך געלאָזט געהן אַהין.

פרוי ראַט באַלל, דערזעהענדיג אַ דאַמע אָנשטענדיג אין טרויער קליידער אָנגעטהון, הערענדיג ווי זי רעדט אַזוי שען און עדעל האָט איהר געדאַלטען פאַר אַ גרויסאַרטיגע און העכסט געבילדעטע דאַמע און דעריבער איהר זעהר העפליך אויפגענומען און פריינדליך צו איהר גערעדט:

— געווים, מיין גנעדיגעס פריילין, האָב איך פאַר אייך אַ גוטע וואָהנונג. מיסטער מאַקוראַגער און מיס שמידט ציהען זיך פון אונז אַרויס, עס בלייבען אַלזאָ לעדיג צוויי עלעגאַנטע, פאָרנעהמע צימערן איינס נעבען אַנדערן. איך קאָן אייך די דאָזיגע צוויי בעסטע צימערן מיינע, וואָס די פענסטער זייערע קומען אין גאָרטען אַריין, צוויי רוהיגע ליכטיגע און לופטיגע צימער, נאָר דאַמאָלס פערדינגען, ווען איהר וועט זיי ביי מיר נעמען נישט ווייניגער ווי אויף דריי חדשים! — —

— ווען די צימער זאָלען מיר נאָר געפעהלען און מיר וועלען צוזאַמען קומען מיט'ן פּרייז קאָן איך אויף דער דאָזיגער בעדינגונג איינגעהן. און וואָס פאַר אַ פּרייז אייגענטליך שטעהען זיי? — —

(פאָרזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּא ספּאַנאָ.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 8).

— לאָמיר האָפען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— די פויערען אַרבייטען מעהר נישט אויפ'ן פעלד אין אַזעלכע היצען, און אַהוין דעם זעגען זייערע פעלדער אַרומגעצוימט. אין אונזער גאָרטען איז נישטאָ קיין שום ווינקעל, וועלכען מען זאָל קאָנען פון אַ דערבייאיג הויז זעהן. איך האָב זיך איבערצייגט אין דעם. איך האָב טאַקע צוליעב דעם צוועק אומעטום געמאַכט וויזיטען... אומרוהיג בין איך נאָך וועגען דיינע מענשען, וואָס וועלען זיי זאָגען דערצו וואָס דו ביזט אַזוי לאַנג נישטאָ?

— איך? גאָרנישט. דערויף זאָל מיין חבר'טע זאָרגען. זי מוז שוין געפינען אַנ'אָרט, וואו איך קאָן אַזוי לאַנג זיין. דערצו האָב איך זיך דאָך געשאַפט אַ חבר'טע.

די ליידענשאַפט פון דער דאָזיגער פרוי וועלכע קוקט אויף קיין געפאַהר נישט האָט איהם אין ערשטוינונג געבראַכט. עס האָט איהם אָטהעם פערפעהלט.

געשווינד האָט זי די שטאַרק געווירצטע שפּייזען געגעסען. דערביי איז זי ביי איהם אויף די קניע געזעסען. — די הויפּט שפּייזע בין פאָרט איך, — האָט ער, מיט אַ צופריעדענער מינע אויפ'ן פּנים, געטראַכט.

דערנאָך האָט ער לייכט אָבעטהמענדיג געזאָגט:

— בכדי איך זאָל פון הונגער נישט שטאַרבען, בעדאַרף איך איינריכטען געהיימע מיטאָגען.

זי האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, האָטש זי האָט איהם נישט פֿערשטאַנען.

אין דער פֿריה האָבען זײ זיך אױפֿגעװאַכט פּונקט װען די זון האָט אָנגעהױבען אױפֿצוגעהן. איהרע ערשטע דינע שטראַהלען זענען דורך די אָפֿענע פֿענסטער אין זײער צימער אַרײנגעדרונגען, שײנענדיג גאָלדענע שטױב קערענדלעך צװישען די הױכע גרין-בלױע פֿאָרהאַנגען. הזשעממאַ האָט אױסגעשטרעקט די האַנד אום זײ אױפֿצוהאַפּען. בעפֿרײענדיג זיך פֿון אונטער דער קאָלדרע האָט זי זיך אַרױפֿגעשטעלט אױף דעם װענדטיל פֿון בעט; דאָס לײכטע, דורכזיכטיגע מאַטעריע פֿון איהר העמד האָט געפֿלאַטערט אַרום איהרע גראַציעזע, לײכטבעװעגענדיגע גליעדער און אין גאַנצען איז זי געװען בעגאָסען מיט אַ גרין-בלױען גלאַנץ. די גרין-בלױע ליכטיגקײט האָט זיך װי אַ שטראָם געגאָסען איבער די װענד, די פּאָדלאָגע און די מעבעל; איבער די בעטען, קאָמאָד, שראַנק און שפּיגעל פֿון פֿײנעם רענעסאַנס סטיל, װעלכער האָט פֿערנומען די גאַנצע ברײט פֿון װאַנד װאָס צװישען די צװײ פֿענסטער.

אין װינקעל בײם פֿענסטער האָט די זון אױף אַ בילד געשימערט.

— װאָס איז דאָס אַזעלכעס?

אין דער האַלבפֿינסטערניש, דורך װעלכער די זונען-שטראַהלען האָבען זיך דורכגעשנירעלט, האָט הזשעממאַ די האַנד אױסגעשטרעקט, גלײך װי עפּיס אַ צױבערהאַפֿטע בעשעפֿעניש װאָלט פֿון דער ים-טיעפֿעניש װעגען עפּיס װאונדערבאַרעס געפֿרעגט.

— דאָס האָב איך נאָך קײנמאָל נישט בעמערקט.

— װײל דו ביזט נאָך בײ מיר קײנמאָל נישט געבליבען ביז זונען-אױפֿגאַנג. נאָר אין דער מאָרגענשטונדע זעהט זיך דאָס בילד.

— אַה, װאָס פֿאַר אַ משונה'דיג בילד דאָס איז. אַ האַלב קײלעכדיגער דורכגאַנג אין אַ פּעלזען, אינװעניג פֿליהען אַרום גײסטער מיט פֿאַנטאַסטישע פֿליגעל און שלאַנגען-װײדעל, עס קריכען אַרום קלײנע שלענגלעך און עפּיס אַ װאונדערבאַרע בעשעפֿעניש מיט אַן'אױפֿגעבלאָזענעם בױך; עס זעהן זיך פֿרױען, גרױסע פֿרױען, װאָס זײערע האָר זענען פֿול מיט צײטיגע דונקעלע פֿרוכט; שלוכצענדיגע לאַקאָנען װעלכע האָבען די פֿאָרם פֿון אַ צװאַנג; פֿרױען מיט לאַנגע, שמאָלע אַראָבהענגענדיגע ברוסטען, ענליך צו אַן'אַײטער פֿון אַ בהמה. זײ דרעהען אַרום עפּיס אַ גרינע גלאָז, אין װעלכער עס זעהט זיך אַ סאָװע... און דאָרט אין דער טיעפֿעניש פֿון דעם האַלב קײלעכדיגען דורכגאַנג, װאו עס זענען כלופּעס אױס-

געשטעלט, שטעהט אַ בעט אויף וועלכער עמיצער ליעגט און פאַנטאַזירט.

— דאָס בין איך, דזשעממאַ, דען איך בין געווען דער איינציגער, וועלכער האָט זיך פערשטאַנען אויף דעם גרויסען ווערט פונ'ם דאָזיגען בילד. דער אָריגינאַל פון דעם, וועלכער איז קיינעם נישט בעקאַנט, הענגט ערגעץ וואו. איך שטאָלציר מיט די בילדער, וועלכער קיינער פערשטעהט זיי נישט; זיי געהערען אין גאַנצען מיר!... וויפיעל מאָל האָב איך שוין אין דער מאָרגען־שטונדע — האָט מאַילוואַילטאָ וויפאַר זיך געזאָגט, זיך אין בעט אויפשטעלענדיג — אַרויסגערופען אַלע מיינע פאַנטאַזיעס און פאַר יעדע פון זיי האָב איך אין דעם דאָזיגען בילד געפונען אַ סימוואָל...

דזשעממאַ האָט אַ געשריי געטהון און זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון איהר געליעבטען.

— דאָס איז עקעלדיג, דאָס איז עקעלדיג! — האָט זי געשריען. — אַ מאַסקע מיט אַ גרויסער נאָז, אין גאַנצען אַ רויטע און פונקט ווי אַלע־בעדיגע און דערצו נאָך פון הויט, הויט פון אַ מענשישע געזיכט!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי נאָך אַליין אַ דערשראָקענע געפרעגט:

— וואָס בעדייטעט דאָס?

— איך האָב עס שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ בעדייטונג פון קונסט, — האָט ער געענטפערט. — די דאָזיגע אָבגעשונדענע הויט, וועלכע פוצט זיך אין דער פאָרם פון שוין אַ געשטאָרבענעם קערפּער אויס, פאַנטאַסטיש פערשענערענדיג די קאַנאַלען אין וועלכער עס האָבען אַמאָל די שוין פערגליווערטע בלוט געפלאָסען, — פאַר מיר האָט די מאַסקע די קונסט פאָרגעשטעלט. הינטער דער דאָזיגער הויט, וועלכע בלאָוט אַזוי לעבעדיג די נאָז־לעכער פינאַנדער און פינטעלט מיט די אויגען, האָב איך געזוכט דעם קערפּער, דאָס לעבען גופא. קיין לעבען איז נישט געווען, פאַר מיר נישט געווען... אָבער יעצט האָב איך עס, בעהערש איך עס!

ביידע האָבען זיי זיך פון זייער לאַנגער אומאַרמונג בעפרייט. דזשעממאַ איז נאָך אַמאָל צום בילד צוגעגאַנגען.

— זי איז ווירקליך עקעלדיג! — אָבער דאָך וויל איך זי האָבען. איך וויל פון איהר מאַכען אַ מאַסקע, דיר דערמיט צו שרעקען. דו מוזט עס מיר אויסמאָלען. נעהם געשווינדער פּאַפּיער.

ביידע ווענען זיי אין זיין אַרבייטס־צימער אַריינגעלאָפען, האָבען געזוכט אין אַלע ווינקעלעך אָבער מעהר ווי מאַנוסקריפּטען־פּאַפּיער נישט געפונען.

— אַ פּנים קיין אַנדער פּאַפּיר איז נישטאָ, — האָט ה ו ש ע מ מ אַ אונטערשלאָסען געזאָגט.

ער האָט צו איהר נאָך צוגעלעגט אַ בלאַט פּאַפּיר און עס אַזוי שטאַרק צוגעקוועטשט, אַז איהר נאָז האָט עס דורכגעריסען.

— וואָס טהוסטו דו?

— דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז? דאָס איז די הויט, די הויט, אונטער וועלכע עס דאַכט זיך אונז אַזוי פאַלש, אַז דאָס בלוט פליסט. אָט האָסט דו די מאַסקע, וועלכע דו האָסט געבעטען!

זי האָט דאָס צעריסענע פּאַפּיר אין האַנד געהאַלטען. ער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, און דער פלאַם איז אויף די געשריבענע שורות אַרומגעלאָפען. ווען דער פלאַם האָט ד ו ש ע מ מ אַ'ס פינגער דערגרייכט האָט ער דאָס בלאַט פון איהר צוגענומען און עס אין קוימען אַריינגעוואָרפען.

צוריקאַריינקומענד האָט ער נאָך אַ בלאַט גענומען. זי איז בלייך געוואָרען.

— וואָס טהוסט דו? — האָט זי ווידער אַמאָל געפרעגט. מיינסט דו דען צו פערניכטען, צו פערברענען אין פייער אַלע דיינע שריפטען, דיינע קאָסטבאַרע שעפּפונגען? דו וועסט נאָך שפּעטער איבער זיי אַרבייטען...

— שפּעטער, ווען?

זי האָט איהם נישט פערשטאַנען.

— פאַר אונז, ד ו ש ע מ מ אַ, איז נישטאָ קיין „שפּעטער", מיר האָבען אַ „יעצט", יעצט האָבען מיר זיך ליעב, און שפּעטער, שפּעטער וועט קומען דער טויט.

אַ שוידער איז איהר דורך אַלע גליעדער אַדורך. זי האָט איהם איהרע הענד איבער זיין האַלז אַריבערגעוואָרפען, זיך פערשטעלענדיג מיט איהר דאָס געזיכט. ער האָט וויטער גערעדט:

— קיין פאַנטאַזיעס האָב איך דאָך שוין מעהר נישט. אַלע מיינע פאַנטאַזיעס זענען הינטער די סלופּעס אויף יענעם מערקווירדיגען בילד פערשוואונדען געוואָרען. אָנשטאָט זיי האָב איך דיר בעקומען. דו פילסט מיר אויס אַלע מיינע פערשוואונדענע פאַנטאַזיעס, דו ביזט די בעלויהנונג פאַר מיין בענקשאַפט. דו האָסט מיר אין דיין ליעבען אַריינגעפיהרט...

— ווירקליך!

— זי האָט איהם געקושט נישט פערשטעהענדיג זיינע געדאַנקען...

„...די פּראַכטפולע ליכטיגע וועלט, וועלכע איז ווי מיט אַ פאַרקאַן פון שטעכעדיגע דערנער אַרומגעצוימט, די וועלט אין וועלכער עס הערשט

גוואַלדטהאַט און וואו מען גיט זיך ווי פערשכּורט אין גאַנצען איבער; וואו מען געניסט צוּיבערהאַפטע, נישט פערשטענדליכע פערגניגען; וואו מען לעבט דאָס לעבען אין גאַנצען אויס און מען שטאַרבט גליקליך.

„און מען שטאַרבט גליקליך, — האָט זי זיינע לעצטע ווערטער ווי־דערהאָלט און דערביי איהרע אויגען ווייט אויפגעריסען. אויסער די דאָזיגע לעצטע ווערטער האָט זי גאָרנישט געהערט, ווייל זיי זענען איבער זיינע ליפּען אריבער ערשט אין דער זעלבער צייט ווען זי האָט איהרע ליפּען פון זיינע אַוועקגענומען.

— יאָ, אַזוי וועט עס זיין, איך פיהל עס, — האָט זי געזאָגט.

— לאַנגזאַם האָט זי גענומען דאָס בלאַט אויף וועלכע ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען און האָט עס אין קוּמען אַריינגעלעגט, און אַזוי כּסדר אַריינגעלעגט אין פייער אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט. לאַנגע, רויטע פייער־צונגען האָבען שלענגלענדיג זיך דאָרשטיג דאָס פּאַפּיער פערשלונגען, און פּאַר׳ן אָבשיין פונ׳ם ברענענדיגען מאַנוסקריפּט האָט זיך געריטעלט איהר צאַרט לייב, וועלכעס האָט זיך פון די שמאָלע העמד־קניטשען אַרויס־געזעהן. אין דער זעלבער צייט, וואָס איהרע קליינע הענה האָבען אויף דעם פייער געוואָרפען: געדאַנקען, פּאַנטאַזיעס, קוואַלפוּלע שטרעבען און רייסען זיך נאָך גרויסקייט, געוואָרפען און עס געלאָזט אויף אַש פערברענט ווערען, האָט אויף איהר געזיכט געלויכטען אַ צווייזייטיגער שמייכעל: אַ זיסער און אַ שטרענגער.

מאַריאַ מאַילוואָלטאַ איז נעבען איהר מיט צונויפגעלעגטע הענד געשטאַנען. מיט ענטציקטער אויפרעגונג האָט ער צו זיך גופא געזאָגט:

— איך גלויב.

4.

דער סוף.

ער איז געזעסען אין אָבענד און געוואַרט אויף איהר. זי איז אויף אַ שעה אַהיים געגאַנגען זיך אַנ׳עצה צו האַלטען מיט איהר חבר׳טע, וועלכע זי האָט געשיקט אין שטאָדט אַריין איינצוקויפען עפּים צו איהר טואַלעטע. דער זומער האָט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען זיך, פון גאָרטען האָט אַ פרישע ווינטעל געבלאָזען. איינזאַם און פערטרויערט געהויכט די טוידטע

צופרעסען פון וועלכע עס זענען שוין געוועזן אַראָבגעפאַלען די בלעטער. מ אַ י ל ו אָ י ל ט אָ איז געלעגן, פערשטעלענדיג דעם פּנים מיט די הענד, און מיט גרויס בענקשאַפט געוואַרט אויף ד ז ש ע מ מ אַ ן.

פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז זי איז געקומען. עס האָט קיין איינציג פערדאַרט בלעטעל געשאָרכט, אַזוי שטיל און אונבעמערקט איז זי אָנגעקומען.

לאַנגזאַם איז זי צוגעקומען, — בײַ יעדען טריט אירען האָט ער שווער אָפּגעאָטהעמט, זי האָט זיך צווישען זײַן קניע אַוועקגעשטעלט, די הענד אַראָבגעלאָזט און זיך צו איהם נישט צוגעריהרט. ער האָט זיך אין איהר געזיכט אײַנגעקוקט און דערזעהן, אַז זי איז ווי מיט אַ וואָלקען בעצויגען. דאָס האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט, איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער טרויער פון איהר געזיכט וועט שוין קיינמאָל נישט פערשווינדען, אַז עביג, עביג וועט עס מיט אַ וואָלקען פערצויגען זײַן. און איהרע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט, ווי געבלענדעט פון פינסטערניש, גליהענדיג פון בעהאַלטענעם פלאַם, האָבען איהם אויסגעוויזען ווי צוויי קראַטער, וואָס האָבען ברייט זיך אויפגעעפענט פאַר איהם. לאַנגזאַם האָבען זיי זיך איינער צום אַנדערען אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט, שוין גאַנץ נאָהנט צוגעקומען, ביידע קערפער זענען אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען געוואָרען און ער האָט זיך איבער איהר מיט אַ שווינדעלדיגען קאָפּ אַריבערגעבויגען, זיך איבערגעבענדיג דעם טיעפסטען געניס. דזשעממאַ'ס באַק האָט זיך צו זײַן באַק צוגעריהרט און זי האָט שטיל געשעפּטשעט:

— מײַן ליעבער, מיר מוזען שטאַרבען.

אָנשטאָט צו פערענטפערען האָט ער נאָך שטאַרקער צוגעפּרעסט זײַן באַק צו איהר באַק. זי האָט איהם דערמיט קיין שום נײַעס נישט געזאָגט. ער האָט געפיהלט ווי די דאָזיגע ווערטער איהרע האָבען זיך דערנענטערט אויף דער גאַנצער שטרעקע וועג וואָס איז צווישען איהם און איהר. גײַן, די דאָזיגע ווערטער געהען, זייער וועג צו איהם, נאָך פון אַ גאַנץ ווײַטע שטרעקע, פון יענער ערשטער נאַכט, ווען זי האָט זיך איהם איבערגעגעבען. זיי האָבען ביידע שוין לאַנג געוואוסט, אַז נאָך זייער אומאַרמונג בלײַבט פאַר זיי נאָר דער וועג צום טוידט איבעריג. שוין אין סאַמע אָנהויב פון זייער ליעבע איז דער טוידט שוין געוועזן אַרײַנגערעכענט. זיי האָבען זיך שטענדיג געזאָגט מיר ליעבען זיך אויף „עביג" און האָבען דערבײַ געוואוסט, אַז דאָס לענגסטע עביגקייט איז דער טוידט.

(פאָרטזעצונג קומט).

ראַדאַ־ראַדאַ.

בילדלעך פון באַלקאַן:

1. כשוף.

די דאָקטאָרין איז אַריין אין האַרעם, אַ קליין ענג און פינסטער שטיבעל. זי האָט אונטערגעזוכט אַ קראַנקע, איהר בעטאַפּט, און געפויקט מיט די פינגער איבער די ביינער, זיך צוגעהערט צום קלאַפּען פון האַרצען. אַלס אויפ'ן אייראָפּעאישען שטייגער. די פרויען וואָס זענען דערביי געשטאַנען האָבען זיך גאָרנישט געוואונדערט. זיי זענען שוין געוואוינט געווען צו זעהן פערשידענע מכשפות, און געוויס איז זי אויך אַ מכשפה.

די דאָקטאָרין האָט אָנגעהויבען צו פערשרייבען אַ רעצעפּט. דאָ זענען די פרויען געבליבען שטעהן פערגאַפט.

— אַ פרוי זאָל קאָנען שרייבען?...

מען האָט זי אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, איהר גוט בעטראַכט. פאַר אַלע איז געווען קלאָהר דאָס מ'האָט דאָ צוטהון מיט אַ מכשפה פון אַנ'אַנדער זאָרט, אַ העכערע...

און יעדערע פון די פרויען איז צו איהר צוגעגאַנגען און געבעטען.

— האָטשים האַנים, קלאַפּ מיר אויך אַביסעל אויף די ביינער.

זיי האָבען אין דעם געזעהען אַ מין כשוף.

אָט איז שוין אונטערגעשריבען דער רעצעפּט.

די קראנקע נעהמט איהם אין האנד, בעקוקט איהם און פרעגט:

— דאָקטאָר — האַנים, וואו דארף איך טראָגען דאָס צעטעלע, אויפ'ן האַלז, אויפ'ן האַרץ, צי אין די הויזען?

שוין אַ פּאָר צעטעלעך האָט מען די קראנקע פערשריבען, דער פּאַפּסט — אַ פּסוק פון עוואנגעליום, און דער האַדזשי (מהמדנישער גלח) — אַ פּסוק פון קאָראַן. דאָס צעטעלע מוז אַודאי אויך ענטהאַלטען אַ פּסוק פון קאָראַן.

דאָס אַלץ דערצעהלט מיר די דאָקטאָרין.

— בעקומט איהר בעלוינט פאַר אייער אַרבייט, פרעג איך זי?

— ווי אַמאָל, ענטפערט מיר, די פרוי, אַרויסציהענדיג פון איהרע האָר אַ רעשט ביסעל פון פרעה'ס דריטע „מכה", וואָס זי האָט נאָך וואָס געירשנ'ט אין ביהאָטש.

---

2. אַ פירשטליכער אורטהייל.

די אַלטע ליט דערצעהלען אַ שענע מעשה פון איינעם ריסוואַן-פּאַשאַ, וואָס האָט רעגירט אויף באָסניע, נאָך איידער זי איז איבערגעגאַנגען צו עסטרייך.

איינמאָל איז ריסוואַן-פּאַשאַ מיט זיין מיליטער געגאַנגען בעשטראָפען אַ דאָרף, וואָס האָט אין איהם מורד געוועזן. דערווייל זענען איינינע סאָלדאַטען בעפאַלען אַ הויף פון אַ רוהיגען איינוואָהנער און איהם צוראַבירט.

ווי ריסוואַן-פּאַשאַ האָט דאָס דערהערט האָט ער באַלד געהייסען ברענגען פאַר איהם די שולדיגע סאָלדאַטען, און זיי געגעבען אויסצוקלויבען איינס פון די צוויי שטראָפען, אָדער דערשאָסען צו ווערען, אָדער צוקריגען 50 קלעפּ מיט אַ באָמבוס-שטעקען אויף די פּאָדעשוועס.

זעהר שווער איז געוועזן אויסצוקלויבען — 50 קלעפּ פון אַ באָמבוס-שטעקען אויף די פּאָדעשוועס — דאָס איז אַ גרויזאַמע פּייניגונג, און פונדעסטוועגען האָבען עס איינינע אויסגעקליבען. און די מאַקע באַלד מקבל געוועזן.

— און איהר איבריגע —, האָט זיך ריסוואַן-פּאַשאַ אָנגערופען, איהר וואָס האָט אויסגעקליבען דעם „טויט" זענט טאַפּפערע סאָלדאַטען, און

ס'איז אַ גרויסער שאָד אַזוינע סאָלדאַטען צו פערלירען. דאַרום בעט איך אייך — און אייערע הברים'ס שטראָף וועט אייך דיענען צו געדענקען, אַזוי זיך מעהר נישט אויפצופיהרען.

---

3. דער טעלעגראַף.

די רעגירונג האָט בעשלאָסען אַדורך צו ציהען אַ נייע דראָט — פון פריהידאָר ביז ביהאָטש.

— צו וואָס דאַרף מען די דראָט, האָבען די איינוואָהנער פון דעם קליינעם דאָרף איינער דעם אַנדערן געפרעגט?

דער קאַמייקאַם (פאָליציימייסטער) האָט זיי ערקלערט:

— דאָס איז אַ טעלעגראַף, מ'קאָן דורך איהם שיקען ידיעות ביז קיין קאָנסטאַנטינאָפאָל.

זיי האָבען צוגעשאָקעלט.

— קאַמייקאַם, ווי אַזוי איז אָבער מעגליך, דאָס די ידיעות זאָלען געהן דורך די דראָטען?

דער קאַמייקאַם האָט זיי ווייטער ערקלערט; בהמות, שטעלט אייך פאָר, אַ לאַנגען הונד. און זיין ווידעל שפרייט זיך אויס פון דאַנען אי־בער די סלופעס ביז קאָנסטאַנטינאָפאָל, הייסט אַז מ'וועט איהם דאָ געבען אַ ציה בייא'ם ווידעל, וועט דער הונד דאָרט נישט בילען?

---

4. טרויער.

אין קעפרילי האָט געוואָהנט אַ יונגער ביי (אָפיציער), וואָס האָט געהאַט אַ וואונדער שעהנע פרוי, די פרוי איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, און געשטאָרבען. די גאַנצע צייט פון איהר קרענק, איינציגע וואָכען, איז דער ביי נישט אָבגעטרעטען פון איהר בעט, און יעצט האָט ער זיך איינגעשפאַרט און נישט געוואָלט אַוועק געהן פון טויטען קערפער.

— האָסט שוין גענוג געטרויערט, האָבען די קרובים איהם אָנגע־הויבען טרייסטען.

דער ביי האָט אַרויסגעלעגט זיין האַנד אויף זיין פרויס קערפּער און אויסגערופען;

— איך שווער! דאָס קיין מענש זאָל זיך פריהער נישט דערוועגען אַרויסצונעהמען די פרוי פון מיין שטוב, ביז ער וועט מיר צבשטאָט איהר ברענגען איינע אָדער צוויי אַנדערע שענע פרויען אַזוי ווי זי.

איבערזעצט דורך סאלאמאן.

אפאריזמען.

נארשע מענשען זענען מעהרסטען טייל שלעכט, צוליעב דער זעלבער סבה, וואס קאליקעס און בכלל פערקריפעלטע מענשען זענען שלעכט. פון דער צווייטער זייט זענען נעניע און הייליגקייט פערוואנדעט צווישען זיך. ווי איינפאך דער הייליגער זאל ניט זיין, במערקט זיך אלץ אין איהם שטריכען פון געניע; און פערקעהרט: ווי פערדארבען עס זאל ניט זיין. דער האראקטער פון געניע, ווייזט זיך אלץ אין איהם פונדעסטוועגען אפט ארויס אגערהויבענע שטימונג, א נאהענטע צו הייליגקייט.

שאפענהויער.

דער טויט זאגט יעדען: „דו ביזט א פרוכט פון יענעם אקט, וועלכער האט נישט געדארפט געשעהן, און איבער דעם, כדי דאס אויסצוקויפען, מוזטו שטארבען

שאפענהויער.

Редизд. Я. ЛИДСКIИ, Европейская Лiтература, То 9
Тип. Г. Кимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

קופאָן פיר ניט אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופאָנעם אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין ווארשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ, די וועלכע האָבען 15 קופּ צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.

אינהאַלט:

1) די נעסט (דראַמאַטישער עטיוד). — ס. פשיבישעווסקי.

2) פעטער אלטענבערג (קריטישע סקיצע). — א—ק.

3) פאַרוואָס ליעבט א פרוי די שאפונג פון פּאָעט. — פּ. אלטענבערג.

4) די קרענקהאַפטע ליעבע. — א. האַנסאַן.

5) פריילײן מוטער (ראַמאַן). — ע. נעארני.

6) פּיפּא ספּאַנא (ראָמאַן). — ה. מאַן.

7) ליטעראַרישע נײַס. 8) אַפאָריזמען.

ס. פשיבישעווסקי.

די געסט.

אַ דראַמאַטישער עפּילאָג.

פּערזאָנען:

אַדאַם.
בעלאַ — זײַן פרוי.
פּאָלאַ — זײַן שוועגערין.
אַ גאַסט.
אַן אומבעקאַנטער.
ערשטער זקן.
צווייטער זקן.
פּאָרטענצער.
געסט.
אין פּאַלאַץ שפּיעלט די מוזיק Dans macabre פון סען סאַנס.

א פארק. א לבנה נאכט. פון דערווייטען א העל בעלויכטער פאלאץ. איבערן פארק שפאצירען ארום פארלעך מיט גערויש און געלעכטער — געהען אריין אין פאלאץ און געהען ארוים. אויף דער סצענע, געהען ארוים צווי זקנים, זעצען זיך אויף דער באנק.

ערשטע סצענע.

1-טער זקן און 2-טער זקן.

ערשטער זקן. ווי אלץ פערענדערט זיך דאס אויף דער וועלט. איך געדענק דעם פאלאץ, ווען דער אלטער גראף האט נאך געלעבט. וואסערע פרעליכע בעלער פלעגען דא פארקומען... נאר פון דעמאלט אן, זייט די נייע אנגעקומענע האבען איהם אבגעקויפט האט זיך אלץ געענדערט. אנאלטע געוואוינהייט ציהט מיך דא אהער. אבער ליעב איז מיר שוין דא נישט.

2 זקן. פון וואנען האבען זיי זיך דא גענומען?

1 זקן ס'איז נישט בעוואוסט. דעם גראפ'ס יורשים האבען דעם פאלאץ ארויסגעשטעלט צו פערקויפען — זענען זיי געקומען — גאט ווייס פון וואנען, נו, — און האבען געקויפט...

2 זקן. אין דעם פאלאץ בעהאלט זיך עפעס א סוד.

1 זקן. (פערטראכט) ווי פרעהליך איז דא אמאל געווען! איך געדענק, מיט דרייסיג יאהר צוריק, האב איך דא גוט פערבראכט — אה, דאס הויז איז דאמאלס אנאנדערס געווען, אלס אצונד — אנאנדערס, אנאנדערס...

2 זקן. וויל אין איהם האבען געוואוינט דאס רייגע געוויסען, גליק און רוה.

1 זקן. און אצונד?

2 זקן. דארט אויף דער דעק, בעהאלט זיך עפעס א סוד. א שרעקליכער סוד. מיך נארט מען נישט מיט אויסערליכע זאכען, נישט מיט שטענדיגע בעלער, נישט מיט געמאכטע שמחות...

1 זקן. וואס קאן זיך דארט אויפ'ן דעק בעהאלטען? וועלכע געהיימניספאלע פערברעכען? הא?

2 זקן. איך וויים? פערברעכען... הם. — אלץ איז פערברעכען —

דער מענש איז דארויף בעשאפען געוואָרען, ער זאָל דאָס פערברעכען פערמעהרען.

1 זקן. יאָ, יאָ. אַלץ קאָן אַ פערברעכען זיין.

2 זקן. דאָס לעבען אַליין, ווייל דו לעבסט אויפ'ן צווייטענס חשבון.

1 זקן. (פערטראַכט) האָסט תאוה מיט אַ פרוי, וועלכע דו קענסט נישט, צו זי ליעבט דיך...

2 זקן. אַ קינד קומט אויף דער וועלט, וואָס דו קאָנסט עס נישט ערציהען...

1 זקן. דו ווערסט אַנ'עקעלהאַפטען קאַרגען דערשטיקען, וועלכען דו וואָלסט מיט זיין געלד די גאַנצע וועלט גליקליך געמאַכט...

2 זקן. דו טרעטסט איבער דאָס געזעץ, וועלכעס דאָס אַליין, קאָן זיין איז אַ פערברעכען...

1 זקן. יאָ: דאָס אַלץ קאָן זיין איז אַ פערברעך...

(אַ קליינע פויזע)

2 זקן. די מענשען וועלען מיך נישט בעשולדיגען — זיי זענען דארויף בעשאַפען געוואָרען, כדי זיי זאָלען דאָס פערברעכען פערמעהרען... אַה! אָרעמע מענשען, אָרעמע מענשען...

1 זקן. און זיי די נייע אָנגעקומענע, דאַכט זיך, דאָס זיי זענען פרעהליך, לוסטיג און אַזאַ מאָדנע שרעק קוקט פון זייערע אויגען אַרוים...

2 זקן. האָ, ווייל מאָדנע, מאָדנע געסט האָבען זייער הויז אָנגעפילט. בעזונדערס דער איינער, וועלכער שלעפט זיך נאָך טריט ביי טריט נאָך אַדאַמ'ען: וואו אַדאַם גיט זיך אַ קעהר, איז ער נעבען איהם — אַזאַ אונצושיידבארער שאָטען...

1 זקן. ס'איז מיר שרעקליך נישט ליעב. דאָס איז, ווי עס וואָלט עפּעס אַנ'אונגליק איבער דעם הויז געהאָנגען.

(פויזע)

2 זקן. לאָמיר נאָר די מענשען נישט בעשולדיגען. די מענשען זענען ציטענווייז זעהר אָרעם — און עס קאָן מעגליך זיין, דאָס זיי זענען נאָך נישט קיין שום פערברעך בעגאַנגען. די נאַטור איז אָפטמאָל וואונדערבאַר שלעכט. זי בעשטראָפט פאַר די עברות, וועלכע זי אַליין האָט אינ'ם מענשענ'ס האַרצען איינגעוואָרצעלט.

1 זקן. יאָ, יאָ. מאָדנע נעמט פאַר זיך גקמה דער מאָמענט פון ליידענשאַפט און גליק...

2 זקן. אָפטמאָל ווייסט נישט דער מענש, דאָס ער איז אַ פערברעך

בעגאַנגען... פּלוצים ווערט אין האַרצען אַ קלײנע װאונד — זי צעוואַקסט זיך אויף אַ שרעקליכען אופן — דער מענש זעהט זיך פּלוצלונג אַרום, אָבער דאַן, ווען די פערווירונג האַפּט איהם שוין אַרום... און אַפּטמאָל זאָגאַר אין אַ מאָמענט פון גליק פון אַ וועלכער ס'איז ערינערונג — אַ שוואַכער פאָרוואורף — מיט דעם אײנציגען פאָרוואורף פעראײניגען זיך טויזענ‍ר — וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקערע, וואָס אַמאָל אַלץ שווערערע — עס הײבט זיך אָן דאָס זוכעניש, דאָס גריבלעניש... דאָס קלענסטע קלײניגקײט, די מינ־דעסטע בעלײדיגונג וואַקסט אויס אין אַ אַנ'אונגעהויערע מאָס — און אָט ווערט דיר דאָס הויז פערפילט מיט וואונדערבאַרע געסט.

1 זקן. יאָ, יאָ, דאָס איז דער בעהאַלטענער סוד פון אמת, וואָס ליעגט אינוועניג...

2 זקן. דאָס האָבען די מענשען נישט בעשאַפען — זײ ווײסען נאָר די שטראָף, און דעם אמת בעשטימט דאָס האַרץ אַלײן...

1 זקן. האַרץ... האַ,האַ — פאַר זײער אײגענע שלעכטע רכילות און פערפיהרונגען...

2 זקן. (לאַכט שטיל) יאָ, יאָ, יאָ...

(פון פּאַלאַץ הערט זיך מוזיק — די פּאָרלעך זאַמלען זיך צונויף, אַלע קלויבען זיך צוזאַמען אינאײנעם אויף דער וועראַנדע פון פּאַלאַץ)

דער פּאָרטענצער. (פּאַטשט מיט די הענד) הערען און דאַמען, דער טאַנץ הײבט זיך אָן!

1 זקן. (צום צווײטען) לאָמיר אויך געהן, מיר וועלען זיך דער־מאָנען אָן די שענע צײטען, ווען דאָ איז געווען אַזוי גוט, און פרעהליך...

2 זקן. און אַ גוט געוויסען... (אָב

צווײטע סצענע.

(פון דער וועראַנדע פון פּאַלאַץ געהט אַראָב אַדאַם, טיעף פער־טראַכט. שטעהט אַ ווײלע שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.)

אַדאַם. (אַ ווײלע אַרום) אַ שרעקליכער גאַסט האָט זיך אין דעם הויז אַ נעסט געמאַכט... (פערטראַכט) אַ שרעקליכער, אַ שרעקליכער...

פּאָלאַ. (געהט אַראָב פון דער וועראַנדע, צו אַדאַמ'ען צו, נעמט איהם אָן פאַר'ן האַנד) אַדאַם! אַדאַם! מײן אָרעמער ברודער — איך מוז דײן הויז פערלאָזען.

אַדאַם. (איבערראַשט) וואָס? וואָס? דו ווילסט מיין שטוב פערלאָזען?

פאָלאַ. דאָ איז נישט פאַר מיר קיין אָרט — דיין גאַסט שטופּט מיך פון דאַנען אַרויס...

אַדאַם. וואָס? ס'איז נישטאָ קיין אָרט? פאַר דיר איז נישטאָ קיין אָרט? נו, טאָ וועל איך דיר נייע פּאַלאַצען אויפבויען, מאַרמאָרנע — פון קריסטאַל, אויב דו ווילסט, פון רויטען פּאָרפיר, פון גרינע שמאַראַגדען — שטעדט גאַנצע וועל איך דיר אויפבויען — גאַנצע שטעדט — אַ גאַנצע וועלט וועל איך דיר אויפבויען — נאָר פערבלייב, פערבלייב...

פאָלאַ. אַה, ווען דו זאָלסט אפילו די גאַנצע ערד פאַר מיר פערבויען, וועל איך נאָך אַלץ קיין אָרט נישט האָבען. פון אומעטום שטופּט מיך דיין גאַסט אַרויס... יעצט וועל איך דיר שוין מעהר נישט נויטיג זיין... דיין הויז, איז אַ הויז פון אונגליק, שרעק — אַ הויז פון שלעכטען געוויסען...

אַדאַם. פאָלאַ!

פאָלאַ. גאָר נישט, גאָר נישט — עפּעס שרעקליכעס איז פון דעם הויז געוואָרען; איך וויל דיך נישט פרעגען, נישט אַריינקריכען אין דיין נשמה — אָ גאָט, פאַר וואָס ביזטו אין דער שטוב אַריין! און וואָס האָט דיך צו איהר צוגעפיהרט?

אַדאַם. ליעבע.

פאָלאַ. ביזט אַ פערברעכען בעגאַנגען...

אַדאַם. וואָס? וואָס?

פאָלאַ. (מיט אַ שטילען שמייכעל) איך האָב שוין אַלץ פאַרגעפיהלט און האָב דאָס הויז פערשאָלטען, וואָס האָט דיין נשמה דערהרג'עט.

(פויזע)

פאָלאַ. יאָ! איך וועל דיר שוין גאָרנישט נויטיג זיין. אַדאַם, דו געדענקסט אונזער גרויס גליק, דאָס שטילע רוהיגע גליק, איידער דו ביזט אין דעם הויז אַריין? מיט איינמאָל אויף די סקאַלעס, אויפ'ן ברעג פון אָקעאַן? דערום איז אַזוי גלאַטיג און וויך געווען, ווי דאָס פלאַכקייט פון דער האַנד פון אַ געליעבטער פרוי; עפּעס אַנ'איבער'ערדישע דעמערונגס-מעלאָדיע און דאָס פערלאָשענע פורפור אויפ'ן הימעל האָט מיט זיך די גאַנצע וועלט אָנגעפילט — און דער אָקעאַן איז פערשוואונדען און די גאַנצע וועלט איז פון אונזערע אויגען אַוועקגעשווימען...

אַדאַם. (פלוצים) אַה, ווי גליקליך איך בין דעמאָלס געווען!

פאָלאַ. און דו געדענקסט נאָך מיט אַ יאָהר פריהער, איידער דו

בּיזט איִן דעם אונגליקליך הויז אַריין, דו געדענקסט די ווייסע נעכט אויפ'ן צפונ'ים? די זון, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, האָט זיך אויף אַ ווײַלע איִן ים בּעהאַלטען — אָט, אָט האָט זי זיך נאָכאַמאָל בּעדאַרפט בּעווייזען — אין אַנ'אונגעהויער גרויסען פראַכטפאָלען פּורפּור, וואָס האָט דעם הימעל אַרומגענומען, ס'האָבען זיך געשניטען לאַנגע גאָלדענע שליחים פון ליכט, וואָס האָבען נאָר וואָס בּעדאַרפט די גאַנצע וועלט מיט אַ ווייסען שיין בּעגיסען. דו געדענקסט, מיט וואָס פאַר אַ גליק דו האָסט דעם וואונדערבּאַרען צויבּער געשלונגען?

אַדאַם. איך געדענק! צו גוט געדענק איך — ס'קאָן זיין, דאָס איך וואָלט דאָס אַלץ פערגעסען...

פּאָלאַ. דאָס? דאָס?

אַדאַם. אפשר וואָלט איך מיך דאַן פון דעם שרעקליכען גאַסט בּעפרייט...

(פּויזע)

פּאָלאַ. וואו זשע האָסטו איהם געטראָפען?

אַדאַם. וואו, וואו? האַ! אויפ'ן וועג פון לעבען, טייערע שוועסטער, ווען מיין פּוּם האָט זיך אויסגעגלייטשט, ווי אָהן געדאַנקען און אָהן זכרון האָב איך מיך געוואָרפען בּלינד — אין דעם, דעם... אונגליק — האַ, האַ... דאָס האָט גליק בּעדאַרפט זיין... דו ווייסט, יעדער מענש, וואָס זיין פּוּם גליטשט זיך אויס... קריגט אין זיין הויז אַזעלכע געסט אַריין...

פּאָלאַ. אַדאַם! וואָס בּיזטו בּעגאַנגען?

אַדאַם. (קוקט אויף איהר מיט אַ שטילען שמייכעל, — אויסמיידענדיג) וואו איך האָב איהם געטראָפען? אָט, זעהסטו, ער האָט זיך צו מיר דעם ערשטען מאָל אין אַ גרויסער שטאָדט צוגעטשעפּעט. איך געה שפּעט בּיי נאַכט צום האָטעל צו, דעם וועג האָט מען בּעדאַרף דורכגעהן דורך אַ פינסטערען און שרעקליך אומעדיגען פּאַרק, און פּלוצים, איז ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסען, שטעהן געבּליבּען פאַר מיר אַ מענש, און געקוקט האָט ער אויף מיר מיט אַ בּליק, אָבער מיט אַזאַ בּליק, וואָס פילט אָן דעם גאַנצען קערפּער, מיט אַ קאַלטען שוידער וואָס לויפט דורך די פּלייצעס און דאָס האַרץ. כ'האָב געציטערט, געפּלאַטערט, אָבער אונזערע אויגען האָבען זיך צונויפגעפּלאָכטען, אָבּרייסען האָב איך זיי נישט געקאָנט, — ווי זיי וואָלטען זיך צוגעקלעבּט... ער האָט נאָר געזאָגט: פון היינט אָן וועלען מיר אינאיינעם פערבּלייבּען. דיִס גאַנצע לעבען וועלען מיר אינאיינעם פערבּלייבּען...

פאָלאַ. וואָס פאַר אַ פערברעך ביזטו, אַדאַם, בעגאַנגען?

אַדאַם. עקזיסטירט דען אַ וועלכער עס איז מענש, וואָס איז קיין פערברעך נישט בעגאַנגען? אַ וועלכעס עס איז האָטש אַ קליין פערברעך? וואָב הייסט דאָס אַזעלכעס אַ גרויס אָדער אַ קליין פערברעך? דאָס גרעסטע פערברעך קאָן האָבען אַזעלכע קליינע פאָלגען, דאָס עס ווערט קליין, און פערקעהרט... און צו האָסטו נישט אַמאָל אַ שרעק, ס׳קאָן זיין, דאָס דו ביזט אונבעוואוסטערהייד אַ וועלכעס עס איז פערברעך בעגאַנגען, וואָס דו אַליין ווייסט זאָגאַר נישט? דו שפירסט נישט קיין שרעק און פורכט?

פאָלאַ. נישט אויף אַזוי פיעל, אום איך זאָל פאַר מיר אַליין מוזען אַנטלויפען.

אַדאַם. גליקליכע!

פאָלאַ. דו זעהסט מיין לעבען איז שטיל, רוהיג, גלייכגעוויכטיג.

אַדאַם. גלייכגעוויכטיג... אַזוי — ווי מיט אַ יאָהר צוריק איז נאָך אונזער צוזאַמען־לעבען געווען.

פאָלאַ. מיט אַ יאָהר צוריק.

אַדאַם. און דו ביזט מיט דיין מאַן גליקליך?

פאָלאַ. אַ רוהיגע, אַ רוהיגע. און דאָס איז שוין גליק.. (פערטראַכט) און נאָך וואָס האָסטו — אַזאַ גאַסט אין דיין הויז אַריינגעפיהרט?

אַדאַם. כ׳האָב געמוזט, כ׳האָב געמוזט! און זאָג מיר, צי איז דען דאָ ערגעץ וואו אַ הויז, וואו דער העדר שטעהט נישט איין?

פאָלאַ. שרעקליך, שרעקליך! (ווייזט אַ ווייַלע מיט׳ן פינגער אויפ׳ן פאַלאַץ, פון וואַנען ס׳הערט זיך וואָס אַמאָל העכער דער אָבקלינג פון מוזיק) און דאָס פערטוּיבט דיך נישט?

אַדאַם. גאָר נישט, גאָר נישט — צייטענווייז וויל איך זיך פערטויבען, אָבער דער גאַסט ערלויבט מיר נישט פערגעסען — דאָס, דאָס (ווייזט אויפ׳ן פאַלאַץ) דאָס איז פאַר איהר, פאַר מיין פרוי: אַ פרוי פערטויבט דאָס, אָבער מיר — ניין...

פאָלאַ. אַדאַם, איך מוז דיך פערלאָזען, אַזאַ הויז איז ווי אַנ׳אַנשטעקונג... דער מיקראָב פון אונגליק שטעקט זיך אין קלייד און איך טראָג און איך טראָג איהם אין מיין הויז אַריין.

אַדאַם. טאָ געה, געה — אָבער אינאיינעם מיט דיר ווערט פאַר מיר פערשוואונדען דאָס לעצטע רוה, שטילקייט (פלוצים, פערצוויפעלט) אַח קאָנען פערגעסען, קאָנען פערגעסען!

פּאָלאַ. קאָנען פערגעסען... (פּויזע) און דו וואָלסט נישט דאָס הויז געקאָנט פערלאָזען?

אַדאַם. און וואוהין וועל איך אַנטלויפען? אַנטלויפען פאַר זיך? מ'קאָן נישט!

דריטע סצענע.

(פון דער וועראַנדע געהט בעלאַ אַרוים)

בעלאַ. אַדאַם! אַדאַם!

אַדאַם. וואָס? דאָ בין איך.

בעלאַ. (געהט צו) דו ביזט נישט קיין גוטער. פאַר וואָס פערבעטסטו געסט, ווי באַלד דו אַנטלויפסט אַליין? יעדע מינוט דאַרף מען דיך איבער אַלע ווינקלען זוכען (אויפגערעגט) און מאָדנע, מאָדנע געסט האָסטו אין אונזער שטוב פערבעטען.

אַדאַם. (פערטראַכט) יאָ, שרעקליכע געסט האָבען זיך אין אונזער הויז אַ נעסט געמאַכט.

בעלאַ וואָס האָסטו זיי פערבעטען?

אַדאַם. (זעהר דייטליך) מיר ביידע האָבען זיי דאָך, יאָ! ביידע האָבען מיר זיי אין הויז אַריינגעפיהרט.

בעלאַ. וואָס? ביידע? וואָס?

אַדאַם גאָר נישט, גאָר נישט — פּאָלאַ האָט מיר נאָר געזאָגט, דאָס זי פאָהרט אַהיים.

בעלאַ. וואָס? דו פאָהרסט אַהיים? אַדאַם האַלט איהר אָב! וואָס וועט מיט אונז זיין — פּאָלאַ ערבאַרם דיך, צו ווייסטו וואָס פאַר אַ פוסטקייט דו לאָזט איבער?

פּאָלאַ. ליידער ווייס איך, כ'מוז שוין פאָהרען, כ'מוז — דאָ דאָ ביי אייך, אין שטוב איז מיר נישט גוט, און ביי מיר איז אַזוי שטיל, אַזוי טרויעריג, אָבער רוה, רוה...

פיערטע סצענע.

(ס'געהט אונגערעכטערהייד אַריין אַ גאַסט)

דער גאַסט. (העפליך) אָבער מיינע העררען, די געסט זוכען דאָך

אײך... זײ װילען פאַר דײן געזונד טרינקען, אַדאַם, װאָס ביזטו אַזוי אויסער זיך — און די מאַדאַם איז עפּעס אַזוי ניעדערגעשלאָגען.

אַדאַם. (נערװעז, צו בעלאַ'ן) געהט אין זאַל אַרײן, זאָגט, דאָס איך װעל באַלה קומען. דער קאָפּ טהוט מיר װעה, איך װעל מיך אַ ביסעל איבער'ן פּאַרק אַדורכגעהן...

פּאָלאַ. (פרײנדליך, צום גאַסט) טאָ װעלען מיר איהם דאָ אַ ביסעל אַלײן לאָזען — קומט...

דער גאַסט. (העפליך) אַ נײן, איך װעל מיט איהם שמועסען, שטענדיג בערוהיג איך איהם.

בעלאַ. קום, פּאָלאַ, קום — דו הערסט? אַ טאַנץ, אַ טאַנץ...

(ביידע אָב)

פינפטע סצענע.

(אַדאַם און דער גאַסט)

אַדאַם. (קוקט מיט האַס אויפ'ן גאַסט) נו, װאָס איז? אויף אַ טריט טרעטסטו מיך נישט אָב? דו לאָזט מיך נישט אַ מינוט רוהען?

דער גאַסט. דו װײסט, דאָס איך בין דײן אונשײדבאַרער חבר. דו געדענקסט די נאַכט אין טונקעלען פּאַרק? — דאַמאָלס האָב איך דיר שוין געזאָגט, דאָס פון הײנט אָן און װײטער מוז איך מיט דיר אינאײנעם פערבלײבען. דאָס איז נישט קײן אַנגענעהמע זאַך, אָבער איך מוז שוין בײ דיר בלײבען. דאָס איז מײן מזל. — דו זעהסט, איך בין דײן שאָטען. האַ?

אַדאַם (שװאַך און קײנמאָל) װעסטו מיך שוין נישט אָבלאָזען?

דער גאַסט. הם, — אַן אַנדערער װאָלט דאָס געקאָנט טהון — דו נישט!

אַדאַם. און אויב מײן פערשטאַנד װעט געװינען אַזאַ'ן איבערגעװיכט, דאָס איך װעל צו זיך זאָגען, אַז דאָס װאָס איך האָב געטהון, האָב איך געמוזט טהון, — אַז דאָס איז נאָר דער אײנציגער װעג געװען?...

דער גאַסט. צום גליק?

אַדאַם. אַלץ אײנס, אין אָבגרונד, אין כף־הקלע, אין פערצװײפלונג, אָבער אַזוי האָט געמוזט געשעהן.

דער גאַסט. װאונדערבאַר אונפערשטענדיג איז בײ אַזעלכע פאַלען דער פערשטאַנד...

אַדאַם. אָבער, װען איך װעל דאָס בעװײזען צו טהון?

דער גאַסט. דעמאָלסט וועל איך מיין שאָטען אויף דער וואַנד וואַרפען. שרעקליכע פליגעל וועט ער איבער דיר פערשפּרייטען — וואו דו קעהרסט זיך, איז אַלץ די שוואַרצע גייסטער פליגעל — ניין: די שרעקליכע הענד, די פערקרומטע, מוראדיגע פינגער ווי די נעגעל פון טייוועל, וואָס שוין, שוין ווילען זיי דיך אָנהאַפּען — וואו דו קעהרסט זיך, שטענדיג זעהסט די שרעקליכע, לויערענדע, פערביסענע, נעגעל — יעצט זענען נאָך די אָרעמ'ס אָפען, זיי לויערען אָט — אַזוי, אַ שפּרונג צוטהון ווי אַ פּאַנטער: איין מאָמענט, און אַ טייוועלשער צוואַנג נעמט דיך אַרום אָט! גלייך דאָ ביים האַלז — אַ טייוועלשע שטיקעניש וויקעלט דיך אַרום, וואָס אַמאָל מעהר וועט דאָס דיך שטיקען, וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער...

אַדאַם. ביז וואַנען, ביז וואַנען?

דער גאַסט. ביז וואַנען זיי וועלען דערשטיקען (לאַכט) און דו ביזט מיינער! מיינער! מיינער!

אַדאַם. (שפּרינגט אויף) און פאַר וואָס בין איך דיינער?

דער גאַסט. (לאַכט איהם אין די אויגען אַריין) אַה, ווי דיר ווילט זיך דאָס פערשוויגען, דערשטיקען ביי זיך אין האַרצען — פאַר וואָס פרעגסטו זיך, פאַר וואָס דו ביזט מיינער? דו ווייסט דאָך אַליין בעסער.

אַדאַם. און אויב די הענד וועלען זיך קיינמאָל נישט פון דער וואַנד אָברייסען?

דער גאַסט. הם, איז נאָך ערגער. איבריגענס, איך האָב געזאָגט, די אָרעמ'ס, די אָרעמ'ס, האַלט זיך לויערן אַ שפּרונג צו טהון ווי אַ פּאַנטער — האַ, האַ... יענע וועלען זיך דיר ווירקליך לאַנגזאַם אין אַזאַ רויב, טייוועלשע היה פערוואַנדלען — דאָס וועט דיר שטענדיג פאַר די אויגען שטעהן — און יעדע מינוט פיהלסטו, ווי דאָס רויב-טיער שפּרינגט אויף דיר אַרויף, מיט די פאָדערשטע לאַפּעס נעהמט זי דיין האַלז אַרום, מיט די אונטערשטע פערטשעפּעט זי זיך אין דיין קרייץ, און די מאָרדע גורעט זי זיך אין דיין ברוסט איין: זי צערייסט איהר אויף שטיק-שטיקלעך, צערברעכט די זשעברעס, בייסט דורך דאָס האַרץ — האַ, האַ, — זי רייסט אויף דאָס האַרץ, אַזאַ אָרעם מיט בלוט פערגאָסען האַרץ...

אַדאַם. גענוג שוין, גענוג...

דער גאַסט. דו ווייסט, ביי די אַצטעקען אין אַלט-מעקסיקאַ איז אַ מנהג געווען, דאָס מען האָט אַ פרישׁ אויסגעהאַקט האַרץ פון אַ מענשליכער ברוסט, צו דער מוטער-זון מקריב געווען...

אַדאַם. און וועלכע זון איז דאָס, וואָס מיין האַרץ דאַרף פאַר איהר,

פאַר אַ קרבּן געבּראַכט צו ווערן?

דער גאַסט. דאָס גערעכטיגקייט.

אדאַם. דאָס מענשליכע?

דער גאַסט. ס'גיבּט נישט קיין מענשליכע, קיין געטליכע. ס'גיבּט נאָר איין כּלל, דאָס אַזוי מוז זיין און אַנדערש נישט — ווער עס ברעכט דאָס, קריגט זיין הארץ אַ טויט-אורטייל...

אדאַם. אַנאַכור בּיזטו?

דער גאַסט. אַ שרעקליכער גאַסט בּין איך — וואָס? אַ שרעקליכער גאַסט...

(ס'הערט זיך די מוזיק וואָס אַמאָל שטאַרקער)

אדאַם. אָה די מוזיק, די פערפלוכטע מוזיק.

דער גאַסט. דאָס פערטויבּט דיך נישט? דאָס פערטומעלט דיך נישט? פּרובּיר, פּרובּיר — טאַנץ, שכּור דיך אָן, בּערויש דיך מיט פער-גניגען, טענץ, מוזיק... פאַר וואָס אַנטלויפסטו פאַר דעם? פאַר וואָס בּע-האַלטסטו דיך שטענדיג אין פאַרק, דאָס שווער איז דיך צוגעפינען?

אדאַם איך קאָן קיין מוזיק נישט הערען. איך קאָן אויך טאַנצען נישט קוקען! ס'בּייסט — ס'בּייסט — ס'בּייסט. אָה די שאָטענס, די אויך דער וואַנד איינגעשלאָפענע שאָטענס. כ'האָבּ זיי שטענדיג געזעהן, שטענדיג האָבּען זיי מיך געשראָקען. יעדע זאַך איז אין די היה אויפגעוואַקסען, מיט איהרע ווילדע ציינהן האָט זי מיר דאָס האַרץ אַרויסגעריסען, זי האָט דאָס געריסען, געבּיסען...

דער גאַסט. האַ, האַ, האַ... (בּייגט זיך צו זיין אויער צו) ס'בּייסט? העי? ס'בּייסט?

אדאַם. (אַ פערשטיקט שווייגען)

דער גאַסט. האַ, האַ — אַזעלכע שצורעס, האַ? שצורעס? דאָס בּייסט זיך אַזוי איין מיט די קליינע, דינינקע ציינהנדלעך און דאָס רייסט און ס'שנייט איין — יאָ? אָדער ווי אַ קראָט, וואָס מיט די קליינטשיגע לאַפּקעס גראָבּט דעם דאַרטען פעלזען-גרונד — אַזאַ פערהאַרטעוועטע שאָלעכץ — און ס'דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ שטיין — די ווייסט דאָס מיט די קליינטשיקע לאַפּקעס דערגראָבּט ער אַזוי די ערד, ער גראָבּט זיך פּאַמעליך איין, פּאַמעליך, אָבּער טיעפער, טיעפער מיט אַזאַ וואוטהיגער היץ. דערנאָך זעהט מען שוין נישט מעהר דעם קראָט אָן, נאָר אַ בּערגעל — אַ ניין! אַ קליין קבר'ל ערד וואַקסט, וואַקסט — וואַקסט וואָס אַמאָל העכער,

וואָס מעהר דער קראָט גראָבט זיך טיעפער איין — און מיט איינמאָל הערט דאָס קבר אָנגעשטאָטען; ס׳וואַקסט שוין מעהר נישט...

אַדאַם. וואָס בעדייט דאָס?

דער גאַסט. דער קראָט האָט דאָס זייניגע געטהון.

אַדאַם. און דאָס קבר?

דער גאַסט. אויף די שיידע=וועגען.

אַדאַם. פאַר מערברעכער? וואָס?

דער גאַסט. אָדער פאַר אַזעלבסט=מערדער — האַ, האַ... די האָלסט וועגען דעם נישט געטראַכט... בעפרייט וואָלסטו זיך פון מיר מיט דעם... צו ערגסטס נעמען מיר דעם טויט אָן... און דאָס קאָן מען אַזוי פיין איינאָרדנען, אָהן גערודער, אָהן מענשען=צונגען. די ווילסט אונאַנגענעמליכקייטען אויסמיידען, די ווילסט נישט מען זאָל דערפון רעדען — און דערויף אַלעמען איז אַנ׳עצה דאָ: דאָ אונטערן פּאַרקאַן איז אַ טייכעל פאַרהאַן, די זעצט זיך אין אַ קליין שיפעל אריין, פלוצים געהט אַ ווינד איבערן וואַסער דורך, אָדער דאָס שיפעל פוילט דורך, — נו! און די טרינקסט זיך... אַנ׳אונגליקליכער צופאַל! מ׳וועט דיך אין דער הייליגער ערד קובר זיין — העָ, העָ... אָדער די קעהרסט זיך פון יאַכט אום: די האָסט די ביקס אויף דער פּלייצע נישט גוט אָנגעהאַנגען, שלאָגסט זיך אין טהיר׳ל אָן — זי שיעסט אוים — נו! און ווידער אַ צופאַל... אָדער די געהסט אויף אַ באַרג, אָט! דאָס איז שוין זיכערער, דיין פוס גליטשט זיך אויפ׳ן מאָך אוים, אָדער אַ שטיין וואַלגערט זיך אַראָב... און דאָס דאַרף אַ גוטער טוידט זיין: די לויפסט, לויפסט; און אין איין סעקונדע לעבסטו דורך די שענסטע מאָמענטען פון דיין לעבען...

אַדאַם. אַלזאָ וועט מיר נאָר דער טוידט פון דיר אָבקויפען?

דער גאַסט. נאָר!

אַדאַם. שרעקליך ביזטו.

דער גאַסט. דער טוידט איז נישט אַזוי שרעקליך. דער טוידט איז גוט... פאַר וואָס קאָן איך נישט אַזוי גוט ווי דער טוידט זיין?

(שטימען פון דער וועראַנדע; אַ געלעכטער און אַ געפילדער)

דער פּאָרטענצער. אַדאַם! אַדאַם! קום שוין אַם ענדע אַהער. לאָמיר יעצט פאַר דיין געזונד טרינקען!

אַדאַם. כ׳געה, כ׳געה (געהט צום פּאַלאַץ צו)

דער גאַסט. געדענק! דאָס אַליין וועט דיך נאָר פון מיר בעפרייען!

פינפטע סצענע.

(אַ לאַנגע פויזע)

דער אונבעקאַנטער. (געהט פון דער אַנדערער זייט צו, קוקט אַריין אין די פענסטער פון פּאַלאַץ, נאָכהער ווענדט ער זיך צום גאַסט — פלוצים) דאָ איז דאָך דאָס הויז, אין וועלכען עס זענען וואונדערבאַרע, געהיימניספאָלע זאַכען פערלאָפען?

דער גאַסט. יאָ, דאָ.

דער אונבעקאַנטער. (אַ ווײַלע אַרום) באַל, מוזיק, טענץ... הם... דאָס פערניכטעט נישט, ס'צושטערט נישט... דאָס טרייבט די גייסטער נישט פונאַנדער, דאָס בעטרינקט נאָר אויף אַ ווײַלע, און דערנאָך נעמט דאָס פערניכטעטע האַרץ דאָפּעלט נקמה, דאָס עס האָט זיך איינשלעפערען געלאָזט, דען דאָס האַרץ פון מענשען איז שרעקליך, און ס'נעהמט נקמה. ס'לאָזט נישט רוהען, ס'לאָזט נישט... (שווייגט) צי קאָן איך דאָרט אַריינגעהן? דען ס'ציהט מיך עפּעס צו דער ליכטיגקייט און שמחות — ס'ציהט, נישט בייצוקומען...

דער גאַסט. פאַר וואָס זאָלסטו נישט אַריינגעהן? איין גאַסט מעהר — וואָס מאַכט דאָס אויס? איבריגענס ווערט זיך דאָס הויז אין קורצען אין גאַנצען מיט געסט אָנפילען, וועלכע דער בעל־הבית אַליין האָט זיי קיינמאָל נישט געקענט — און וואונדערבאַרע געסט האָט ער שוין יעצט ביי זיך!

דער אונבעקאַנטער. וואונדערבאַרע? (קוקט אַ מינוט פערטראַכט) אַה, ווען איך וואָלט געקאָנט דאָרט אַהין אַריינגעהן?

דער גאַסט. דער בעל־הבית וואַרט שוין אָבער לאַנג אויף אייך. דאָס איז שוין זיין מזל, דאָס זיין הויז ווערט וואָס אַמאָל מיט דער וואונדערבאַרע געסט אָנגעפילט.

דער אונבעקאַנטער. און אפשר האָב איך אַ טעות, ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ הויז פון גליק און רוה, און איך האָב אַזאַ מיאוס'ע געוואוינהייט, אַריינצוגעהן אין די מאָמענטען פון גליק און פרייד... קיין איינזאַמקייט פערטראָג איך אָבער נישט: ווי דער ווינט וואָלט מיך געיאָגט — כ'לויף איבער די גאַסען, כ'בלאָנדזע אַרום; ס'יאָגט אַ שרעקליכער אונרוה, ס'שמייסט מיך אַ ווילדע בייטש... און דאַמאָלס שפּאַר איך מיך אָן אין פאַרקען פון די רייכע — דאָרט, וואו אין די פענסטער איז ליכטיג, פון וואַנען ס'הערט זיך מוזיק, אַ גערויש און פרעהליכע געלעכטער, און

ס׳דאַכט זיך מיר פּלוצים אויס, דאָס איך געפין זיך אַ הילפלאָזער אויף אַ זומפּ — פינסטער — איך ווייס נישט וואוהין — מיט איינמאָל אַ פערבלאָנזשעטער פונק, אָט! אַן׳ערלעזונג! ער וועט מיר אַ וועג ווייזען, ער וועט אַ ריכטונג ווייזען... און איך געה, און איך געה, איך זינק וואָס אַמאָל טיעפער, אָבער געהן מוז איך... און אַצונד וואַרפט מיך נישט אַרויס — אָ! דען מ׳קאָן מיך נישט אַרויסוואַרפען — זעהט!! אָנשטענדיג בין איך אָנגעטהאַן; ס׳וועט פאַר אייך קיין חרפה נישט זיין — נאָר קוקען אויף טענץ, אָנ׳שכור׳ן זיך מיט מוזיק, פערבלענדען די אויגען מיט ליכטיגקייט... אָ! דאָס וועט נישט פערטויבען, ס׳וועט נישט פערטויבען, אָבער אויף אַ מאָמענט מאַכט דאָס פערגעסען — און ביי די גבירים אין הויז איז נאָך זיכערער, פערהעלטניסמעסיג זיכערער. דען איך בין ווי אַ צערייצטע חיה, די מענשען יאָגען מיך, זיי האָבען מיך פון אַלע זייטען אַרומגענומען, דאָס געווייסען אַרומגעפּענטעט, דאָס האַרץ וויל נישט אָבנאַרען, די געהירען קעהרען זיך איבער...

דער גאַסט. דאָס מאָל האָסטו זיך נישט טועה געוועזען — דאָ וועט דיר גוט זיין. דאָס זענען מענשען וואָס ליידען שרעקליך, און פערניכטען זיך קאָנען זיי נישט...

דער אונבעקאַנטער. אַזוי? טאָ וועל איך אַריינגעהן. כליעב די מענשען, וועלכע ליידען — כליעב... און — און אין גבירים הויז איז פערהעלטניסמעסיג זיכערער, פערהעלטניסמעסיג...

(געהט פּאַמעליך צום פּאַלאַץ צו)

זעקסטע סצענע.

די סצענע איז אַ געווייסע צייט ליידיג. הילכיגע מוזיק. דער גאַסט קוקט אונבעוועגליך אויפ׳ן פּאַלאַץ. פּלוצים הערט די מוזיק אויף, אַ מינוט אַרום געהט אַדאַם אונענטשלאָסען אַרויס, געהט צום גאַסט צו.

אַדאַם. דו האָסט דאָס איהם אַריינגעלאָזט?

דער גאַסט. אַליין איז ער אַריין.

אַדאַם. פאַר וואָס האָסטו דאָס איהם אַריינגעלאָזט? אַצונד קאָן איך שוין די שוועל פון דעם הויז נישט איבערטרעטען.

דער גאַסט. ניין.

אַדאַם. ס'איז קיין רעטונג נישטאָ?

דער גאַסט. ניין!

אַדאַם. און פאַר איהר אויך נישט?

דער גאַסט. פאַר וועמען?

אַדאַם. פאַר מיין פרוי.

דער גאַסט. באַלד וועט זי דאָ אַהער קומען.

אַדאַם. וואו איז פאָלאַ? — כ'זוך איהר, כ'זוך — פאָלאַ! פאָלאַ!

דער גאַסט. זי האָט זיך אין פערבאָרגענסטען ווינקעל פון דיין פאַלאַץ בעהאַלטען. זי איז שטיל און רוהיג — און יעצט האָט זי אַ פורכט. דען וואונדערבאַרע און שרעקליכע געסט האָסטו.

אַדאַם. שרעקליכע!

דער גאַסט. געדענק, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. אַ צופאַל איז זעהר גרינג. אַ צופאַל דערטרינקט זיך אַ שיפעל — דער פום גליטשט זיך אויפ'ן בארג אויס — טויזענדער מיטלען... (אַ ווייַלע אַרום) איבריגענס, מאָדנע מענשען זענט איהר, איהר נעהמט דאָס לעבען אַזוי שרעקליך ערנסט אָן. פאַר וואָס? דאָס ביסעל גליק, דאָס לעכערליכע איינבילדונג, וואָס דעקט נאָר אויף אַ ווייַלע דעם אָבגרונד פון לעבען צו, כדי ער זאָל זיך אין אַ מינוט אַרום טיעפער און שרעקליכער אויפעפענען... די מאָמענטען פון בערוישען, דאָס פערבלענדעניש, דאָס נאָך וואָס און נאָך וועמען לעבט מען — דאָס אין לעבען איז אַ ציעל פאַרהאַן — הע, הע... וואָס פאַר אַ קאָמישע מענשען איהר זענט — אָרעמע ווערים, באַלעמס אין די הענד פון שיקזאַל, בעשערטקייט און גרויסע פערהוילענע סודות — און אייך דאַכט זיך אויס, דאָס איהר שטעהט בייַ'ם רודער... כ'וועל דיך שוין נישט אָבלאָזען... זעה, דיין פרוי געהט... און איהר האָט דער אונבעקאַנטער פון שטוב אַרויסגעטריבען... אַצונד וועל איך דיך אויף אַ ווייַלע מיט דייַנע געדאַנקען איבערלאָזען — און אין די גרעסטע לעבענס־שטונדען פערלאָז איך געוועהנליך די מענשען... (פערטראַכט אַ ווייַלע) אָדער כ'וועל וואַרטען — כ'וועל מיך אַביסעל איבער'ן פאַרק דורכגעהן... די מענשען זענען אין אַזעלכע מאָמענטען אַזוי פורכטזאַם, דאָס לעבען ווייַזט זיך זיי אויס אַזוי וואונדערבאַר שען, אַזוי הניעודיג... כ'וועל וואַרטען... מיך האָט נאָך קיינער נישט אָבגענאַרט — קיינער איז נאָך פאַר מיר נישט אַנטלאָפען... (אָב, טרעפט זיך אויפ'ן וועג מיט בעלאַ'ן קוקען אַ ווייַלע איינער אויפ'ן אַנדער'ן).

זיעבענטע סצענע.

בעלא. שרעקליך ביזטו! פערפלוכט!

דער גאסט. דאס בין איך נישט — דאס לעבען איז שרעקליך און פערפלוכט! (ווערט פערפאלען אין פארק)

בעלא. (צו אדאמ'ען) אדאם! אדאם! אדאם! פאלא איז אוועק־געפאהרען — יעצט איז שוין אלעס געענדיגט. די כחות האב איך שוין פערלוירען — איך קאן שוין מעהר נישט דעם פיין איבערטראגען... די פערווירונג האט אונזער שוועל איבערגעטרעטען. מ'דארף שוין נישט האבען קיין שמחות, מוזיק, צעשטרייאונג...

אדאם. אלזא פאלא איז אוועקגעפאהרען?

בעלא. זי איז פון דער שטוב אנטלאפען...

אדאם. פון אהויז פון שלעכט געוויסען...

בעלא. זי איז דאמאלס, ווען איך האב מיך מיט טאנצען פערטייבען געוואלט.

אדאם. (מיט קראפט) אצונד איז קיין רעטונג נישטא.

בעלא. (שפרינגט אויף) לאמיר אנטלויפען!

אדאם. וואוהין?

בעלא. וואוהין עס איז, האטש אין עק וועלט.

אדאם. פאלא האט געזאגט, דאס ווען איך זאל פאר איהר זאגאר די גאנצע וועלט פערבויען מיט די טייערסטע פאלאצען, איז אלץ פאר איהר קיין ארט נישטא...

בעלא. אה, לאמיר פערגעסען — זעה! מיינע ארעמס זענען אויס־שטאל — איך וועל דיך מיט זיי טראגען, איך וועל דיך טוליען, ארומ־נעמען אזוי פעסט, דאס מיר וועלען פון דעם פערגעניגען אין אלעם פערגעסען.

אדאם. . ניין, ניין! דער גרויזאמער, דער גרויזאמער גאסט, לאזט אונז נישט קיין רוה.

בעלא. אלזא וואס איז; וואס?

אדאם. וואס? מיר וועלען אויף א שיפעל, אויפ'ן טייך ארומ־פאהרען — דאס שיפעל איז צופוילט — דער טייך איז טיעף...

בעלא. אדאם!

אדאם. מיר וועלען אויף א בארג ארויפפאהרען — אויף הויכע גע־פעהרליכע שפיצען — דער פוס גליטשט זיך אויס, איך וועל דיך מיט זיך

מיטשלעפּען און — און — מיר וועלען פריי ווערען.

בעלא. קיין אנדערען אויסגאנג איז נישטא!

אדאם. ס'איז נישטא! (בעלא ווארפט זיך אויף זיין האלז מיט א הילכיג געוויין)

אכטע סצענע.

(פאלא לויפט אריין, קוקט זיך צערשטרייט ארום אין אלע זייטען)

אדאם און בעלא. (מיט שמחה) פאלא! פאלא!

פאלא. שטיל...

אדאם. אלזא, דו פערבלייבסט ביי אונז!

בעלא. (ווארפט זיך ארויף אויף איהר האלז) דו וועסט יעצט פערבלייבען — כ'וועל דיך שוין נישט אבלאזען.

פאלא. (צערשטרויט) איך וועל נישט פערבלייבען — פערבלייבען קאן איך נישט. ביי מיר אין שטוב איז קיין גליק נישטא, אבער הויף האב איך דא ביי אייך איז אנגעשטעקענה — ס'וועט זיך אויך מיין קלייד אנשטעקען און איך וועל עס צו מיר אהיים אהעקשלעפען, איך וועל מיינע קינדער מיט סם אנשטעקען...

בעלא. פערבלייב! פערבלייב...

פאלא. ניין, ניין — כ'בין אנטלאפען, כ'האב זיך בעהאלטען, זיי האבען זיך אבער נאך מיר נאכגעיאגט, שרעקליכע זאכען טהוען זיי דארט אן — דו הערסט? ס'איז שוין קיין מוזיק נישטא — דאס ליכטיגקייט פערלעשט זיך — קוק! דו זעהסט? פינסטער איז אין פאלאץ.

(דער פאלאץ פערזינקט אין פינסטערניש נאר א לבנה-נאכט)

פאלא. איך בין צו אייך געלאפען, ווייל כ'האב אייך נאכאמאל זעהן געוואלט. אח, אח! וואס האט איהר געטהון? וואס פאר א פערברעך זענט איהר בעגאנגען??

אדאם. (הארט) וואס? קיין! מיליאנען מענשען טהוען דאס זעלבע און זיי זענען גליקליך...

פאלא. און פאר וואס קומט אזא שרעקליכע שטראף?

אדאם. פאר וואס, פאר וואס? (פלוצים צו בעלא'ן) פאר וואס האסטו מיך נישט אויסגעקויסט — פאר וואס האסטו מיר א מינוט גליק נישט געגעבען?

בעלא. דען דו האסט דאס נישט געוואלט האבען — דו האסט נישט

געוואלט — האסט זי פאר מיר בעהאלטען, האסט אבגעשטויסען, שפאטיש געביסען, האסט מיך אויסגעלאכט — און איך, און איך האב זיך נאך דיר געריסען, כ׳האב פון דיר געטראכט — דו האסט זיך נאר פערטויבען, פערדרוישען, פערשכורי׳ן געוואלט און אונזער הויז האט זיך, וואס אמאל מיט מעהר געסט אנגעפילט.

אדאם. מיט מאדנע געסט... הא! דען אויף די וועגן זענען שווארצע, לויערענדע שאטענס געווען — א שווארצע חיה, וואס איז גרייט געווען אויף מיך זיך צו ווארפען. כ׳האב א געשריי און א געוויין געהערט, אזא שרעקליך־רייסענדער געוויין: ווי א געוויין פון א קינד, וועלכעס מ׳טהוט א גרויסען, גרויסען אונרעכט, פאר דעם, אז דאס איז גוט געווען, ווייל דאס האט געליעבט — הא, הא... (פלוצים צו פאלא׳ן) גוה, גוה! דאס איז א הויז פון שלעכטע געוויסען. דאס איז אנשטעקענד.

פאלא. (וויל זיך איהם אויפ׳ן האלז ווארפען)

אדאם. (שטופט איהר אב) דא אין הויז איז אנשטעקענד — זעה, וואס פאר א שרעקליך הויז דא איז! — גוה!

פאלא. גאט — ס׳איז קיין רעטונג נישטא — און איך האב אייך אזוי ליעב געהאט, און כ׳האב געמיינט, דאס איך וועל אייך העלפען קאנען.... (אב)

אדאם. צו שפעט, פאלא, צו שפעט...

ניינטע סצענע.

אדאם און בעלא. (אליין)

אדאם (פערטראכט) אלזא, איך וועל אין דער הויף ארויסגעהן — דארט, וואו דער מאך גליטשט זיך אונטער די פיס, וואו דער שטיין פערוואלגערט זיך אינטער די פיס...

בעלא. כ׳שרעק זיך! איך בין אזא יונגע — נאך אזא שטארקע,— כ׳שרעק זיך.

אדאם. טא וועל איך אליין געהן.

בעלא. ניין, ניין, ניין! כ׳וועל געהן וואוהין דו ווילסט, איך שרעק זיך אבער — כ׳בין נאך אזא יונגע...

אדאם. און איך בין יונג...

בעלא. איך וועל דיך מיט אזא ליעבשאפט ארומנעהמען, איך וועל אזוי טוליען — זעה כ׳בין שטארק, איך מוז מיט דיר מיטגעהן, נאר פער־

בלייבּ נאָך; פּראָבּיר נאָך; שטויס מיך פון דיר נישט אָב — לאָמיר זיך אין לעבּענס־שטראָם אַריינוואַרפען, מיר וועלען איהם איינשלינגען, מיר וועלען זיך מיט דעם אָנטרינקען...

אַדאַם. די שאָטענס וועסטו פון די ווענד נישט אַראָבּיאָגען, דעם קראָט וועסטו פון אונטער דער ערד נישט אויפזוכען...

(דער גאַסט געהט פּאַמעליך צו)

בּעלאַ. וואָס ווילסטו? וואָס? פערפלוכטער! דו שרעקליכער!

דער גאַסט. דאָס לעבּען איז נאָר שרעקליך. דאָס איז אַזוי אָהן אַ שיעור לעכערליך, דאָס די מענשען ליבּען אַזוי דאָס לעבּען: דער טויט איז גוט און שטיל... דאָס איז דאָס ביסעל, אַ נאַריש גליק — אַ פערבּלענדעניש, דעם שטן'ס אַ צייכען. דאָס אָנשפּורן זיך מיט'ן אייגענעם קראַפט, מיט ציעלען, איבּערצייגונגען, אַז ער איז עפּעס אַ גרויסעס, דאָס ס'איז נאָך פאַרהאַן אַ סך אויפצוטהון: דאָס אַלעס איז הומהייטען, דאָס איז אַ פערנאַרעכין מיט וועלכען דאָס לעבּען פערנאַרט דעם מענשען. דער טויט, דער טויט, ער איז דאָס איינציגע — דו שפּייסט דאָס לעבּען אין פּנים אַריין און זאָגסט: מיך וועסטו נישט אָבּנאַרען! און דו געהסט דיר מיט אַ גרויסער ערנסקייט און פעראַכטונג צו'ם טוידט!

אַדאַם. (צו בּעלאַ'ן) קום, קום — דו וועסט מיט מיר געהן?

בּעלאַ. כ'שרעק מיך אַזוי. כ'שרעק מיך אַזוי!

אַדאַם. (העפליך צו'ם גאַסט) אַ פרוי שרעקט זיך שטענדיג (וואַהנזיניג) הע, הע... אַלזאָ איך וועל אַליין געהן... האַ, ס'איז שווער... פערבּלייבּ — דו האָסט נאָך אַ לעבּען פאַר זיך — דו בּיזט נאָך שטאַרק און יונג...

בּעלאַ. אַדאַם! אַדאַם! (שטעהט ווי אַ צוגעשמידטע צו דער ערד)

אַדאַם (העפליך צום גאַסט). אַ פרוי שרעקט זיך שטענדיג (וואַהנזיניג)

דער גאַסט. איך וועל מיט דיר געהן, עס וועט דיר לייכטער זיין. און צייט איז שוין, ס'איז צייט...

פאָרהאַנג.

פעטער אלטענבער:

(קריטישע סקיצע).

אין דער צייט, ווען אין די ווערק פון דעם מעדערסטענטייל איראפעאישע שרייבער פערליערט זיך ניט נאר זייער ארטליכער, נאר אויך זייער נאציאנאלער כאראקטער, — זענען די עטיודען פון פעטער אלטענבערג אינגאנצען דורכגעדרונגען מיט'ן אטהעם פון ווין.

ער איז, כמעט אויסשליסליך, דער שרייבער פון ווין.

און צי איז דען ניט צו בעוואונדערן, וואס ער איז דאך איבערגעזעצט אין אלע איראפעאישע שפראכען.

ווי עס ווייזט אויס איז דאס אליין, וואס ער רעדט אין זיינע עטיודען וועגען דעם ארומיגען היינער לעבען, האט א אלגעמיינעם כאראקטער און בעדייטונג.

אלטענבערג'ס שאפען נעהמט ניט ארום קיין ברייטען קרייז ערשיינונגען. זי בעגרענעצט זיך נאר מיט דעם געפיהל פון שענעם. נאר ער האט געקענט צונויפבינדען דעם הויפט-מאטיוו פון זיין שאפען מיט אלע אלטעגליכע ערשיינונגען פון לעבען.

לויט דער פארם פון זיין שרייבען איז אלטענבערג א מיניאטור-מאלער. אינגאנצען האט ער, אייגענטליך, אנגעשריבען צוויי ביכער: „ווי איך זעה דאס?" און „וואס ברענגט מיר דער טאג?" נאר דיזע ביכער האבען א טיעפען איינדרוק געלאזען אויף דער מאדערנער דייטשער ליטעראטור.

זיין שאפען איז ענג פערבונדען מיט זיין אייגענעם לעבען. יא, ער איז דער ווייטערער אונמיטעלבארער פארטזעץ פון איהם.

אין דער קורצער, זעהר שארפזיניג אנגעשריבענער אויטא-ביאגראפיע, דערצעהלט ער וועגען זיך אזוי:

„איך בין געוועזען א מעדיק, ניט ערלערנענדיג די מעדיצין, א יוריסט, ניט ערלערנענדיג די יוריספרודענץ, א בוך-הענדלער, ניט פערקויפענדיג קיין איין בוך, א געליעבטער, ניט האבענדיג קיין מאהל אין זין התונה צו האבען, און, צום סוף, א דיכטער, ניט שאפענדיג קיין איין פאעטישעם ווערק".

א ניט צוגעפאסטער צום לעבען, געדט ער שוין פון קינדהייט אן אוועק פון איהם; פון דער שרייענדער ווירקליכקייט — אין דער וועלט

פון חלומות. און אין די חלומות — זוכט ער נאָר די שענהייט. דורשטיג, גיעריג זוכט ער זי. כמעט ביז זיין דרייסיג־יאָהריגער אַלטער פערבלייבט ער אין דער ראָל פון אַ בעאָבאַכטער, פון אַ צושויער פון לעבען. אַ פערמיעסטער און וואַכזאַמער, בלאָנדזשעט ער אַרום איבער די העלע גאַסען פון דער רוישענדער שטאָדט און קוקט.

זעהער אָריגינעל און כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלטענבערג'ן איז דער אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. שעה'ן־ווייז פלעגט ער אָבזיצען אין איינעם פון די בעסטע וויענער־קאַפע, און צייטענווייז זיינענדיג אַזוי פערטראַכט, פלעגט ער אָנוואַרפען אויף שטיקלעך פאַפּיער איינצעלנע, בעזונדערע געדאַנקען. אַרטור שניצלער, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געווען אַ פּאָפּולערער שרייבער, האָט זיך פעראינטערעסירט אַ מאָל מיט'ן בלייכען יונגערמאַן, מיט די גרויסע קלוגע אויגען, וועלכער פלעגט שטענדיג עפּעס פערשרייבען אויף פּאַפּירלעך. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און האָט העפליך געפרעגט: „וועגען וואָס שרייבט איהר?"

— וועגען פערשידענס, — האָט ער געענטפערט.

— קען מען אַ קוק טהון?

— אויב אייך איז אינטערעסאַנט...

און ווי נאָר שניצלער האָט דורכגעקוקט איינינע שורות, — האָט ער איהם אויסגעשטרעקט די האַנד און געזאָגט מיט געפיהל:

— אָבער, איהר זייט דאָך אַ פּאָעט! —

אין גיכען, נאָך דעם קורצען שמועס צווישען די צוויי עסטרייכישע שרייבער, איז ערשינען אין איינעם פון די בעסטע דייטשע פערלאַגען דאָס ערשטע בוך פון אַלטענבערג'ס עטיודען. אַלטענבערג פערהאַלט זיך צו זיין ליטעראַרישען בערוף מיט אַ געוויסען איראָנישען סקעפּטיציזם.

צי דען זענען מיינע עטיודען — פּאָעטישע ווערק?" — פרעגט ער זיך אַליין. און ענטפערט. „אין קיין פאַל נישט. זיי זענען — אַ עקסטראַקט (אויסצוג). דער עקסטראַקט פונ'ם לעבען. דאָס לעבען פון דער נשמה און אַלעם צופעליגען אין דער אַלטעגליכקייט, געשילדערט אויף איין־צוויי ווייטלעך, פריי פון אַלעם איבעריגען."

אַרטור שניצלער האָט זיך אַמאָל אַרויסגעזאָגט וועגען אַלטענבערג'ן:

— ער איז אַ רעפּאָרטער פון דער מאָדערנער נשמה פונ'ם מענשען, — אַ רעפּאָרטער אין בעסטען זין פון דעם וואָרט, פערשטעהט זיך. —

און ער איז געווען גערעכט.

אַלטענבערג בעשאַפט ניט, — ער אַנאַליזירט נאָר און פערצייכענט לייכט.

דעם העכסטען גליק פֿונ'ם לעבען, די גרעסטע חכמה געפֿינט ער אין דעם מענשענס פֿעהיגקייט צו זעהען.

— זעהען, זעהען, — שרייט ער אויס.

— איך וואָלט געוואָלט אַז אויף מיין קבר זאָל זיין דער אויפֿשריפֿט: „ער האָט געלעבט און געזעהען".

און ווירקליך, ער קען טאַקי זעהען, און לערנט דעם לעזער דאָס זעלבע, אַנרופֿענדיג דעם מענשענ'ס אויגען — „ראָטשילד'ס גיטער".

נאָך לאַנגע נשמה־ליידען קומט ער צום שלום, אַז די שענקייט פֿונ'ם לעבען איז ניט ערגעץ אויסער אונז, נאָר אין אונז, אַרום אונז, אויף יעדען טריט. איבערגעגעבענע די טאָג־זאָרגען, דער טאָג־מלחמה, זעהען מיר זי נאָר ניט, און אונזער בלינדקייט טרעטען מיר די צערטליכסטע בלומען. עס געהט צום גרונד דאָס ליכטיגסטע, דאָס צערטליכסטע, אומבּרחמנות'דיג ווערט עס צוטראָטען אין דעם טאָג־טומעל.

און אַלטענבערג בעגרייפֿט דאָס אַלץ.

די קינדער מיט זייערע ליכטיגע ווי די פֿריהלינג־זון נשמות... צי קענען מיר זיי? אַלטענבערג, שפּאַצירענדיג פֿאַמעליך איבער'ן פּאַרק, דערזעהט די קליינע עזוגעניע, וועלכע האָט זיך אָבגעטיילט פֿון איהרע חברתות און מיט בּרייט פֿונאַנדערגעעפֿענטע אויגען קוקט זי זיך איין אויף די שענע בלומען, און ער קריינט זי מיט'ן טיטול: ושעני.

ליעבענדיג די נאַטור, די שענהייט, — האָט ער ליעב געקראָגען די פֿרוי, — איהר קערפּער און איהר נשמה צוזאַמען ניט אָבגעטיילט. טיעף האָט ער אַריינגעקוקט אין דער נשמה פֿון דער פֿרוי. גלייך ווי די נאַטור, איז אויך די פֿרוי די שטענדיגע פֿערקערפּערונג פֿונ'ם שטרעבען צו שענהייט, וועלכע ווערט פֿערווירקליכט אין לעבען. די פֿרוי, פֿאָלגענדיג דעם אינסטינקט פֿון שענהייט, וועלכער איז ביי איהר טיעף אין דער נשמה, זוכט צו פֿערווירקליכען זי אַרום זיך. און אַלטענבערג לערנט אונז בעפֿריעדיגען איהר זוכעניש.

אין די קוים בעמערקבאַרע קליינינגקייט פֿון דער אַלטעגליכקייט, געפֿינט אַלטענבערג די שפּראָצונגען פֿון זיינע חלומות און טרוימען.

זוכענדיג שטענדיג דעם אמת'ן, אויפֿריכטיגען געפֿיהל זייטיגט זיך אַלטענבערג פֿון אַלעם רוישענדען, און טרעפֿט זיך צונויף מיט איינזאַמע, אָבגעשטויסענע און געפֿאַלענע.

אין עצם תהום פֿון געפֿאַלענע און פֿערוועלקטע נשמות זוכט אויס אַלטענבערג אַ פֿונק פֿון גליהענדער בענקעניש. צו אַלץ געהט ער צו

פון דער אָריגינעלער זייט און די בעזונדערהייט פון זיין שרייבען איז דאָס קענען אויף איין-צוויי זייטלעך אויסדריקען דעם תוך, דאָס וויכטיגסטע.

וועגען די בעסטע מאָדערנע קינסטלער האָט ער געשריבען, ווי נאָך קיינער ביז איהם. מיט זיין טרעפענדען וואָרט דריקט ער אויס דעם הויפּט-מאָטיוו פון זייער שאַפען. און ניט אָהן אַ גרונד רעכענט מען איהם פאַר אַ נאָוואַטאָר אין דער קינסטלערישער קריטיק.

ער האָט בעוויזען, אַז די קריטיק קען זיין ניט נאָר אַ אַנאַליזירענדע, נאָר אויך אַ שאַפענדע. דאָס איז ניט קיין קריטיק, נאָר קונסט דער הויפּט-מאָטיוו פון זיין שאַפען איז דאָס פרעדיגען צו שענהייט. מיט „איהר לעבט ער, וועגען איהר אַליין דענקט ער און פיהלט.

זיין קינסטלערישען אני-מאמין האָט ער טיילוויז אַרויסגעזאָגט אין דעם עטיוד: „אין מינכען“.

— וואָס פערנעהמט איך, איראָפּעער? — פרעגט ער.

— אָהן אַ אינערער פרייד שטעלט איהר פונאַנדער אויף אייערע געשניצטע טישלעך גיפּסענע פיגורלעך! איהר נאַרט זיך אַליין אָב! איהר לעבט אָהן אַ שום אינערען צובונד צו די וואונדערבאַרע פאַרבען און פאָרמען פון דער נאַטור. איהר ענטציקט זיך פון זאַכען, וועלכע זענען אייך פרעמד און אונסימפּאַטיש. איהר קוויקט זיך בלויז מיט פראַזען. דער שאַבלאָן און אויטאָריטעטען זענען אייערע פיהרער. קוקט זיך צו! די נייע קינסטלער ווילען אייך מתקרב זיין צו דער נאַטור, צו איהרע רייכטהימער; זיי ווילען אייערע אויגען אַ העלען בליק געבען! הערט זיך צו צו דעם גערויש פון די נאַטירליכע און ניט קינסטליכע וואַסערפאַלען. דאָס לעבען מאַכט אייך בלינד, טויב.

אויף די פּראַכטפאָלע לאָנקעס שפּיעלט איהר אין לוין-טעניס (אין פּילקעס). איהר הייסע פּנימ'ער — קאַלטע נשמות!

לערענט זיך ביי די יאַפּאַנער! ווען די קאַרשען-בוימער הויבען אָן בליהען, געהען זיי אַלע, פון קליין ביז גרויס, אַרויס צו זיי און שעה'ן-לאַנג שטעהען זיי אין שטומען שווייגען פאַר זייערע ראָזע-בלייכען פונאַנדער-בליהען. דאָרטען זענען ניטאָ קיין שום בענקלעך און טישען אויף אָנצו-עסען זיך.

דאָס ווירקליכע קונסט-פאָלק שטעהט שעה'ן-וויז, שווייגענד פאַר דעם ראָזע-בלייכען פונאַנדערבליהען. און אין דערהיים ביי זיי העגנען צאַרטע, העל-גאָלדענע קישלעך מיט בלומען. און די מענער און פרויען, אײדער זיי געהן אַוועק אָבגעבען זיך צו זאָרגען פון טאָג, — געהן זיי צו צו

די קייטלעך און געזעגנען זיך מיט זיי, ווי מיט לעבעדיגע".

אַט אַזוי האָט אַלטענבערג ליעב די שענהייט. גיעריג, דורשטיג וויל ער זעהן דאָס אַרומיגע לעבען אין'ם גלאַנץ פון דיעזער שענהייט.

טיעף ליידענדיג פון דער ווירקליכקייט, שרייט ער אויס צו איהרע טיילנעהמער:

„רעקלאַמעס וועגען שאַמפּאַניער און פּערפומעס העננט איהר אויס אויף די גאַסען-סלופּעס. איך וויל אייך אויסהענגען אַנדערע, קינסטלערישע אויף וועלכע עס זאָל זיין אויסגעקריצט די ווערטער פונ'ם גרעסטען אידעאַליסט: בלויז דאָס, וואָס מיר האָבען אין זיך — קענען מיר זעהען אויך אַרום אונז".

„אויב מיר טרעפען ניט קיין געטער און געטינס, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבען זיי פריהער ניט געהיט אין אונזער האַרצען".

אַלטענבערג פּרעדיגט אָט דעם טיעף-אמת'ן געדאַנק. האָבענדיג אין האַרצען די געטער און געטינס פון דעם צוקונפטיגען שענעם לעבען, האָט ער אונז ביי זייער ליכט אַנגעוויזען, זייערע שאָטענס אויך אין דער געגענוואַרט.

און דערום איז ער דער גלענצענדסטער אויסדריקער פונ'ם נייעסטען קונסט-אידעאַליזם.

די פרוי איז פאַר אַלטענבערג'ן דער אויסדריק פונ'ם עביג שענעם. דאַרום זעהט ער אין דער פרוי דעם וועג, וועלכער פיהרט אונז פון דער אָרעמער געגענוואַרט צו דער רייכער צוקונפט. ווי אַ בלייכער שאָטען האָט אַ גלאַנץ געטהון דער אידעאַליסט אַלטענבערג אין דער דייטשער ליטעראַטור.

זייענדיג אין זיין טיעפען עצם אַ ווירקליכער פּאָעט און אַ גייסטיגער ברודער פון דעם שטענדיג זוכענדען, גרעסטען ליריק פון אַלע צייטען, היינע'ן, — האָט ער ניט געקענט לעבען מיט'ן גרויסען, פרייען לעבען פון אַ שעפּפער.

אין שווערען ליידען פון דעם אַרומיגען לעבענס-שטויב, לעבט ער אויס זיינע טעג, אָנשטרענגענדיג זיין בליק אין דער צוקונפט, זוכענדיג און געפינענדיג איהרע וואונקען און שאָטענס שוין איצט.

איינער פון דיעזע צוקונפט-שאָטענס איז איהם בעזונדער נאָהענט, — דאָס איז די נשמה פון דער פרוי.

און ער האָט אונז קינסטלעריש דערצעהלט וועגען איהר איידעלען פערהאַלטען זיך צו דער צוקונפט.

א—ק.

פּעטער אַלטענבערג.

פאַרוואָס ליעבט אַ פרוי די שאַפונג פון פּאָעט.

— העֶר, קינד, מיר דאַרפען ביי דיר צונעהמען דיין נשמה. פערשטעה, זי איז אינגאַנצען נישט נוצליך פאַר אונזער לעבען. און קיין אַנדערס איז דאָך ביי אונז נישטאָ. נאָר דו ווייסט נישט.

אַזוי האָבען געדעט מענשען, וואָס האָבען געוואָלט איהר טובה, און האָבען אָנגעהויבען צו פּייניגען און צו רייסען איהר נשמה, האָטש עס איז זיי געווען איבערדריסליך דאָס צו טהון, ווייל עס איז געווען אַ וואונדערליך־שענע, צאַרטע נשמה, איבריגענס, אַ גאָר אונזוצליכע פאַר אונזער אַרבייטס־וועלט.

— איך טאָר נישט האָבען קיין נשמה? איך האָב דאָך אָבער לונגען, אַ לעבער און אַנדערע אָרגאַנען.

— העֶר אויף צו טענה'ן, קינד. דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטען. נשמה? דאָס נוצט פאַר מלכים אָדער פאַר אָרעמעלייט, אָבער נישט פאַר אונז, מיטעלמעסיגע מענשען. ביזטו עפּעס אַ קעניגין עליזאַוועטאַ אָדער אַ דוזע.

דאַמאָלס האָט דאָס מיידעל אַרויסגענומען איהר נשמה און געהאָרכזאַם זי אַוועקגעגעבען, פערשטעהענדיג, אַז זי איז נישט קיין קעניגין עליזאַוועטאַ און נישט קיין דוזע, און זי וועט קיינמאָל, אַזוי ווי זיי נישט זיין. ערקענענדיג איהר נישטיגקייט, האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון איהר נשמה.

און זי איז געבליעבען אַנאייגזאַמע, אַ ציטערנדע, אַ שרעקענדיגע, אַ שמאַכטענדע פון קעלט און אָרעמקייט.

— איך בין גאָרנישט געווען און בין גאָרנישט געוואָרען — האָט זי געטראַכט.

נאָר דאָך האָט זי באַלד דערפיהלט, אַז זי איז נישט אימשטאַנד צו לעבען אָהן איהר נשמה, און זי איז אַוועק, זי ווידער זוכען. און זי

איז געקומען צום וואַלד: — איז ניִשט בײַ דיר מײַן נשמה? —

— ניין — האָט געשעפּטשעט דער וואַלד, בײַ מיר איז נאָר מײַן אייגענע וואַלד-נשמה.

בײַ אַ סך מענשען און זאַכען האָט זי טרויעריג געפרעגט, אָבער אַלע האָבען געהאַט נאָר זייערע אייגענע נשמות.

ענדליך איז זי געקומען צום פּאָעט: — פּאָעט, איז ניִשט בײַ דיר מײַן נשמה, וועלכע איך האָב אַוועקגעגעבען?

און דער האָט פרײַנדליך געענטפערט: — איך היט בײַ זיך אַלע נשמות, וועלכע ווערען פערלוירען אין דעם פינסטערען, טעגליכען לעבען, האָבען ניִשט קיין כח צו לעבען און שטאַרבען פאַר דער צײַט. ווייס, אַז איך בין דער געטליכער אוצר פון אַלע פערמאַטערטע, און ניִשט אויפגעבליהטע פרויען-נשמות. לעבענדיג אין מיר, זעצען זיי פאָרט זייער עקסיסטענץ — אַלע — די פערהלומטע בירגערין, די פעראומערטע, געפאַלענע פרוי, די פערשטויסענע און פערקויפטע און די פערעלטערטע און אײַנגעהויקערטע די קראַנקע און די פערפיהרטע, די שענע און די העסליכע. קיין איינציג טייל פון דער פרויען-נשמה ווערט ניִשט פערלוירען אין דעם וועלט-רוים, דערפאַר ווײַל אַלץ וואַס וועלקט אונטער דעם קאַלטען אָטהעם פון לעבען, לעגט עס גאָט אַרײַן צום פּאָעט אין האַרץ, עס זאָל דאָרטען אויפבליהען אין געטליכע שענקײַט. אַזוי ווערט גאָרניִשט פערלוירען. אָט איז אויך דײַן נשמה מיידעל. דו ווייסט זי דערקענען? זי לעבט גאַנץ צופרידען אין מיר, אַ בעגײַסטע און אַ שענע! זי איז געוואָרען כמעט ווי די נשמה פון דער קעניגין עליזאַוועטאַ אָדער דוזע.

נאָר דאָס יונגע מיידעל האָט קוים מיט מיה איהר נשמה דערקענט, אַזוי שען און רײַך איז זי געוואָרען. אמת, כמעט אַזעלכע, ווי די נשמה פון דער קעניגין עליזאַוועטאַ אָדער דוזע.

— נעהם זי, — האָט דער פּאָעט געזאָגט, — איך שענק דיר דײַן נשמה.

— ניין, — האָט זי געענטפערט — איך וועל זי איבערלאָזען בײַ דיר. דאָ וועט זי בעסער אויפבליהען. זאָל מײַן נשמה רוהען אין דײַן האַרץ. דו לײַדסט, בענגסט און וויינסט אָנשטאָט מיר און פאַר מיר, אַצינד קען איך מיך אונטערטעניג אָבגעבען צו דינען דעם רויהען טאָג. נאָר אין די רוה-שטונדען פון דער רויהער שולע, וואָס רופט זיך לעבען, וועל איך קומען צו דײַן, ניין צו מײַן נשמה, — און איך וועל ווידער ווערען דאָס, וואָס איך בין געווען, — איך אַליין.

— טאָ קום־ושע אין די פרייע שטונדען פון לעבען, — האָט איהר פריינדליך דער פאָעט געזאָגט.

און זי איז געקומען צו איהם און צו זיינע שאַפונגען. צו איהר אייגענער נשמה איז זי געקומען, צו איהרע ליכטיגע חלומות און בעטריבטע געדאַנקען, צו איהרע האָפנונגען, צו איהרע טרערען, צו זיך אַליין.

און זי האָט געטראַכט: — נאַרישע צבועקעס — מענשען. צוליעב אייך האָב איך אַוועקגעגעבען מיין קליינע, שוואַכע נשמה. אָבער זי איז אַרויסגעוואַקסען ביים פאָעט אַ ריעזיגע, אַ שטאַרקע און זי שרעקט אייך. און דאָס, וואָס איהר האָט ביי מיר צוגענומען און אַרויסגעריסען, האָט ער געהיטען און ערהויבען.

נאַרישע, שלעכטע, צבועקעס! ווי ביי דער וואַסער־שלאַנג אַנשטאָט איין קאָפּ, וואַקסען אַרויס הונדערטער, אַזוי אונזערע צובראָכענע נשמות, בליהען אויף הונדערט מאָל שענער ביים פאָעט אין האַרץ אַזוי היט גאָט אָב די טיילען פון דער נשמה מיט דער הילף פון פאָעט. אַזוי איז זיך נוקם אַ פאָעט, פאַר פערוואַנדעטע נשמות, אין מערדער און פערדרעטער.

יודיש: א. כאטא.

אלא האנסאן.

די קראנקהאפטע ליעבע.

(נאוועלע).

זיי זענען געוועזען איינע אליין, אין א יולי־אבענד, ווען די גאנצע נאטור איז געווען ווי מיט א פיבער ארומגעהאפט. אין דער הייסער, געשטיקטער לופט פלעגען מאוםדיג אנלויפען קאלטע ווינטען, — אויבען, אין דעם רוים האט זיך א שטורם געקליבען, — ווי גרויסע, פאנטאסטישע פויגעל האבען זיך אנגערוקט די וואלקענס, און בלייכע בליצען פלעגען אויפ־פלאמען אין מערב זייט.

די זון איז אונטערגעגאנגען, נאר די המארעס האבען זייער מעטא־לישען אבגלאנץ געווארפען אויף די טונקעלע פעלדער, וועלכע האבען זיך ברייט געעפענט פאר זיי, מיט א גרענצלאזער רחבות.

ער איז געזעסען אויפ'ן אבגעהאקטען בוים און האט כסדר אנגעשטרענגט איינגעקוקט זיך אין דער ארומיגער סביבה, און גלייך געביטען זיין בליק אויף איהר, וועלכע איז געשטאנען אנגעשפארט אן שטאם פון בוים.

איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז זי האט געקוקט אויף איהם מיט די אויגען פון א משוגענער, ווייל טילוויז האט אין זיי דורכגעדרונ־גען דער בית־השמשות, טיילוויז אבער איז געווען אין זיי דער קאלטער גלאנץ פון שטאל; און ער האט געפיהלט דעם בליק, פונקט ווי דער גאנצער שארבען וואלט ביי איהם אפען געווען, און דער מארך זיינער וואלט אויפגעדעקט און ענטבלייזט זיין און אין איהם וואלט אריינגעדרונגען דער דינער, קאלטער שטראהלען־שפיץ. אין זיין בלוט האט זיך צוגאסען דער פיבער פון דער נאטור אליין; ס'איז געווען אי קאלט אי הייס; איהם פלעגט ארומהאפען א ברענענדע היץ, און אט האט דער פלאם

פון אונזין ארײנגעשניטען זיך אין איהם ווי א שארף פון א שווערד; און בילדער פלעגען אויפפלאמען פאר איהם, בילדער פון א משוגענעם און תאוה־פלאמענדיגען. און ווען ער איז געשטאנען דארט, אנגעשפארט אן דעם שטאם פון בוים און האט זיך איינגעקוקט אין דער סביבה, האט זיך איהם געדוכט, אז דאס איז דער אומגליקס־גייסט פון אט דער זעהעניש. ער האט געזעהען, ווי די אומריסען פלעגען זיך צושווימען, ווי די שטריכען פון פנים פלעגען אויסגעקרימט ווערען, די הויט פון פנים פלעגט גראה און בלייך ווערען און אין קערפער האט זיך אנגעהויבען די צערליגונגס־ארבייט; אין איהרע קליינע, פארבלאזע אויגען האט ער געזעהן א קאלטען בלוטדורשטיגען פייער, און אויף איהרע דינע, פארבלאזע ליפען איז א קאלטער בלוטדורשטיגער שמייכעל געשטאנען; ס'האט זיך איהם פארגעשטעלט, אז ער בעמערקט די איינהייט פון איהר גאנצען וועזען, דאס, וואס איז געלעגען אינוועניג, אין איהר עצם גרונד, און די גאנצע קרעפטען פון זיין נשמה האט ער אנגעשטרענגט אבי נאר נעהנטער צוגעהן צו איהר, אריינדרינגען און דערוויסען זיך, וואס איז דאס אזוינס. און ווי א תירוהת קריכט אריין מיט זיין אינסטרומענט אין קערפער צו דערווייטערען דאס קרענקליכע וואונד, אזוי האט ער פארזונקען זיין גאנצען געדאנק אין דיעזעם שמייכעל, אבי נאר צו טרעפען דאס סוד פון איהר וועזען, בעשטימען און דערגעהן זיין וואונדערליכען בוי.

נאר אין דעם ענטשיידענעם מאמענט, פלעגט זיך שטענדיג דער אינסטרומענט ארויסגליטשען פון זיינע הענד, ניט קוקענדיג אויף דער קוועלענדער אנשטרענגונג מיט וועלכער ער האט זיך בעמיהט אריינדרינגען אין איהר וועזען; און אין דער נאהנסטער רגע זענען זיי שוין ווידער געווען אבגעשטויסען איינער פון צווייטען, ווי פריהער, — ער איז געזעסען אויפ'ן אבגעהאקטען בוים, און זי איז געשטאנען, אנגעלעהנט אויפ'ן שטאם פון בוים, — און ווידער האט ער געקוקט אויפ'ן שמייכעל פון די דינע, פארבלאזע ליפען, אויפ'ן שמאכטענדען שמייכעל, וועלכער איז פול געווען מיט גרענצלאזער תאוה, גלייך ווי זי וואלט שטראמען בלוט געזעהן, אדער געטרוימט וועגען א אייביגער ליעבעס־נאכט אין אנמאכט.

און ווי א פערדיפנאטיזירטער, וועלכער שרטענגט אן זיין גאנצען וועזען צו קוקען אין איין פינטעל, אויף וועלכען איהם האט אנגעהויזען זיין איינשלאפער, ביי וועמען אלע איברים שטארבען אב צו פיהלען די אויסערע ווירקליכע וועלט, און זיין גאנצע נשמה, זיין מארך, זיינע אלע

געפיהלען זענען געווענדעט אהין צו דעם פּינטעל, — אַזוי האָט ער אויך, אַזוי לאַנג און אַזוי אָנגעשטרענגט איינגעקוקט זיך אין דעם רעטזעלהאַפטען שמייכעל פון ספינקס; מיט זיין גאַנצען נשמה־בליק איז ער געוועזען צוגעשמידעט צו איהר, מיט אַלע דינסטע בעוועגונגען פון זיין וועזען, אָהן בעוואוסטזיין און אָהן ווילען איז ער געוועזען צוגעבונדען צו איהר, און אָט די גאַנצע וועלט, וועלכע איז פריהער געוועזען אויסגעשפּרייט אַרום איהר און איהר נאָרמאַלער ווירקליכקייט —, די גאַנצע וועלט איז איצט געלעגען דאָרט, אין דער טיעפקייט פון דיעזעם שמייכעל, ווי אַ שרעקענדע פינסטערניש; העלע פונקען פלעגען זיך אין דער פינסטערניש הייזען, און ביי זייער בלאָנזשענדען ליכט האָבען אַלע זאַכען בעקומען אַזאַ נייעם, אונגעהויערען אויסזעהן, גלייך ווי זיי וואָלטען גאָר אָהן אַ מאָרעס אויסגעוואַקסען, אָדער מיט אַמאָל קרום און אומגעקעהרט געוואָרען. און ער אַליין האָט געזוכט אַריינצודרינגען אין אָט דער סודות־דיגער וועלט, וואו אין אַ טוידטען שלאָף האָט געדרעמעלט די נשמה פון דיעזער פרוי; ער האָט געזוכט בלאָנזשען דאָרטען, זעהען די זעלביגע געשטאַלטען און פלאַמען מיט די זעלביגע געפיהלען;

ער האָט געזוכט דאָס מיט דער ליידענשאַפטליכער תאווה־דיגער קעלט פון שרעק.

דער זומער איז אַריבער, ס'איז אויך אַוועק דער הערבסט מיט'ן זינטער.

אין אַ רעגענדיגען אָבענד, אין מערץ, האָט ער זי געטראָפען איינע אַליין אין דערהיים.

זי איז האַלב־געלעגען אָנגעלעהנט אויף דער זאָפאַ, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי איהר צו די פיס. דער מערץ־ווינד האָט זיך געטראָגען איבער די גאַסען און האָט אין טהיר און לאָדען געקלאַפּט. די קעץ האָבען געמיאַועט. אויף איהר פערזאָרפענעם פנים האָט געשימערט דער אָבגלאַנץ פון לאָמפּ, און ער האָט געזעהן איהרע אויגען, ווי צוויי פאָספאָר־לייכטענדע קרייזען, און פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט ווי אַ ציטערדיגע האַנד האָט געגלעט זיינע האָר; ער האָט זיי אַרומגעזאַפּט און מיט אַ אָנשטרענגונג פולער מיט שרעק, האָט ער ניט אָבגעריסען זיינע אויגען פון איהר שמייכעל, וועלכער האָט טוידט און אונבעוועגט גערוהט אויף איהרע פאַרבלאָזע בליקען, ווי אַ שאָטען ביי דער ליכט פון לאָמפּ און זי האָט געציטערט און געטרייסעלט זיך אין זיינע אָרעמס; פּלוצלונג — און ער האָט דערזעהן, אַזוי ווי פון ווייטען, אין דער עצם טיעפקייט

פון איהר שמייכעל, אַ וואונדער־בילד, אַ שכּרע אַגיע, אַ שרעקענדען טוידט־טאַנץ, אַ געטענץ פון מאַגערע מענער — סקעלעטען און אַבגעבלאַזטע, ווי אויף יאָרדאַנ'ס בילדער, ווייבליכע קערפּער'ס.

און דאָס בילד, וועלכעס ער האָט צום ערשטען מאָל געזעהן ווי פון דערווייטען, אין דער ערד טיעפקייט פון איהר שמייכעל, האָט זיך איצט אַנגערוקט אַלץ נעהנטער מיט יעדען אַוועקגעהענדען טאָג.

און געהען האָט ער דעם שמייכעל געזעהן אין יעדען פרויען־געזיכט, וועלכער פלעגט זיך איהם טרעפען אויפ'ן וועג, — ער פלעגט איהם געפינען ביי זיך אין בעט אויפהאַפּענדיג זיך ביינאַכט, און ווי פּאַספּאַר האָט דער שמייכעל געלייכט; צום סוף האָט ער זיך דערנעהנטערט צו איהר, און איז איבערגעטראָטען דעם שוועל; און ער פלעגט אַוועקגעהן אין דעם שמייכעל אַלץ ווייטער, אַלץ טיעפער, ביז ער האָט אָנגעהויבען איהם פיהלען אויף זיין הויט, אין זיינע אָדערען, ווי אַ פיעבערהאַפטע היץ, וועלכע ווערט ניט שטיל; אַלע זיינע איברים האָבען זיך אָנגעהויבען רודערן אין דער שכּור'ער אַגיע, אין דעם שרעקענדען טוידט־טאַנץ — אין דעם געטענץ פון מאַגערע מענער־סקעלעטען, און ענטבלויזטע, ווי אויף יאָרדאַנ'ס בילדער, ווייבליכע קערפּער'ס, און אַלץ האָט זיך ווילד און משוגע.געדרעהט אַרום איהם אין דער געשטיקטער אַטעם פון תאוה, וואַרימען קערפּער־שווייס, און טראָפען — קאַלטקייט.

אין איין הייסען זומער־טאָג, ווען ער האָט געוואַנדערט אַרום זיין שטוב, האָט ער זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט און געשטאַנען אין מיטען דער גאַס. אַלע מענשען האָבען אָנגעהויבען שפּרינגען, יעדערער ווי ער האָט געקאָנט, פּונקט ווי אַ גראָהער פייער רעגען וואָלט פון הימעל געפאַלען, און אין דער זעלבער רגע איז אַלץ שטיל געוואָרען, גלייך ווי זייערע פיס וואָלטען גאָר די ערד ניט בעריהרט, אָדער אויף דער גאַנצער וועלט וואָלט שוין מעהר קיין קלענסטער קלאַנג ניט געווען; — אין דערווייטען פלעגען זיי פערשווינדען, ווי שוואַרצער רויך, און פלעגען זיך אין קליינע פינטעלעך צוזאַמענפּרעסען, אין יעדער פון די פיער טיילען וועלט.

דער גאַנצער רוים איז אין איין רגע פינסטער געוואָרען ווי די נאַכט, נאָר אין דער זעלבער צייט איז ער געווען פערזייט מיט אַ אונענדליכער צאָהל קליינע, פּאַספּאַר־לייכטענדע שפּרינקעלעך און אַרום יעדער שפּרינקעלע פלעגט פון צייט צו צייט, ענטשטעהן אַ פּנים, אַ פרויען־געשטאַלט, איהר פּנים מיט איהר שמייכעל; — מיריאַדען־ווייז זענען זיי געשוואומען פאַראויס, אָט די שמייכלענדע פּנים'ער, ביז זיי זענען ניט

צונויפֿגענאָסען געזאָרען אין איין רויזיגען פּנים, וועלכער האָט מיט זיין דורשטיגען, תאוהדיגען שמייכעל פֿערנומען דעם גאַנצען וועלט־רוים.

און ער איז געשטאַנען אין מיטען דער גאַס, די אויגען פֿערמאַכט, די ציינען פֿערקלעמט, און האָט זיך געשלאָגען מיט די הענד.

איינציגע דורכגעהער האָבען געהאַפּט דעם משוגענעם.

איבערזעצט: א—ק.

ערנסט געאָרגי.

פריילין מוטער.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 9).

— מיט פולער פענסיאָן, דאָס הייסט, צימער, ליכט, בעדינונג, ערשטעס פריהשטיק, מיטאָג און אָבענדברויט. רעכען איך, גנעדיגעס פריילין, פאַר איין פערזאָן הונדערט און צוואַנציג מאַרק אַ חודש: ווילט איהר נעהמען ביידע צימער, נו, וועט דער פרייז אַודאי אַביסעל אַנדערש ווערען — — —

— ביטע, פרוי ראַט, עס האַנדעלט זיך דערווייל וועגען צוויי דערוואַקסענע פערזאָנען און איין קליין קינד: — האָט זיך אַננאַ אָבגערופען. —

די ווירטהין האָט איהר מיט אַנ'אונצופריעדענעם בליק בעטראַכט.

— זי וועלען מיר אַזוי גוט זיין זאָגען, פרוי ראַט, דעם גענויעסטען פרייז. דאָ האַנדעלט זיך נישט בלויז אויף דריי חדשים, ווען די דירה וועט נאָר זיין אַגוטע, וועט איין פערזאָן מיט דעם קינד וואָהנען יאָרען לאַנג: זאָגט מיר דעם גאַנץ גענויסטען פרייז! —

פרוי באָלל האָט אויף אַננאַן געקוקט מיט חשד.

— יאָ, גנעדיגעס פריילין, — — — — אונטער צוויי הונדערט דרייסיג מאַרק קאָן איך נישט לאָזען — —

— דאָס איז פאַר מיר צו טייער, האָט נישט קיין פעראיבעל וואָס איך האָב אייך אומזיסט בעמיהט — —

— אָבער, מיין גנעדיגעס פריילין, איך האָב נאָך דעם פיערטען עטאַזש! — האָט זיך די ווירטין האַסטיג אָנגערופען. איהר האָט זיך דורכאויס געוואָלט, אַז די דאָזיגע דאַמע, וואָס זעהט אַזוי אָנשטענדיג אויס זאָל ביי איהר אין שכנות פערבלייבען. — דאָרט איז פאַראַן איינער

אַ גרויסער צימער וואָס קומט אַרויס אין גאַס און איינער אַ קליינער צי־מער וואָס קומט אַריין אין גאָרטען! — —

— דאָס איז מיר קיין אונטערשיעד נישט, ווען מיר זאָלען נאָר מיט דעם פּרייז צורעכט קומען.

— אָה, געווים, אויבען איז נישט אַזוי העכסט עלעגאַנט, וועט עס אייך אויסמאַכען פיעל ביליגער! און דעם זאַל מיט דעם שפּייז־צימער דאָ אונטען קאָנט איהר אויך אַמאָל בענוצען! אַלזאָ לאָמיר רעכענען פאַר די ביידע דערוואַקסענע יע — —

— איינע איז אַ דיענסט! — האָט איהר אַ נ נ אַ נישט געלאָזט ענדיגען.

די פרוי ב אָ ל ל האָט איהר ווידער מיט השד אָנגעקוקט:

— אַזוי מיין גנעדיגעם פרײַלין, אַלזאָ געהט אַראָב איין גאַנג מי־טאָגס און אָבענדס און דאָס דעסערט אויך, דאַן — —

— ווי לאַנג יענע פּערזאָן איז ביי מיר, וועט זי מיינע צימער רייניגען און די בעדינונג איבערנעהמען.

דאָס געשפּרעך האָט זיך געצויגען אַהין און אַהער, ענדליך האָט אַ נ נ אַ די אויבערשטע צימער בעקוקט, איז מיט פרוי ב אָ ל ל מושוה געוואָרען אויף הונדערט זיעבציג מאַרק אַ חודש, און איז צופריעדען גע־וואָרען עס נאָך פאַר'ן אַריינציהען זיך צו בעצאָהלען און די זאַך איז געשלאָסען געוואָרען.

פרוי באָלל, וואָס האָט זיך גערעכט, אַז אַ סך איינוואָהנער וועלען איהר קונדיגען, איז גאַנץ פרעהליך געוואָרען. פרײַלין ז אַ נ ד ע ר ם איז אָבער נאָך געשטאַנען פערקלערט, גלייך ווי זי וואָלט זיך נאָר געוואָלט עפּיס מישב זיין. דאָס געזיכט איז איהר דונקעל רויט געוואָרען, דער צונג שטייף ווי געלעהמט און נאָר מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט זי קוים אויסגערעדט:

— איך מוז אייך נאָך עפּיס זאָגען, פרוי ראַט! אפשר וועט איהר מיר גאָר דערנאָך ביי זיך אין דירה נישט וועלען האַלטען!

— אָבער נאָ, נו, גנעדיגעס פרײַלין, קיין מענשען געהרג'עט האָט איהר דאָך חלילה נישט? האָט די ווירטין געזאָגט לאַכענדיג. — —

— ניין, דאָס נישט! — האָט זיך אַ נ נ אַ אָבגערופען. — איך — — איך האָב אַ — — — אַ קליינעם זוהן און התונה געהאַט בין איך נישט.

זי האָט אין מיטען רעדען אָבגעהאַקט; דען פרוי ב אָ ל ל איז אַ פאָר טריט הינטערווייַלעכס אָבגעשפּרונגען.

— מערקווירדיג! דאָס וואָלט איך קיינמאָל נישט געגלויבט! דאָס איז אַ וואונדער!

פרוי באָלל האָט ווידער איהר אָנגעקוקט, אָבער דאָס מאָל שוין שאַרפער און פון אויבען ביז אַראָב.

— מיינע פּאַפּירען זענען אין בעסטען אָרדנונג. דער אָפּעקון אויף מיין יונגען זוהן, וואָס דאָס געריכט האָט בעשטימט איז דער יוסטיץ־ראַט פ., וואָס וואָהנט דאָ.

— אַזוי, זייט איהר עס פריילין זאַנדערס! און פון וואַנען לעבט איהר, אויב מיר איז ערלויבט צו פרעגען? איך מוז אויסמייכען יעדע בעריהרונג מיט דער פּאָליציי, יעדע אונאַנגענעהמליכקייט מיט מיינע שכנים, אָדער מיט דעם ווירט פון הויז! דאָס פערשטעהען זי דאָך אַליין?! — האָט זי ווייטער גערעדט, זעהענדיג, אַז אַננאַ איז פלוצלונג בלאַס געוואָרען.

— געווים, — האָט אַננאַ אָבגעענטפערט מיט אַ פערצווייפעלטען טאָן. — ניין, פרוי ראַט, זיי האָבען נישט וואָס מורא צו האָבען! איך בין אַ טאָכטער פון אַ פּראָפעסאָר אין גימנאַזיום. ער איז אָבער שוין לאַנג טויט. מיין מוטער לעבט שוין אויך נישט מעהר. מיינע קרובים זענען אַלע אָנשטענדיגע און בעמיטעלטע מענשען, אָבער זייט די מעשה מיט דעם קינד — — בין איך מיט זיי פון דער ווייטענס.

— דאָס קאָן איך מיר פאָרשטעלען! — האָט זיך אָבגערופען די מאַדאַם באָלל, וועלכע האָט די גאַנצע צייט אויפמערקזאַם אויפגעהאָרכט, — אַ מיידעל פון אַזאַ גרויסאַרטיגע פאַמיליע אין אַזעלכע געשיכטען.... טצ, טצ...!

אַננאַ האָט די הענד צוזאַמענגעבראָכען און האָט געשוויגען.

— נו, וויל ער מיט אייך נישט חתונה האָבען? האָט די פרוי באָלל ווייטער גערעדט, — איז שוין גאָרנישט דאָ וואָס צו מאַכען?

— איך מיין, אַז דאָס איז שוין מיינע אַ פּריוואַט זאַך, פרוי ראַט, — האָט אַננאַ געענטפערט קורץ. —

— אַה יאָ! מיר קעהרט זיך דאָס אַוודאי נישט אָן, איך מיין נאָר, פריילין, אַז אויב זי האָבען נאָך מיט איהם אַ פּראָצעס, איהר דאַרפט נאָך שטעהן מיט איהם פאַר'ן געריכט, קאָן איך אייך קיין דירה נישט פערדינגען! איך האָב מיר פאָרגענומען, אַז ביי מיר זאָלען וואוינען נאָר אַזעלכע שכנים, וואָס האָבען קיין פלעק נישט אויף זיך.

— און איך מוז זיך דאָס אַלץ איינהערען, — האָט אַננאַ אין

זיך געקרעכצט. — איך מוז אבער שוין דא בלייבען, זאל שוין זיין וואס עס וויל. איך האב שוין קיין כח נישט אריבערצוטראגען נאך אמאל די גאנצע קוואל און הרפה, און פאסענדיג דעם בעשלוס, אז זי מוז שוין דא בלייבען האט זי מיט א ציטריגער, ציהען‑קלאפענדיגער שטימע געזאגט:

— מיינע בעצידונגען צום פאטער פון מיין קינד, פרוי ראט, זענען שוין אינגאנצען אין ארדנונג געבראכט! איך בין געווען אן עמפפאנגסדאמע אין א פאטאגראפישען אטעליער. שפעטער האט פאר מיר געזארגט א גוטע, וואהלטהעטיגע פרוי, זי איז אבער שוין טוידט. מיר איז געבליבען א קלייניגער קאפיטאל, וואס וועט מיר גענוג זיין, ביז איך וועל געפינען עפיס ארבייט!

ווען זי האט דעם נאמען פון דער פרוי דראסס הערמאנט האבען זיך איהר טרעהרען אין די אויגען געשטעלט, אין האלז האט איהר אנגעהויבען שטיקען און די לעצטע ווערטער האט זי מיט גרוים מיה און אנשטרענגונג אויסגערעדט. די גוטהערציגע אלמנה איז פון איהרע רעדע זעהר גערירט געווארען און וואלט גערן מיט איהר מיטגעוויינט. זי האט זיך בעמיהט צו טרייסטען איהר צוקונפטיגע שכנה, וועלכע האט זיך שטארק צעוויינט און אהן כחות אויף א שטוהל זיך אראבגעלאזט. זי איז צו איהר צוגעגאנגען איהר לייכט אויפ'ן שולטער געקלאפט און געזאגט מיט א רחמנות'דיג קול:

— נא נא נא נא! נאר נישט וויינען, עס וועט שוין מיט גאט זיינער הילף אלץ גוט ווערען! געוויס איז עס טרויעריג און נאריש, אז מען פיהרט זיך אזוי לייכטזיניג! אבער די זאך איז דאך שוין געשעהן, צוריק האפען קאן מען דאך שוין נישט! — נאר אפשר וואלט איהר קאנען דאס ווערעמיל ערגיץ וואו צו לאנד אין א פענסיאן אנבערענגען?

— מיין קינד בלייבט ביי מיר! — האט א נ נ א ענערגיש אבגעענטפערט און האט זיך אבגעווישט די טרעהרען.

פרוי ב א ל ל איז ארומגעגאנגען אהין און צוריק און זיך נישט געקאנט ענטשליסען. פון איהר פינסטערען בליק האט מען געקאנט דערקענען, אז זי מאכט יעצט דורך א שווערען קאמפף מיט זיך גופא. ענדליך איז זי שטעהן געבליבען:

— הערט נאר אויס, פריילין, איהר טהוט מיר זעהר לייד! איך וואלט נישט וועלען איהר זאלט פון מיר אוועקגעהן און ערגעץ אנדערש וואו זוכען א דירה, און איהר וועט גאר אין ערגעץ אזא דירה

פאר אזוי שפאט בילליג נישט בעקומען, אבער איך מוז דאך פארזיכטיג זיין און פאר מיין גוטען נאמען און מיין פענסיאן אויך זארגען, נישט אמת? דעריבער וויל איך אייך שטעלען צוויי בעדינגונגען! — —

— ביטע, ביטע, זאגען זי מיר נאר אייערע בעדינגונגען!

די פרוי ראט האט נאך א ווײַלע געקלערט, קענטיג עס איז איהר שווער געווען די ווערטער ארויסצורעדען. — יא, עס גערט נישט אנדערש, ביי מיין עהרנווארט! — האט זי שטיל ווי פאר זיך אליין געזאגט, — אלזא, פרייליין, זיי וועלען אזוי גוט זיין מיר איינצאהלען פאראויס פאר גאנצע דריי חדשים! איך קאן זיך אנדערש נישט העלפען!

פרוי באלל איז ענטשוויגען געווארען. איהר האט זיך זעהר געגלוסט צו זעהן זיך מיט אייניגע הונדערט מארק מזומן עס זאל שוין אמאל אויפהערען דאס שטענדיגע בארגענעש אין די שפיי־געוועלבעלך, פאר'ן באַרישען גראשען קויפט זיך עפיס גאר אנדערש איין. היינט האט זי אייניגע שווערע בעלי־חובות, אזעלכע שטרענגע מאנערס, לאזען איהר דורכ'ן גאס נישט דורכגעהן, זי וואלט זיי גערן פון האלז אבגעשאפט. צאהלט מען אב די אלטע חובות בעקומט מען א פרישערען און א סך א גרעסערען קרעדיט; ניין, זי טאר פאר קיין פאל די עטליכע הונדערט מארק אין מזומן פון האנד נישט ארויסלאזען. — —

— זיי נוצען מיין שווערע לאגע אויס, — האט אננא פערדריסליך געזאגט, — זיי פערלאנגען אביסעל צו פיעל, איך וויים דאך נאך נישט ווי איך וועל זיך ביי אייך אין הויז איינלעבען, אויב איך וועל אייערע שפייזען קאנען פערטראגען?! נאר זאל שוין זיין!

פרוי באלל האט דערביי דעם קאפ ווי פערשעמט אראבגעלאזט.

— ביטע, זאגען זיי מיר שוין אויך די צווייטע בעדינגונג! האט אננא נאך מיט דעם זעלביגען פערדריסליכען טאן געזאגט.

— ווייס איך, האט זיך פרוי באלל פערלעגען אבגערופען, — איך מיין — מיר דאכט זיך — — ליעבער גאט אין הימעל, גלויבט מיר, איך מיין עס גוט מיט אייך, פרייליין! עפיס האב איך שטארק רחמנות אויף אייך, איך ווייס אליין נישט פארוואס, נו, איהר געפעלט מיר זעהר, טאקע, נאך אזוי יונג און שוין אזוי פיעל צרות דורכגעליטען. איך ווייס נישט, איך קען אייך דאך גארנישט, איך זעה דאך אייך דאס ערשטע מאל, און דאך זייט איהר מיר שוין אזוי איינגעבאקען אין הארצען, גלויבט מיר, אויף מיין עהרליכקייט, איך מיין דאס פון אייער טובה וועגען, מיר דאכט זיך, אז דאס בעסטע וואלט דאס געווען, און

עס וואָלט איך אַסך עגמת נפש פערשפּאָרט!? — — — אַז איהר וואָלט — — — ט, לאָמיר זאָגען — — פרוי באָלל איז רויט געוואָרען, אַהײַנץ האָט איהר געשלאָגען פון פּנים, — — — — — ט, אַז — אַז איהר וואָלט זאָגען, אַז דער קלײנער איז אײַערער אַפּלעמעניק, ווײַס איך וואָס, — — — — — אַז איהר האָט איהם פאַר רחמנות פון אײַערע אַ בעקאַנטע פרײַלין עס צוגענומען, און איהר ווילט עס ערציהען! — — — ער זעהט דען אַזוי ענהליך צו אײַך אויס? קײנער וועט גאָרנישט חושד זײַן! — האָט זי מיט גרויס אָנשטרענגונג און מיט שווײַס אויפ'ן פּנים קוים אַרויסגערעדט.

אַננאַ האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען. זיך צוגעשפּילעט די קנעפּ פון איהר זשאַקעט און ענטשלאָסען געזאָגט:

— דערויף, פרוי ראַט, האָב איך אײַך שוין גאָרנישט וואָס צו ענטפערן! — זי האָט מיט דעם גאַנצען קערפּער געציטערט און די ליפּען זענען איהר ווי קרײַד בלײַך געוואָרען. — דאָס זאָל איך נאָך אויך טהון — — —! דאָס קינד איז דאָס גאַנצע וואָס איך פערמאָג, מײַן אײנציג שטיקעל גליק וואָס מיר איז געבליבען. איך ווײס, אַז עס קאָן זעהר זײַן, אַז אַמאָל וועט זיך אָט דאָס קלײנע בעשעפעניש'ל מיט די גרעסטע פאָרווירפע מיר זיך אַנטקעגען שטעלען! מײַן אײגענער זוהן וועט מיר פאַר זײַן רעכטלאָזע געבורט פאָרוואַרפען! איך בין דערויף גרייט און וועל איהם ענטפערן, אַז זײַן שאַנד איז מײַן שאַנד, און אַז איך האָב מיט די טײַכען טרערען וואָס איך האָב פאַר גרויס חרטה פערגאָסען שוין מײַן שאַנד ריין געוואַשען! — אָבער פרוי ראַט באָלל, דאָס שווער איך אײַך מיט די הײליגסטע שבועות, קײנמאָל וועט מײַן קינד נישט קאָנען זאָגען, אַז זײַן מוטער האָט איהם האָטש אײן אײנציגע סעקונדע פערלײַקענט! — —

שטאָלץ אויפגעשטעלט איז אַננאַ קעגען דער קלײנער אין פער-לעגענהײט געבליבענער פרוי געשטאַנען.

— אַה, דו ליעבער גאָט, דאָס איז דאָך אַלעס אַזוי וואונדער שען און קלינגט אַזוי ערהאָבען! — האָט די ווירטהין געריהרט ביז צו טרערען געזאָגט. — אָבער, ליעבע, גוטע פרײַלין, עס איז דאָך שרעקליך און-פראַקטיש, גלויבען זי מיר, איך בין שוין אַן'אַלטע, ערפאַהרענע פרוי. פאַר צײַטען האָב אויך מײדלעך נישט קײן כשרע קינדער געבאָרען;

(פאָרטזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּא ספּאַנאָ.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 9).

זי האָט איהם זיינע אַקסעל אַרומגענומען און ער איהרע. זיי האָבען געפיהלט, ווי עפּעס אַ פיינליכער צויבער פערוויגט זיי, צעשמעלצט און פערשלינגט זיי אין זיך. און אַזוי ווערען צעשמאָלצען אַרום זיי אַלע פאַרמען און אַלע קאָלירען, וועלכע דער טאָג האָט אַלעמען געשאָנקען.

מ אַ י ל וואַ י ל ט אָ, גלייך ווי ער האַלט זיך עפּיס מיט גרויס מיה בעפרייט פון אַ שווערע לאַסט, וואָס איז אויף איהם געלעגען, האָט אָב־געזיפצט און געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס? וואָס איז דען געשעהן?

ד ז ש ע מ מ אַ האָט אָנגעהויבען שמייכלען; אָבגעהענדיג אַ פּאָר טריט פון איהם האָט זי געזאָגט:

— אַך, גאָט מיינער, מען האָט אונז פאָטאָגראַפירט.

— אונז...

— יאָ, אונז. אונזער פאָטאָגראַפיע געהט אין שטאָדט פון האַנד אין האַנד. מען זאָגט, מיר זענען זעהר גוט געטראָפען. איך שטעה אויף דער טעראַסע, און דו ליעגסט פאַר מיינע פיס.

— דו... אַ נאַקעטע?

— און דו, מיין אָרעמינקער, האָסט אויך נישט קיין סך אויף זיך.

— דאָס איז שרעקליך! ניין, דאָס איז שרעקליך. איך האָב דאָך דאַכט זיך איבערציינגט אויף זיכער, אַז פון ערגעץ קאָן מען נישט זעהן אונזער טעראַסע. הייסט עס, אַז פון גאָרטען האָט מען אונז דאָס פאָטאָגראַ־פירט. דאָס האָט קיין אַנדערער נישט געקאָנט טהון ווי נאָר נ י ק אָ ל אָ, דער לאָקיי מיינער, אָדער דיין חבר'טע. איך וועל באַלד...

ער האט געקומען געהן צו׳ם טיר צו. דושעממא האט איהם פאר׳ן האנד אנגענומען און נישט געלאזט.

— וואס געהט עס אונז יעצט אן ווער דאס האט געטהון. זאל זיין ווער עס איז, נעמען מיר אן עמיצער א דורכרייזענדער, ס׳איז עפּיס אַני-אונטערשיעד? לאמיר בעסער אונזערע געצעהלטע מינוטען וואס מיר האבען נאך צו לעבען פערברענגען אין ליעבעס גענוס.

איהרע ווערטער האבען איהם אין גאנצען בערוהיגט און ער האט זיך צוריק אויף זיין פריהערדיגען ארט אוועקגעזעצט.

— דו ביזט גערעכט. נאר ווי אזוי האסט דו זיך דאס דערוואוסט?

— מיין חבר׳טע האט אונזערע פאטאגראפיעס געזעהן אין א מאגאזין ביי צווי דאמען, וועלכע קענען איהר נישט. מען פערקויפט עס אין געהיים; מען זאגט עס איז דא דערויף א גרויסע נאכפראגע. דו פערשטעהסט דאך מסתמא; איך בין דאך קאנטאדזשי, נו און דו מאריא מאילוואילטא...

דער עהרגייץ האט זיך אין איהם ערוואכט. אבער באלד זייענדיג אויפגערייצט פון גרוים הרפה צוליעב דער דאזיגער געשעהעניש, האט ער זיך צו איהרע פיס געווארפען:

— און דו, דושעממא, — אלע דיינע ריינע אוצרות, וועלכע האבען נאר פאר מיר אליין געלויכטען, נאר פאר מיר אליין. היינט ווייזט מען זיי אלעמען, אין די האטעלען, אין די קלובען, הינטער די קוליסען! יא, מיר מוזען שטארבען, מיר קאנען די הרפה נישט אריבערטראגען!

— דאס וואלט איך נאך געקאנט אריבערטראגען, — האט זי נאך אלץ שמייכלענדיג געזאגט.

— איך האב דיין עהרע פערפלעקט! מיר איז מען היינט מקנא אין שטאדט, מען זאגט אויף מיר, אז איך בין גליקליך. צופיעל שמוץ ליגט שוין אין דעם.

ער האט זיך מיט די פויסטען אין שטערען געהאקט.

— מיר מוזען שטארבען.

— נישט דעריבער, — האט זי זיך אבגערופען זאנפט. — דאס אלץ געהט מיר גאנץ ווענינ אן. שטארבען מוזען מיר אבער נאר דעריבער ווייל מיר וועלען זיך מוזען שיידען...

— מיר זיך שיידען?...

ער האט זיך אויפגעשטעלט.

— דיין ברודער ווייסט שוין דערפון? ער איז שוין צוריקגעקומען.

— ווייסט ער עס נאָך נישט, וועט ער עס וויסען, דערווייל איז ער נאָך נישט צוריקגעקומען, ער קומט ערשט די קינפטיגע וואָך. ער קאָן אַלאַדע טאָג זיך אַלץ דערוויסען.

— מען וועט דאָס איהם נישט דערצעהלען.

— ווען ער האָלט געווען אַמאַן, — האָט דזשעממאַ געזאָגט, און דער שמייכעל אויף איהר געזיכט איז שוין קוים צו מערקען געווען. מאַילוואָילטאָ האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

— עס וועלען זיך שוין געפינען גוטע לייט, וואָס וועלען עס איהם דערצעהלען.

פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעלייכט.

— דאַן וועלען מיר געהן אויף אַ דועל!

דזשעממאַ האָט נאָר מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט.

— דו מיינסט ער וועט מיך דערהרג'ענען? אָ, ניין. מיט פיער חדשים צוריק קאָן זיין אַז יאָ, היינט אָבער, נישט, היינט בין איך גוט איינגעאיבט מיט'ן שווערד.

דערויף האָט זי זיך אָבגערופען:

— ווערסט דו, הייסט עס, איהם דערהרג'ענען, — וועלען זיך אויפהויבען אַלע מיינע קרובים און וועלען אונז צעשיידען. איך בין דאָך אין גאַנצען נישט מעהר ווי זיעבצעהן יאָהר אַלט.

און אַזוי ווי ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— זעהסט דו, דאַמאָלס וועלען מיר סיי ווי סיי מוזען שטאַרבען. פאַרוואָס ווילסט דו דוקא פריהער דערהרג'ענען מיין אָרימען ברודער. בעסער מיר זאָלען באַלד שטאַרבען.

מאַילוואָילטאָ האָט זיך געשווינד אַרומגעקוקט: ניין, קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. דזשעממאַ, אָט דער דאָזיגער דינער צעפּלאָסענער אָבשיין — דאָרטען, פאַר איהם, מיט אַ געזיכט וואָס צאַנקט שטיל אין מיטען דער נאַכט, מיט אויגען, נאָך טיעפערע פאַר די נאַכט, דזשעממאַ איז פּלוצלונג געוואָרען אַ קליינע, ווייסע יהודית און אַרום איינעם פון איהרע צאַרטע, עדעלע פינגער האָט זיך אַ לאָק-האָר געוויקעלט אויף וועלכען עס איז אַ קאָפּ געהאָנגען — זיין אייגענע קאָפּ.

אָבער זי איז דאָך מיט איהם צוזאַמען געשטאָרבען. ער האָט איהר בעליידיגט, איהר די דאָזיגע שטאַרקע, ליידענדע נשמה, וועלכע איז אַזוי רוהיג, קלאָר, דייטליך און איינפאַך דעם טוידט אַנטקעגען געגאַנגען, אין דער צייט וואָס ער, איהר געליעבטער, צוליעב וועלכען זי איז צום

טוידט געגאַנגען, האָט נאָך געזוכט אַנ'אויסוועג. ער האָט איהר צו'ם ברוסט צוגעצויגען.

— דזשעממאַ, די איינציגע צווישען די פערליעבטע פרויען! ווי קאָנסט דו אַזוי שטאַרק, אַזוי רוהיג זיין. איך בין דאָס דער מערדער, וועלכער דער'הרג'ט דיך! צי איז דאָס מעגליך אַז דו האָסט מיר נישט פיינט דערפאַר.

— דיר פיינד האָבען? — האָט זי, דאָס ערשטע מאָל וועדענדיג אויפגערעגט, געשריען. — מיר דאַכט זיך, אַז נאָר ערשט ליעב איך דיר מיט דער העכסטער און ריינסטער ליעבע, ווען איך בין אַריינגעקומען אין טהיר און דו ביזט אַזוי אין דער פינסטער געזעסען, — איך האָב מיר צווישען דיינע קניע געשטעלט און מיר האָבען געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, יאָ, געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען. האָסט דו שוין וועך אַזוי געקוקט אויף מיר? — איך אויף דיר — קיינמאָל נישט. איך האָב געמיינט אַז גליקליכער ווי איך בין קאָן איך שוין גאָרנישט זיין. יעצט אָבער איז אָנגעקומען אַזוינס וואָס מאַכט מיר נאָך פיעל, פיעל גליקליכער... לאָמיר דאָס גאַנצע גליק געניעסען, — האָט זי געשעפּטשעט פערמאַכענדיג די אויגען.

ער האָט איהר אַזאַ געטהון פון דער פּאָדלאָגע מיט אַזאַ ווילד־קייט, ווי דאַמאָלס אין דער ערשטער נאַכט פון זייער בעקאַנטשאַפט. יאָ, זי מיט איהר געפיהלפולעס האַרץ האָט איהם בעצויבערט, האָט איהם פערשאַפט אַ פראַכטפולע ליכטיגע וועלט, וואו ער האָט גענאָסען דאָס העכסטע גליק.

ווי פערשכור'ט פון גרויס ליידענשאַפט און טוידט שרעק האָט ער איהר אין זיין שלאָפצימער אַריינגעבראַכט.

ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט, איז שוין די לבנה געהאַט אויפ־געגאַנגען. ענג געאַרעמט, צודריקענדיג זייערע באַקען איינער צו'ם אַנדערען זענען זיי ביידע מידערהייט געגאַנגען. אַריינקומענדיג אינ'ם העלען, ברייטען ליכטשטריף וואָס האָט דאָס צימער דורכגעשניטען האָט זיי אַ שוידער אַלע גליעדער דורכגענומען, זיי האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז דער תהום האָט זיין מויל ברייט אויפגעריסען און אָט אָט פערשלינגט ער זיי ביידען מיט אַלע זייערע האָפנונגען, שטרעבונגען פאַנטאַזיעס און ליידענשאַפטען. דזשעממאַ איז צו'ם טהיר צוגעגאַנגען, האָט איהר האַנד אויף דעם בייששטידעל אַרויפגעלעגט און זיך דערמיט דעם שטערען פערשטעלט. זי האָט געהערט ווי מאַילוואַילטאַ געהט אויף דעם דיוואַן אַרום. ער האָט זיך אומגעקוקט אָ, ווי האָט זיך דאָס צימער פערביטען! עס האָט שוין

נישט מעהר געדינט אַלס עדות אין זייערע ליעבע; ניין, עס וועט באַלד זיין אַנ'עדות פון זייער טוידט! דער ברייטער דיוואַן האַט שוין מעהר נישט געראַמט ביידע, ווען זיי האָבען זיך צוזאַמען אויף אים אויסגעצויגען... אַמאָל איז עס געווען אַזוי אַ שטיקעל אַנשפּאַרען זיך אין דעם אַנדערענס אַרעמס; יעצט איז עס געוועזען עהנליך צו אַנ'אָפּעראַציאָנס-טיש.

פלוצלונג האַט זיך דזשעממאַ אומגעדרעהט און געזאָגט:

— אַלזאָ טהו עס.

ער איז בלאַס געוואָרען ווי קאַלך.

— איך מוז... איך מוז דיר...?

— מוז דוקא איך דאָס טהון?

זיי האָבען זיך ביידע גלייך אין די אויגען געקוקט און האָב דער-זעהן אַז עס האָט זיך דאָרט אַ שנאה אויפגעפלאַקערט.

אָבער באַלד אין דער צווייטער מינוט איז די שנאה אויסגעלאָשען געוואָרען און האָבען זיך איינער אויף דעם אַנדערנס ברוסט געוואָרפען. יעדער האָט געפיהלט דעם אַנדערענס טרעהרען אויף זיינע באַקען.

— מיר האָבען יעצט ביידע איין לעבען, אונזערע ביידענס נשמות האָבען זיך אין איינע צוזאַמענגעגאָסען!

— דיין בלוט פליסט אין מיר, — האָט דזשעממאַ געזאָגט. — נאָר דיינע!

— און דאָך מוזען מיר זיך דער'הרג'ענען איינער דעם אַנדערן, דו — מיך, איך — דיך.

— אַה, ווי אונגליקליך מיר זענען!

אַלאַנגע צייט זענען זיי געשטאַנען ווי פערשטיינערט, זיך נישט ריהרענדיג פון אָרט. ענדליך דזשעממאַ אויסגעבראָכען אין אַ שלוכצען.

— דו וועסט שוין מעהר קיינמאָל נישט זיין מיינע... קיינמאָל נישט מעהר.

— איך וועל שוין קיינמאָל נישט מעהר קושען דיינע לענדען, — האָט מאַריאָ געזאָגט — און האָט זיינע ליפען צו אידרע פיס צוגעקלעפּט. איך וועל שוין מעהר מיין געזיכט אין דיינע האָר נישט פערוויקלען, קיינמאָל נישט אַרומנעמען דיינע קניע...

ער האָט זיך צו אידר צוגעפרעסט מיט פיינליכער ליידענשאַפט. ווידער אַמאָל האָט ער אידר אין אידרע ראָזיגע עדעלע אויערגליך אריינ-געשעפּטשעט פון זיינע הייסע פערלאַנגען, אידר פאָרוואָרפענדיג, אַז זי פערלאָזט אידם, אַז זי וועט שוין מעהר אידם נישט פערשאַפען דאָס העכסטע גענוס.

ענדליך האָט זי זיך פון איהם בעפרייט און מיט איהרע לייכטע טריט איז זי צום דיוואַן צוגעגאַנגען; זיך אָנשפּאַרענדיג אויף איהם האָט זי צו איהם געשמייכעלט:

— איך בין פאַרטיג.

ער האָט די האַנד צום שטערן צוגעטראָגען, איינינגע מאָל איהם נערוועזיש געריבען, דערנאָך געשווינד צום שרייב-טיש זיינעם צוגעגאַנגען. זי האָט זיך אומגעקעהרט און דערהערט ווי עפּעס אַמעטאַל האָט אַ קלונג געטהון. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען האַלטענדיג אין האַנד הינטער דעם רוקען.

— דיין מערדער קומט שוין נעהנטער, — האָט ער געשטאַמעלט. ער גנב'ט זיך צו דיר אונטער.

ער איז מיט'ן געזיכט איהר צו די קניע צוגעפאַלען.

— אָבער איך קאָן דאָך נישט! דו ביזט שטאַרקער, הזשעממאַ...

און רעדענדיג האָט ער איהר דאָס געוועהר דערלאַנגט.

— דו ליעבסט מיך נישט אַזוי שטאַרק ווי איך ליעב דיך, איך ליעב דיך, אַזש די הענד ציטערן מיר פאַר גרויס ליעבעס-אויפרעגונג.

— איך ליעב דיך אַזוי, — האָט זי געזאָגט און ווידער אַמאָל זיין קאָפּ אין איהרע אָרעמס בעהאַלטען, — אַזוי, אַז ס'איז פאַר מיר קיין גרעסערעס גליק נישטאָ ווי צו שטאַרבען דורך דיר! בעדענק זי נאַר, בלויז דער טוידט גיט מיך דיר אין גאַנצען איבער. דער טוידט מאַכט אונז פאַר אונצושיידבאַר. דו זאָלסט מיך קושען אין אויגענבליק וואָס דו וועסט מיך ערמאָרדען.

ער האָט זיך אָבער פון איהרע אָרעמס אַרויסגעריסען.

— דו מוזט לעבען! — האָט ער אויסגעשריען. — וואָס אַרט עס דיר מיט מיין גורל! איך — איך בין מיט איהם צופריעדען און דאַנק דיר דערפאַר!

זי איז אין זיינע אָרעמס אַריינגעפאַלען און בלייך געוואָרען ווי אַ מת.

— וואָס האָסט דו געוואָלט טהון? דו האָסט מיר געוואָלט איבער-לאָזען אַליין? דו קאָנסט דאָס טהון?

זי האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

— דיין וועסט איז צעריסען, דאָס העמד אויך, גאָט מיינער, בלוט רינט פון דיר!

(ענדע קומט).

די איטאַליענישע ליטעראַטור.

ס'איז נאר-וואס ערשינען א בוך פונ'ם בערימטען קריטיקער זשאַן דאָרני וועגען דער איטאַליענישער ליטעראַטור: ,,Le roman italien contomproian". דער פערפאַסער געפינט איין, אז אינ'ם ראָמאַן האט זיך מעהר אבגעשפיגעלט דער איטאַליענישער גייסט, ווי אין פאָעזיע און מאַלעריי; אין איהם קאָן מען גרינגער ווי אַנדערשוואו ערקונדיגען זיך, ווי דער איטאַליענישער גייסט האט זיך עראָבערט די נייע אידעען אין דער שעפפונג, וועלכע זענען געקומען פון הינטער די אַלפען-בערג, און ווי זי, די דאָזיגע לאַנד פון וואונדער, האט זיי צוגעפאַסט צום אייגענעם טעמפעראַמענט, צו'ם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער אין — ענדליך — פערקערפערט אין זיך און אויסגעבילדעט פון זיי אַ פרישע, אָריגינעלע אידעע.

דאָרני — דאַרף מען בעמערקען — איז אַ טאַלאַנטפולער קריטיק, וועלכער בעזיצט אַ שענע, קינסטלערישע שפראַך און האט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון די יונגע טאַלענטען. ס'איז דערום זעהר אינטערעסאַנט איבערצוגעבען אין קורצען זיין מיינונג איבער דער איטאַליענישער ליטעראַטור.

אַלס פאָטער פונ'ם איטאַליענישען ראָמאַן רופט ער אָן מאַנצאָניען, וועלכער איז, אגב, געווען אַ פרומער קאַטוליק, וואס ערוואַרטעט זיין גליק פון הימעל און דערצו אַ גאַריבאַלדער; ניעוואָ האט צום ערשטען פונאַנדערגעבלאָזען דאָס פייער פון די דאָזיגע אידעען; עדמאָנדאָ ד'אַמי-

ציס האָט אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט אין 1870-טען יאָהר און דער דעזיז זענען איז געווען: „איז איטאַליע אויפגעשטעלט געוואָרען, מוז מען בעשאַפען אויך איטאַליענער". זיינע ווערק קאָן מען גלייכען צו אַלייכט-טהורם, וואָס בעלייכטעט דעם וועג פון דער נייער איטאַליע, אַ וועג, וואָס פיהרט צו איהר גאַנצקייט און אָבגעזונדערטקייט. אַקעגנטיג אָרט פערנעהמט אין דאַרני'ס בוך פאָגאַצאַררא. ער האַלט איהם שוואַכער פאַר ד'אַנונציאָ אין טאַלאַנט, אָבער טיעפער אין זינן. האָטש פאָגאַצאַראָ'ס הויפט-מאָטיוו אין זיינע ווערק איז אויך די קריסטענטום-אידעע, אָבער שוין נישט אַזוי נאָכגעביג און אונטערטעניג ווי ביי מאַנצאָניען, נאַר, פערקעהרט, אָפען און קעמפפענד. ער, בעהערשענדיג אַגרויסען עסטעטישען געפיהל און געשמאַק, שטעלט זיך אַלע מאָל די געפערליכע אויפגאַבע צופעראייניגען דאָס קריסטענטום מיט די נייעסטע וועלט-פּראָבלעמען. אָנרופענדיג פאָגאַצאַראָ'ס ווערק אַ „פראַכטפאָלעס בלום אויפ'ן מיסטישען בוים", קומט דאַרני צום בעשלוס, אַז דער אויטאָר האָט, ווי ווייט זיין אויפגאַבע זאָל נישט זיין מוטיג און טיעפזיניג, פערלוירען זיין וועג; ווערגאַ און סעראַאָ, מיט וועלכע די מאָדערנע איטאַליענישע ליטעראַטור רעכענט זיך שטאַרק — בלייבען נישט קוקענדיג אויף זייערע רויסען ווערט אין דעם „רענעסאַנס"-פּעריאָד, געגען רוהם פון ד'אַנונציאָ, דער גרויסער געגנער פון פאָגאַצאַראָ'ן, פערביסענער קעמפּפער געגען קריסטענטום און ספּיריטיזם און וועלכער אַנערקענט נאָר דעם „איך" אַלס וועלט-הערשער. ביי זיין פיעל סימפּאַטיזירען מיט ד'אַנונציא, שטערט זיך דאַרני נישט פונדעסטוועגען צו זאָגען, אַז די שענקייט, מיט וועלכער ד'אַנונציאָ ווערט געריהמט, איז גיכער אַ רוימישע ווי אַ גריכישע, ווייל ביי איהם פערנעהמט דאָס וויכטיגסטע אָרט די אויסגעלאַסענהייט, נישט די אידעע און זיין עסטעטיק איז איבערהויפּט פערבונדען מיט גרויזאַמקייט און שלעכטקייט. „אויפ'ן הימעל פון דער נייעסטער איטאַליענישער ליטעראַטור — שרייבט ווייטער דאַרני — האָט ד'אַנונציאָ קיין אַנהענגער; ער בלישטשעט אין דער איינזאַמקייט, ווי דער פּלאַנעט סאַטורן".

אין די ניי-געבוירענע שולען פון די יומאָריסטען און סימבאָליסטען געפינט דאַרני שפּראָצונגען פון דער ספּיריטיזם-אידעע. דאָס קאָן מען בעמערקען, ווי ער זאָגט, און פיעל מאָל אויך גאַנץ דייטליך אַרויסזעהן אין די ווערק פון די איטאַליענישע שריפטשטעלערינס, ווי: פּעררראַ, ראָסעללי, לאַאַנשאָ, בייזע לאָמבראָזעס און דאָס גלייכען אין די ווערק

פֿון די יונגע ראָמאַניסטען: פֿאַלציני, פּאַלמאַריני, אָושעטאָ און בוטי.
איבערהויפּט איז אַרויסצוזעהן די נייע ווענדונג אין דעם גלענצענדען ראָ-
מאַן פֿון דושיאָ וואַנאַ טשען, וועלכער האָט בעשאַפֿען אַ נייעם טיפּ פֿון
אַנאַרביטער-פֿאַנטאַזיאָר-מיסטיק. אין איין אָרט דריקט זיך דער העלד
פֿון ראָמאַן אַזוי אויס: „אויפֿ'ן טוידט קוק איך, ווי אויף אַ געשעהעניש
אָדער אַ קריזיס. איך ווייס, אמת, נישט וואָס דאָרט איז, נאָר דער טוידט,
אַלס אַנ'ענדע, עקזיסטירט אין גאַנצען נישט".

„און ס'איז שוין אַ פֿיערטיל יאָהרהונדערט, ווי איטאַליען וויגט זיך
צווישען עליניזם און קריסטענטום. איהר איז, משמעות, זעהר שווער אָב-
צוזאָגען זיך פֿון איינעם פֿון די בידע, און האָט בעסער געפֿינען פֿאַר
געוואונשען צו גריבלען זיך אין ביידענס סינטעזי" — שליסט דער קריטיקער
זיין בוך.

אפאריזמעי פון שאפּענהויער.

נישט קיין איין שטויבעלע, נישט קיין איין אַטאָם פון דעם שטאָף געהט נישט פערלוירען, און דער מענשליכער גייסט שרעקט זיך, אז דער טויט וועט איהם פערניכטען?

איהר קלאגט זיך אויף דעם, וואס די צייט לויפט געשווינד. זי וואלט ניט געלאפען אזוי גיך, ווען דאס, וואס זי ענטהאלט אין זיך, וואלט ווערט זיין צו פערהאלטען עס.

ווען יעדער מענש, וואלט זיך וועניגער אינטערעסירט מיט זיך זעלבסט, וואלט דאס לעבען געווארען אזוי אונאינטערעסאנט, אז קיינער וואלט דאס ניט געקאנט איבערטראָגען.

נאר אַנ'אויטאריטעט האָט אַנ'איינפלוס. יעדער האט מורא אַ דעה צו זאגען, אַנערקאָנענעריג זיין אונפעהיגקייט. און איבער דעם ווארטען אלע, וואס עס וועט זאגען א קלוגער. נאר אנשטאט א קלוגען, זאגט אָפט א דעה אַנ'אונפערשעמטער, און פערשלעפט נאך זיך די גאנצע סטאדע.

דער גרעסטער טייל מענשען זענען בערייט אלץ צו טהון, נאר ניט צו טראכטען, ניט צו דענקען: נאר אזוי ווי אונגעטראכט קאן מען קיין זאך נישט טהון, איז דער בעליעבסטער רעגעל: טהון נאר דאס, וואס אנדערע טהוען. ווען איך זעה א סטאדע שעפסען, וואס לויפען אהן שום זארג נאך דעם אנפיהרער, דאכט זיך מיר, אז איך הער אין זייער מעקען די בעקאנטע פראזע, וועלכע מענשען הערן אזוי אָפט איבער: „איך וויל נישט זיין קיין אויסנאהם".

Редизд. Я. ЛИДСКIИ, Европейская Литература, То 10
Тип. Г. Кимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

קופּאָן פיר ניט אבאָנענטען.
די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין ווארשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ, די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואס זענען אויסגערעכנט אין דער אָנפאַנג פון אייראָפּעאישע ליטעראטור ווי אבאָנענטען.

עס העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

HG

אינהאלט:

1)	דאס געהיימניס פון עשאפאט,	ווילע דע-ליל-אדאן.
2)	אראבגעלאזענע פליגעל,	קאטול מענדעס.
3)	דאננא קלארא,	היינריך הייגע.
4)	די קראָה,	סטעפאן מאללארמע.
5)	אין קליניק,	הערמאן הייערמאנס.
6)	עלדאראדא (געדיכט),	עדגאר פא.
7)	פיפא ספאנא (ראמאן, פון דייטשען),	ה. מאן.
8)	פריילין מוטער (ראמאן, פון דייטשען),	ע. געארגי.
9)	פראנעק (הומארעסקע)	יאנוש קארטשאק.
10)	אפאריזמען	

ווילע דע-ליל-אדאן.

דאס געהיימניס פון עשאפאט.

די לעצטע שטראף ערוועקט אין מיין זכרון פאל ערדע אונגעוועהנליכע געשיכטע. אין דעם אבענד, דעם 5-טען יוני 1884-טען יאהר, ארום זיבען דעם זייגער, איז דער דאקטאר ערדמאן-דעזירע גוטי-דע-לא-פאממערע, וועלכער איז נישט לאנג צוריק איבערגעפיהרט געווארען פון קאנסענושערא אין לא-ראקעטט, געזעסען אין דער קאטארגע-קורטקע אין דער קאמער פאר פער׳משפטע צום טויט.

ער איז געזעסען שטיל, מיט אונבעוועגליכע אויגען, אנגעשפארט מיט זיין עלענבויגען אויפ׳ן אגלעדן פון שטוהל. דאס ליכט אויפ׳ן טיש האט גע- ווארפען א שיין אויף זיין בלאס קאלט געזיכט. צוויי שריט ווייטער, פעסט-

אָנגעשפּאַרט אויפֿן וואַנד און מיט איבערגעלייגטע הענד אויף דער ברוסט, איז געשטאַנען דער אַרעסט־שומר און האָט געקוקט אויף אים.

געוועהנליך מוזען די אַרעסטאַנטען טהון יעדען טאָג עפּיס אַנ׳אַרבייט; פון זייער פערדיענסט נעהמט צוערשט די אַדמיניסטראַציע אַראָב אַ טייל, וואָס ווערט געהאַלטען אויף תכריכים אין פאַל ווען איינער פון זיי שטאַרבט. נאָר די צום טויט־פערמשפּט׳ע זענען פריי פון יעדער אַרבייט. דער איינ־געשלאָסענער האָט געהערט צו דער צאָהל אַרעסטאַנטען וואָס האָבען נישט ליעב צו פערטרייבען די צייט אין טורמע מיט קאָרטענשפּיעל; אין זיין בליק איז נישט געלעגען נישט קיין שרעק און נישט קיין האָפנונג.

פיער און דרייסיג יאָהר; אַ ברוינליכער; מיטעלען וואוקס, זעהר פּאַסט געבויט; די האָהר אין די שלייפען שוין עטוואָס גרויליך; אויגען נערוועזע, האַלבפערמאַכטע; אַ שטערען פון אַ דענקער; די שטים טונקעל, אויסגע־לאָשען און אָבגעהאַקט; הענד שרעקענדיגע; אַ טרויעריג געזיכט פון אַ מענש, וואָס איז פערשלאָסען אין זיך; מאַניערען אָנגעשטרענגטע, בעשטימטע, אויסגערעכענטע.

אַלע געדענקען, — דאָס געריכט פון געשוואָרענע אין סענא האָט פערמשפּט׳ט דע־לאַ־פּאָממערע צום טויט, לויט אַרטיקעל 101 און 102 פון קרימינאַל־געזעץ, דערפאַר וואָס ער האָט גאַנץ איינבעשלאָסען און צוליעב אַנ׳אייגענוצליכען ציעל דערהרג׳עט איינע פון זיינע בעקאַנטע, פרוי דע־פּאַו, געבענדיג איהר דיגיטאַלינאַ אין אַ דאָזע, וואָס קאָן טויטען. די פערטיידיגונגס־רעדע פון לאַשאָ, זעהר אַ קורצע, איז געווען צו שוואַך איבערצורייסען ביי די געשוואָרענע דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבען בעקומען דורך דער אונטערזוכונג פון דאָקטאָר טאַרדיע און דורך דער בעשולדיגונגס־רעדע פון אָסקאַר דע־וואַללע.

אין דעם אָבענד, דעם 5־טען יוני, האָט דע־לאַ־פּאָממערע נאָך נישט געוואוסט, אַז מען האָט שוין אָבגעוואָרפען זיין קאַסאַציאָנס־פאָדערונג און אָבגעזאָגט די ביטע וועגען בעגנאַדיגונג וואָס זיינע קרובים האָבען דערלאַנגט. זיין אַדוואָקאַט איז אויפגערעגט געוואָרען אויסגעהערט ביים קעניג. דער איבעראַל געשעצטער און געעהרטער גייסטליכער אַבאַט קוז (אַבאַט — עהרענטיטול אין קאַטאָלישען מאָנאַסטיר), וועלכער האָט פאַר יעדע טויט־שטראָף אַזוי פיעל געזאָרגט און געבעטען אין טואַלעריא, איז צוריקגעקומען פון דאָרט אָהן אַנ׳אַנטוואָרט.

איבערבייטען אין אַזאַ פּראָצעס דעם טויט־אורטייל אויף אַנאַנדערע שטראָף, — צי מאָלט דען דאָס נישט געהייסען אינגאַנצען אָבגעוואָרפען

די שטראף? דער פראצעס איז געווען גאנץ אויסערגעוויינטלעך. אז דער פסק-דין וועט באלד בעשטעטיגט ווערן,—אין דעם האט, לויט דער מיינונג פון דער פראקוראטארישער אויפזיכט, גאר קיין צווייפעל נישט געקאנט זיין, נאר ביז עס וועט דורכגיין די פערשיעדענע אינסטאנציעס, האט יעצט ענדריעזא בעקומען א פעראָרדנונג, דעם 9-טען אין דער פריה, 5 דעגזיגער, צו נעהמען דעם פער׳משפט׳ען אין זיין רשות.

פלוצלונג האבען זיך אויף די שטיינער אין קארידאר געהערט קלעפ פון אראבגעלאזטע ביקסען-גריפען. שווער האט געוואָרשעט דאס שלאס; די טהיר האט זיך געעפענט; אין דער דונקעלהייט האבען א בלישטש געטהון די שטיקעס; אויף דער שוועל פון דער קאמער האבען זיך בעוויזען — דער דירעקטאר לא-ראקעטט-באקען און נאך עפיס א פרעמדער בעזוכער.

דע-לא-פאממערע האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אין דעם בעזוכער באלד דערקענט דעם אל-בעקאנטען היזיגען ארמאן וועלפא. אויף א וואונק פון דירעקטאר איז דער ארעסט-שומר ארויס פון קאמער; דערנאך האט ער שווייגענדיג פארגעשטעלט דעם גאסט און איז אליין אויך ארויס. די קאלעגען זענען געבליבען אליין, געזיכט צו געזיכט, און געקוקט איינער דעם צווייטען גלייך אין די אויגען.

לא-פאממער האט אהן ווערטער אנגעוויזען דעם דאקטאר אויף זיין שטוהל און אליין זיך געזעצט דערנאך אויפן בעט. עס איז געווען פינסטער און דער גרויסער בערימטער קליניציסט איז צוגעגאנגען צום... פאציענט אום איהם בעסער צו זעהן און צו רעדען מיט איהם שטילערהייד.

* * *

אין דעם יאהר איז וועלפא אלט געווארען 60 יאהר. ער איז געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין רוהם האט בעקומען אין אינסטיטוט די לארינגאפאטעדרע, איז געווען דער ערשטער פראפעסאר אין דער חירורגישער אבטיילונג אין פאריזער קליניק, און זיין וויסענשאפטליכע ארבייט, וועלכע האט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט אזא העלער געדאנקענקראפט, האט איהם געמאכט צו איינעם פון די גרויסע ליכטער אין דער געגענווארטיגער פאטאלאגיע; דער ווירדיגער דאקטאר איז מיט זיין גרויס פערדיענסט געווארען די רוהם פון זיין צייט.

נאך א מינוט פון א דריקענדען שווייגען האט ער געזאגט:

— מאסיע, מיר זענען דאקטוירים, אונז זענען נישט נויטיג די

אוננוצליכע ווערטער פון מיטלייד. און דערצו די אָנצינדונג אין דעם פערטרעטענעם אייזענשטאָף, (איך מוז שטאַרבען אין צוויי, נו — צוויי מיט א האַלב יאָהר אַרום), וועט מיך אין קורצער צייט, אין פערלויף פון עטליכע חדשים, שטעלען אין דער רייהע פון די צום טויט פערמשפּט'ע... לאָמיר אַלזאָ איבערגעהן אָהן הקדמה צו דער זאַך...

— הייסט עס אַלזאָ, דאָקטאָר, לויט אַייערע ווערטער, אַז מיין יורידישע לאַגע איז... אָהן האָפנונג? — האָט איהם איבערגעשלאָגען לאַ-פּאָממערע.

— צום בעדויערען, דאָס, ווייזט אויס, אַזוי, — האָט איינפאַך געענטפערט וועלפּאָ.

— די צייט פון מיין שטראָף איז בעשטימט?

— איך ווייס נישט; נאָר אַזוי ווי עס איז נאָך גאָר נישט פעסט פערארדענט, קאָנט איהר, אָהן צווייפעל, נאָך רעכנען אויף עטליכע טעג.

לאַ-פּאָממערע האָט אָבגעווישט מיט'ן אַרבעל פון העמד דעם ווייסען שטערען.

— גוט. דאַנקע. איך וועל זיין גרייט; איך בין שוין געוועזען צו דעם בערייט... איבריגענס, וואָס שנעלער, אַלץ בעסער.

— אַייער קאַסאַציאָנס-פאָדערונג איז נאָך נישט צוריקגעקומען, און דעריבער, — האָט ווידער וועלפּאָ אָנגעהויבען צו רעדען, — דאָס וואָס איך וויל אַייך דאָ פאָרלעגען איז, וועניגסטענס יעצט, — נאָר בתנאי. אויב אַיהר וועט ווערען געראַטעוועט, איז דאָך זיכער בעסער... נאָר ווען נישט...

— ווען נישט? — האָט איבערגע'חזר'ט לאַ-פּאָממער.

דער גרויסער חירורג האָט זיך אַביסעל צוטומעלט.

וועלפּאָ האָט גאָר נישט געענטפערט, אַרויסגענומען כון קעשענע דאָס לעדערנע שאַכטעלע, אויפגעעפענט און אַרויסגענומען דעם לאַנצעט (אַ חירורגיש מעסער'ל מיט צוויי שאַרפען), און פערבויגענדיג דעם פערמשפּט'ען יונגען מאַן דעם אַרבעל פון העמד אויף דער לינקער האַנד, האָט ער מיט'ן מיטעלסטען פינגער איהם אָנגעדריקט דעם דופק.

— מיסיע דע-לאַ-פּאָממער, אַייער דופק זאָגט מיר וועגען אַ וועלטענע קאַלטבלוטיגקייט, פעסטיגקייט. איך ווענד זיך צו אַייך (דאָס דאַרף בלייבען בסוד) מיט אַ פאָרשלאַג, וועלכער קאָן אויסקוקען ביז צו פערברעכעריש אונגעוועהנליך, לעכערליך, — ווען אויך ער איז געווענדט צו אַ דאָקטאָר מיט אַזאַ ענערגיע, צו אַ מענש וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די פּאָזיטיווע איבערצייגונגען פון אונזערע וויסענשאַפט, און פריי אינגאַנצען פון יעדער

פאנטאסטישער שרעק פארן טויט. נאר, מיר דאכט זיך, מיר בײדע װיסן, װער מיר זענען; און איהר הערט דעם פארשלאג אויפמערקזאם, מיט געדאנק, װי ער זאל אײך אנפאנגס אפילו נישט אויפרעגן.

— איך הער מיט פולער אויפמערקזאמקײט, הערר, — האט געענטפערט לא־פאממער.

— געװיס איז אונמעגליך איהר זאלט דאס נישט װיסן, אז אײנע פון די אינטערעסאנטסטע פראבלעמען פון דער יעצטיגער פיזיאלאגיע איז — צו דערגעהן, צי בלײבט נאך איבער אין מענשליכען געהירן האטש עפיס א שײן פון זכרון, געדאנק, װירקליכעס פיהלען, נאך דעם װי מען האט דעם קאפ אראבגענומען פון קערפער.

בײ די אונטערדאפטע װערטער האט דער פער־משפט'ער א ציטער געטהון, נאר באלד האט ער זיך בעהערשט.

— װען איהר, דאקטאר, זענט דא אריינגעקומען, איז גראד מײן געדאנק געװען זעהר בעשעפטיגט מיט דעם פראבלעם, װעלכעס קאן דאך גראד מיך דאפעלט פעראינטערעסירען.

— איהר זענט בײ דער ארבײט אין דער פארשונג װעגען דער פראגע, אנגעפאנגען פון דער ארבײט פון זעממערלינג, סל סעדיו און ביז ביז צו די ערפארשונגען פון דער לעצטער צײט? — האט געפרעגט װעלפא.

— יא, און איך בין גראד געװען אויף אײנע פון אײערע פארלעזונגען, װען איהר האט געשניטען א קערפער פון א פער־משפט'ען.

— א! אויב אזוי לאמיר געהן װײטער... איהר האט פונקטליכע ידיעות פון חרורגישען שטאנדפונקט װעגען דער גיליאטינע?

— לא־פאממער האט שטארק אנגעקוקט װעלפא און קאלט געענטפערט:

— נײן, מסיע.

— איך האב הײנט ערשט זעהר פארזיכטיג דורכגעשטודירט די מאשין, — האט רוהיג װײטער געזאגט דאקטאר װעלפא; — איך קאן עדות זאגען, די מאשין איז מוסטערהאפט. א מעסער, א שװערד, ארבײט גלײכצײטיג װי א קלין, װי א שנײדמעסער און װי א האמער, האקט איבער דעם האלז פון פאציענט אין א דריטעל סעקונדע. און אויף אזא ארט, בײ אזא בליץ־שנעלען קלאפ קאן דער געקעפטער זיך קײן מאל נישט שפירען דערנאך האטש עפיס א װײטהאג, אזוי װי עס פיהלט נישט קײן װעדטאג דער זעלנער װען בײ איהם װערט אבגעריסען די האנד אין דער מלחמה. בײ דער געשװינדיגקײט קאן די בערירונג, האב איז גלײך נול, נישט געפיהלט װערען.

— אָבער עס קאָן דאָך זײַן, אַז דער װעהטאָג פֿילט זיך דאָרטן? זשול פאָנטענעל האָט דאָך ענטוויקעלט זײַנע מײנונגען, ער שטעלט די פראַגע, צי רופט נישט די געשווינדיגקײַט אַרויס נאָך פיעל שווערערע, ערגערע, מעהר-פײַנליכע פאַלגען, ווי דער טויט דורך אַ שווערד צי דורך אַ האַק.

— בעראַה האָט פּאָלשטענדיג אָבגעוואָרפען די דאָזיגע היפּאָטעזע, — האָט געענטפערט וועלפּאָ. — איך פערזענליך בין איבערצײַגט, און די איבערצײַגונג מײַנע איז בעגרינדעט מיט הונדערטער ערפאַהרונגען, אין געשטיצט אויף מײַנע אייגענע בעאָבאַכטונגען, — אַז דאָס אויגענבליקליכע אָבטײַלען דעם קאָפּ פון קערפּער רופט אין דעמזעלבען אויגענבליק אַרויס אין דעם געקעפּטען אינדיווידואום אַ פאָלשטענדיגע אַבסאָלוטע אַנעסטעזיע. נאָר די איינציגע אויגענבליקליכע חלשות וואָס קומט דורך דעם פערלוסט פון פיער צו פינף ליטער בלוט (דאָס שפריצט אויס פון דער כלי מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס פאַלט בײַ די זײַטען אַרום ביז אַ מעטער אין דער קוואַדראַט), — קאָן שוין, וואָס דעם אָנבעלאַנגט, בערוהיגען חאָטש די גרעסטע שרעקעוודיגע. וואָס ווידער אַנבעטרעפט די אינבעוואוסטע פיבערישע ציטערנישען פון דעם קערפּערליכען אַפּאַראַט, וואָס איז פּלוצלונג אָבגעשטעלט געוואָרען אין זײַנע פּראָצעסען, — קאָנען זיי אַזוי וועניג בעווײַזען די לײַדען, ווי... ציקונגען, צום בײַשפּיעל, פון אַ אָבגעשניטענעם פוס, אין וועלכען עס שרומפען אײַן די מוסקולען אין די נערווען, אָבער קאָנען דאָך נישט פערשאַפען עפּיס אַ וועהטאָג. דאָס נערוועזע פיבער, דורך אונבעוואוסטעם, זאָג איך, — די פײַערליכקײַט פון אונגליקליכע פּאָרבערײַטונגען, די איבערוועקונג אין פריהען מאָרגען — נאָר זיי ברענגען דאָ וועהטאָג, לײַדען די אַמפּוטאַציע, — די אויגענבליקליכע, די גאָר ווירקליכע וועהטאָג — איז נאָר אַ מאָרגע... לטע. געוויס, אַזאַ אונגעוועהנליך שטאַרקען קלאַפּ איבערן קאָפּ איז נישט נאָר אונמעגליך צו שפּירען, נאָר מען הערט אפילו נישט; דען נאָר אַ געוועהנליכע צושעדיגונג פון אַ ריפּ קאָן דאָך שוין ברענגען מיט זיך אַ פאָלשטענדיגע אונבעוואוסטזיניגקײַט. — און יעצט ווען מען האַקט אָב דעם גאַנצען קאָפּ, איבערגעשניטען דעם הויטשדרה, איבערגעריסען די אָרגאַנישע פערבינדונגען צווישען האַרץ און מוח, איז דען מעגליך זיי זאָלען נישט פּאַראַליזירען יעדען, האָטש דעם מינדסטען, שפּור פון וועהטאָג אין די טיעפסטע פערבאָרגענע ווינקעלעך פון דעם מענשליכען וועזען? דאָס קאָן נישט זײַן. דאָס קאָן מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלען. אידר ווייסט דאָס אַזוי גוט ווי איך.

— ווענינגסטענס קאָן איך מעהר ווי אידר האָפען צו דערגעהן דאָס, —

האט געענטפערט לא־פאממערע. — און ווידער שרעקט מיך יעצט גאר נישט וועלכע עס איז גראבע פלוצלינגע פיזישע ליידען, וועלכע מען קאן קוים דערשפירען אין האאס פון פערשידענע געפיהלען, וועלכע ווערען באלד אין טויט פערלאשען, נישט דאס, זאג איך, נאר עפעס אנדערש...

—פיליכט וואלט איהר פראבירט פארמולירען?—האט געזאגט וועלפא.

—הערט אויס, — האט שטיל ארויסגערעדט לא־פאממערע, נאך דעם ווי ער האט א סעקונדע געשוויגען, — פיי ווי פיי די ארגאנען פון זכרון און ווילען — אויב זיי געפינען זיך ביי א מענש אויך אין די זעלבע טיילען פון געהירן, ווי מיר קאנסטאנטירען דאס... צום ביישפיעל, ביי הינד, — די ארגאנען בעריהרט דאך נישט דאס אראבגעלאזטע מעסער. מיר האבען ענטדעקט אזוי פיעל אונקלארהייטען, אזעלכע שרייענדע ווי אונפערשטענדליכע, און איך קען זיך נישט אזוי לייכט אבגעווינען אין דעם, אז דער געקעפטער זאל גלייך פערלירען זיין גאנץ בעוואוסטזיני־קייט. זאגען דערצעהלען פון קאפ וואס האבען אויף א רוף אומגעקעהרט די אויגען צו דעם, וואס האט צו זיי גערעדט. איז דאס דער זכרון פון די נער־ווען? רעפלעקסיווע בעוועגונגען? אבער די ווערטער ערקלערען גאר נישט. איהר געדענקט נאך דעם קאפ פון א מאטראז וואס האט אין קליניק פינף פיערטעל שעה נאכן קעפען צובראכען מיט די באקציינער, דאכט זיך מיט די לינקע, א בלייפעדער וואס מען האט צווישען אריינגעלייגט... לאמיר נעהמען נאר דעם איין ביישפיעל פון טויזענד. אין דעם פאל בעשטעהט די ווירקליכע פראגע דערין, צי האט דער „איך" פון דעם מענש געבראכט אין בעוועגונג, נאכדעם ווי די בלוט־בעוועגונג האט שוין אויפגעהערט, די מוסקולען פון דעם בלוטלייידיגען קאפ — אדער נישט.

— דער „איך" — צוזאמען מיט אלע טיילען פונ׳ם גאנצען, — האט געזאגט וועלפא.

— דער מארך פון הוט־השדרה רעכענט זיך דאך אלס א פארטזעצונג פון געהירען,—האט געענטפערט לא־פאממערע, — און ווי איז דא אלא דאס פיהלענדע גאנצע? ווער קאן ענטפערן דערויף?... עס וועט נישט דורכגעהן קיין וואך און איך וועל שוין דאס זיכער וויסען... און פערגעסען.

— קאן זיין, אז אן איך איז אנבעלאנגט, אז דאס מענשהייט זאל איינמאל אויף גאנץ זיכער דאס דערגעהן, — האט לאנגזאם געזאגט וועלפא, און זיינע אויגען האבען מיט שפיזענבליקען זיך איינגעגראבען אין די אויגען פון צוזייטען.— און, רייזענדיג אפגעהערציג, בין איך טאקי צוליעב דעם אהער געקומען. מיך האט געשיקט צו איך די קאמיסיע פון אונזערע גרעבסטע קאר־

לעגען אין פאריזער פאקולטעט, און די ערלויבניש אויף די דורכגאנגס-קארטע האב איך בעקומען פון קיזער. אין דער ערלויבניש איז דא גענוג גרויסע בעפאלמעכטיגונג, אז אין פאל ווען מען וועט דארפען קאן מען אויך אבלעגען אייער שטראף.

— ערקלערט... איך הער אויף אייך צו פערשטעהן, — האט גע-ענטפערט דער צומומעלטער לא-פאממערע.

— מאסיע דע-לא-פאממערע, אין נאמען פון דער וויסענשאפט, וועל-כע איז אונז שטענדיג טייער, קום איך — מיט דער האפנונג, וואס איז פאר מיר מעהר ווי צווייפעלהאפט, אז מיר וועלען בעקומען א ווירקליכע ערפאהרונג, וועלכע מיר ווילען ערווערבען,— איך בין געקומען פאדערן פון אייך די גרעסטע ענערגיע און דעם שטארקסטען מוט, אויף וועלכען א מענש קאן נאר פעהיג זיין. אויב אייער ביטע וועגען בעגנעדיגען וועט נישט אנגענומען ווערען, קאנט איהר, אליין א דאקטאר, בעווייזען אונז א קאמפעטענטע אין דער גרויסער אפעראציע, וועלכע מיר מוזען זיך אונטערנעהמען. אין אייער בעטיילינונג אין דער פראבע וואלט געזען נישט צום אבשאצען... צו געבען ערקלערונגען... געוויס ווי איהר וואלט נישט בערייט זיין, וואס אלץ פאראויס, אז דער רעזולטאט זאל זיין נישט קיין געלונגענער. נאר מיט אייך האט די ערפאהרונג (איך זאג דאס נאכאמאל, מיט דעם בעדינג, אויב די ערפאהרונג זאל נישט באלד פון אנהויב זיין צו'אומגעלומפערטע), איינעם פון הונדערט מאל הונדערט טויזענד שאנסען אויף א וואונדערליכען אופן, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, צו בעלייכטען אונזער געגענווערטיגע בויזלאגע. און דאריבער מוז מען דעם פאל אונבעדינגט אויסנוצען. און אויב איהר וועט נאך קאנען זייערליש בעווייזען, אז די בעוואוסטזיניגקייט איז נישט אויסגעלאשען, וועט איהר נאך זיך איבערלאזען א נאמען, און אייער וויסענשאפטליכע רוהם וועט שטענדיג פערדונקלען, פערשטע-לען יעדע גערעכטעניש וועגען אייערע סאציאלע געפאלענקייט.

— א... א... איך הויב אן אייך פערשטעהן, — האט קוים ארויסגערעדט לא-פאממערע, איגנאנצען בלאס ווערענדיג, אבער מיט אניענטשלאסענעם שמייכעל. — געוויס, די טויט-שטראפען האבען שוין בעוויזען, ווי מישלא זאגט, די ערשיינונג פון עסען-צומאהלונג און פערדייאונגען... פון וואס פאר א כאראקטער וועט זיין אונזער ערפאהרונג? גאלוואנישע שטרא-מען?... אויפרייצונג?... בלוט-פערמישונג? אבער דאס אלץ וועט קיין רעזולטאט נישט געבען...

— איך דארף אייך דאס נישט זאגען, אז באלד נאך דער טרויריגער

צערעמאניע וועט אייער קערפער מיט בריעדען אראבגעלאזט ווערען אין דער ערד, און צו אייך וועט זיך נישט צורירען קיין איין איינציגער פון אונזערע אינסטרומענטען, — האט געענטפערט וועלפא, — ניין... נאר אין דעם אויגענבליק, ווען עס וועט פאלען דאס מעסער, וועל איך שטעהן קעגען איבער אייך, נעבען דער מאשין. אזוי שנעל, ווי ס'איז נאר מעגליך, וועט א יעדע קאפ פון הענקערס הענד אריבערגעהן אין מיינע הענד. און דעמאלט — קאן די ערפאהרונג זיין א ערנסטע און קאן ברענגען א רעזולטאט נאר אויף וויפיעל זי וועט גראד מיט די גאנץ געוועהנליכסטע איינפאכקייט דורכגעפיהרט ווערען, — איך וועל זעהר דייטליך שרייען אייך אין אויער: „מאסיע גוטי-דע-לא-פאממערע, צי קאנט איהר אלס צייכען וועגען אונזערע בעציהונגען ביים לעבען אין דעם אויגענבליק דריי מאל צוזאמען צומאכען דאס רעכטע אויג און דאס לינקע אויג ברייט אויפמאכען?" אויב איהר וועט אין דעם אויגענבליק, ווי עס זאלען נישט איינשרומפען די אנדערע מוסקולען פון געזיכט, וועט איהר דאך זיין אימשטאנד מיט אזא דריימאליגע בעוועגונג פון אויג געבען מיר צו וויסען, אז איהר האט מיך געהערט און פערשטאנען און בעוויזען מיט דער טהאט די געבליבענע קראפט פון זכרון און ווילען אין דער בעוועגונג פון אויג-מוסקולען און אויג-נערווען און הויטליך, קענענדיג אונטערדריקען די גאנצע שרעק, דעם גאנצען האס פון אנדערע איינדריקען פון אייער הויזען, — דאס וועט זיין גענוג אום מיט העלען ליכט צו בעלייכטען די וויסענשאפט, צו ברענגען א איבערקעהרעניש אין אלע אונזערע איבערצייגונגען. און איך וועל קענען, גלויבט מיר, מאכען דאס, אז די קונפטיגע דורות זאלען אייך געדענקען נישט ווי א פערברעכער, נאר ווי א העלד.

די אונגעוועהנליכע ווערטער האבען אזוי שטארק דערשלאגען דע לא-פאממערע, אז זיינע אויגען זיינען ברייטער געווארען, זענען געבליבען שטעהן אויפ'ן הורוג, אין א מינוט האט ער געשוויגען, ווי פערשטיינערט. דערנאך איז ער שוויגענדיג אויפגעשטאנען, געמאכט אין טיעפער פערטראכטונג א פאר טריט און דערנאך טרויריג געשאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט:

— די שרעקליכע קראפט פון קלאפ וועט דאך מיך פערטויבען. איך צופיהרען דאס וואס איהר זאגט, דאכט מיר, איז איבער יעדען ווילען, איבער יעדער מענשליכער אנשטרענגונג. און ווידער זאגט מען, אז די שאנסען פון לעבהאפטיגקייט זענען נישט ביי אלע גילאטינירטע גלייך. איבריגענס... קומט צו מיר, מאסיע, אין דעם מארגען פאר'ן אויספיהרען די

שטראף. און איך וועל אייך דעמאָלט אַנטוואָרט זאָגען, צי בין איך איינשטי-מיג, אָדער נישט, אויף די ערפאַהרונג, אַזאַ שרעקליכע פאַנטאַסטישע. אויב איך וועל ענטפערן מיט: ניין, קאָן איך דאָך זיכער רעכנען אויף אייער בעשיידענהייט? איהר וועט רוהיג לאָזען מיין קאָפּ אויסטריפען די לעצטע טראָפּען בלוט אין דעם בלייערנעם קעסטיל, וואוהין ער וועט ווערען אַריינגעוואָרפען.

— הייסט עס אויף באַלדיגען ווידערזעהען, מיסיע דע-לאַ-פאָממע

— הייסט עס אויף באַלדיגען ווידערזעהען, מאָסיע דע-לאַ-פאָממע-רע? — האָט געזאָגט וועלפּאָ און איז אויך אויפגעשטאַנען... טראַכט דערוועגען.

און זיי האָבען זיך געזעגענט.

דער דאָקטאָר וועלפּאָ איז אַרויס פון דער קאַמער; דער שומר איז צוריק אַריין. דער פער'משפט'ער האָט זיך געלעגט אויפ'ן בעט און גענומען דרימלען אָדער טראַכטען.

* * *

אין פיער טעג שפעטער, אַרום האַלב זעקס אין דער פריה איז אין דער קאַמער אַריין באָקען, דער אַבבאַט קרויזע קלאָר און דער סעקרעטער פון קייזערליכען געריכט פאָטיע.

דע-לאַ-פאָממער, איבערגעוועקט דורך זיי, דערהערענדיג פון זיין לעצ-טער שעה, האָט זיך אויפגעהויבען זעהר בלאַס. געשווינד האָט ער זיך אָנ-געטהון. דערנאָך האָט ער 10 מינוט גערעדט מיט'ן אַבבאַט קרויז, וועלכער איז שוין פריהער נישט איינמאָל ביי איהם געוועזען. ווי בעקאַנט האָט דער היילגער פאָטער בעזעסען די קראַפט צו בערוהיגען די הערצער אין דער לעצטער מינוט. יעצט איז אַריינגעקומען דאָקטאָר וועלפּאָ.

— איך לערן זיך, קוקט — האָט איהם געזאָגט לאַ-פאָממערע. און ווי לאַנג זיי האָבען געלעזען דעם פסק-דין האָט ער געהאַלטען פערמאַכט דאָס רעכטע אויג און מיט דעם לינקען, ברייט אויפגעמאַכט, האָט ער הויכדריגליך געקוקט אויפ'ן תליון.

וועלפּאָ האָט זיך טיעף פערבויגען, דערנאָך, אומקעהרענדיג זיך צו ענדרעיעזאַ, וועלכער איז אַריינגעקומען מיט זיינע געהילפען, האָט ער זיך שנעל איבערגעוואונקען מיט קעפּפער.

מען האָט דעם פער'משפט'ען אַלעס נויטיגע אָבגעטהון און מיר מאַכען אויפמערקזאַם דערויף, אַז די האָהר זענען נישט גרוי געוואָרען אונטער דער

שער. ווען דער גײַסטליכער האָט מיט אַ שטיל קול געלייענט דעם געזעגענונגס-בריף פון זײַן פרוי, האָבן זיך טרערן באַוויזן אין זײַנע אויגן, און דער גײַסטליכער האָט זי גוטהערציג אָפּגעווישט מיט אַ שטיקל טראַנטע וואָס איז געוואָרן אויסגעשניטן פון העמד-לאַץ. פון אַ גלאָז בראָנפן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. אַלע זענען געגאַנגען אין קאָרידאָר. אויף דער שוועל בײַם צופאָהר האָט ער בעגעגענט זײַן קאָלעגע.

— צום פרעהליכן ווידערזעהען — האָט ער אים געזאָגט זעהר שטיל. און זײַט געזונד.

פלוצלונג האָבן זיך די אײַזערנע טויערן געעפנט, אויסגעפּראַלט פאַר זיי.

אין טורמע האָט זיך אַרײַנגעריסן דאָס פרישע מאָרגנווינטעל. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. ווײַט איז געלעגן אַ ברייט פעלד, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן מיט שורות זעלנער אויף פערד. גלײַך קעגנאיבער איהם, צעהן טריט ווײַט, אין האַלב-ראָנד פון זשאַנדאַרמען אויף פערד, וועלכע האָבן בײַ זײַן אָנקומען מיט גערויש אַרויסגעכאַפּט די בלאַנקע, שווערדן פון די שיידן, איז געשטאַנען אויפגעשטעלט דער עשאַפאָט אַביסעל ווײַטער, אין דער גרופּע פון פּרעסע-פאָרשטעהער האָט מען אַראָפּגענומען די היטלען. דאָרט, אונטער די בוימער, איז די קראַפטלאָזע נאַכט איבערגעגאָסן געוואָרן מיט'ן גערויש פון דער מאַסע.

אויף די באַלקאָנען און גאַנעקלעך פון די קאַבאַרעטלעך, און פון די פענסטער האָבן אַרויסגעבויגן זיך און געקוקט אַ'ים עמיטערטע בראַבע פרויענצימער אין העלע זײַדענע קליידער, אײַניגע — נאָך מיט אַ פּלאַש שאַמפּאַנער אין האַנד, צוזאַמען מיט אָפּגעפּלאַטע שוואַרצע פראַק. אין דער מאָרגנלופט איבערן פעלד זענען פייגעלעך געפלויגן הין און צוריק.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז די גילאָטינע האָט אָנגעפילט די גאַנצע שטרעקע, האָט דערגרייכט ביז צום הימעל און אויסגעשטרעקט ביז איבערן האָריזאָנט די שאָטען פון איהרע בײַדע, אויסגעשטרעקטע הענד, און אין דעם שײַן צווישן זיי האָט זיך געזעהן, ווי אין דער ווײַט, הויך אין דער טיפעניש פון דער מאָרגנבלויליכקײַט האָט זיך געדרייעלט דער לעצטער שטערן.

דער פערדשפּט'ער האָט אַ ציטער געטהון פון דעם שרעק-בילד. דערנאָך איז ער ענטשלאָסן צוגעגאַנגען אַם שוועל... איז אַרויף אויף די טרעפּלעך. יעצט האָט אין דער שוואַרצער דעם אַ בליק געטהון דאָס דרײַקאַנטיגע מעסער און פערשטעלט דעם שטערן אויפ'ן טויטן-ברעט.

ווען מען האָט איהם שוין געהאַט צוגעבונדען, האָט ער געקושט די לאָקען פֿון זיינע האָר, וועלכע דער אַבּבּאַט קרוז האָט אויפגעהויבען אין דער קאַ־מער ווען מען האָט איהם געשוירען און יעצט זיי איהם דערלאַנגט צום מויל.

— פֿאַר איהר... — האָט ער געזאָגט.

אויפֿן עשאַפֿאָט האָט זיך אָבגעשלאָגען דער סוליט פֿון פֿינף. די שטילקייט איז דעם אומגעגבליק געוואָרען אַזוי טיעף, אַז מען האָט געהערט ווי עס האָט זיך געבראָכען אַ צווייג אונטער דער לאַסט פֿון אַ נייגיעריגען און דער קול האָט זיך געטראָגען ביז צו דער טראַגישער גרופּע, צוזאַמען מיט עפּיס איינעמס אַנאויסגעשריי און עטליכע דערשטיקטע געשעלדיגע געלעכטער. ווען דער זייגער האָט אָנגעהויבען שלאָגען די לעצ־טע קלעפּ, פֿון וועלכע רע-לאַ-פֿאַממערע האָט שוין ניט בעדאַרפֿט הע־רען, האָט ער דערזעהען פֿאַר זיך, פֿון דער צווייטער זייט מאַשין, דעם אויסגענומענעם עקספּערימענטאַטאָר. אַרויפֿלעגענדיג די האַנד אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, האָט וועלפּאָ געקוקט אויף איהם... ער האָט זיך בעהערשט און פֿערמאַכט די אויגען.

די טהיר האָט פּלוצלונג אַ סקריפּ געטהון, די קייט האָט זיך ניכ־געלאָזט, די רינג האָט זיך אויפֿגעמאַכט, דאָס מעסער האָט אַ בלישטש געטהון. די פּלאַטפֿאָרמע האָט אַ ציטער געטהון פֿון דעם שרעקליכען קלאַפּ. די פֿערד האָבען זיך שטאַרק געשטעלט דערשפּירענדיג דעם בלוט־ריח, און אין דער לופֿט האָט נאָך געקלונגען דער ווידערקול פֿון אַראָבגע־לאָזטען אייזען, דער קאָפּ פֿון קרבן, וואָס האָט זיך געבאָדען אין בלוט און איז שוין געווען אין די אונפֿעראינטערעסירטע הענד פֿונם דיענער פֿון דער גערעכטיגקייט און פֿערבלוטיגט איהם די הענד, די מאַנזשעטען און די קליידער.

דאָס געזיכט פֿון קאָפּ איז געווען שרעקליך ווייס, מיט ברייט אויפֿגע־מאַכטע אויגען און אַנאויסגעקרימט מויל; די ציהן צוזאַמענגעדריקטע; די גאָמבע און די אונטערשטע דזשאָסעל איז געווען אָבגעהאַקט.

וועלפּאָ האָט געשווינד זיך אַריבערגעבויגען צו דעם קאָפּ און דייטליך אַריינגעזאָגט אין רעכטען אויער די אָבגעשטימטע פֿראַגע. ווי גרויס די זעלבסטבעהערשונג פֿון דעם מענש איז ניט געווען, האָט דאָך דאָס גאַנצע געשעהעניש איהם געמאַכט ציטערן אין אַ קאַלטע שרעק: דאָס הייטעל פֿון רעכטען אויג האָט זיך אַראָבגעלאָזט און דאָס לינקע ברייט אויפֿגעמאַכט האָט געקוקט אויף איהם.

אין נאמען פון אונזערע גאט אליין, פון אונזערע גאנצען דא-זיין, נאך צוויי מאל דעם צייכען! — האט ער אויסגעשריגען אבּיסעל צוטומעלט. די ברעמען האבען זיך פערמאכט, ווי פון עפּיס אַנאינווענינסטער אנשטרענגונג, נאר דאס הייטעל האט זיך שוין נישט מעהר אויסגעהויבען. דאס געזיכט איז אלץ שטייפער, קאלטער געווארען, איז געווארען אונבעוועגליך... אלץ איז געווען געענדיגט.

דער דאקטאר וואלפא האט דעם קאפּ צוריקגעגעבען דעם ענדרעידא, און דער האט אויפגעמאכט א קוישעל און געשטעלט דעם קאפּ, ווי דער מנהג האט פערלאנגט, צווישען די פיס פון פערשטארטע וקערפּער.

דער גרויסער הירורג האט זיך געוואשען די הענד אין איינע פון די עמער, אין וועלכע עס איז געווען אנגעגרייט וואסער צום וואשען די מאשין. ארום אידם האט זיך געשלעפּט א מאסע, א דערדריקטע, וואס האט אידם נישט דערקענט. שווייגענדיג האט ער זיך אבגעווישט די הענד.

דערנאך איז ער מיט שטילע טריט, מיט אַגערנסט פערטראכט געזיכט צוגעגאנגען צו זיין קארעטע, וואס האט אויף אידם געווארט אין עק ביי דער טורמע. ווען ער האט זיך אריינגעזעצט אין דער קארעטע האט ער דערזעהען דעם גערייכטס-פּורגאן; די פערד האבען מיט א מיטעלערע שנעליגקייט אידם געטראגען צו מאנפּארנאס.

איבערזעצט א ב רך.

קאטול מענדעס.

אראבגעלאזענע פליגעל.

I.

עס האט זיך געטראפען, אז א בין איז אמאל אין א פריהמארגען אריינגעפלויגען דורך אנאפענעם פענסטער אין א צימער, וואו א יונג מיידעל איז געזעסען און אויסגענייהט.

די בין האט זיך אנגעשטויסען אן א האלבגעשלאסען פענסטער פון דעם איבעריגען צימער.

א סך בלומען האט זי איבערגעקושט אין די טאלען, וואו מהגות שמעטערלינגען פליגען זיך בארען אין די שטראהלען-הוזאליעס, אין די פריה-לינגס-לאנקעס, איבער וועלכע עס פליגען זיך פלעכטלען סאראקעס, אין די טיעפענישען פון וועלדער, וואו די לופטיגע שפינוועבס פליגט זיך פארטשעפען אן די ווערצעלעך פון די יונגע בוימלעך.

נאר קיינמאל האט זי נאך ניט געזעהן אזוי פיעל פרעכטיגע בלומען, ווי אינ'ם מיידעלשען צימער...

אויף די וואנד-טאפעטען, אויף די מעבעל-איבערציהען, אויף די ווייסע בעטעל-דעקעס האבען זיך טויזענדערווייז פינאנדערגעלאזען נעגעלעך אין באלזאמינען, גיאצינטען און ליוטיקעס; אין צוויי שפיגלען האט זיך אבגעשלאגען א בליהענדער יונג פון א אונענדליכען גארטען; בוקעטען פון ראזען האבען זיך פארבעהאלטען אין די קנייטשען פונ'ם קלייד, וואס

איז געהאנגען ביי דער בלומענדיגער וואנד, פונאנדערגעלאזענע צווייגען כמאי האבען זיך געטונקט אין די בענדער פונ'ם הוט; און א ווייסע ראזע איז ארויסגעוואקסען פון אונטער דער אויסגיהעריגנם פינגער...

די ביהן האט נאך קיינמאל ניט געהאט פאר זיך אזוי פיעל בלומען און, אהן צווייפעל, אזוי פיעל ריחות; זי האט זיך גענומען זאמלען פון אומעטום דעם האניג, זיך אבשטעלענדיג אויפ'ן הוט, זיך גריבלענדיג אינ'ם קלייד, איבערפליהענדיג פון די נעגעלעך אויף די באלזאמינען, ניט וויסענדיג וואס אויסצוועהלען — א ליוטיק אדער א גיאצינט, פליהענדיג ארום די מיידעלשע הענד, אנצוקושען די נאך ניט פערענדיגטע ראזע; און מיט איהר ביהנען-פערשטאנד האט זי זיך בעצייטענס געפרובט פאר-שטעלען פיעל זאנפטען האניג זי וועט עס אנזאמלען אין איהר איי-עלע.

נאר אין גיכען איז זי געווארען שטארק ערשטוינט.

זי האט זיך ארומגעזעהן, אז די אלע הערליכע בלומען דופטען גארניט, אז זיי צאפלען ניט מיט לעבען פון אונטער איהרע שטעך; אומזיסט איז זי איבערגעפלויגען פון איין קנאספ אויפ'ן אנדערן — זי איז געבליבען נאך הונגעריגער ווי פריהער...

און דאן האט איהר פערדראסען, וואס זי האט פערלאזען די וועלדער, די לאנקעס, די טאלען...

זי האט געוואלט זיך קעהרען אויף צוריק, א פליה געטהון...

נאר איצט איז דאס פענסטער געווען פערמאכט...

א פערקומערטע האט זי זיך געהאט פערקליבען אין א פערנארע-רישען בלומען-ווינקעל, ביז דאס הויז איז איהר אויסגעגאנגען, ניט ארויס-זויגענדיג קיין איין טראפען האניג פון אזוי פיעל הערליכע בלומען...

II.

עס האט זיך געטראפען, אז א נאכטיגאל, איז אמאל בייטאג ארייג-געפלויגען דורך אנ'אפענעם פענסטער אין א צימער, וואו עס האט גע-זונגען א יונגע פרוי.

אנ'ענטציקטע האט זי זיך אוועקגעלאזט שוועבען איבער'ן צימער.

א סך פויגלען האט זי איבערגעהערט אין וואלד און צווישען די בוימער פון פארק: שטיגליצען, וואס זינגען, שפרינגענדיג פון צווייגעל אויף צווייגעל, מיט א הילכיגען קלאנג פון גאלדענע מטבעות; פלוידערנדע הימבערוויינען, וואס ווייסען אליין ניט וואס זי טשיריקען; די לאכענדיגע

לערכע; דעם טרויעריגען קוקוק. די נאַכטיגאַל האָט אויך דאָס אײגענע ליעה געהערט, וואָס פֿלעגט בענקענדיג־האַרציג פֿליסען פֿאַר'ן שײַן פֿון דער לבנה אין די סודות'דיגע נעכט...

נאָר קײנמאָל האָט זי ניט געהערט אַזוינע העררליכע ליעדער, ווי אינים יצמער פֿון דער יונגער פֿרוי...

די זינגערין האָט, בלאָנזשענדיג מיט די הענד איבער די קלאַוויר־בײנדעלעך, געזונגען אין אַ משוגענעם טעמפּ; אידרע פֿרעהליכע אַריען האָבען זיך געטראָגען, ווי אויפֿפלאַצענדע געלעכטערס, און די טענער האָבען זיך צוגאָסען אין טרעלען, ווי שפּריצענדיגע ושערבלעך פֿון אַ צושלאָגענעם קריסטאָל...

פֿערגאַפּט האָט די נאַכטיגאַל זיך צוגעהאָרכט צו די זאָרגלאָזע ליעדער און טאַנצענדיגע מאָטיווען. זי האָט זיך פֿערקליבען האַרט אונטער דעם כּופּיט, וואו זי האָט געפֿונען עטוואָס עהנליכעם צו אַ גרויסען נעסט און צוגעשאָקעלט אין טאַקט מיט איהר העלזיל. שפּעטער האָט זי זיך ניט בעגנוגענט מיט דעם און גענומען נאָכפּײַפֿען די משוגענע אריען, טראַכטענדיג פֿון דעם, ווי זי וועט זיך עס פֿרעהליך צובריינגען אין די זומערדיגע נעכט אויף אַ צווײַגעל ערגיץ מיט אַזוינע ליעדער...

נאָר אין גיכען האָט זי אַנ'אומעט אָנגענומען...

זי האָט אַרויסגעזעהן, אַז די שרײַאיגע מעלאָדיען רײדען צו דער נשמה ווינציגער, איידער איהר אײגענע מעלאַנכאָלישע ליעדעל. די נאַכטיגאַל האָט געפּרובט זיך דערמאָנען אָן דאָס אַמאָליגע האַרציגע ליעדעל, נאָר זי האָט דאָס ליעדעל געהאַט פֿערגעסען... און דאַן האָט איהר פֿערדראָסען, וואָס זי האָט פֿערלאָזען דעם וואַלד און דעם פּאַרק, וואו עס זיצען איהרע פֿרײַנד...

זי האָט געוואָלט זיך צוריק אַהין אומקעהרען, האָט די פֿליעגלעך אויסגעשפּרייט...

נאָר זי איז געווען אין אַ שטײַגעל, און דאָס טהירעל איז געווען צוגעשפּאַרט...

אַ פֿערקומערטע האָט זי זיך פֿערקליבען אין אַ ווינקעל, — און די נאַכטיגאַל איז אויסגעגאַנגען אָהן ליעדער צווישען אַזוי פֿיעל פֿרעהליכע ליעדער...

III.

עס האט זיך געטראפען, אז א פאעט איז אמאל אין א אבענד אריין — האטש ניט דורכ'ן פענסטער— אין א צימער פון א לאכענדיג פאריזער מיידעל...

אניענטציקטער האט ער זי אנגעקוקט.

א סך מיידלעך האט ער געזעהן אין זיין היימאטס-שטעדטעל, ווען זיי פלעגען זיך שפילען אינ'ם שאטען פון די קארשען-בוימער, זונטאג אין קירך, ווען זיי פלעגען זיך קניהען ביי דער גאטעס-דיענסט, און די ווען פלעגט בעשטראהלען זייערע קעפלעך, אין שטרענגע סאלאנען, וואו די עלטערע פלעגען שפילען אין קארשען און דאס יונגוואר פלעגט זיך פארלעכווייז צוגעהן אין די ווינקעלעך...

קיינמאל האט ער נאך אבער ניט געזעהן אזא רייצענדע שענקייט, ווי אינ'ם צימער פון דער פאריזער מיידעל.

דאס בעצויבערנדע מיידעל האט פערשפראכען מיט איהרע אויגען דעם גאנצען גן-עדן פון ליעבע, און פונ'ם זיסען ריח פון איהרע האהר איז דער קאפ שווער געווארען, בעטרונקען, די בריגען פון איהרע שארפע ציינדלעך, וואס האבען ארויסגעקוקט פונ'ם האלב-געעפענטען מיילכעל, האבען אריינגעגעבען א ליידענשאפטליכען פערלאנג זיך צו לאזען איינ-בייסען פון זיי דאס הארץ, זי זאל אויסזויגען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט; און אפילו אבגערוקט פון איהר האט מען אויפ'ן גאנצען לייב געפיהלט די בעריהרונג פון איהר קלייד, פון איהרע האהר, פון איהרע הענד, ווי עס וואלט איינגעפרעסט אן ארעם, וואס וועט קיינמאל ניט אבגעשוואכט ווערען...

דער פאעט איז א בעצויבערטער געפאלען אויף די קניה און גע-קושט איהרע טייערע פאלשע אויגלעך, וועלכע זי האט פון איהם ניט אבגענומען, ער האט אונטערגעשטעלט זיין הארץ פאר איהרע שארפע ציינדלעך און ער איז געווען איינגאנצען ערשיטערט פון דער בעריה-רונג פון איהר קלייד, פון איהרע האהר, פון איהרע הענד... און ער האט זיך פארגעשטעלט וואס פאר א הערליכע סטראפען ער וועט ווידמען זיין געליעבטער...

נאר א שטילער אומעט האט איהם פלוצלונג אנגענומען...

ער האט געוואוסט, אז זי, די הערליכסטע פון אלע פרויען, האט ניט געצאהלט קיין ליעבע פאר ליעבע, ניט אויפגעציטערט פון א בייעריגען

קיש; ער האָט פערשטאַרקט מעהר און מעהר דעם אימפּעט פון זיינע קושען, נאָר ער איז נאָך אומבעפרידיגטער געבליבען, ווי פריהער. און דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען זי צו האַסען און איהם האָט פערדראָסען, וואָס ער האָט פערלאָזען זיין שטעדטעל מיט די גאָטספאָרכטיגע מיידלעך און שעמעוודיגע קוזינעס...

ער האָט זיך געוואָלט צוריקקעהרען צו זיין ריינער פערגאַנגענהייט...

נאָר די הענד פון דער פאַריזער מיידעל זענען ניט געווען אווינע, פון וועלכע מען קאָן זיך אַזוי לייכט אַרויסרייסען...

און אַ פערקומערטער שטעהענדיג אויף די קניה פאַר זיין געליעבטער, איז דער פּאָעט געשטאָרבען אָהן ליעבע צווישען אַזוי פיעל קושען, אַזוי ווי עס איז אויסגעגאַנגען די ביען, וואָס האָט ניט געקענט אַרויסציגען קיין טראָפּען האָניג, אַזוי ווי עס איז אויסגעגאַנגען די נאַכטיגאַל, וואָס האָט פערגעסען איהר ליעד...

הײנריך הײנע.

דאננא קלארא.

אבענדס האט שפאציערט אין גארטען
  דעם אלקאדענס1) שענע טאכטער
און די פויקען און טראמייטען
  דרינגען פון דעם שלאס ארונטער.

„ס'האט דערעסען מיר דאס טאנצען
  מיט די זיסע קאמפלימענטען,
מיט די ריטערס די גאלאנטע,
  וואס פערגלייכען צו דער זון מיך.

זינד עס איז פאר מיר ערשיענען
  אין לבנה=נאכט דער ריטער,
וועמענס שטימע ס'האט נישט=איינמאל
  דורך דעם פענסטער מיך געצויבערט.

שלאנק און שטאלץ — איז ער געשטאנען,
  זיינע שווארצע אויגען — בליצען
מיט זיין שטראהלענד=בלאסעם אויסזעהן
  עהנליך דאן צו סאנקט געארגען2)".

1) שטאדט-פרעזידענט אין שפאניען. 2) א הייליגער.

האָט געטראַכט זיך דאָננאַ קלאַראַ
לאָזענדיג אַראָב די אויגען,
הויבט זי אויף די אויגען ווידער —
שטעהט פאַר איהר דער זעלבער ריטער.

הערצליך דריקען זיי די הענד זיך
די לבנה איז פערחלומ׳ט
צייטליך גלעט דאָס שטילע ווינטעל
צויבערהאַפטע ראָזען גרוסען.

צויבערהאַפטע ראָזען גרוסען.
און פערפלאַמטע, ווי פון ליעבע —
„זאָג מיר אָבער, ליעבסטע מיינע:
וואָס האָסט פּלוצלונג זיך פעררויטיגט?“

— ס׳האָבען מיקען מיך צוביסען,
ליעבסטער, ווי עס קומט דער זומער
זענען זיי מיר אונערטרעגליך,
ווי די לאַנגע נעז — די יודען. —

„יודען, מיקען, לאָז צורוה זיי,
זאָגט דער ריטער האַרצענדיג ?
זעה, ווי ס׳פאַלען פון מאַנדעלבוימער
טויזענד ווייסע בליטהען-בלעטלעך.

טויזענד ווייסע בליטהען-בלעטלעך
און די לופט איז פריש און דופטענד,
אָבער זאָג מיר, ליעבסטע מיינע,
איז דיין האַרץ מיר איבערגעגעבען?“

— יאָ, איך ליעב דיך, ליעבסטער מיינער
און איך שווער דיר ביי דעם היילאַנד(1),

1) דער ערלעזער.

וואָס די גאַטס פערפלוכטע יודען
האָבען איהן געטויט אוים קנאה. —

„יודען, היילאַנד, לאָז צורוה זיי,
זאָגט דער ריטער האַרצענדיג זי,
זעה, פון ווייטען, ווי פער'חלומ'ט
ווייסע ליכט-בעגאָסענע ליליען.

ווייסע ליכט-בעגאָסענע ליליען
קוקען צו די הימעל-שטערען,
זאָג מיר אָבער, ליעבסטע מיינע,
האָסטו מיר ניט פאַלש געשוואָרען?"

— קיינע פאַלשקייט וויסט דיין ליעבסטע,
פונקט, ווי ס'איז נישטאָ קיין טראָפען
בלוט פון מאָהרען אין מיין האַרצען
און פון שמוציג פאָלק — די יודען. —

יודען, מאָהרען, לאָז צורוה זיי,
זאָגט דער ריטער האַרצענדיג זי
און ער פיהרט זי אין ווערעאַנדע,
וועלכע איז בעדעקט מיט מירטהען.

מיט די ווייכע ליעבעס-נעצען
האָט ער זי אַרומגענומען,
קורצע ווערטער — לאַנגע קושען
און די הערצער געהען איבער.

ווי אַ ליעדער פאַר חתן-כלה
זינגט דער נאַכטיגאַל דער ליעבער,
ווי אַ מצוה-טענצעל היפען
די לויכטווערמלעך אויף דער ערד.

שטילער ווערט אין דער ווערעאַנדע

און מען הערט נור, ווי פערגנבט
פליסטערען די קלוגע מירטהען
און דאס אטהמען פון די בלומען.

פלוצלונג האט פון שלאס דערהערט זיך
דאס טראמפייטען און דאס פויקען,
ווי פון שלאף ערוואכט האט קלארא
פון דעם ריטערס פעסטע ארמען.

= הארך! דאס רופט מען מיך, מיין ליעבסטער,
שיידען מוזען מיר, זאג שנעלער
מיר דיין ליעבען נאמען, וועלכען
דו האסט לאנג פון מיר פערבארגען. —

אויפגעלעגט דער ריטער שמייכעלט
קושט די פינגער פון זיין דאננא
קושט די ליפען, קושט דעם שטערן
און צום לעצט זאגט ער איהר פריינדליך:

„איך, סעניארא, אייער ליעבסטער
בין דער זוהן פון דעם בעריהמטען
גרויסען בקי, פון דעם רבי
רב ישראל פון סארא גאססא.

י. בערנאלה

סטעפאַן מאללארמע.

די קראָה.

איינמאָל אין אַ טרויעריג-פינסטערע נאַכט, ווען איך האָב געשטודירט, שוואַך און ערמידעט, איבער עפּעס אַ מאָדנעם פערוואַלגערטען ספר און געוויעגט מיט'ן קאָפּ האַלב-איינשלאָפענדיג, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שאָך, אַזוי ווי איינער וואָלט אָנגעקלאַפּט שטיל, ווי איינער וואָלט קלאַפּען אין טהיר פון מיין צימער — מעהר ניט ווי דאָס.

אַך! איך דערמאָהן מיך, אַז דאָס איז געוועזען אין אייז-קאַלטען דעצעמבער: און יעדער גליהענדער קויל, אָבשטאַרבענדיג איינזאַם, האָט אויף דער פּאָדלאָגע זיין אָבבילד בעשאַפען. ענגסטליך געבענקט האָב איך נאָך דעם טאָג — אומזיסט האָב איך אין מיינע ביכער געזוכט צו פערגעסען דעם צער נאָך דער פערלאָרענער לענאָרע — נאָך דער זעלטענער שטראַלענדער מיידעל, וועלכע מלאכים רופען לענאָרע — ביי גאָט, פון איהר און דאָ, ניין, נימערמעהר!

און דאָס אונזיכערע און אומעטיגע שאָקלען פון יעדען פּורפּור-פאָרהאַנג האָט מיך דורכגענומען — האָט מיך ערפילט מיט פאַנטאַסטישע שרעקען, נאָך ניט דערשפּירטע, אויף אַזוי פיעל, אַז אום צו בערוהיגען דאָס קלאַפּען פון האַרצען, בין איך געבליבען, איבער'חזר'נדיג: „דאָס איז מאַנכער גאַסט, וואָס וויל אַריינקומען, ביים טהיר פון מיין צימער, מאַנכע נאַכט, וואָס וויל אַריינקומען, ביים טהיר פון מיין צימער — מעהר ניט ווי דאָס".

מיט אַמאָל איז מיין גייסט שטאַרקער געוואָרען און, ניט וואַרטענדיג מעהר, האָב איך געזאָגט: העהר אָדער פרוי, איך בעט אייך, ניטיגסט מיך צו פערציהען. אָבער ווירקליך איך האָב געדרעמעלט, און איהר האָט צו מיר אַזוי אָנגעקלאַפּט שטיל, און איהר האָט די טהיר אַזוי אָבגעשטופּט שוואַך, אָבגעשטופּט שוואַך די טהיר פון מיין צימער, אַז

איך האָב געצווייפעלט, צי האָב איך געהערט אַיך! דאַבײַ האָב איך ברייט געעפענט די טהיר: פינסטער, און גישט מעהר.

אַרײַנקוקענדיג ווײַט אין די שאָטענס, בין איך לאַנג געשטאַנען, ציטערנד און בעוואונדערט, און האָב טרוימען געטרוימט, וואָס קיין שטערבליכער האָט נאָך ניט ערוואַגט זיך צו טרוימען; נאָר די שטילקייט איז אַלץ ניט געשטערט געוואָרען און קיין סימן פון רוהיגקייט איז ניט געוועזען. דאָס אײנציג אַרויסגעשפּראָכענע וואָרט, איז געוועזען געליספּעלט דאָס וואָרט „לענאָרע!“ איך האָב איהם געזאָגט שטיל און דאָס עכאָ האָט ווידער געשעפּטשעט דאָס וואָרט „לענאָרע“! — מעהר גאָרניט, ווי דאָס.

זיך אומגעקעהרט אין צימער, מײַן זעעלע אין פײַער האָב איך גיך ווידער אַ שאָרך דערהערט, עטוואָס שטאַרקער, ווי פריהער. „געוויס, האָב איך געזאָגט, געוויס איז דאָ עפּיס מיט דער גאַרדין פון מײַן צימער. לאָמיר אַ קוק טהון, וואָס איז דאָרט, און דערגעהן דעם סוד. — זאָל זיך שטילען מײַן האַרץ אויף איין אויגענבליק און זאָל דערגעהן, וואָס איז דאָרט: דער ווינד איז דאָס, ניט מעהר!

ברייט האָב איך דאָס פענסטער געעפענט, ערשט, שטיל מיט איהרע פליגלען פאָכענד, איז היימליך אַרײַן אַ מאַיעסטעטישע קראָהע פון אַמאָליגע הייליגע טעג. זי האָט ניט געמאַכט די קלענסטע פערניגונג, זי האָט אויף איין אויגענבליק זיך ניט פערזוימט און ניט אָבגעשטעלט; נאָר מיט דעם פּנים פון אַ לאָרד אָדער לעדי, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט איבער דער טהיר פון מײַן צימער — זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ביוסט פון פּאַללאַדאַ, פּונקט איבער דער טהיר פון מײַן צימער — זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט, געזעסען און גאָר.

דיזער עבענשוואַרצער פויגעל האָט אַרויסגעבראַכט אַ שמייכעלע אויף מײַנע דיסטערע רעיונות. „כּ'לעבען, האָב איך געזאָגט, דו ביזט ניט קיין טרויס, געשפּענסטיגע, פינסטערע, אוראַלטע קראָהע, וואָס בלאָנדזשעסט ווײַט פון דעם ברעג פון דער נאַכט — זאָג־זשע מיר, ווי איז דײַן הערליכער נאָמען אויפ'ן פּלוטאָנישען ברעג פון דער נאַכט“. האָט די קראָהע געענטפערט: „קיינמאָל מעהר!“

איך בין געוואָרען ענטציקט, הערענדיג דיזען אומפרײַנדליכען פויגעל אַרויסזאָגען זיך אַזוי קלאָר, וועז אויך אַ קנאַפּען זין האָט זײַן תשובה געהאַט און איז געווען ניט גאָר צו דער זאַך: ווײַל מודה זײַן מוז מען דאָך, אַז קיין לעבעדיגער מענש האָט נאָך ניט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן אַ פויגעל איבער'ן טהיר פון זײַן צימער — אַ פויגעל אָדער

אַ אַנדער מין װעזען אויף אַ סקולפּטור־ביוסט איבער׳ן טהיר פון זײַן צימער — מיט אַזאַ נאָמען, װי „קײנמאָל מעהר!“

אָבער די קראָהע, אָנגעשפּאַרט אײנזאַם אויף דעם פּריעדליכען ביוסט, האָט געזאָגט דיזען אײנציגען װאָרט, אַזױ װי מײַן נשמה װאָלט דעם אײנציגען װאָרט פון זיך זעלבסט פערשפּרײט. איך האָב מעהר קײן װאָרט ניט געזאָגט, זי האָט מעהר ניט אַ ריהר געטהון ניט מיט אײן פעדער — ביז װאַן איך האָב אָנגעהױבען שטיל שטאַמלען קוים: „אַנדערע פרײַנד זענען שוין אָבגעפלױגען, מאָרגען װעט אויך זי מיך פערלאָזען, װי מײַנע האָפנונגען זענען ענטפלױגען“. דאַן זאָגט דער פױגעל: „קײנמאָל מעהר“

ציטערנדיג בײַ דיזער הורך אַזאַ דײַטליכען אויסרוף געשטערטער שטילקײַט, האָב איך מיך געטראַכט: „בלי ספק, אַז דאָס איז איהר גאַנצער אײגענס און איהר גאַנצער באַגאַזש, איבערגענומען בײַ אַ װעלכען ניט איז אומגליקליכען לעהרער, װעלכען דער בײזער שלים־מזל אָהן רחמים האָט נאָכגעפאָלגט שטענדיג, ביז װאַן זײַנע לידער האָבען געקראָגען דעם אײנציגען צושפּיעל; ביז װאַנען די טרױער־לידער פון זײַן האָפנונג האָבען בעקומען דעם מעלאַנכאָלישען צושפּיעל: „קײנמאָל — קײנמאָל מעהר“.

די קראָהע האָט נאָך דאָך אַ שמײכעל געלאָזען אין מײַן װיסטער נשמה, איך האָב פּלוצלונג צוגערוקט אַ װײכען שטוהל אַנטקעגען דעם פױגעל, דעם ביוסט און דער טהיר. און אַראָבלאָזענדיג זיך אויף דעם סאַמעט, האָב איך אָנגעהױבען קײטלען אַ טרױם צו אַ טרױם, קלערענדיג, װאָס האָט בעדײַט דיזער נביאישער אוראַלטער פױגעל — דיזער פינסטערער, פײַנדליכער, שרעקליכער, מאָגערער פױגעל מיט זײַן קאַרקען: „קײנמאָל מעהר“..

אַלזאָ, בין איך געזעסען און בעמיהט זיך איהם צו בעגרײַפען, ניט װענדענדיג זיך ניט מיט אײן װאָרט צו איהם, און זײַנע פײַערדיגע אויגען האָבען יעצט געברענט בײַ מיר אין האַרצען. אַלזאָ, בין איך געזעסען און געװאָלט איהם פערשטעהן, מײַן קאָפּ האָט גערוהט אויף דעם סאַמעט־געװאַנט, װאָס האָט דאָס ליכט פון אַ לאָמפּ אין זיך אײנגעזױגען, אויף דעם פּיאָלעטען סאַמעט־קישעלע, װאָס זי װעט אַך, מעהר שוין ניט, דריקען, — קײנמאָל מעהר.

די לופט, האָט זיך מיר געדאַכט, איז געדיכטער געװאָרען, אַזױ װי מיט קטורת געפילט, װאָס אומגעזעהענע שרפים האָבען נרום מיט געריכערט, און אויף דעם שטאָף פון דער דיהל האָט דאָס זײער פוס פאַלענדיג הילכיג געקלונגען. „אומגליקליכער, האָב איך מיך געטראַכט, דײַן גאָט האָט דיר געגעבען — ער האָט דיר דורך זײַנע מלאכים געשיקט

רוה און באַלזאַם אין דיין צער נאָך לענאָרען. טרינק, אָ, טרינק דיזען באַלזאַם און פערגעס אַן לענאָרען״. די קראָהע האָט געזאָגט: „קיינמאָל מעהר״.

„נביא, האָב איך געזאָגט, אָנזאָגער פון אומגליק, יאָ נביא, פויגעל צי דעמאָן. אין נאָמען פון די הימלען, איבער אונז אויסגעשפרייטע — און פון גאָט, וואָס מיר ביידע פערעהרען — זאָג דיזער זעלע פון צער בעלאַסטעט, צי דאַרף זי אין דעם וויטען גן־עדן אין אידרע אָרעמס אַ געהייליגטע מיידעל דריקען — אומאַרמען אַ זעלטענע, שטראַהלענדע מיידעל, וואָס די מלאכים רופען לענאָרע״. די קראָהע זאָגט: „קיינמאָל מעהר״.

„נביא, האָב איך געזאָגט, אָנזאָגער פון אומגליק, יאָ, נביא, פויגעל צי דעמאָן. צי האָט דיר דער גאָט פון נסיונות געשיקט אָדער אַ שטורם האָט דיר אויף דיזע ברעגען געוואָרפען, ענטמוטיגט און נאָך אומבעהערשט אויף דיזער וויסטער, פערכשוף׳טער ערד, אויף דיזער אייזיגער עמק־הבכא, זאָג מיר ווירקליך, איך בעט דיר: צי איז דאָ דער באַלזאַם אויף די בערג פון יהודה? זאָג מיר, איך בעשווער דיך״. און ס׳ענטפערט די קראָהע. „קיינמאָל מעהר״.

„זאָל דאָס וואָרט זיין דער צייכען פון אונזער שיידונג, פויגעל אָדער בייזער רוח״, האָב איך אַ געשריי געטהון, אָבקעהרענדיג זיך. „אַנטלויף אין שטורם אויף דעם פּלוטאָנישען ברעג פון נאַכט! ניט איין פעדער זאָלסטו דאָ לאָזען, אַלס זכר פון ליגען, וואָס דו האָסט געזייהט. לאָז מיר מיין איינזאַמקייט ניט אומבעריהרט, פערלאָז דאָס ביוסט פון איבער מיין טהיר, דיין שנאָבעל נעהם אַראָב פון מיין האַרצען און וואַרף אַראָב דיין געשטאַלט ווייט פון מיין טהיר. די קראָהע האָט געזאָגט: „קיינמאָל מעהר״.

און די קראָהע זיצט נאָך אַלץ אומבעוועגליך, זיצט נאָך אַלץ אויף דעם ביוסט פון פּאַללאַדאַ, פונקט איבער׳ן טהיר פון מיין צימער, און אידרע אויגען ווי אויגען פון אַ דעמאָן, וואָס טרוימט. און די שטראַהלען פון לאָמפּ, וואָס פליסען אויף איהר, און פון דעם שאָטען, וואָס הוואַליעסוויי רוהט אויף דער ערד, וועט זיך מיין נשמה שוין קיינמאָל אויפהויבען — קיינמאָל מעהר.

הערמאַן הייערמאַנס.

אין קליניק.

„דאַן האָט איינער געזאָגט: „דו מוזט ביז הונדערט צעהלען...“ אַלע האָבען געקוקט אויף מיר... אָ, איך בין געווען אַזוי פערלעגען... דאַן האָב איך אָנגעהויבען, איינס, צוויי, דריי, פיער... און דאַן האָב איך געשריען, ביז איך בין איינגעשלאָפען... נישט משוגע?

„האָבען זיי דיר, בעת דו ביזט געשלאָפען, געמאַכט אַן אָפּעראַציע?“

„... דאָס ווייס איך נישט... ווען איך בין וואַך געוואָרען, בין איך ווידער דאָ געלעגען... און בין געווען אַזוי קראַנק ווי אַ הונד... און מיין פוס האָט מיר וועה געטהון, אָבער זיי האָבען עס געהאַט צוגעבונדען... און איך האָב גאָרנישט געקאָנט זעהן.“

„האָסטו דען גאָר נישט געפיהלט?“

„גאָר נישט... אין שלאָף קאָנסטו דאָך נישט פיהלען, ווען מען שניידט דיך?“

„דאָס ווייס איך נישט...“

„האַרף מען דיך אויך שניידען?“

„די שוועסטער“ זאָגט „ניין“.

„וואָס פעהלט דיר דען?“

„מיר איז דער רעוומאַטיזם אַריין אין מיר“.

„טהוט עס וועה?“

„אַ שאלה עס איז! אָפטמאָל האָב איך שרעקליכע האַרצקלאַפּעניש... און דאַן פאַל איך אין חלשות. מען האָט געטראַכט, אַז איך וועל שטאַרבען.“

„האָט דיר עס באַנג געטהון?“

„מיר... ניין... אידר ליגט זעהר גוט. אַזוי צו ליגען מוז זיין אַ

טענוג... האט איהר היינט אויך שאקאלאדע געקריגען?"..

„ניין, גרויסען."

* * *

בשעת די שוועסטער איז אריינגעקומען, זענען זיי געלעגען אין גרויסען זאל פונ'ם שפיטאל און געפלוידערט.

„ליזכען, דו מוזט מיט מיר געהן גלייך אין קליניק'.

„וועט מען איהר אויך שניידען?"

„ניין, נאריש מיידעל, ליזכען וועט מען קיין אפעראציע נישט מאכען".

די שוועסטער האט ליזכען איינגעטוליעט אין א וואלענע קאלדרע, זי גענומען אויף די הענד און ארויסגעטראגען.

„אדיע!"

„אדיע!..."

מיט א פערקלעמט, ציטעריג הארץ האט ליזכען אויפ'ן וועג נאך אמאל געפרעגט: „שוועסטער, איהר וועט מיר דאך נישט אנטהון קיין יסורים?"

„ניין, ליזכען, האב נאר קיין מורא נישט."

די טהיר, וועלכע האט געפיהרט צום זאל, האט זיך געעפענט. די שוועסטער האט זי פארזיכטיג אויפ'ן בעט ארויפגעלעגט און אוועק. מיט אונרוהיגע בליקען האט ליזכען פערלעגען געקוקט אויף די פיעל מענשען. איין הער מיט גאלדענע ברילען, מיט א קאהלען קאפ, מיט א גרויסען באקענבארד און מיט א פריינדליכען געזיכט האט זיך אנידערגעזעצט ביי איהר בעט. דעם האט זי געקענט. דאס איז געווען דער פראפעסאר. אבער די צוויי אנדערע הערען, וועלכע האבען זיך ביי איהר בעט אנידערגעזעצט, און די אלע הערען וועלכע זענען געזעסען ארום... וועלכע האבען אזוי געקוקט אויף איהר... וועט מען איהר שניידען?... אבער זי זעהט דאך ערגעץ נישט קיין מעסער... און דער פראפעסאר האט אזוי פריינדליך אויסגעזעהען.

„נא, קליינע, טהו זיך אקארשט אויס דיין יאקעלע."

ער האט איהר געהאלפען אויסטהון דאס יאקעל און האט איהר געקניפען אין בעקעלע.

„האב נאר קיין מורא נישט... מיר וועלען דיר גאר נישט טהון."

דער פראפעסאר האט ארונטערגערוקט איהר העמד... „נישט מורא האבען, קליינע."

„וועט מען מיר מיט אמת נישט שניידען?"

„אך, זאל גאט אפהיטען, נאריש מיידעל... אזוי, בלייב נאר גאנץ רוהיג אויף דיין בעט ליגען... ביטע, מיין הערר, איהר קאנט אנהויבען אייערע פראגען."

דער סטודענט, וועלכער האט נאך די לאגע נישט געקאנט, האט אנגעהויבען צעגערנד צו פרעגען:

„ווי הייסטו?"

„ליזא באש."

„ווי אלט ביסטו?"

„פערצעהן יאהר."

„דיינע עלטערן לעבען נאך?"

„דער פאטער איז געשטארבען."

„פון וואס איז ער געשטארבען?"

„דאס ווייס איך נישט."

„איז דיין מוטער געזונד?"

„נעכטען האט זי זיך געהאט פערקיהלט."

* * *

דאס מילדע נאוועמבער-ליכט האט זיך רוהיג אריינגעשיינען אין קליניקזאל און האט בעלויכטען דאס בעט מיט'ן מיידעל, וועלכע עס האבען געהאט ארומגערינגעלט אלע סטודענטען. אלע האבען געשוויגען, נאר דער איין סטודענט, דאס קינד און דער פראפעסאר האבען גערעדט.

די שטילקייט האט דא און דארט איבערגעבראכען די קרעכצען פון דעם גליהענדען אויווען, דאס קנירשען פון פאפיר און די שפיציגע פעדער, וועלכע האט געקראצט איבער א בויך. אויף איינעם פון די דריי לאנגע ברוינע טישען האבען געבלישטשעט פערשידענע אינסטרומענטען, פלאשען און גלעזערנע באלען. פון אויסען האט זיך קיין מויק נישט געהערט.

בלייך ווי וואקס, די שווארצע האהר אונטער'ן ווייסען הייבעלע פער־קעמט, איז זי געלעגען אין בעט. דאס הייבעלע איז נאך ווייסער געווען פון איהר הענדען אויסגעבלייכטען געזיכט. בלויע אדערן האבען זיך דורכ־געצויגען איהר האלז. זי האט אויסגעזעהן ווי א מארמארבילד מיט בלויע מארמאר-אדערן. דאך איז אין איהר געווען לעבען, לעבען פון שרעק. די בלישטשעדיגע, גרויסע אויגען האבען פרעגעדיג געקוקט אויף די סטו־

רעגנטען, אויפ'ן פּראָפעסאָר און אויף די איבעריגע. די דינגע, ווײַסע נאָזלעכער האָבען זיך בעוועגט שנעל, ראַש, אונאויפהערליך. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ מת, נאָר אירע בלישטשעדיגע אויגען, וועלכע זענען פול מיט לעבען געוועזען און איהר דורכזיכטיגע נאָזלעכער, וועלע האָבען זיך אַזוי געשווינד בעוועגט, האָבען בעוויזען, אַז זי לעבט.

בלאַס ווי מאַרמאָר, בלײַך ווי וואַקס איז זי געלעגען אויף איהר בעט, בשעת ער האָט אויפגעהערט צו פרעגען, האָט זי אָנגעהויבען שטילערהייט צו לאַכען איבער אַ בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנד און האָט פאָרגעשטעלט אַ מאַן מיט אַ משונה'דיגען בויך... און אַ סטודענט, וועלכער איז געזעסען און געשריבען, האָט זי געזעהן... מיט דיקע באַקען... מיט קאָמישע אויגען...

„... אָ, גאָט, פּראָפעסאָר... נישט שנײַדען!"

„ניין, ניין, קינד."

זי האָט אירע אויגען פון די אינסטרומענטען נישט אַראָפּגעלאָזט און האָט זעהר שווער געאָטעמט...

דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבען זײַנע ערקלערונגען. ער האָט געהאָרכט אומעטום מיט זײַן סטעטאָסקאָפּ און האָט גערעדט אויף אַ פרעמדער שפּראַך... פאַרוואָס האָבען זיי דען גערעדט פראַנצויזיש?... פאַרוואָס האָט ער אַלע ווײַלע געקלאַפּט אויף איהר ברוסט?... זי האָט קוים זיך געקאָנט איינהאַלטען פון לאַכען... ווי מערקווירדיג אַ מענש איז געבויט... אינוועייג איז ער הויהל... עס האָט אויסגעוויזען, אַז מען קלאַפּט עפּעס אין אַ טהיר... וואָס פאַר שענע ברילען טראָגט ער.. ווי וואַרים זײַנע פינגער זענען... איצט צייכענט עפּעס דער פּראָפעסאָר מיט זײַן בלײַער אויף איהר קערפּער... אַזוי ווי אַ האַרץ פון אַ האָניג-קוכען.. איהר איז וואַרים געוואָרען... איהר שטערן איז נאַס געוואָרען... איצט קוקען אַלע אויף איהר. האָבען געקוקט אויף דעם, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעצייכענט... ווי מיעד איז זי געוואָרען... ווי שרעקליך איז דאָ געוועזען... אַזוי וואַרים... אָבער זיי האָבען איהר ווירקליך נישט געשניטען... אַזוי ווי מען האָט יענע מיידעל געשניטען...

אירע אויגען האָבען זיך צוגעמאַכט... אַ טיעפע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער, די שאַרפע, שפּיציגע פעדער האָט געקראַצט. די סטודענטען האָבען האַסטיג געשריבען און האָבען געקוקט אויף דאָס בלאַסע קינד אין בעט. אירע הענד זענען געוועזען געקנייטשט, דער קאָפּ איז געלעגען עפּעס אָן אַ זייט, זי האָט קוים געאָטעמט.

די ווייסקייט פון די ליילעכער, די מארמארנע בלאסקייט פון קינד האבען נישט הארמאנירט מיט די געזונדע הערדען, וועלכע זענען געווען אנגעטהאן אין דונקעלע מלבושים. דער פראפעסאר איז געזעסען ביי איהר בעט, עטוואס אריבערגעבויגט, אזוי, אז דער גרויער באקענבארד האט זיך געהאט פערבארגען הינטער זיינע פלייצעס.

* * *

איהר איז איצט אביסעל גרינגער געווארען... דא איז גאנץ אנגענעהם געווען... אלע דאקטוירים זענען דא געווען... זיי האבען אלע געלערנט פונ'ם פראפעסאר, וועלכער וויים אלץ... אבער דער איינער, דער בלאסער האט נישט שען אזוי אויסגעזעהן.... גאט, וואס האט דער שווארצער פאר א נאז... ער וויים גאר נישט... אזא גרויסער מענש מוז זיך נאך לערנען... דאס איז א גרויסער הויש... וועלען זיי נאך לאנג דא בלייבען?... איהר האט זיך פערוואלט שלאפען... קאמיש, ווי זי ליעגט דא... די מוטער האט היינט א סך וועש צו וואשען... ווי הייצט זיך איצט דער אויוען!... מען ווערט דאך אומגליקליך דערפון... אין אזא וועטער אזוי פיעל צו הייצען?... איינשלאפען וויל זי נישט... ווען זי וועט איינשלאפען, וועט מען איהר נאך אויפשניידען, כדי פון אינווייניג צו בעטראכטען... אזוי ווי זיי האבען עס געטהון מיט יענעם מיידעלם פים...

* * *

„„דער טויט איז צו ערווארטען... די צייט קאן מען נישט גענוי בעשטימען...''

וואס האט דער פראפעסאר געזאגט?... שוין געענדיגט? דער פראפעסאר האט איהר אנגעטהון, די שוועסטער איז אריינגעקומען. זי איז וואך געווארען. די שוועסטער האט איהר איינגעטוליעט אין די וואלענע קאלדרע און איהר צוריק אוועקגעטראגען. דאס מיידעל איז געווען זעהר נייגעריג.

„ווי לאנג בין איך דארט געבליבען?''

א רגע איז ליזא געבליבען אונטער דער קאלדרע ליעגען. דערנאך האט זי אויפגעעפענט איהרע אויגען און איהר געענטפערט:

„זיי האבען מיר אויף מיין ווארט נישט... געשניטען!...

.Lik איבערזעצט

עדנארד פא.

עלדאראדא.

אִיבֶּער בַּארג, אִיבֶּער טָאהל
אִיז אַרִיבֶּערגֶעגאַנגֶען אַמָאל
געֶהיִיסֶען האָט ער סֶערֶענאַדאָ
בַּארוועֶרטס געֶדעט עֶר און געֶהט
אומעֶטום איז אַלץ טוידט
עֶר זוכט דאָס לאַנד עֶלדאָראַדאָ

עֶס וואַנדערֶט אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר.
שוין גראָהעֶ פּעֶדים אין די האָהר
מִיעד און אַלט איז שוין סֶערֶענאַדאָ
עֶר פאָהרט איבֶּעראַל
און קעֶן פאַר קיין פאַל
ניט געֶפינעֶן דאָס לאַנד עֶלדאָראַדאָ

די טעֶג, די יאָהרעֶן עֶנטרונעֶן
איינמאָל פאַר איהם איז עֶרשינעֶן
אַ גייסט; און פרעֶגט וואָס זוכסטו סֶערֶענאַדאָ
זאָגט דעֶר ריטעֶר איהם דרייסט:
זאָג מיר שנעֶל אויב דו ווייסט

וואו געפינט זיך דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ

און געזאָגט האָט דער שטן:
„וואו קיין פוס האָט געטראָטען,
וואו דער טאָג ווערט געבאָרען
און די נאכט ווערט פערלאָרען,
וואו ס׳שיינט איביג די זון — סערענאַדאָ.
אַלץ פאָרווערטס געה און געה
איבער בערג, בעדעקט מיט שנעע.
דעם גיהנם און גן־עדן
מוזט דו ריטער פריהער מיידען
אויב ווילסט געפינען דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ.

(ענדע.)

— דאָס איז בלויז אַ דראַפּע, — האָט ער געשטאַמעלט. — עס וועט נאָך אַנדערש ווערען.

— דײַ גוטהערציג, — האָט זי געשעפּטשעט, איהם צום בעט צו־ציהענדיג און גלײַך ווי זי וואָלט געבעטען ער זאָל איהר אומאַרמען.

— דאָס גאַנצע שענהײַט מײַנע האָב איך נאָר פון דיר געהאַט, יעדע פרײַדע, יעדע לוסט. ווײַסט דו וועגען וואָס איך האָב פאַנטאַזירט נאָך זײַענדיג אַ קינד אין מאַן דושימיניאַנאָ? וועגען דיר, אָ, מײַן ליעבער.

פאַנטאַזירענדיג האָט זי דעם קאָפּ אַהינטער געוואָרפען, מיט אַ בלאָנ־דושענדיגען שמײַכעל פון לײַדענשאַפט און גליק, האָט זי דעם קינושאַל, נאָך וועלכען זײַן האַנד האָט זיך נאָכגעשלעפּט, צו זיך אויסגעדרעהט, ער זאָל עס איהר אַרײַנשטעכען: און אויך די דאָזיגע סאַמע נישט שרעק־ליכע בעוועגונג איהרע איז געווען פול מיט פראַכט און ליעבליכקײַט ווי איהרע סאַמע שעסטע לאַסקעס.

דאַמאָלס האָט ער, פערקוועטשענדיג די אויגען, שוידערענדיג אין גאַנצען פאַר שרעק, איהר דעם קינושאַל אַרײַנגעשטאָכען, נישט וועלענדיג עס און נאָך אײדער זי האָט זיך דערויף געריכטעט. זי האָט אַ שרעקליך געשריי געטהון.

עפענדיג די אויגען, האָט ער נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. וואו איז זי געבליעבען? ער האָט געזוכט איהר קאָפּ. ער איז אַראָבגעהאָנגען איבער'ן ראַנד פון בעט. ער האָט איהם אויפ'ן קישען אַרויפגעהויבען. נאָר אַ שטיקעל ווײַסע פלײַש האָט זיך איהם גע־וואַלגערט אויפ'ן בויך. וואָס איז דאָס אַזעלכעס? דער געלענק פון פינגער. ער איז אויפגעשפרונגען שוידערענדיג פאַר שרעק. דאָס שטיק שטאָל איז מיט אַ געראַויש אַראָבגעפאַלען.

— וואָס האָב איך געטהון? איך האָב עס געטהון? איך? אָט ליעגט די האַזיגע פרוי, און בלוט איז דאָ אויף איהרע ליפּען. זי קאָרטשעט זיך, זי גוססט. פאַרוואָס? גאָט מײַנער, איהר ברוסט עפענט זיך: דזשעממאַ!

מיט אַ װילדען געשריי האָט ער זיך איבער איהר אַריבערגעבויגען. זי האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע אויסלעשענדיגע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַ פראַגע אויסגעדריקט.

פלוצלונג האָט ער פערשטאַנען. זי האָט געפאָדערט, ער זאָל יעצט דעם קינושאַל אין זײַן אײגענער ברוסט אַרײַנשטעקען!

ער איז אויפגעשטאַנען, אַ קעלט האָט איהם דורך אַלע בײנער דורכ־

געשווידערט, האָט קוים די פּיס געשלעפּט. אַ גאַנצער הוים האָט זיך יעצט פלוצלונג אויסגעריסען צווישען איהם און איהר. דער גאַנצער אָבגרונד, וואָס שיידעט אָב דעם לעבעדיגען, פאַר וועמען די גאַנצע וועלט איז אָפען, פון דעם טוידטען, פאַר וועלכען נאָר דער וועג צו קבר איז אָפען; דער גאַנצער דאָזיגער אָבגרונד האָט יעצט אויף איהם געקוקט. „וואָס געהט מיר אָן דער גורל פון דער שטאַרבענדיגער דאָ"! טרויעריג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט איינינע מינוטען פאָרדעם האָט ער איהר געזאָגט: „וואָס געהט דיר אָן מיין גורל". דאַמאָלס האָט ער איהר געוואָלט ראַטעווען און זיך אַליין דאָס לעבען נעמען, און יעצט ליעגט זי...

ער האָט זיך צום קינושאַל אויסגעדרעהט. איהרע אויגען אויף איהר גוסס'דיג פּנים האָבען זיך נאָך איהם נאָכגעדרעהט.

— ניין! ווען ער זאָל שוין דאָס יעצט אַפילו טהון, וואָלט ער אַלץ איינס שוין נישט מעהר מיט איהר צוזאַמען געשטאָרבען. דאָס וואָלט געווען זעהר נישט קיין גלייכצייטיגער טוידט. איהר טוידט איז עפּיס אַזאַ איינפאַכער, אַזאַ לייכטער געוועזען. זי איז געשטאָרבען ווי אַ קליין קינד. וואָס האָט זי געוואוסט? און וואָס האָט זי געצווייפעלט. וועלכע פערצווייפלונגען האָבען איהר צום לעבען צוגעשמידט? זי איז אויף דער וועלט אַראָבגעקומען, בלויז זיינע ליידענשאַפטען צו בעפריעדיגען. איהר גאַנצע פערגאַנגענהייט, איהר קורץ לעבען, גלייך ווי אַ קורצע, גלייכע אַלעע, וואָס פיהרט צו איהם, צו איהם און צו יענער לבנה נאַכט, ווען זי האָט זיך אין זיינע אָרעמס געוואָרפען. צווישען יענער לבנהדיגער נאַכט און דער היינטיגער, ווען זי ליעגט און שטאַרבט, האָט זי גאָרנישט איבערגעלאָזט הינטער זיך; זי האָט נישט געהאַט וואָס צו בעדויערען.

אָבער ער — אָ, ער! ערשט אין דער יעצטיגער מינוט האָט ער זיך אַרויסגעריסען פון דעם ווילדען, פערוואַקסענעם גאָרטען און ווידער דערזעהן פאַר זיך די ברייטע, ווייטע וועלט. וויפיעל גענוס בלייבט נאָך פאַר איהם איבער — אין ליידענשאַפטען, אין ליידען און שטרעבען! מיט וועלכע אונערקלערליכע גליקליכקייט האָט די וועלט איהם ענטקעגען געשטעלט געשטראַהלטע פרויען, פאַנטאַזיעס, עהרע און לויב! ער האָט געפיהלט ווי עפּיס נייע וואונדער ווערען אין איהם געבאָרען. די שעפפונג איז גלייך ווי אַ יונגער וואַלד דאַמאָלס אין זיין נשמה אויפגעוואַקסען, דאַמאָלס ווען דושעממאַ, אַ קליינע, אַ נאַקעטע, האָט זיך אַרום איהם געדרעהט, — יעצט דאַרף מען זיך דורך דעם דאָזיגען יונגען וואַלד דורכברעכען און צו זיין קונסט דערגרייכען! זי האָט איהר אויפגאַבע שוין

געגענדיגט, זי, די גרויסאַרטיגע געליעבטע — וועלכע שטאַרבען יעצט אַב. אָ, וואָס וועט ער יעצט פֿון איהר מאַכען! און פֿון איהר טוידט צו וואָס זשע איז זי געשטאָרבען, ווען ער זאָל פֿון איהר גאָרנישט בעשאַפֿען.

איהר בליק אָבער, אויסגעדרעהט די גאַנצע צייט מיט די ווייסלעך איז צונעשמידט געווען צו איהם מיט איהרע שמאָלע האַלבּרונדע שוואַרצלעך.

— וואָס טראַכט איך, וואָס טהו איך. איך פֿערליער די אורטיילסקראַפֿט. ווי קאָן איך גאָר קוקען אַזוי נישט טיילנעמענדיג אין איהר שרעקליכען ליידען!

ער האָט זיך אומגערעדט און אויסער זיך פֿאַר שרעק האָט ער דעם גלאָק אַ קוועטש געטהון. ער האָט זיך צום טהיר געאײלט. די שטאַרבענדיגע האָט זיך געוואָרפֿען, די לעצטע אָטהעמס אויסהויכענדיג; פּלוצלונג האָט זי אַ הילכיגען געשריי געטהון:

— מערדער! דו מערדער!

ער האָט זי אַ וואָרף געטהון און אין גאַנץ בלאַס אַזוי ווי זי, מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען ווי ביי איהר האָט ער זי אָנגעקוקט. זייערע ביידענס בליקען האָבען זיך בעגעגענט.

פֿון דרויסען האָבען זיך טריט געהערט. דער אַלטער ניקקאָלאָ איז אויפ'ן שוועל אַרויסגעטרעטען, אָבער באַלד איז ער מיט אַ ווילד געשריי צוריקגעשפרונגען. די טהיר איז געבליבען אָפֿען, און שטוב איז געוואָרען אַ געוואַלד.

מאַריאָ מאַילוואַילטאָ האָט נאָך אַלץ שטאַר געקוקט אין זיין געליעבטעס אויגען, וועלכע זענען אַלץ מעהר אויסגעלאָשען געוואָרען.

— מערדער, — האָבען זיינע בלאַסע ליפּען געשטאַמעלט. דו האָסט רעכט. איך האָב זיך צו דיר אונטערגעגנב'עט, און דיין לעבען זיך אַריינגעגנבעט, און דאָס שטאַרקע לעבען, איך האָב געוואָלט לעבען אַ גאַנץ לעבען, ליעבען אָהן איבערלעגונגען, ווערען סוף כל סוף אַ מענש. און שטאַרבען האָב איך געוואָלט, ווי די שטאַרקע שטאַרבען, — מיט איינמאָל. זיי מיר מוחל, דאָס איז געווען אַ טעות. איך האָב דיך נישט אָבגענאַרט. איך האָב געגלויבט. נאָר ווי עס איז געקומען צו אַנ'ענטשלאָסענעם טריט, האָב איך דערזעהן, אַז דאָס איז בלויז אַ קאָמעדיע געווען. דאָס איז געוועזען אַ קאָמעדיע גלייך מיט אַלע אַנדערע. זיי מיר מוחל, טייערע קליינטשיקע מיידעלע. דאָס איז נישט קיין איינפֿאַכע שוואַכקייט — דאָס איז נאָר בלויז

דעריבער ווייל אין אַ קאָמעדיע קומט קיינמאל נישט פאַר עמיצער זאל זיך דאָס לעבען נעמען.

ער האָט דאָס געוועהר פון דער פּאָדלאָגע אויפגעהויבען.

— און דאָך וועל איך עס טהון! זעה נאָר, איך טהו עס!

ער האָט דאָס העמדה צעררִיסען און האָט איהר געוויזען דעם שאַרפען קינזשאַל אויף זיין ברוסט.

— דו זעהסט? דו ביזט מיר מודה? איך טהו עס ווייל דו קוקסט, נאָה דיר צולייב.

ער האָט אָבער בעמערקט, אַז איהרע אויגען זענען שוין פערגלעזערט געוואָרען.

— דו ביזט טוידט? וואָס איז דאָס אַזוינס? מיר האָבען בעדאַרפט ביידע צוזאַמען שטאַרבען, דו האָסט מיך אָבער אַוועקגעוואָרפען? אין דער דאָזיגער מינוט ווען איך בין גרייט, ווען איך וויל דיר אַלץ, אַלץ צום קרבן ברענגען, נישט נאָר דאָס לעבען אַליין, ווי דו האָסט מיר געבראַכט, נאָר נאָך אַנדערע הונדערטע נאָך נישט בעשאַפענע לעבענס, וועלכע זענען אין מיר פערבאָרגען, — אין דער דאָזיגער מינוט ביזט דו פערשוואונדען געוואָרען? אויף עביג פון מיר אַוועק, אַוועק?

ער האָט געשטאַמעלט אונפערשטענדליכע ווערטער.

— דאַמאָלס... וואָס זאל איך טהון? וואָס בלייבט מיר צו טהון? איך ווייס שוין מעהר גאָרנישט.

ער האָט אויפגעהויבען די הענד, זיי צוריק אַראָבגעלאָזט. זיין ווילדע בלאָנדזשענדיגער בליק איז אויף פּיפּאָ ספּאַנאָ'ס פּאָרטרעט געפאַלען.

— דו, וואָס וואָלסט דו יעצט געטהון? האָסט דו ווען שוין איבער־געלעבט אַזאַ מפּלה? דו ביזט מיט דעם שטאַרק געווען וואָס דו האָסט מיר מוטה איינגעגעבען. דו ביזט מיין געוויסען געווען. דו ביזט שולדיג! וואָס דאַרף איך יעצט אָן צו טהון?

פּ י פּ פּ אָ ס פּ אַ נ אָ האָט געשמייכעלט. זיין שלעכט אָנזאָגענדיגער לבנהדיגער שמייכעל, זיין שמייכעל פון צופיעל שטרענגער גלויבען אין זיך זעלבסט האָט זיך אין אַ שרעק פערוואַנדעלט, וועלכער האָט מ אַ ר י אָ מ אַ י ל ו אָ י ל ט אָ ן ווי צוגעשמידט. מיט זיין גאַנצער נשמה האָט ער איהם געטרעגט, צוזאַמענלעגענדיג די הענד ווי צו אַ תפלה, זיך שלעפּענדיג איבער דער פּאָדלאָגע, פערליערענדיג דעם אָטהעם, דאָ אין אַ פלוצלונגדיגע היץ, דאָ אין אַ קאַלטען שווייס, — ניעדערגעשלאָגען, פערצווייפעלט, פערליערענדיג זיין קאָמעדיאַנטען ראָלע.

ע נ ד ע.

(פֿאָרזעצונג פֿון העפֿט 10).

אָבער יענע פֿלעגען זייערע קינדער ערגעץ וואו בעהאַלטען און קיין מענש האָט דערפֿון נישט געוואוסט; דערנאָך האָבען די מיידלעך התונה געהאַט און געוואָרען אָרענטליכע, כשר'ע און גליקליכע פֿרויען; מיט היינטיגע מיידלעך איז דאָך פֿראָסט משוגע צו ווערען; זיי ווייסען שוין גאָרנישט ווי דעם צאָפּ צו טראָגען; פֿרייהייט ווילען זיי און שטודירען און קינדער בעקומען; וואָס פֿאַרצייטען האָבען מאַנסבילען זיך געשעמט דערפֿון צו רעדען אַפילו בחדרי חדרים, רעדען דאָס די היינטיגע מיידלעך אונזשעניִרט פֿאַר אַלעמען אין די אויגען, עפּיס האָט מען דאָך גאָר די בושה און די חרפה פֿערלאָרען, עסבלאַמט מיר דאָך דאָס פּנים הע־רענדיג, ווען מיינע מיידלעך רעדען זיך אַמאָל זיצענדיג אַרום טיש פֿונאַנ־דער; עס גרוילט איינעם דאָס אָנצוהערען; און שולדיג אין דעם איז נאָר די משוגע'ענע פֿרויענבעוועגונג, דאָס פֿערדולט זיי די מיידלעך גאָר דעם קאָפּ!

דער זייגער האָט איינס געשלאָגען.

— איך וועל אייך לענגער נישט אויפֿהאַלטען, פֿרוי ראַט, — האָט אַננאַ נאָך מיט דער זעלבער ענטשלאָסענהייט געזאָגט, — איך זעה דאָך, אַז עס וועט צו גאָרנישט פֿיהרען; וואָס עס קערט זיך די זאָגענאַנטע פֿרויען־בעוועגונג אָן, שטעה איך לײדער זעהר ווייט דערפֿון; וואָס איך זאָג און וואָס איך טהו, טהו איך אויף מיין אייגענעם חשבון און לויט מיין אייגענער איבערצייגונג, און אויב איך האַנדעל פֿאַלש, וועל איך אַליין די שטראָף לײדען; אָבער דאָך האָף איך, אַז עס וועט זיך נאָך אין דעם גרויסען בערלין געפֿינען אַן אָבדאַך פֿאַר מיר און פֿאַר מיין קינד; און אויב נישט, — — — איז דאָך די וועלט גענוג גרויס! אַדיע פֿרוי ראַט! —

— הערען זי, פֿריילין זאַנדער ס, — האָט זיך די אלמנה ענערגיש אָבגערופֿען, — איך האָב אַ פּלאַן; איך וואָלט זעהר גערן וועלען איהר זאָלט ביי מיר וואָהנען, אָבער איהר דאַרפֿט מיר דאָך נישט פֿערדענקען. איך וויל דאָך נישט, אַז מיינע איבעריגע איינוואָהנער זאָלען זיך פֿון מיר אַרויסציהען! איך וועל אַלזאָ די זאַך מאַכען גאַנץ איינפֿאַך: איך וועל היינט ביים טיש, נאָכמיטאָג אָנפֿרעגען ביי די דאַמען, וואָס וואָהנען ביי מיר, אויב זיי וועט נישט אויסמאַכען איך זאָל פֿערדינגען אַ צימער אַ פֿריילין מיט אַ קינד; און איך בין זיכער, אַז זיי וועלען קיינע קעגען דעם קיין

אײנװענדונג ניִשט האָבען, מײַנע דאַמען זענע זאַלען הײַנטװעלטיגע, אָדער װי זײַ זאָגען מאָדערן! זײַ זענען נאָך דולער פאַר די מאַנסבילען װאָס װאָהנען בײַ מיר! ניִשט אמת, אַזוי דאַכט מיר איז דער בעסטער װעג? איך װעל אײַך נאָך הײַנט גופא שרײַבען!

פרוי באָלל איז שטאַרק צופריעדען געװען מיט זיך, װאָס זי איז געפאַלען אויף אַזאַ גוטע אידעע און האָט גאָרניִשט בעמערקט אין װאָס פאַר אַ שרעקליכע טױדט־קװאַל אַננאַ איז פאַר איהר געשטאַנען. איהר שטאָלץ האָט זיך געגען די דאָזיגע בעהאַנדלונג אויפגעברויזט, איבער דאָס אורטייל, װעלכע װילד פרעמדע מענשען װעלען איבער איהר אַרויסזאָגען. — זי — אַננאַ זאַנדהערס, די געלאַסענע, רוהיגע, בערעכענטע שטאָלצע פרײַליין, — — זי זאָל דאָ פאַר די דאָזיגע מענשען אַלס אינטערעסאַנטער פאַל שטעהן! פאַר איהר געלד זאָל זי דאַרפען זײַן אָבהענגיג פון דער גנאַדע פון װעלכער עס איז נאַרישע פלאַפלערישע פרויען? — שוידערהאַפט! — אַה, טאַנטע רעזי, קאָנסט דו זיך גאָר פאָרשטעלען אַזוי װאָס! אָבער האָט זי אַנאַנדער ברירה, זי מוז דאָ דינגען די דירה, אַ ניִשט קומט איהר אוים מיט איהר קינד צו נעכטיגען אויפ׳ן גאַס! —

פרוי באָלל איז איהר געפאַלען, אַ גאַנץ סימפּאַטישע פרוי, די דאָזיגע בערזאָרגטע, צעשראָקענע בעשעפעניש האָט איהר לײַד געטהון. דער פרײַז איז אַ ביליגער, די געגענד אַ גוטע, אָטטאָ װעט דעם פאַרק האָבען אַזוי נאָהנט! — אַננאַ האָט געקלערט און זיך געיישובט, ענדליך האָט זי עס שוין לענגער ניִשט געקאָנט דערהאַלטען. נאָך אַמאָל אויסשטעהן די איבעריגע הרפּות, נאָך אַמאָל זיך שװאַרצען דאָס פּנים פאַר אַ צװײַטע װירטען? נײַן, דאָס װעט זי שוין ניִשט קאָנען אַריבערטראָגען:

—טהוען זי װאָס זי װילען, — האָט זי מיט אַ היזעריגער שטימע קוים אַרויסגערעדט — אָבער ביז פינף דעם זײגער מוז איך האָבען אַ קלאָרע תשובה! מײַן אַדרעסע שטעהט אויף דער קאַרטע! —

— גוט מײַן ליעבעס פרײַליין! — האָט די פרוי באָלל מיט אַ פרעהליכער און צופריעדענער שטימע געזאָגט, — מיר װעלען שוין צוזאַמענקומען, בּנישקשה, און לעבען גוט אײנע מיט די אַנדערע! איך בין גאָרניִשט אַזוי שלעכט, װי זי מיינען, אַבי מען טהוט מיר קײן שלעכטס ניִשט טהו איך יענעם אַודאי ניִשט! און קלײנע קינדער האָב איך ליעב װי דאָס גאַנצע לעבען און איך װײס װי עס איז אַ מוטער צום מוט; תאָמש פון מײַנע פינף קינדער האָב איך דרײַען אויפ׳ן גוטען אָרט אַװעקגעשיקט! און מײַנע בײדע גרויסע בחורים ליעגען נאָך אויך אויף מײַן

האַלז און אויף מיין קעשענע!—

די ביידע פרויען האָבען זיך צעשיידט. די איינוואוינערינס ביי פרוי באַלל האָבען גאַרנישט געהאַט קעגען דעם, אַדרבא זיי זענען גאָר כמעט בע־גייסטערט און גערידהרט געוועזען פון דעם. זיי האָבען אַננאַן מיט איהר קינד ליעב בעקומען נאָך איידער זיי האָבען זיי געזעהן. פרוי באָלל האָט איהר גאַנצע פאַנטאַזיע אָנגעווענדעט און האָט די נייע פאָרגעשטעלט אַלס אַ געפאַלענער קרבן דורך אַ פערדאָרבענעם ניעדערטרעכטיגען מענ־שען, און פערדיענט, אַז מען זאָל אויף איהר רחמנות האָבען. זי האָט אין אַננאַ'ס אומגליק אַ גאַנצען שפּאַנענדען ראָמאַן פערוויקעלט, אַ ראָ־מאַן פול מיט סודות און סענסאַציעס און האָט די דאַמען בעשוואָרען מיט די הייליגסטע שבועות, אַז זיי זאָלען למען השם און למען השם איהר נישט אויספרעגען אָדער איהר הלילה וחס נישט שלעכט בעהאַנ־דלען — — — — — — אַזוי ערנאָך איז אויסגעקומען, אַז מען האָט אויף דער נייער שכנה, וועלכע מען האָט שוין געהאַט אַ נאָמען געגעבען „פריילין מוטער", געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד. די הערצען האָבען זיך אויך דעם גאַנצען אמת דערוואוסט און זענען אויך גלייך ווי די דאַמען זעהר נייגעריג געוועזען. — מען איז אין די פענסטער געלעגען און מ'כלומר'שט „צופעליג" אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. מען איז זיך סתם אַזוי געגאַנגען אין קאָרידאָר אַהין און צוריק, אָדער מען האָט פערגעסען על פי טעות די טהיר גוט צו צומאַכען און דורך דעם אָפּענגעלאָזענעם שפּאַלט אַרויס־געקוקט בשעת די ביידע האָושקעס זענען אין הויף אַריינגעפאָהרען. מען האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אויף די קאַסער און קערב, די שלאַנ־קע געשטאַלט אין טיעפען טרויער האָט מען קוים צו זעהן בעקומען אויך די ניאַנע און דאָס קינד האָט מען קוים קוים געקאָנט בעקוקען, אָבער אַלע הערצער האָבען שטאַרקער און געשווינדער געקלאַפּט פאַר גרוים רחמנות אויף די נייע שכנה. עס האָט אויסגעזעהן, אַז דאָס וואָס אַננאַ האָט אָנגערופען איהר „חרפה" איז ביי זיי גאָר געוואָרען אַ מין קדושה!

אין די ערשטע דריי טעג האָט מען די „פריילין־מוטער" צו זייער אַלעמענס פערוואונדערונג גאַרנישט אָנגעזעהן. ביי אַננאַן איז יעצט אַ רעאַקציע איינגעטרעטען. אין העכסטער פערצווייפלונג איז זי דעם גאַנ־צען טאָג נעבען פענסטער אויף אַ קאָרב־שטול געזעסען. זי האָט געקוקט אויף די אָבגעריבענע מעבעל אין איהר צימער, אויף דעם פוסטען הויף מיט די קרעמעלעך און וואוינונגלעך אָהן אַ צאָהל. זי האָט איהר יעצטיגע וואוינונג פערגליכען מיט איהר וואוינונג אויף דער שעללינג־גאַס, וואָ

זי האָט זיך געדאַט איהר בעקוועמען צימער מיט די פיינסטע און עלעגאַנטסטע מעבעל, די בעסטע פון איהרע עלטערנס הויז. דאָרטען האָט זי זיך געוואוינט אָהן זאָרג, געאַרבייט מיט לוסט, קרובים און גוטע חברטעס פריינדליך אויפגענומען און מיט זיי גוט פערבראַכט. שטאָלץ געווען אויף איהרע עלבסטשטענדיגקייט, איהר פרייהייט און ריינקייט. פאַנטאַזירט אין גאָלדענע חלומות חעגען דער צוקונפט געחלומ׳ט, געבויט זיך גאָלדענע לופט-שלעסער, פון וועלכע איהר כון לאַנג שוין פערגעטערטער קאַנטהאַגען איז דער מיטעלפונקט געוועזען. יעצט האָט זי זיך יענע צייט אַלס דאָס העכסטע אידעאַל פאָרגעשטעלט. אמת דאַמאָלס איז זי אויך נישט געווען צופריעדען מיט איהר לאַגע, דאַמאָלס האָט זי זיך בעקלאָגט וואָס זי קאָן נישט געניסען קיין פערגניגען, מוז זיצען אַגאַנצען טאָג פערשפאַרט ביי דער אַרבייט, קומט ווייניג צווישען מענשען. דערנאָך איז דער גליקליכער יולי געקומען מיט דעם ווידער זעהען זיך אין צינאָוויטש. די שטאַרקע ליידענשאַפט, וואָס איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג, זיינע געבעט-בריעף. די רייזע צו איהם אין לאַגער, דער פאַל! — דערנאָך דער שוידערפולער ווינטער מיט דער שרעקליכער ענטדעקונג, אַז באַלד וועט זי ווערען אַמוטער. די אַנגסט, די חרפה! מען האָט זיך פון איהר דערווייטערט, איהר אויסגעמיעדען ווי אַן אַנשטעקענדיגע קרענק. אין מערץ האָט איהר דער פרינציפאַל געקינדיגט די שטעלע. דאָס ביסעל אָבגעשפאָרטע געלד איז באַלד ווי שנעע פאַר דער זון צעשמאָלצען געוואָרען. די ציהרונג פון די עלטערן: זייגערס, גאָלדענע האַראַרשפּלקעס, בראַשען, אַלץ איז אין לאָמבאַרד אַריינגעוואַנדערט. זי האָט זיך געמוזט צוגעוואָהנען צו די פּראָסטע עסענעס אין דער פאָלקס-קיך! אַננאַ האָט אָבגעזיפצט.— דערנאָך האָט זי געמוזט די שענע, צירלע, געשמאַקפולע מעבעל פאַר בחצי חנם, פאַר אומזיסט פערקויפען און דערנאָך דאָס אַנטלויפען אין דאָס טהירינגשע נעסט, וואו זי אָטט אָן אויף דער וועלט געבראַכט. די שווערע, לאַנגע קינפּעט אינם פויערישען הייזעל! ענדליך די רעטונג דורך פרוי פאָן דראָסס, וועלכע האָט פון איהר געהערט און איז אַליין געקומען, זי אָבנעהמען! — נון זענען אָנגעקומען די גליקליכע וואונדערשענע פערצעהן חדשים, אין דע טרייכען, קאָסטבאַרען הויז, וואו מען האָט זי ווי אַן אָוג אין קאָפּ אָבגעהיט, וואו די גוטהערציגע, זיידענע פרוי האָט איהר די צערטליכע ליעבע בעוויזען און דערנאָך איז געקומען דאָס שווערע אומגליק אין האָט די ערעלע פרוי פון איהר אַזוי געשווינד אַוועקגעריסען, נו פריה זי פון איהר אין פון איהר קינד אַוועק-

גערויבט און אין פינסטערן קבר אריינגעוואָרפען! —

פרוי קאך איז מיט אטטא געוועזן שפאצירען געגאנגען. אננא איז געבליבען אליין. זי האט איהרע אָרעמס אויף דעם פענסטער-ברעט אָנגעשפארט, דערויף דעם קאפ אנידערגעלעגט און זיך צעהל פעט אויפ'ן קול, אז עס האט פאר'ן הארצען אָנגענומען. זי האט פאר זיך גוטא געקרעכצט און געיאָמערט: „מאנטע רעזי! — אטטא! — אטטא! אין די בענקשאפט נאך דער קיינמאל שוין נישט צוריקקומענדיגע טוידטע אין דעם הייטען געליעבטער, די דאָזיגע בענקשאפט, וואס האט זיך ביי איהר גאר פון דאָס ניי אויפגעוואכט, האט איהר דאָס הארץ אין שטיקער צעריסען. —

זי האט נישט געהערט, ווי מען האט שטיל אָנגעקלאפט, ווי די טהיר האט זיך שטיל און לאנגזאם געעפענט. א דינע אלטליכע פרויען-געשטאלט האט אריינגעקוקט, איז אויף די שפיץ-פינגער און ענטשלאָסען אלין נעהנטער צוגעגאנגען און צוויי אויגען פערשלייערט מיט אריבער-שטרעמענדיגע טרעהרען האבען מיט פערצווייפעלטער מיטלייד אויף איהר געקוקט. אין דער רעכטער האנד האט די אריינקומענדיגע פרוי געהאלטען א קליין בינטעל בלומען פון פיילכען און רעזעדא. — די איז געוועזען די געמיינדע-שול-לעהרערין בערטהא ראָזט, אננא'ס נאָהנטע שכנה, וועלכע האט שוין נישט געקאָנט אריבער טראָגען אננא'ס יאָמערן און וויינען גאנצע דריי טעג נאָכאנאנד. — און אזוי ווי אננא איז נישט געגאנגען צום מיטאָגס-טיש צוזאמען מיט די אנדערע איינוואָהנער און האט זיך דאָס עסען געלאָזט דורך פרוי קאָך צו זיך אין צימער ארויפטראָגען, איז זי נאָך פאר קיינעם נישט פארגעשטעלט געווארען. פריילין ראָזט האט פערשטאנען, אז זי האט זיך נישט פאסיג אויפגעפיהרט, וואָס זי איז אין א פרעמדענס צימער אָהן ערלויבניש אריינגעדרונגען און איז דעריבער מיט אנאיינגעהאלטענעם אָטהעם אויף איין אָרט שטעהן געבליבען, נישט זייענדיג דרייסט א טריט ווייטער צו געהן. זי האט געווארט און געלאָזען זיין טרעהרען-קוואל, וואס האט זיך אין איהר געפיהל-פולעם הארץ געעפענט און דורך די אויגען געשטראָמט, אויף איהרע באקען רוהיג ווייטער פליסען. זי האט געהערט, ווי אננא האט עפיס געמורמעלט אונ-פערשטענדליכע ווערטער, א מורמלען וואָס איז אָפט פון א הלבפערדריי איבער-געריסען געוואָרען. ביסלעכווייז איז דער יאָמער לייכטער געוואָרען. די אומגליקליכע האט ארויסגענומען א טאשענטיכעל און זיך די טרעהרען אָבגעווישט. לאנגזאם איז זי צו זיך געקומען און האסטיג איז זי אויפ-געשפרונגען, דערזעהענדיג פלוצלונג פאר זיך א האנד מיט בלומען אויס-

געשטרעקט. זי האָט איהרע אויגען אויפגעהויבען און ערשט יעצט האָט זי די פרעמדע זייענדיג פרוי דערזעהן.

— ליעבע, גוטע פרײליין זאַנדערס, ביטע, זײַען זי ניט בייז אויף מיר! — האָט די אַרײַנגעקומענע פרוי ווי געבעטען זיך — איך האָב שוין אַנדערש ניט געקאָנט מעהר, איך האָב געמוזט אַרײַנקומען! — — — — אַ פאָאַר קליינע בלימלעך האָב איך אייך דאָ געבראַכט, נעהמט עס ביי מיר צו! — — — קיין מענש איז ניט אינגאַנצען עלענד! — — — אפשר קאָן איך אייך מיט וואָס העלפען? —

דער וואַרימער האַרצעדיגער טאָן, מיט וועלכען דאָס פרײליין האָט גערעדט האָט אַנגאַ'ן טיעף געריהרט. זי האָט געפיהלט, אַז יענע איז צו איהר אַרײַנגעקומען בלויז אויס ריינער רחמנות, אויס מיטגעפיהל און קיין שום נייגיעריגקייט איז דערביי ניט אַרײַנגעמישט געווען. — אַנגאַ האָט זיך אויפגעהויבען און איז דעם ניט געריכטעטען גאַסט אייניגע שריט אַנטקעגען געגאַנגען. אַלס אַנגאַ איז אַזוי געשטאַנען פאַר יענע דאַמע מיט איהר שלאַנקע פיגור און רייצענדעם אויסזעהן, מיט דעם ווײַסען שרונה אין די ברוינע זײַדענע האָר, האָט זי איהר פאַר גרויס ליעבשאַפט און מיטגעפיהל געוואָלט פשוט אײַנשלינגען. — אַזוי מוז אַ מאַדאָנע אויסזעהן, — האָט זי זיך געטראַכט און פאַר אַנגאַ'ן זיך טיעף פערבויגט.

— ווער זײַט איהר, ליעבעס פרײליין, און ווי קומען זי גראָד צו מיר? — האָט אַנגאַ געפרעגט.

— אַה, איך וואוין דאָ אין דעם דערבײַאיגען צימער, אין דעם קליינעם אײַנפענסטערדיגען צימערל לינקס! — האָט די אַרײַנגעקומענע געשטאַמעלט — איך הייס בערטהאַ ראָזט און בין אַלעהרערין! — ענטשולדיגען זי מיר נאָר! איך האָב געמיינט איך וועל אייך מיט עפּיס קאָנען נוצען? — —

(פאָרזעצונג קומט).

יאנוש קארטשאק.

פּראַנער.

איהר ווייסט, ווער עס איז גאַשינסקי?

— מיר ווייסען.

— און די קאַווערצקע'ן?

— מיר ווייסען.

— און מאַרגאָט קאַפּטאַל?

— מיר ווייסען.

— אַלע בעדייטענדע פּערזאָנען פון וואַרשא, אינלאַנד און אויסלאַנד קענט איהר?

— מיר קענען.

— און פּראַנעק'ן קענט איהר?

— וועלכען פּראַנעק?

— נו פּראַנעק'ן, וואָס האָט נישט קיין בײַנאָמען.

— ניין, מיר קענען נישט פּראַנעק'ן.

— אַ זעהט איהר?

פּראַנעק האָט אין אמת'ן נישט קיין בײַנאָמען; נאָך פּאַר זיין געבוירען ווערען, האָבען מענשען געוואוסט, אַז ער וועט קיין בײַנאָמען נישט האָבען, און ער איז זיך פּאָרט געבוירען געוואָרען.

איהר בעמערקט? אַזאַ שלים־מזל, לאַנג קוים פינפציג צענטימעטער, און איז שוין אַן־אײַנגעשפּאַרטער הונד, און שוין, ווי ער וואָלט דוקא געמאַכט פון די הייליגע זיטען, האָט ער געוואַגט געבוירען צו ווערען, נישט נאָר אָהן אַ בײַנאָמען, נאָר אפילו ווי אָהן אַ טאַטען, און נאָך פיעל אַנדערע פאָרמאַליטעטען.

— צו שטיל, אונבעמערקט האָט זיך פראַנעק אַרײַנגעגליטשט צװישען די מלכים פון די בעשעפעניששען?

אַניאײנפאַל: ער האָט געשריגען, געריסען זיך, געקאָפּעט, װי ער װאָלט ניט אײנעם, נאָר דרײַ, און דאָס בעדײַטענדע טאַטעס געהאַט.

— סירידערט אויף — ניט אמת?

— פערשטעהט זיך.

— און איך מײן אויך אַזױ.

פערפאַלען: ס'איז געשעהען.

— געבוירען װערען — הײסט נאָך ניט — לעבען. פראַנעק האָט נאָך געקענט זײַנע פעהיגקײטען פערלירען. ער האָט געקענט אין צװײ, דרײַ אָדער אין עלף חדשים נאָכ'ן געבוירען װערען — שטאַרבען. אַזױ טהוען אַ סך קינדער, ניט נאָר אָהן אַ בײַנאָמען, נאָר אפילו מיט אַ בײַנאָמען. ער קוקט זיך אַרום דער בעל-הבית איבער דער שטוב: דושנע, פינסטער, שמוציג, הונגעריג, נעהמט ער צו די זיעבען זאַכען און פערגרעסערט די גרױסע מלאָכים'לעך, האָטש עס שרײַבט ניט װעגען דעם קײן שום צײַטונג.

פראַנעק איז אַניאַנדערע זאַך: ער האָט בעשלאָסען צו להכעיס די װעלט — צו לעבען. איהר פערשטעהט?

די מאַמע האָט איהם אײַנגעװיקעלט אין אַ פּעשיטולעק צו קאָרמענען מיט אַ טעפּיל. ער גאָר ניט; די מאַמע האָט פאַר צװײ חדשים ניט בעצאָהלט — ער גאָר ניט. דרײַ פון זײַן סיגלײַכען האָבען פערלאָזט די װעלט פון בײַנעמען — ער גאָר ניט. די אױפזעהערין האָט איהם אַמאָל על פי טעות אַראָבגעװאָרפען אויף דער ערד — ער גאָר ניט. ער האָט געזעהען אַז מען קען ניט אַנדערש, האָט ער געקריגען די ענגלישע קרענק. (אַ קלוגער נאָמען: ראַחיטיס) — אָבער האָטש דאָס אַלץ האָט ער געלעבט, ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, פערביסען די דזיאָנסלעס (קײן צײהן האָט ער נאָך ניט געהאַט) — און געלעבט. און װאָס װעסטו מיט אַזעלכען מאַכען?

די שוץ-געזעלשאַפט פאַר חיות גיט אַכטונג אויף אַ הונד אָהן אַ בעל-הבית, אָבער ניט אויף קינדער — אָהן אַ בײַנאָמען. האָט זיך אַלזאָ פראַנעק געקענט אַרומװאַלגערען ניט ציהענדיג אויף זיך קײנעמס אויפמערקזאַמקײַט. יאָ, פון דער רעכטיגער זײַט האָט ער געקענט, נאָר פון דער פּאַקטישער זײַט האָט ער ניט געקענט: ער האָט נאָך ניט געקענט געהן. איך צום בײַשפּיעל קען האָבען אַ הויז, אָבער פאַרװאָס װעל איך עס קויפען?

פערשטאַנען?!

פראַנעק איז אַלט געװען פיער יאָהר, װען ער איז געגאַנגען דיענען.

איך בעט אייך נישט צו נעהמען דאס ווערטליך: א פיער-יאהריג קינד, האטש אפילו אינגאנצען אהן א ביינאמען, וועט נישט זיין קיין לאקיי ביי א דאקטאר, נישט קיין פראטער ביי אנ'אדוואקאט, נישט קיין משרת אין א לאמפען-געשעפט, וויין-האנדעל, אדער אפילו אין א שענק. אבער פראנעק האט געוויגט די מאלערקעס קינדער און האט זיי אויסגעטרינקען די מילך. די מאלערקע איז דערגאנגען, אז ער טרינקט אויס די מילך, האט זי איהם געשלאגען מיט א לעדיג טעפיל איבער'ן קאפ, אבער זי וואלט איהם געשלאגען, ווען ער זאל אפילו נישט אויסטרינקען, טא צו-וואס האט ער בעדארפט זיין אנ'עהרליך לעמעלע.

אלטזייענדיג זיעבען יאהר, האט פראנעק אויפגעגעסען א טוץ קישקעלעך. די מעשה איז געוועזען אזוי: א בעדנער האט פארבעטען געסט, האט ער זיך אנגעשכור'ט און טראגענדיג די קישקעלעך פאר די געסט, איז ער אומגעפאלען און האט פערלוירען דאס פעקעל. סטרעפט אז עס שכור'ט זיך אן נישט נישט נאר א בעדנער, נאר אפילו אנ'אפטייקער, און א סטודענט פון מעדיצינישען פאקולטעט, און א סעקרעטאר פון א קאנסערוואטיווע צייטונג אבער נישט דאס איז דער עיקר.. גענוג איז, אז פראנעק האט אויפגעגעסען מיט אמאל דאס גאנצע טוץ קישקעלעך און א גרויסע קראפט איז אין איהם אריין.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שפיץ פון א לייטער (אבער נישט פון דער געזעלשאפטס-הערשונג, נאר — פון טויבען-שלאג) און האט אזוי געטראכט:

די אידעאלסטע מענשען אויף דער וועלט זענען — זאל זיין וואס עס וויל — שכורים.

און וויל א פונק פון אידעאל טליעט זיך אפילו אין די נשמות פון אזעלכע, וואס האבען נישט קיין ביינעמען, האט אלוא פראנעק בעשלאסען צו זיין אנ'אידעאלער מענש, אדער — בלייבען א שכור און פערלירען קישקעלעך.

צי איהר ווייסט ווער עס האט אין פינפטען פאזדושערניק 1897 — אריינגעווארפען א מייזעל אין פאסט-קעסטעל אויף די הלאדנע גאס? און ווען די פאסט-בעאמטע האבען אויסגעשיט די בריף, איז דאס מייזעל מיט א קוויטשעריי אנטלאפען, און אלע האבען זיך דערשראקען, און דערנאך האבען טייל געלאכט, און טייל געזידעלט? ווייסט איהר ווער ס'האט דאס געטהון?

— מיר ווייסען נישט.

— אהא — פראנעק.

— און ווייסט איהר, ווער ס'האט אויסגעהאקט די שויב פון דער לאמטערן אויף יערוזאלימסקא אלעע?

— מיר ווייסען נישט.

— אויך פראנעק.

— און ווייסט איהר, ווער ס'האט אויסגעשריבען א ליעד אונטערן טיטעל „ס'לעבע די קונסט"?

— טעטמאיער.

— זעהר גוט. און ווייסט איהר וואס פאר אן אפערע ס'האט אנגעשריבען זעלצער?

— „מארי".

— אויסגעצייכענט. און ווייסט איהר, ווער ס'איז דירעקטאר פון פיל-הארמאניע?

— רייכמאן.

— און וואס איז די פערל פון די טאטרען?

— זאקאפאנע און דאס ים-אויג.

— גרויסארטיג. דאס אלטדיגג דארף מען ווייסען.

פראנעק האט זיכער נישט געוואוסט, אז אריינפענדיג דאס מייזעל אין פאסט-קעסטיל, און דערצו נאך א מייזעל אהן א מארקע, רייצט ער אויף די פערוואלטונג פון פאסט און טעלעגראף.

פראנעק צובּרעכענדיג די לאמטערן, האט ער מיט דעמזעלבען אויפגערייצט דעם מאגיסטראט פון ווארשא.

און אפשר האט ער געוואוסט — נאר ער איז געוועזען אזא צו-להכעיסניק, ער איז אזוי פרעך געוועזען, דער צעהן-יעהריגער לאבוז, אז ער האט זיך פון אלעם גאר נישט געמאכט.

מ'האט איהם ערלויבט געבּ רען צו ווערען, מ'האט איהם ערלויבט אוועק-צוגנב'ענען ביי די היהנער די קארטאפעל, מ'האט איהם ערלויבט צו געהן אויף קרומע פיס, מ'האט איהם ערלויבט, די פיס זאלען זיך איהם אויסגלייכען (אפשר פון דעם טוץ קישקעלעך) און ער, נישט ער האט געפיהלט א דאנקבארקייט, נישט קיין אונטערטעניגקייט, נישט קיין אכטונג פאר קיינעם.

צי איהר וועט גלויבען דאס פירצעהן-יעהריגע יונגעל היינט, איז נישט לאנג געוועזען בעשריבען אין אלע צייטונגען?

— ער האט א [illegible]טרעטען אין טעאטער?

— נ, ניין.

— ער האט אנגעשריבען א סאנעט?
— אויך נישט.
— ער האט זיך דערטרונקען אין ים-אויג?
— וואס דארט? ער האט בעגנבעט דעם פרינציפאל, און דער פרינציפאל האט איהם געהאפט ביי דער האנד.
— ער האט איהם געהאפט?
— אוראי: דאס שלעכטע קומט שטענדיג ארויס, א שלעכטע טהאט וועט זיך שטענדיג ענטפלעקען. און די האנד פון גערעכטיגקייט וועט שטענדיג ענטדעקען דעם פערברעכער.
— אזא יונג — נו, גו! וואס וועט פון איהם ארויסוואקסען?
— א זעהט איהר? ווייסט איהר אצינד, ווער ס'איז פראנעק?
— מיר ווייסען: א גנב.
— איהר ווייסט ווער עס איז דער גרעסטער פוילישער מאלער?
— מיר ווייסען: מאטעיקא! א נישט אמת, ווייל מאלטשעווסקי — א ליגענד; ווייל פאפאגיסקי! — נידער מיט איהם: עס לעבע באמאק! — וויוואט פאלאט!
— אבער מיינע הערען — שטילער! — און וואו איז דאס ים-אויג?
— אין די טאטרען.
— גרויסארטיג! אלץ דארף מען וויסען... און ווער עס איז פראנעק און ווער עס איז קאוואליערי.
פערשטאנען?...

יודיש: א. קאמא.

אפאריזמען.

די שווערסטע זאך איז וויסען, וואס נישט צו ריידען

די ערד האט א גרעניץ, אבער די מענשליכע דומהייט איז אונענדליך.

מיר ליידען, אייגענטליך פון איין זאך — פון דומהייט. זי איז אבער אלגעמיין און גרויזאם.

די מענשען האלטען, אז דאס וויכטיגסטע אין לעבען איז געגוס.

גוסטאוו פלאבער.

Редизд. Я. ЛИДСКIЙ, Европейская Литература, То 11
Тип. Г. Бимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

12 טע העפט

אײראָפּעאישע ליטעראטור

אינהאלט.

1) דער װעג צו׳ם בית-עלמין — טהאָמאַס מאַנן.
2) דער הײליגער בױם — קאַטול מענדעס.
3) דער אונטערגאַנג פון דעם הױז אושהער — עדגאַר פּאָע.
4) ביאָגראַפישע נאָטיצען — לאָרד בײראָן.
5) טשײלד האַראָלד — לאָרד בײראָן.
6) ליעדער אין פּראָזע — אָסקאַר אואײלד.
7) פרײלײן מוטער (ראָמאַן. פון דײטשען) — ערנכט געאָרגי.
8) אַנ׳אינטערװיו (פון ענגלישען). — מאַרק טװען.

טהאָמאַס מאַנן.

יודיש—פון ל. שאַפּירא.

דער װעג צום בית-עלמין.

דער װעג צו׳ם בית=עלמין איז די גאַנצע צײט געגאַנגען נעבען שאָסעע, די גאַנצע צײט—זײט בײ זײט מיט איהם, ביז׳ן סאַמע ענדפּונקט—דעם בית=עלמין. אויף דער צװײטער זײט װעג האָט מען אין אָנפאַנג בעגעגענט מענשליכע װאָהנונגען, נײע געבײדען פון דער פאָרשטאָדט נאָך אין געבײ, דערנאָך—פעלדער. װאָס אָנבעלאַנגט דעם שאָסעע, בעזױמט מיט אַלטע בוכענבױמער, איז ער האַלב געװען ברוקירט, האַלב נישט. דער װעג, װיעדער, צו׳ם בית=עלמין איז געװען לײכט בעשאָטען מיט געברעקעלטע שטײנדלעך, און דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַ כאַראַקטער פון אַן צנגעגעהמען גאַרטענשטעגעל. פונ׳ם שאָסעע האָט איהם אָבגעשײדט אַ שמאָלער. טרוקענער גראָבען בעװאַקסענעם מיט גראָז און פעלדבלומען.

עס איז געװען פריהלינג, שױן כמעט זומער. די װעלט האָט

געלאַכט. גאָטס בלויע הימלען זענען געווען בעזעעט מיט קלײנע, קײַלעכ=
דיגע. מאַסיווע וואָלקענדלעך, בעשאָטען מיט עפּעס אַזעלכע שנײַווײַסע
שטיקער פון לעכערליכע פאָרמען. די פײגעל האָבען געצוויטשערט צווי=
שען די בוימער, אַ צאַרטער ווינד האָט געוועהט פון די פעלדער.

איבער׳ן שאָסעע האָט געפויזעט אַ וואָגען פון נאָהענטען דאָרף אין
דער ריכטונג צו׳ם שטאָדט, אַ העלפט אויפ׳ן ברוקירטען, אַ העלפט
אויפ׳ן נישט ברוקירטען טײל פון וועג. דער פוהרמאַן האָט אַריבערגע=
האָנגען זײַנע פיס איבער בײדע זײַטען פון קוטשערזיץ און האָט גראָב
געפײַפט. מיט׳ן רוקען צו׳ן איהם, אויפ׳ן הינטערטײל פון וואָגען, איז גע=
זעסען אַ געל הינטעל און מיט זעהר אַן ערנסטען אויסדרוק פון קאָנצענט=
רירטער אויפמערקזאַמקײט אויפ׳ן שאַרפען פיסקעל האָט עס בעטראַכט
דעם וועג, וואָס איז געבליבען הינטען. דאָס איז געווען אַ גאָלדען הינ=
טעל, וואָס האָט צו זיך קײן גלײַכען נישט און וועלכעס קאָן אַ מענשען
טיעף אַמוזירען. לײדער איז עס נישט שייך צו׳ם ענין. געהען מיר
פאַרבײַ.

פאַרבײַגעגאַנגען אַן אָבטײלונג סאָלדאַטען פון דער נאָהענטער קאַ=
זאַרמע, זײ האָבען מאַרשירט אין שטויב און געזונגען. אַן אַנדערער פוהר
האָט געפויזעט פון שטאָדט צו׳ם דאָרף. דער פוהרמאַן איז געשלאָפען
און קײן הינטעל איז אין איהר ניט געווען, דעריבער איז זי כלל נישט
אינטערעסאַנט. צווײ מײסטער=געזעלען זענען געגאַנגען איבער׳ן וועג,
אײנער מיט אַ געקרײַזעלטען קאָפּ, דער צווײטער ריעזיג געבויט. זײ זע=
נען געגאַנגען באָרפוס, מיט די שיך אויף די פלײצעס, האָבען גוטמו=
טיג עפּעס אויסגעשריגען צו׳ם שלאָפענדען פוהרמאַן און זענען אַוועק
ווײַטער. אַלעס האָט זיך בעוואויגען מיט געמאָסטענע טריט, אָהן פּלאָנ=
טערס און אומגעריכטע צופאַלען. איבער׳ן וועג צו׳ם בית=עלמין איז גע=
גאַנגען בלויז אײן מענש, לאַנגזאַם, מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, אָנגע=
שפּאַרט אויף אַ שוואַרצען שטאָק. דעם דאָזיגען מענשען האָט מען גע=
רופען פּיפּזאַם, לאָבגאָט פּיפּזאַם — נישט אַנדערש. מיר אונטערשטרײַ=
כען זײַן נאָמען, ווײַל ווײַטער האָט ער זיך אויפגעפיהרט זעהר מאָדנע.

ער איז געווען געקלײדעט אין שוואַרצען, דען ער איז געגאַנגען צו
די קברים פון זײַנע האַרצענסגעליעבטע. אויפ׳ן קאָפּ אַ צעראַצטער בײַ=
כיגער צילינדער=הוט, דער ראָק גלאַנצט פון אַלטקײט, די הויזען קורץ
און שמאָל, די הענטשקעס—אויסגעריבען. זײַן האַלז, דער אָבגעצעהר=
טער לאַנגער האַלז, מיט אַ גרויסען „קנאָפּ״, האָט אַרויסגעשטאַרצט פון

אַן אָבגעלעגטען קאָלנער, וואָס איז געווען אַרומגענעהט מיט פראַנזען; ער איז געווען אַביסעל אָבגעריבען ביי די ברעגען, דער דאָזיגער קאָלנער. און ווען דער מענש האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ. — און דאָס האָט ער אַ פּאָר מאָל געטהון, אום צו זעהן, ווי ווייט ער איז נאָך פון בית-עלמין, — האָט מען געקאָנט זעהן אַ זעלטען פנים, אַ פנים, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי שנעל פערגעסען.

ער איז געווען גלאַט ראַזירט און בלאַס. צווישען די אויסגע׳דבר׳טע באַקען האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ נאָז ווי אַ אוגערקע, פון פאָרענט דיקער, פלאַמענדיג מיט אַ שטאַרקער אונגאַטירליכער רויטקייט. די דאָזיגע נאָז איז געווען בעדעקט מיט אַ גאַנצער מחנה קליינע „ווייַנפערלעך", אונגעזונדע צו-וואַקסען, וואָס האָבען איהם צוגעגעבען אַ אויסערגעוועהנליך, פאַנטאַסטיש אויסזעהן. איהר צו גרויסע היציגקייט האָט זיך שאַרף אָבגעצייכענט אויפ׳ן מאַט-בלאַסען געזיכט, אין דער נאָז איז געווען עט-וואָס אונגלויבליכעס און געקינסטעלטעס, זי האָט אויסגעזעהען ווי אַ צו-געשטעלטע, ווי אַ מאַסקאַראַדען-נאָז, ווי אַ טרויעריגער שפּאַס. אין דער ווירקליכקייט איז עס נישט אַזוי געווען... די ליפען פון זיין ברייטען מויל, מיט אַראָבגעלאָזענע ווינקלען, זענען געווען שטייף צוזאַמענגעדריקט, און ווען ער האָט געוואָרפען אַ בליק אויף עפּעס, האָט ער הויך, ביז צו די ראַנדען פון זיין הוט, געהויבען אַ פּאָר שוואַרצע ברעמען, דורכגע-שניטען מיט ווייסע פעדים, און דאַן האָט מען געקאָנט זעהן, ווי צעהיצט און רחמנות׳דיג-בעשאָטענט זיינע אויגען זענען. קורץ גערעדט, דאָס איז געווען אַ געזיכט, וואָס בעקוקענדיג עס. האָט מען ניט געקאָנט ניט סימפּאַטיזירען מיט דעם. לאָבגאָטס פּיפּזאַמ׳ס אויסזעהן איז נישט געווען פרעהליך. ער האָט זיך שלעכט געפּאַסט צו׳ם בעצויבערענדען פריהמאָרגען. און אפילו פאַר אַ מענשען, וואָס געהט צו די קברים פון זיינע האַרצענס-געליבטע, איז ער געווען צו פער׳צרה׳ט. זאָל מען אָבער האַפּען אַ קוק צו איהם אינווענדיג, וועט מען מוזען מודה זיין, אַז ער האָט געהאַט גענוג אורזאַכען דערצו. ער איז געווען אַ ביסעל גענגט, ווי?.. שווער עס צו ערקלערען פאַר אַ זעלכע פרעהליכע מענשען. ווי איהר זענט... אַ ביסעל אונגליקליך, נישט אמת? איהם איז געווען אַ ביסעל שלעכט. אַך. דעם אמת געזאָגט, נישט אַ ביסעל, נאָר טאַקי אויפ׳ן העכסטען גראַד. אָהן גוזמאות, ער האָט געהאַט אַ פינסטער מזל.

די ערשטע זאַך — ער האָט גע׳שכור׳ט. אָבער וועגען דעם וועלען מיר רעדען ווייטער. דערנאָך: ער איז געווען אַן אַלמן, פער׳יתומ׳ט און

פערלאָזען פון דער גאַנצער וועלט; ניט געהאַט קיין איינציגע ליבענדע נשמה. זיין פרוי — איהר מיידעלשער נאָמען לעבוועלט — האָט איהם פריהצייטיג, אויפ'ן זעקסטען מאָנאַט, געשענקט אַ קינד און איז דערביי געשטאָרבען. דאָס איז געווען דאָס דריטע קינד און געבוירען געוואָרען איז עס אַ טויטס. די אַנדערע צוויי קינדער זענען אויך געשטאָרבען; איינס פון דיפטעריט, דאָס צווייטע סתם אַזוי, פיעלייכט פון שוואַכקייט. דאָס איז נאָך נישט אַלעס; באַלד דערנאָך האָט ער פערלוירען זיין שטעלע, מיט שאַנד אָנגעוואָהרען זיין פרנסה, און געהאַט האָט עס אַ שייכות מיט זיין חסרון, וועלכער איז געווען שטאַרקער פון פיפזאַם'ן.

פריהער האָט ער זיך נאָך ווי עס איז געוועהרט געגען איהם, הגם צייטענווייז האָט ער איהם געדיענט איבער דער מאָס. ווען ער האָט אָבער פערלוירען זיין פרוי און קינדער, און איז געבליבען איינער אַליין אויף דער וועלט, אָהן הילף און שטיצע, אָהן ליבע פון קיינעם און צו קיינעם, האָט די ליידענשאַפט איהם בעהערשט און האָט געבראָכען זיין ווידערשטאַנד אַלץ מעהר און מעהר. ער איז געווען אָנגעשטעלט אין אַן אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט, אַלס עלטערער שרייבער, מיט נייַנציג מאַרק מאָנאַטליכען געהאַלט. שכור'ערהייט איז ער בעגאַנגען אַ רייהע גראָבע פעהלערען, און נאָך עטליכע וואַרנונגען האָט מען איהם ענטזאַגט פון דער שטעלע.

קלאָר, אַז די דאָזיגע מעשה האָט פיפזאַם'ן נישט געשטאַרקט מאָראַליש, אפילו אויף אַ האָר נישט. פערקעהרט, איצט האָט ער שוין גענצט געהן צו גרונד. איהר דאַרפט, נעמליך, וויסען, אַז דאָס אונגליק טויטעט דעם מענשענ'ס ווירדע, עס איז דאָך נוצליך צו יעדער צייט צו האָבען אַ שטיקעל ידיעה אין אַזעלכע זאַכען. דאָ שטעקט אַ מאָדנער און שרעקענדער צוזאַמענהאַנג. דערביי העלפט להלוטין נישט, אויב דער מענש איז זיכער אין זיין אונשולד: מעהרסטענטיילס פעראַכטעט ער זיך אַליין פאַר זיין אונגליק.

פעראַכטונג, ווידער, צו זיך אַליין, און ניעדריגע ליידענשאַפט האָבען אַ שרעקליכע שייכות צווישען זיך, זיי נעהרען איינע די אַנדערע, אַרבייטען איינע פאַר די אַנדערע, אַזוי אַז עס נעהמט אָהן אַ שרעק. אַזוי איז געווען אויך מיט פיפזאַם'ן. ער האָט געטרונקען, ווייל ער האָט זיך פעראַכטעט, און האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פעראַכטעט, ווייל יעדע ווידערהאָלטע זינד געגען די כללים פון אָרענטליכקייט האָט אויפגעפרעסען זיין זיכערהייט אין זיך זעלבסט. ביי איהם אין דער היים,

אין קליידערשאַנק, איז געוועהנליך געשטאַנען אַ פלאַש מיט גיפטיגעלער משקה — אוים פאָרזיכטיגקייט וועלען מיר זי ניט אָנרופען ביים נאָמען. לאַבגאָט פּיפּזאַם איז נישט איינמאָל ממש געליגען אויף די קניען פאַר דעם דאָזיגען שאַנק, האָט זיך געביסען די צונג, און — דאָך איז ער סוף כל סוף געבליבען בעזיגט... נישט גערן דערצעהלען מיר איך אַזעלכע זאַכען, אָבער דאָך איז עס בעלעהרענד, —

אַלזאָ, איז ער געגאַנגען איבער׳ן וועג צו׳ם בית-עלמין, האָט געהויבען און אַראָבגעלאָזען פאַר זיך דאָס שוואַרצע שטעקעל. אַ צאַרט ווינטעל האָט בעוועהט אויך זיין נאָז; אָבער ער האָט עס נישט געמערקט. מיט אויפגעהויבענע ברעמען האָט ער שטומפּיג און טרויעריג געקוקט אויף די וועלט, אַ שלים׳מזל׳דיגער, פערלוירענער מענש.

פלוציים האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ שאָרך: אַ צאַרט פליסטערן האָט זיך שנעל גענעהערט פון ווייטען. ער האָט אומגעקעהרט דאָס געזיכט און זיך אָבגעשטעלט... דאָס האָט אַ וועלאָסיפּעד שוואַך געגרילצט מיט זיינע שינען איבער דער מיט שטיינדלעך בעשאָטענער ערד; ער האָט זיך גענעהערט אין פולען גאַנג, דערנאָך האָט ער זיך עטוואָס איינגעהאַלטען, ווייל פּיפּזאַם איז געשטאַנען אין מיטען וועג.

אַ יונגערמאַן איז געזעסען אין זאָטעל, אַ יונגלינג, אַ זאָרגלאָזער טוריסט. אַך, מיין גאָט, ער האָט בשום אופן ניט געהאַט קיין פּרעטענזיעס צו זיין איינער פון די שטאַרקע און גרויסע אויף דיזער וועלט! די מאַשין זיינע איז געוועזען פון מיטעלער גוטקייט, נישט קיין אונטערשיעד פון וועלכער פאַבריק, געוויס ניט טייערער פון צוויי הונדערט מאַרק. אויף איהר האָט ער געוואָלט, פריש און געזונד, פון שטאָדט אַ וואַנדער טהון אַ ביסעל איבער׳ן דאָרף, מיט גלאַנציגע פּעדאַלען, אַהין אין גאָט׳ס פרייע וועלט אַריין, הוראַ! געטראָגען האָט ער אַ העל העמדעל און אַ גרוי רעקעל, קאַמאַשען פון אַ ספּאָרטסמאַן און אַ שקאָצעוואַטע היטעלע איינס אין דער וועלט — אַ קאַטאָוועס-היטעלע, מיט אַ ברוינעם זוים און אַ קנעפּעל פון אויבען. פון אונטער דעם האָבען זיך אַראָבגעלאָזען גאַנצע גאַרבען בלאָנדע האָר, וואָס האָבען זיך געלעגט איהם אויפ׳ן שטערן, געהאַט האָט ער בלענד-בלויע אויגען. ער איז ערשינען, עהנליך צו׳ם לעבען זעלבסט, און האָט בעריהרט דאָס גלעקעל.

אָבער פּיפּזאַם האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט צו לאָזען אַ וועג. ער איז געשטאַנען אין האָט געקוקט אויף דאָס לעבען מיט אַ אונבעוועגליכען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט.

דאָס לעבען האָט געוואָרפען אויף איהם אַ פערדרוסליכען בליק און האָט גענומען אַרומפאָהרען דעם פּלאַץ, וואו ער איז געשטאַנען, און דאָ האָט זיך פּיפּזאַם אויך געלאָזען געהן. ווען ער איז שוין געווען פון הינטען, האָט ער לאַנגזאַם און בעדייטענד אַרויסגערעדט:

—נומער ניין טויזענד זיבען הונדערט און זיבען.

דערנאָך האָט ער צוזאַמענגעדריקט די ציינער און האָט שאַרף געקוקט פאָראויס, פיהלענדיג אויף זיך דעם פערלעגענעם בליק פונ'ם לעבען. עס האָט אומגעקעהרט דאָס געזיכט, האַלטענדיג זיך מיט איין האַנד פאַר'ן זאָטעל פון הינטען, און איז געפאָהרען זעהר לאַנגזאַם.

—ווי? — האָט עס געפרעגט.

— נומער ניין טויזענד זיבען הונדערט און זיבען. — האָט פּיפּזאַם ווידער געזאָגט. — אָט, גאָרנישט. איך וועל אייך אָנקלאָגען.

—איהר וועט מיך אָנקלאָגען? — האָט דאָס לעבען געפרעגט. עס האָט זיך נאָך מעהר אויסגעקעהרעוועט, איז געפאָהרען נאָך לאַנגזאַמער און מיט שווערינקייט געהאַלטען דעם וועלאָסיפּעד אין גלייכגעוויכט...

—געוויס, — האָט פּיפּזאַם געענטפערט, געהענדיג מיט פינף — זעקס טריט פון הינטען.

פאַר וועלכען? — האָט דאָס לעבען געפרעגט. אַראָבשטייגענדיג. עס איז געשטאַנען און האָט אויסגעזעהען צו זיין פול מיט ערוואַרטונג.

—איהר ווייסט עס אליין זעהר גוט.

—ניין, כ'ווייס עס נישט.

—איהר דאַרפט עס וויסען.

—איך ווייס אָבער נ י ש ט, — האָט דאָס לעבען געזאָגט, — און עס אינטערעסירט מיך גאָרנישט.

דערביי האָט עס אָהן שום פערלעגענהייט זיך גענומען פאַר'ן וועלאָסיפּעד אום ווידער אַרויפצושטייגען.

—איך וועל אייך אָנקלאָגען דערפאַר, וואָס איהר פאָהרט דאָ, — נישט דאָרט, אויפ'ן שאָסע, נאָר דאָ, אויפ'ן וועג צו'ם בית-עלמין, — האָט פּיפּזאַם געזאָגט.

—אָבער, מיין ליעבער הערר, — האָט דאָס לעבען געזאָגט, לאַכענדיג פערדריסליך און אונגעדולדיג, און איז ווידער געבליעבען שטעהן, —איהר זעהט דאָ שפּורען פון וועלאָסיפּעדען איבער'ן גאַנצען וועג דאָ פאָהרט איטליכער...

—מיר איז עס ל ה ל ו ט י ן אַלץ איינס, — האָט פּיפּזאַם געענט-

פערט, — איך וועל אייך אנקלאגען.

—נו, טהוט ווי אייך געפעלט! — האט דאס לעבען אויסגערופען און איז ארויפגעשפרונגען אויפ׳ן זיץ. עס איז ווירקליך ארויפגעשפרונגען, ניט פערשווארצט זיך דאס פנים מיט א דורכפאל; בלויז איינמאל זיך אבגעשטויסען מיט׳ן פוס, געזעסען פעסט אין זאטעל און געמאכט הכנות צו לאזען זיך אין וועג מיט דער געשווינדקייט, וואס פאסט זיך צו זיין טעמפעראמענט.

—אויב איהר פאהרט דא נאך ווייטער, דא אויפ׳ן וועג צו׳ם בית-עלמין, וועל איך אייך, פערשטעהט זיך, אנקלאגען, — האט פיפזאם ארויסגערעדט מיט א געהעכערטער, ציטערענדער שטימע. אבער דאס לעבען האט זיך לעכערליך ווייניג געקימערט וועגען דעם; עס איז געפאהרען ווייטער געשווינדער און געשווינדער.

ווען איהר וואלט אין דעם אויגענבליק געזעהען לאבגאט פיפזאם׳ס געזיכט, וואלט אייך בעפאלען אן אימה. ער האט אזוי שטייף צוזאמענגעדריקט זיינע ליפען, דאס זיינע באקען און די פלאמענדע נאז האבען זיך אינגאנצען איבערגעדרעהט, און זיינע אויגען, פון אונטער די אוננאטירליך—הויך אויפגעהויבענע ברעמען, האבען מיט א משוגענעם אויסדרוק נאכגעקוקט דעם אוועקלויפענדען וועלאסיפעד. פלוצים האט ער זיך געלאזט לויפען. ער איז שמיידיג איבערגעלאפען די קורצע שטרעקע ביז צו דער מאשין און האט זיך אנגעכאפט פאר די טאש ביי׳ם זאטעל. מיט ביידע הענד האט ער זיך אנגעטשעפעט אן איהר, איז געבליבען אינגאנצען הענגען אויף איהר, מיט אונמענשליך—שטארק פערדריקטע ליפען, שווייגענדיג, מיט ווילדע אויגען, און מיט אלע קרעפטען האט ער געצויגען דעם לויפענדען און באלאנסירענדען וועלאסיפעד.

ווער עס וואלט איהם געזעהען, וואלט נישט געוואוסט, וואס צו טראכטען: צו מיינט ער פון פערדרום נישט צו לאזען דעם יונגערמאן צו פאהרען ווייטער, אדער ער ברענט פון חשק — מיטגענומען צו ווערען, ארויפצוקלעטערן הינטען און מיטצופאהרען, אויך א ביסעל וואנדערן, מיט גלענצענדע פעדאלען, אין גאט׳ס פרייע וועלט אריין, הורא! . . . דער וועלאסיפעד האט ניט געקאנט לאנג זיך וועהרען געגען דער דאזיגער משא; ער איז געבליבען שטעהן, האט זיך אנגעבויגען, האט זיך איבערגעקעהרט.

דאן אבער האט דאס לעבען אנגעהויבען צו האנדלען גראב. שטעהענדיג אויף איין פוס, האט עס אויפגעהויבען די רעכטע האנד און

געשענקט דעם הערדן פיפזאם אזא שטויס אין די ברוסט, דאס ער איז צוריקגעפאלען אויף פיעל טריט אהינטער. דערנאך האט עס געזאגט מיט א סטראשענדיג-געהעכערטער שטימע:

—איהר זענט, קענטיג, שכור, גראבער יונג! אויב איהר, מאד-נע אנשיקעניש, וועט זיך ערלויבען מיך נאך אמאל אבצוהאלטען, וועל איך אייך דורכקלאפען, איהר פערשטעהט? איך וועל אייך אנברעכען די ביינער! נעהמט זיך עס אין אכט!

דערביי האט זיך דאס לעבען אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו הערדן פיפזאם, האט זיך ענטשלאסען אנגערוקט דאס היטעלע אויפ'ן קאפ און איז ווידער ארויפגעשפרונגען אויפ'ן וועלאסיפעד. ניין, עס איז נישט געווען אין פערלעגענהייט, א האר אויך ניט. האט זיך אוועקגעזעצט אזוי געלונגען ווי פריהער. האט זיך ווידער בלויז איין מאל אבגעשטויסען מיט'ן פוס, איז מיט זיכערהייט געזעסען אין זאטעל און האט גלייך בע-הערשט די מאשין. פיפזאם האט געזעהען, ווי דער רוקען דערווייטערט זיך שנעלער און שנעלער.

ער איז געשטאנען, האט געסאפעט און נאכגעקוקט דאס לעבען. עס איז נישט געפאלען, קיין אונגליק האט מיט דעם נישט פאסירט, קיין געפלאצטע שינע, קיין שטיין אויפ'ן וועג; עס איז שנעל אוועקגע-פאהרען. דאן האט פיפזאם אנגעהויבען צו שרייען און שעלטען. — זיין געשריי האט מען געקאנט אנגעהמען פאר עפעס א מין געבריל, נאר קיין מענשליכע שטימע איז עס ניט געווען.

—איהר'ט וויי‍טער נישט פאהרען! — האט ער געשריגען. —איהר וועט עס נישט טהון! איהר מוזט פאהרען דארט ארום, אבער נישט אויפ'ן וועג צו'ם בית-עלמין, איהר הערט?!. איהר וועט אראבגעהן, אראבגעהן גלייך, די מינוט! א, א! איך וועל אייך אנקלאגען! אנקלאגען! אך, גאט מיין גאט, וואלסטו נאר געפאלען, געפאלען, דו לייכטזיניגע קא-נאליע. — מיט די פיס וואלט איך דיך געטראטען, מיט די שטיוועל אויפ'ן פנים, דו פערשאלטענער שנעק וואס דו ביזט!..

אזעלכעס איז נאך נישט געהערט און נישט געזעהען געווארען: אויפ'ן וועג צו'ם בית-עולם א מענש, וואס שעלט און זידעלט! ער ברילט, און זיין געזיכט איז אנגעגאסען מיט בלוט. א מענש, וואס טאנצט פון קללות, דרעהט זיך, מאכט מיט הענד און פיס, קאן זיך נים איינשטילען. דער וועלאסיפעד איז שוין פערשוואונדען, און פיפזאם האט נאך אלץ געליארמט אויף דעמזעלבען פלאץ.

—האַלט איהם ! האַלט איהם ! ער פאָהרט איבער'ן וועג צו'ם בית=עלמין , וואָס ? ! דו גאָרנישט ! שטיק קלאָץ ! די הויט וואָלט איך פון דיר אַראָבגעשונדען , דו בלענד=בלויע אויגען , הונד מיט אויערען . גראָבער יונג ! . זיי געהען אַראָב ! אין דעם אויגענבליק געהען זיי אַראָב ! ווערט קיינער טאַקי ניט אַראָבשלײַדערן אויף דר'ערד דעם דאָזיגען טויגעניכטס ? ! . אַרומפאָהרען , וואָס ? אויפ'ן וועג צו'ם בית=עלמין ! וואַרפט איהם אַראָב, דעם שנעק ! אַך . . . אַך . . . וואָלסטו נאָר אַרײַנגעפאַלען אין מײַנע הענד, נישט אמת ? וואָס נאָך ? זאָל דיר דער טײַוועל זיי אַרויסדראַפען , עם=הארץ דו , גראָבער יונג , גראָבער יונג , פע=ערד ! . .

פּיפּזאַם'ס רעד זענען געוואָרען נישט צו'ם איבערגעבען , ער האָט געזאָדען פון צאָרן און מיט אַן אָבגעהאַקטער שטימע האָט ער געשאָטען מיט די שענדליכסטע קללות און חרמות , און דאָס משוגעת פון זײַן קערפּער איז אַלץ געוואַקסען . צוויי קינדער , מיט אַ קאָרב און מיט אַ הונד , זענען אונטער געקומען פון דער זײַט פון שאָסע . זיי זענען אַריבערגעקראָכען דעם גראָבען , האָבען זיך דערנעהערט צו'ם שרײַענדען מענשען און איהם נײַגעריג אָנגעקוקט .

עטליכע מענשען , וואָס האָבען געאַרבײַט בײַ די נײַע געבײַדען אָדער בײַ וועלכע עס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעפאַנגען זייער מיטאָג=שטונדע , זענען אויך געוואָרען אויפמערקזאַם און זענען צוגעקומען צו'ם וועג , מענער ווי פרויען . אָבער פּיפּזאַם האָט אַלץ נעפּילדערט און איז נאָך ערגער געוואָרען . ווילד און צוטומעלט האָט ער געמאַכט מיט די פויסטען אין אַלע זײַטען , געוואָרפען מיט די פיס , זיך געדרעהט , איז געפאַלען און ווידער אויפגעשפּרונגען , ברענענדיג פון תאוה צו שרײַען אַלץ העכער און העכער . ער האָט ניט אויפגעהערט צו שעלטען אויף קיין איינציגע מינוט , ער האָט קוים צײַט געהאַט צו עטהעמען , און ס'איז ערשטוינט צו ווערען , וואו האָט ער גענומען אַזוי פיעל ווערטער . זײַן געזיכט האָט זיך שרעקליך אויפגעבלאָזען , דער צילינדער=הוט איז פערקראָכען אויפ'ן נאַקען , און זײַן איבערגעבונדען פאָרהעמדעל איז אַרויסגעהאָנגען פונ'ם וועסטעל . ער איז שוין לאַנג אַריבער פון פּרט צו'ם כלל און האָט געליאַרמט וועגען אַזעלכע זאַכען , וואָס האָבען אפילו קיין ווײַטע שייכות נישט געהאַט צו'ם ענין . דאָס זענען געווען רמזים אויף זײַן זינדיג לעבען און רעליגיעזע נביאות , געזאָגט מיט אַ גאַנץ אונפּאַסיגען טאָן און רײַך בעפּעפּערט מיט זידעלווערטער .

—געהט אַהער , געהט אַלע אַהער ! — האָט ער געפּילדערט . —

ניִשט איהר, ניִשט בלויז איהר, נאָר אויך אַנדערע, איהר מיִט די היטעלעך און מיִט די בלענד-בלויע אויגען! איך וועל אײַך אויסשרײַען אַזעלכע וואַרהײַטען, פון וועלכע איהר וועט אײביג שוידערן, איהר לײַכטזיניגע גאַרנישטען!.. איהר שציִרעט די צייהן? איהר דריקט מיִט די אַקסלען?.. איך טריִנק... אָ, געוויִס טריִנק איך! איך שכור זאָגאַר, אויב איהר ווילט וויִסען! וואָס בעטײַט עס?! נאָך ניִשט געקומען דער לעצטער אָווענד! עס וועט קומען אַ טאָג, איהר ניִשטיִגע אויסוואָרפען, ווען גאָט דער האַר וועט אונז אַלע אויף די וואָגשאָל לעגען... אַך... אַך... דער מענשענזוהן וועט ערשײַנען אין די וואָלקענס, איהר אונשולדיִגע קאַנאַליעס, און זײַן גערעכטיִגקײַט איז ניִשט פון דער וועלט! ער וועט אײַך אַראָבשלײַדערן אין אָבגרונד פון פיִנסטערניִש, אַהיִן וואו קרעכצען ציִטערען, אײַך פרעהליִכע היפּאָקריִטען...

איהם האָט יעצט ארומגערינגעלט אַ היבשער עולם. אײניגע האָבען געלאַכט, אַנדערע—געקוקט אויף איהם מיט פערוואָלקענטע ברעמען. פון די געבײַדען זענען אונטערגעקומען נאָך עטליכע אַרבײַטער און אַרבײַטאָרינס. אַ פוהרמאַן האָט אָבגעשטעלט זײַן וואָגען אויפ'ן וועג, איז אַראָב אויף די ערד, און מיט דער בײַטש אין האַנד איז ער אויך אַריבער דעם גראָבען. אײנער פון די דערבײַאיגע האָט פּיפּזאַמ'ן אַ טרײַסעל געטהון פאַר די האַנד, אָבער דאָס האָט קײן פעולה ניט געהאַט. פאַרבײַגעגאַנגען אַן אָבטײַלונג סאָלדאַטען; זײ האָבען געצויגען די העלזער אין זײַן זײַט און געלאַכט. דער הונד האָט זיך מעהר ניט געקאָנט אײַנהאַלטען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פערדערשטע פיס אָן די ערד, האָט אונטערגעבויגען דעם עק און גענומען קלאָגען גלײַך איהם אין געזיכט אַרײַן.

פלוציִם האָט לאָבגאָט פּיפּזאַם אויסגעשריִען נאָך אַמאָל מיט אַלע קרעפטען:

—וועסט אַראָבגעהן, וועסט גלײַך אַראָבגעהן, דו אונוויסענדער טפש!

מיט דער האַנד האָט ער אָבגעצײַכענט אַ גרויסען האַלבקרײַז אין דער לופט און איז געפאַלען צו דער ערד. מיט אַמאָל פערשטומט, איז ער געליגען ווי אַ טונקעלער הויפען צווישען די נײַגעריגע. זײַן בײַכיגער ציִלינדער-הוט איז אָבגעפלויגען אין אַ זײַט, האָט אַ שפּרונג געטהון איבער דער ערד און איז אויך געבליבען ליגען.

צוויי מוירער האָבען זיך אָנגעבויגען איבער פּיפּזאַמ'ן און מיט'ן

בעטראַכטען פערשטענדיגען טאָן פון אַרבייטסמענשען האָבען זיי ארומגערעדט דעם פאָרפאַל. דערנאָך האָט זיך איינער פון זיי אויסגעגלייכט און איז אַוועק מיט שנעלע טריט. די פערבליבענע האָבען נאָך אַ פּאָר מאָל געפּרובט אויפמונטערען דעם פער'חלש'טען. איינער האָט איהם בעשפּריצט מיט וואַסער, אַ צווייטער האָט זיך בענעצט די הענד מיט בראַנפען פון זיין פלאַש, און געריבען פּיפּזאַם'ן די שלייפען, אָבער אָהן שום ערפאָלג.

אַזוי איז אַוועק אַשטיקעל צייט. דערנאָך האָט מען דערהערט אַ גרילצען פון רעדער, און מיט'ן שאָסע איז צוגעפאָהרען אַן עקיפּאַזש. דאָס איז געווען אַ סאַניטאַרען-קאַרעטע. געשפּאַנט איז זי געווען צו צוויי שענע פערדלעך, און אויףביידע איהרע זייטען איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסער צלם, צוויי מענשען, געקליידעט אין אוניפאָרם, זענען אַראָב פון זיץ, און וועהרענד איינער איז צו—צו דער הינטערזייט פון דער קאַרעטע, האָט זי אויפגעשלאָסען און פאָרבערייטעט דאָס בעטעל, וואָס רוקט זיך אַרויס, איז דער צווייטער אַוועק אויפ'ן וועג צו'ם בית-עלמין, האָט אָבגעטריבען די לעדיגגעהער, און מיט דער הילף פון איינעם פון די אַנוועזענדע האָט ער צוגעשלעפּט דעם הערין פּיפּזאַם צו דער קאַרעטע. מ'האָט איהם אַוועקגעלעגט אויף דאָס בעטעל און אַריינגערוקט, ווי אַ ברויטלאַבען אין אויווען. די טיר האָט זיך ווידער פערשלאָסען, און די צוויי מענשען זענען אַרויף אויפ'ן וואָגען. דאָס אַלעס איז געשעהען זעהר פּינקטליך, מיט דער הילף פון אַ פּאָר איינגעאיבטע בעוועגונגען, שנעל און אויטאָמאַטיש, ווי אין אַן אַפען-טעאַטער.

און הערנאָך האָבען זיי לאָבגאָט פּיפּזאַם'ן אַוועקגעפיהרט.

קאַטול מענדעס.

דער הייליגער בוים.

(פון פראַנצויזישען)

I

אַ געיאָגטע איבער נאָך אונבעקאַנטע ימים מיט אַ ווינד. וועלכער האָט נאָך ביז יעצט קיין איין זיעגעל ניט אָנגעבלאָזען, איז דעם בעזיעגער שיף אַם ענדע, נאָך שטורמען, ריפען און שווינדלערישע מיראַזשען, צוגעשטאַנען צו איין ווינסט אָרט; דאָרט האָט געזאָלט זיך פערוואָרצלען און מנצח זיין אַ ניי פאָלק, אַ פאָרגעזאַגט'ם פון די נביאים; און דער פיהרער איז אַראָב געשפרונגען אויף דעם ברעג מיט זיינע בעגלייטער, בעוואָפענטע מיט העק און ברעך-אייזענס.

פאַר זיי איז ענטשטאַנען אַן'אונענדליכער, ווילדער וואַלד, ניט צום דורך געהן, פון וועלכענס געדיכטקייט עס האָבען געדוטשעט, געפייפט חיות.

פיעל זענען צוריק אָב געשפרונגען.

—דאָס אָרט,—האָבען זיי געזאָגט,—איז ניט בעקוועם צו'ם גרינדען אַ שטאָדט, און דאָס בעסטע פאַר אונז וועט זיין פון דאָס ניי אויפצוהויבען די זיעגלען, אַ ניי לאַנד צו ענטדעקען.

נאָר דער בעזיעגער, געבענשט, מיט גאָט'ס השגחה, האָט געענטפערט:

—דאָ דאַרף אויפשטעהן אַ שטאָדט! אַנשטאָט די וואָרצלען — וועלען זיך די וואוינונגען פון די מענשען-קינדער אַריין זויגען אין דער ערד, און זייערע דעכער וועלען זיך דערהויבען העכער ווי די העכסטע שפיצען פון די בוימער, און ווּאוּ עס קרעכצען טיגער'ן און שלאַנגען, וועל'ן מעהרען און פרוכבאַרען אין ברודערליכע איינינגונג דאָס מענש=

ליכטע מין! געהט אין געדיכטען וואַלד! האַקט די בוימער! צו דער אַרבייט, ברידער!

אַלע האָבען געפאָלגט. און ביים ברעג וואַלד האָט זיך דערהערט דאָס קנאַקען פון צובראָכענע בוימער, און עס זענען אַנטלאָפען אין דער טיעפעניש די איבערגעשראָקענע חיות.

II

די האַק האָט זיך איינגעשניטען אין אַ דעמבע:

דאָס איז געווען אַזאַ גרויסער, אַזאַ צווייגיגער, אַזאַ בכבוד'ר בוים, וועלכען די מענשען האָבען ביי זיך אין דער היים נאָך ניט געזעהען. ווי אַ קעניג — אַ ריעז איבער אַ קליין געוואוקסיג פאָלק, אַזוי האָט ער זיך דערהויכט איבער דעם גאַנצען וואַלד, און די אָדלער'ס, וועלכע האָבען זיך געטראָגען אַרום זיין קאָפּ, האָבען פון דערנידער אויסגעזעהען ווי קליינע פויגעלעך, וואָס פליהען אַרום אַ דאָרן.

און ביי דעם ערשטען קלאַפּ פון דער האַק האָט זיך פון דער דעמבע דערהערט אַ קול:

—אָ, איהר מענשען, וואָס זענען געקומען פון וויים! מיט וואָס פאַר אַ רציחה זענט איהר פול, אַז איהר האָט די העזה צו מאַכען אַ פערזוך אויף מיין עלטער! נאָך פיעל פריהער, איידער דער ערשטער געבוירענער האָט גערוהט אויף דער ברוסט פון דער ערשטער פרוי, האָב איך זיך שוין אַריינגעזויגען מיט מיינע צווייגען אין דער טיעפעניש פון דער ערד, האָב איך שוין מיט מיינע צווייגען די הימעל=וואָלקענס צוריסען. און דער האָגעל פון מיינע נים האָט געדראָפּעלט אַרום מיר מין. אַ פאַרעווינגליכער עדות פון דעם אַלטעגליכען לעבען, האָב איך זיך פער= זונקען אין מבול'ס, וועלכע זענען געווען אונקרעפטיג מיך אַוועק צו טראָגען; איך האָב געזעהען, ווי עס הויבען זיך אויף פון דער ערד וואולקאַנען און ווי זיי פערשווינדען צוריק אין איהר בויך; ווי אינזלען האָבען זיך פון די וועלען אויפגעהויבען און ווידער פערשוואונדען גע= וואָרען, צוריק, הקדש=גנבים! איך בין אַנ'אונשטערבליכער עלטער=זיידע, אַ געאַכטעטער פון גאָט אַליין.

די האָלץ=העקער האָבען זיך, דערשראָקענע, מיט אַ רעליגיעזע שרעק אַרום געכאַפּטע אָבגעשטעלט. פאַר דעם ערהויבענקייט פון דער

דעמבע, וועלכע האָט אויסגעוויזען אַנ'אַלטער מאַן אַ פּאַטער. זענען די האַק פערצייטערט געוואָרען, ווי הענד פון אַ פּאַטער=מערדער.

אָבער דער בעזיגער האָט געזאָגט:

—עס איז ניט פאַרהאַן קיין גרענעץ צו דעם מענשליכען ווילען, און עס וועט זיין דערגרייכען ניט אָבשטעלען דאָס נאַרישע פערעהרונג! דעמבע! איך וועל מאַכען פון דיינע צווייגען קלענצער צו'ם אונטערשפּאַרען דעם דאַך פון מיין הויז, אַזוי ווי איך וואָלט איהם אויך געבויט, ווען עס וואָלט געווען נויטיג, פון די ביינער פון מיינע עלטערען!

און אונטער די פריינדליכע אַנשטרענגונג איז מיט אַ שרעקליכען קלאַפּ געפאַלען דער בוים. איינבויגענדיג, ברעכענדיג, איבערקעהרענדיג אויפ'ן וועג וואָס ער האָט אָנגעטראָפען.

איין לייבין, איז קאָרטשענדיג זיך געפאַלען אַ פערבלוטיגטע...

III

די האַק האָט זיך איינגעשניטען אין איין בערעזע.

דאָס איז געווען אַ שוואַכער, גראַציעזער בוים, וועלכער האָט זיך אויך אָהן ווינד געבויגען אין אַ זייט, ווי פון שרעק אָדער שעמעוודינגקייט, ביי וועלכען זיינע בלעטלעך האָבען געציטערט מיט אַ זילבער=שאָרך.

און אונטער דעם קלאַפּ פון דער האַק האָט זיך פון דער בערעזע דערהערט אַ קול, וועלכעס האָט געזאָגט:

— אָ, איהר מענשען, וואָס זענט געקומען פון ווייט! פאַר וואָס מאַכט איהר מיר אַזוי וועה? צי זעהט איהר דען ניט, ווי שוואַך און דין איך בין, און צי איז דען ביי אייך קיין בעדויערונג ניט צו מיר, אַזאַ שלאַפע? פיעל פון אייך האָבען, אָהן צווייפעל, איבער געלאָזט אויף זייער ווייטער היים פרויען אָדער כלות, וועמעס ליעבע האָט נאָך געפּאָלגט נאָך זיי אויף די פליגעל פון די שוואַלבען, וואָס זענען אַרום די זיעגעל=בוימער געפלויגען. קוקט'ס! קוקט'ס! צי בין איך דען ניט אויך אַזוי שלאַנק, ווי זיי? צי זעהט איהר ניט אין דעם ציטער פון מיינע בלעטלעך זייער שרעקענדיג רעגען זיך אין דער נאַכט פון דעם ערשטען קוש? הערט זיך צו: אין מיינע זיפצען הינטער די אויסברוכען פון ווינד וועט איהר דערקענען זייערע מיערע שטימען. אָ, געליעבטע! אָ, מענער!

איהר וועט דאָך ניט זיין אַזוי גרויזאַם, אַז איהר זאָלט מאַטער'ן אַ בוים וואָס איז ענהליך צו אייער געליעבטע!

די האָלץ-העקער, האָבען זיך, אויפגערעגטע מיט דער ערֹאינערונג פון זייער ליעבע, אָבגעשטעלט, און די העק זענען פערציטערט געוואָרען פאַר דער שעהנער בערעזע, און וועלכער עס האָט געלעבט דאָס גרויסאַרטיגע שענהייט פון יונגע פרויען, גלייך זיי וואָלטען זיין אויפגעהויבענע הענד איבער אַ קינד וואָס בעהט פערצייהונג.

אָבער דער בעזיצער האָט געזאָגט:

— עס איז ניט פאַרהאַן קיין גרענעץ צו דעם מענשליכען ווילען און עס זאָל ניט אָבשטעלען דאָס דערגרייכען זיינע שטרעבונגען קיין נאַרישע צערטליכקייט. בערעזע! איך וועל צעטראָגען אין שפענדלעך דיין שוואַכקייט, וועלכע שטערט מיר, גלייך ווי איך וואָלט אָבגעוואָרפען פון זיך ווען דאָס זאָל נויטיג זיין, מיין געליעבסטע וואָס צערטעלט זיך צו מיר, ווען זי זאָל מיר אין מיין וועג שטעהן?

און אונטער גריגע אָנשטרענגונגען איז געפאַלען דער בוים אין אַ גסיסה-טרויער, איינבויגענדיג, ברעכענדיג, די איבערגעקעהרטע יונגע בוימעלעך און בליהענד גראָז! אַ סטרעקאַזא, פערחאַפט מיט דעם פאַלען פון בוים, האָט ניט געוויזען אַוועק צו פליהען, און האָט נאָר אַ פלאַטער געגעבען אין דער לופט מיט איהרע קליינע פליגעלעך...

IV

די האַק האָט זיך איינגעשניטען אין אַ וויינענדיגע ווערבע.

דאָס איז אַנ'אומעטיגער בוים, אַנ'איינגעבויגענער צו דער פערשלאָפענער פלעכע פון ניט קיין גרויסען קוואַל, מיט אַראָבגעלאָזענע צווייגען, ענהליכע אויף די צו לאָזטע האָר פון אַנ'אלמנה, וואָס וויינט אויף אַ קבר.

אונטער די קלעפ פון דער האַק האָט זיך פון דער ווערבע אַ טרויעריג קול דערהערט.

— אָ, איהר מענשען, וואָס זייט געקומען פון ווייט! צי וועט איהר זיך דען ניט דערבאַרמען איבער מיר, וויינענדיגע? צי האָט איהר דען קיינמאָל ניט געוויינט? און צי האָט איהר זיך קיין מאָל ניט איבער-

געבױגען, װי איך, און עװיגען קימער, איבער מיט אײן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ צו דעם צוקאָפּענס פון אײַער טײַער שטערבענד קינד, אָדער צום קבר, װאו מען האָט אַרײַנגעלײגט אײַער גראָהע מוטער? אָ איהר, פּעטער, װאָס האָבען קינדער פערלױרען, אָ איהר, קינדער־יתומים, און נאָמען פון אײַער טרױער לאָזט מיך װײַנען אײביג מיט פאַלענדע בלעטער איבער דעם טױטען װאַסער!

די האָלץ־העקער האָבען זיך אָבגעשטעלט, דורכגענומענע מיט די ערזינערונגען פון די טױטע; און די העק האָבען געציטערט פאַר דער אומעטיגער װערבע, װאָס האָט זײ דערמאַנט זײער בית־עולם פון דער הײם. גלײַך הענד װאָס געהען מטמא זײַן אַ קבר.

נאָר דער בעזיעגער האָט געזאָגט:

— עס איז ניט פאַרהאַן קײן גרענעץ צו דעם מענשליכע װילען, און עס דאַרף ניט אָבשטעלען זײַן דערגרײכען די שטרעבונגען קײן נאַרישער אומעט. װערבע! מיט נוטצען װעל איך פערברענגען דײַנע צװײַגען — דײַנע בעהטענדע הענד, דײַנע טרערען, גלײַך װי איך װאָלט אַרײַנגעװאָרפען, װען עס װאָלט נױטיג זײַן, די קבר־ברעטער אין פײַער, װאו עס קאָכט זיך מײַן מיטאָג, אָדער אין מײַן שמיד־אױװען!

אונטער אײן מאָל אָנשטרענגונג איז דער בױם מיט אַ געװײַן געפאַלען בױגענדיג, ברעכענדיג איבעקעהרענדיג זײַנע שכנים.

און אַ בליהענדע ליאַנע אַ פערהאַפּטע מיט דעם פאַלען פון בױם האָט ניט בעװיזען זיך אָבצוטשעפּען, אַנ׳ ערהליבע אױף אַטעלאַ׳ן װעלכע מען האָלט בײַ די צולאָזטע האָר.

V

און אומזיסט האָבען זיך געפּרובט די איבריגע בױמער אָבצושטעלען מיט זײער געבעט די חרוב׳מאַכענדיגע העק. אונטער די קלעפּ פון די האָלץ־העקער האָבען זײ זיך געלעגט צו דער ערד, און דער בעזיעגער האָט געזעהען אין זײַנע געדאַנקען די מאַכט, די עהרע פון דעם קינפטיגען פאָלק. און אַם ענדע האָט אױף דעם אָרט, װאו עס איז געװעזען אַנ׳אונענדליכער װאַלד, אַ פולער מיט געשרײַ און געפּײַף שױן זיך בעװיזען אַ גלײַכער פּלאַץ, װאו עס האָט געזאָלט אױסװאַקסען די קינפטיגע

שטאָדט. נאָר איין איינציגער בוים איז נאָך אויף דעם פּלאַץ געבליבען, און דער לעצטער קלאַפּ פון דער האַק האָט זיך אויף איהם געקליבען.

אָבער עס האָט, אַראָבהענגענדיג זיך פון זיינע צווייגען, אָנגעהויבען ריידען אַ קליין פייגעלע:

— וואָס ווילט איהר טהון, אָ, איהר מענשען, וואָס זענט גע־קומען פון ווייט? איך בין אַ פייגעלע — אַ פּאָעט פון די פרישע פריהלונגס־זון־אויפגאַנגען, פון די פלאַמענדיגע זומער־נעכט. איך פלעגט שטענדיג מיין נעסט און זינג אויף דעם בוים. און אויב איהר וועט איהם אונטער־האַקען, וועט מיר אויסקומען אַוועקצופליהען און עס וועט מעהר קיינער קיינמאָל אין דעם לאַנד ניט הערען מיין געזאַנג!

די האָלץ־העקער האָבען דאָסמאָל מיט אַ פעראַכטונגס־געלעכ־טערל געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אויפגעהויבען די העק.

אָבער עס האָט געזאָגט דער בעזיגער:

— אָ איהר, וועלכע האָבען געטראָפען די ערהאַבענע דעמבע. די בערעזע, וועלכע איז עהנליך געווען צו אַ יונגער פרוי. די ווערבע, וואָס טרייסט די טויטע! לאָזט דעם פייגעלע זיין בוימעל: דאָס איז הייליג, ווייל עס איז פאַרהאַן אַ שטימע, וועלכע זינגט צווישען זיינע צווייגען. און עס וועט זיך פערמאַטערן דער מענש אונטער דער משא פון זיינע פפליכטען, און אונגליקליך וועט זיין זיין וועג, אויב ער וועט ניט אַמאָל הערען אַ געזאַנג, וואָס וועט ענטציקען זיין נשמה און אויפלעבען זיין הארץ!

עדגאר פאע.

דער אונטערגאנג פון דעם הויז אוסהער.

> זיין הארץ איז דעם שוועבענדען
> קלאנג גלייך, וואס קלינגט ביי דעם
> שטילסטען הויך.
>
> דע בעראנזשע.

אין א טריבען הערבסט=טאג בין איך שוין באלד פריה=מארגענס געריטען דורך א געגענד, וואס האט עפיס א בעזונדערע אומעטיגקייט געהאט. אין דער לופט האט געהערשט א מורא'דיגע שטילקייט און די וואלקען זענען מיט א דריקענדיגע שווערקייט טיעף ביז צו דער ערד אראבגעהאנגען. ענדליך, אז די אבענד=שאטענס האבען זיך שוין אנגעהויבען איבער'ן האריזאנט צו פערשפרייטען, האב איך פאר מיר דערזעהן דעם שטאם=וואוינונג פון דער פאמיליע אוסהער. איך ווייס אליין נישט ווי דאס איז פארגעקומען, אז קוים האב איך נאר א קוק געטהון אויף די דאזיגע וואוינונג איז מיר בעפאלען עפיס אנ'אונערטרעגליכער אומעט, וואס לאזט זיך גאר מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבען. איך זאג דעריבער אונערטרעגליך, ווייל דער דאזיגער אומעט מיינער איז נישט גרינגער געווארען דורך די פאעטישע געפיהלען, וואס עס האבען אין מיר ארויסגערופען די שרעקליכע חורבות=בילדער, וואס די נאטור גופא האט געמאכט, ווען איהר איז דער קאפריז אנגעקומען. איך האב בעטראכט דאס בילד, וואס איז פאר מיינע אויגען געשטאנען: דאס געביידע מיט זיינע איינפאכע דארפישע אומגעבונג, די פראסטיגע מויערן, — די שטארע פענסטער, וואס האבען ווי הויהלע אויגען=לעכער אויסגעזעהן,

די בוימלעך, וואָס זענען אין קלײנע גרופּען אויפגעוואַקסען, און די וואָס נישט וואו ווײס־שימערירענדיגע שטאַמען פון אָבגעפּוילטע בוימער — מיט אַ געפיהל פון טיעפסטער אַראָבגעפאַלענקײט. אַ געפיהל, וועלכען איך קאָן מיט קײן אַנדערער שטימונג אויף דער ערדישער וועלט נישט אַזוי פּאַסענד פערגלײכען, ווי נאָר מיט דעם ביטערען נאָכגעפיהל, וואָס מען עמפּפינדעט נאָך אַפיום רויכערן: — יענס טרײסטלאָזע צוריקזינקען אין די ניכטערע, אַלטעגליכע וועלט, — יענס שרעקליכעס צורײסען פון׳ם פערקלערענדיגען שלײער. אויף אַלצדינג אַרום מיר איז געלעגען אַ מין קעלט, וואָס נעהמט דורך אַלע בײנער, עפּעס אַ מין שווערע בלײערנע פערזינקעניש און אַ פערשווינדען פון דער לעבענס־קראַפט — קורץ אַ מין געדאַנקען־צושטערעניש, וואָס איז נישט מעגליך אויפצומונטערן, אַ צושטערעניש, וואָס די העכסטע פאַנטאַזיע אפילו קאָן עס אין קײן הערליך בילד נישט פערוואַנדלען. וואָס קאָן דאָס אײגענטליך זײן? איך האָב מײן פערד אָבגעשטעלט, כדי וועגען דעם נאָכצוקלערען. — יאָ, וואָס קאָן דאָס זײן, אַז בעטראַכטענדיג די וואוינונג פון דער פאַמיליע אושהער איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַזאַ אומעט, וואָס האָט מיר אַלע מײנע נערווען צוטרײסעלט? עס איז פאַר מיר געוועזען אַ רעטעניש, וואָס איך האָב עס בשום אופן נישט געקאָנט אויפלעזען; און מײן בעמיהען זיך צו פערטרײבען די שוידערהאַפטע בילדער, וואָס מײן גערײצטע פאַנטאַזיע האָט מיר אויסגעמאָלט, איז געווען גאַנץ אומזיסט. לסוף בין איך געצוואונגען געווען צו קומען צו דעם אונצופרידענעם בעשלוס, אַז אין געוויסע בעדינגונגען האָבען גאַנץ געוועהנליכע זאַכען אין דער נאַטור די קראַפט צו מאַכען אויף אונז אַזאַ זאָנדערבאַרע ווירקונג, און מיר גופא קאָנען זיך וועגען דעם קײן רעכנונג נישט געבען, ווײל יענע קראַפט ענטשטעהט דורך אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס אונזער שוואַכער שכל קאָן עס נישט בעגרײפען. איך האָב געקלערט וועגען דער מעגליכקײט, אַז ווען עס זאָל פאָרקומען די קלענסטע פערענדערונג אין דעם אומבעדײטענדסטען טײל פון דעם שרעקליכען לאַנדשאַפטס־בילד, וואָס האָט אויף מיר אַזאַ אומעט אַרויפגעוואָרפען, וועט דאָס גענוג זײן מײן שווער געמיטה צו פערגרינגערן אָדער אין גאַנצען עס צו פערטרײבען. און דערמונטערט שוין פון דעם דאָזיגען געדאַנק גופא, האָב איך מײן פערד אויסגעקערעוועט צו אַ ברעג טײך, וואָס האָט זיך גלײך ווי אַ וואַנד געצויגען. דער דאָזיגער טײך איז געלעגען אונהײמליך און זיך נישט קײן ריהר געגעבען, און האָט מיט זײן גלאַנציגען שטח דאָס געבײדע אַרומגערינגעלט. איך האָב זיך איבער

דעם פערד׳ס האַלז אַריבערגעבויגען און האָב נאָך מעהר צוזאַמענגע=
שוידערט, ווי פריהער. איך האָב אין דעם אומגעקעהרטען שפּיעגעל דערזע=
העזן די אומעטיג גרויע בוימלעך, די געשפּענסטער=אַרטיגע בוימוואָרצלען
און די פענסטער וואָס האָבען ווי הוילע אויגען־לעכער אויסגעזעהען.

נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָב איך מיר פאָרגענומען אין
דעם דאָזיגען נישט־היימליכען און האַלב=פערייניסטען אָרט איניגע וואָכען
צו פערברענגען. דער בעל הבית פון דעם דאָזיגען אומעטיגען אָרט איז
אין מיינע יונגע יאָהרען געוועזען איינער פון מיינע בעסטע און לוסטיגסטע
חברים. אָבער זייט מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהען, זענען
שוין אַ היבש ביסעל יאָהרען אַוועק. דאָ נישט לאַנג האָב איך, זייענדיג
פערוואָרפען אין אַ ווייטען ווינקעל, אַ בריעף בעקומען — אַ בריעף,
וועלכען מיין חבר האָט איינגענהענדיג געשריעבען — אין דעם דאָזיגען
בריעף האָט ער מיר אויף זיין ליידענשאַפטליכער, צודרינגליכער אַרט
געבעטען, איך זאָל איהם דעם ענטפער דורכאויס פערזענליך ברענגען.
פון דער האַנדשריפט האָט מען באַלד געקענט דערקענען, אַז דאָס
שרייבט אַ נערוועזיש אויפגערעגטער מענש. ער שרייבט מיר, אַז ער
ליידט שרעקליכע קערפערליכע יסורים, אַז איהם פייניגען גייסטיגע
ליידען, וואָס האָבען איהם שוין פאַר אויס מענש געמאַכט, און בעט
זיך רחמים, אַז איך, זיין בעסטער גוטער פריינד, זאָל קומען צופאָה=
רען; ער איז פול מיט דער האָפנונג, אַז מיט מיין קומען וועל איך
איהם זיינע אונערטרעגליכע יסורים אַ סך פערגרינגערן, אַז אין מיין פרעה=
ליכער געזעלשאַפט וועט ער אָן זיינע שרעקליכע גייסטיגע ליידען פער=
געסען. דער הייסבעטענדיגער טאָן, מיט וועלכען דער בריעף איז גע=
וועזן געשריעבען, האָט מיך אַזוי דורכגענומען, אַז איך האָב קיין מינוט
נישט געוואַרט און האָב זיין דרינגענדעס פערלאַנגען באַלד ערפילט,
חאָטש מיר איז דאָס זעהר זאָנדערבאַר פאָרגעקומען.

חאָטש קינדווייז זענען מיר ביידע די בעסטע חברים און די פער=
טרויעסטע גוטע פריינד געוועזען, האָב איך פונדעסטוועגען די פערהעל=
טניסע פון מיין חבר זעהר ווייניג געוואוסט. ער האָט שוין געהאַט אַזאַ
טבע צו זיין אין אַזעלכע ענינים זעהר צוריקגעהאַלטען. געהערט האָב
איך, אַז זיין פאַמיליע, אַ זעהר אַלטע, יחוס׳דיגע פאַמיליע, איז בע=
וואוסט מיט איהרע מערקווירדיגע פעהיגקייטען און הייסען טעמפעראַמענט,
וואָס האָט זיך אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען אין אַ סך קונסט=
זאַכען אַרויסגעוויזען. פאַר דער לעצטער צייט זאָל זיך זיין פאַמיליע האָבען

אויסגעצייכענט מיט גרויסע נדבית, וואס זי האט געגעבען אויף פער=
טיידעגע וואוילטהעטיגע צוועקען, און דאס אלץ בסוד, קיינער האט
דערפון נישט געטארט וויסען. און נאך מעהר האט זי זיך אויסגעצייכענט
מיט איהר מסירות=נפש׳דיגער ליעבע צו מוזיק, און געליעבט האט די
דאזיגע פאמיליע אין דער מוזיק נישט די שענע און לייכט פערשטענדלי=
כע קאמפאזיציעס, נאר די טעאריע און די שווערפערוויקעלטע, אבער
טיעף דורכדרינגענדע און הארצבערעכענדיגע טאנארטען. אויך האב איך זיך
דערוואוסט, אז פון דעם פאמיליענשטאם אוסהער, וועלכער איז אין
אלע צייטען זעהר געאכטעט געוועזען, האט זיך נאך קיינמאל נישט אב=
געצווייגט א זייטענליניע, וואס זאל זיך האבען לאנג געהאלטען. מיט
אנדערע ווערטער, די דאזיגע פאמיליע האט זיך געהאט איהר יחוס=
בריעף פון דור דורות און אלע איהרע מיטגליעדער שטאמען אב דירעקט
איינער פון אנדערן, און זעלטען, זעהר זעלטען האט אין זייער אבשטא=
מונג עפעס א פערענדערונג געטראפען. פאהרענדיג האב איך מיך פער=
טיעפט אין א חקירה וועגען דער דאזיגער פאמיליע און האב ארויסבעקומען,
אז צוליעב דעם וואס די פאמיליע האט שטענדיג זיך בעמיהט, דאס די
גרונד=נחלאות זאלען בלייבען אין אייגענע הענד, האט זיך אויך שטרענג
אבגעהיט דער כאראקטער=צוג פון דער פאמיליע, און אז שפעטער, אין
פערלויף פון הונדערטער יאהרען, האבען די דאזיגעביידע פאקטארען —
דער פאמיליען=כאראקטער און דאס אבהיטען די גרונד=נחלאות — געווירקט
איינס אויף׳ן אנדערן. ווייטער האב איך מיר געקלערט, אז גראד אין
דעם מאנגעל פון א זייטענליניע אין דער פאמיליע, וואס דורכדעם איז
שוין ממילא אויסגעקומען, דאס אי די נחלאות אי דער נאמען זאל
איבערגעהן דור דורות בירושה פון פאטער צום זוהן, גראד אין דעם
דאזיגען מאנגעל איז צו זוכען די סבה, וואס די ביידע אויבענדערמאהנטע
ירושות — די נחלאות און דער נאמען — זענען אזוי צוזאמען פערוועבט
געוועזען, און דערפון שטאמט טאקע דער נאמען „דאס הויז אוסהער״,
וואס יענער ארט האט בעקומען, א נאמען, וואס ווען די פויערים פון
יענער געגענד האבען עם ארויסגערעדט, האבען זיי זיך, ווי פון זיך אליין,
דערמאהנט אי אן דעם שלאס אי אן די בעלי הבתים פון שלאס.

איך האב שוין פריהער געזאגט, אז מיין קינדערישער איינפאל —
אריינצוקוקען אין דעם טונקעלען טייך=שפיעגעל — האט נאך מעהר פער=
שארפט דעם זאנדערבארען איינדרוק, וואס די גאנצע אומגעגענד האט
אויף מיר געמאכט. עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אז די שטארקע

עמפּפינדונג פון דעם אַלץ העכער שטייגענדען אַבערגלויבישען פחד—פאַר וואָס אייגענטליך זאָל איך דאָס נישט אַזוי אָנרופען? — האָט אַ סך דערצו געהאָלפען, אַז די דאָזיגע פחד־שטייגונג זאָל געשעהן וואָס געשווינדער. דאָס איז, ווי מיר איז שוין לאַנג בעקאַנט, דאָס פּאַראַדאָקסישע געזעץ פון אַלע געפיהלען, וואָס ענטשטעהען צוליעב וועלכען עס איז שרעק. און אפשר איז דאָס טאַקע אויך געוועזען די סבה, וואָס באַלד ווי איך האָב נאָר מיינע אויגען פון דעם שפּיגעלדיגען טייך צוגענומען און זיי צוריק צום געביידע גופא אָנגעשטעלט, איז איבער מיינע חושים בעפאַלען אַ זאָנדערבאַרע אַנגסט. אייגענטליך איז דאָס געוועזען נישט מעהר ווי אַ נאַרישע אַנגסט, און איך דערמאָהן עס נאָר דאָ, בכדי צו געבען אייך אַ בעווייז פון דער אינטענסיווער קראַפט פון די עמפּפינדונגען, אונטער וועלכערס העררשאַפט איך האָב זיך דאַמאָלס געפונען. מיין פאַנטאַזיע איז אַזוי אויפגערעגט געוועזען, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס איך זעה ווירקליך דאָס גאַנצע געביידע מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך נאָהנט אַרום איהם, איינגעהילט אין אַנ׳אַטמאָספערע, וואָס פּאַסט נאָר פאַר זיי אַליין, — אַנ׳אַטמאָספערע, וואָס האָט גאָר קיין שום שייכות נישט צו די געוועהנליכע הימעל־לופט, אַנ׳אַטמאָספערע, וואָס קומט נאָר פון די אָבגעבליאַקעוועטע בוימער, פון די גרויע מויערן און פון דעם שטומען אונבעוועגליכען טייך. עס איז געוועזען עפּעס ווי אַ מין גיפטיגער הויך אין דעם דאָזיגען מיסטישען דונסט, וועלכער האָט קוים בעמערקט געשוועבט אין דער לופט טריב, שווער און בלייפאַרביג.

(פאָרטזעצונג קומט)

לאָרד בײַראָן.

ביאָגראַפישע נאָטיצען.

בײַראָן (געאָרג נאָעל גאָרדאָן און שפּעטער לאָרד) איז געבאָרען דעם 22 יאַנואַר 1788 אין לאָנדאָן. זײַן פאָטער, קאַפּיטאַן בײַראָן, װעלכער איז בעװאוסט געװען פאַר אַ לײַכטזיניגען פערשװענדער, איז יונג געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג זײַן פאַמיליע אין אַ זעהר געענגטען צושטאַנד. נאָר אין 1798 יאָהר איז געשטאָרבען דעם פאָטערס אַנ'אָנקעל אָפּער אין אלערז, און דער דענסטמאַל צעהן-יאָהריגער געאָרג בײַראָן איז מיט אַמאָל געװאָרען אַ רײַכער יורש און אַ פאָרשטעהער פון העכסטען ענגלישען אַדעל. די פאָעזיע צעהלט אַ סך אַדליגע אונטער איהרע געזאַלבטע. אפילו אויסלאָזענדיג דוד המלך, װײס מען פון פירשטען, גראַפען, אַנדערע לאָרדען, דאָך װערט קײנעמס אַדליגקײט ניט אַזױ אונטערשטריכען װי בײַראָנס. בײַראָן אַלײן איז געװען שטאָלצער צו געהערען צו יענע בײַראָנס, װאָס זענען מיטגעקומען פון דער נאָרמאַנדיע מיט װילהעלם דעם ערראָבערער, װי צו זײַן דער שעפּפער פון טשײַלד האַראָלד און מאַנפרעד. זײַן ערשטע שולבילדונג האָט לאָרד בײַראָן בעקומען אין אַנ'אָנפאַנגס-שול אין אַבערדין, אין שאָטלאַנד. אין אַלטער פון 8 יאָהר, צו קרעפטיגען זײַן געזונדהײט, איז ער געשיקט געװאָרען אין די בערג, און מען מײנט, אַז פאַר זײַנע שפּעטיגע געװאַלדיגע נאַטור-טרײַע שילדערונגען האָט מען צו פערדאַנקען דעם אײַנדרוק, װאָס די גיגאַנטישע פראַכט פון יענע בערג מיט זײערע שטילע װעלדער און בעהאַלטענע טײַכען האָבען געמאַכט אויפ'ן קינדס פאַנטאַזיע. נאַכהער האָט ער בעזוכט אַ שול אין דולװיץ און שפּעטער אין האַראָ, ענגלאַנד. אין 1805 יאָהר איז ער אָנגעקומען אין אוניװערזיטעט אין קאַמברידזש. דאָ ערשט בעקומט זײַן אומגעצװימטער כאַראַקטער אַלע מעגליכקײטען זיך אַרויסצוװײַזען, שוין אין קינדער-קלײדלעך, שרײַבט זײַן ביאָגראַפער, האָט ער בעװיזען דיזעלבע זעלבשטענדיגקײט מיט זײַן אַם, װי שפּעטער

אַלס אויטאָר געגען קריטיקער. דער לעהרער פון דער שול אין האַראָ בעשרייבט איהם פאַר שלעכט ערצויגען, שווער צו האַווירען און צוריקגעהאַלטען. דאָ אין קאַמברידזש פיהרט ער אַ געניאַל-ווילדען לעבען, רעבעלירט געגען די אויטאָריטעטען פון אוניווערזיטעט, פערנאַכלעסיגט דאָס לערנען. אין בלויזע 2 יאָהר אַרום פערלאָזט ער קאַמברידזש מיט בילדונג, וואָס קען גענוגען פאַר אַן'אָריגינעלען פּאָעט, ווי ער ווייזט זיך אַרויס שפּעטער. נאָך אויפהאַלטענדיג זיך אין קאַמברידזש, האָט ער אונטערן נאָמען „פריַיע שטונדען" געלאָזט אַרויסגעבען אַ פּאָעטישע זאַמלונג, מייסטענס נאָכאַהמונגען פון גריכישע און לאַטיינישע קלאַסיקער, זעהר שוואַכע אָבער, און אויף קיין פאַל האָט זיך ניט געלאָזט מערקען אין זיי דער צוקינפטיגער בייראָן. די קריטיק אין עדינבורגער רעוויו האָט רעכט שאַרף אָנגעגריפען דעם יונגען לאָרד, וואָס פּרובט זיך אַריינדרינגען אין די דעמאָקראַטיע פון ליטעראַטור. און מערקווירדיג — ניט די בעוואוסטע קינדערשע ליבע אין אַלטער פון 8 יאָהר אין ניט די ערשטע ליבע צו מיסס שאַוואָרטה, אָבגלייך אַ וואַהרע און אַן'אומגליקליכע, בעוועגען דעם פּאָעט צו שאַפען אַ מייסטערווערק, נאָר דער פערלעצטער שטאָלץ, אַלס ענטפער אויף די בייזע קריטיק אין עדינבורגער רעוויו ערשיינט זיין בייסענדע סאַטירע „ענגלישע באַרדען און שאָטישע קריטיקער". יעצט זעהען זיך דיזעלבע קריטיקער אַרום, מיט וועמען זיי האָבען צו טהון. די פּאָעטישע שילדערונגען און שאַרפע געדאַנקען פון דער סאַטירע בעקומען אַלגעמיינע אַנערקענונג.

נאָר דער פּאָעט איז שוין געקרענקט, אונצופריעדען מיט זיך און מיט דער אומגעבונג איז ער געצווינגען צו פערלאָזען ענגלאַנד. צוזאַמען מיט זיין פריינד האָבהויז רייזט ער איבער פּאָרטוגאַל און שפּאַניען נאָך אַלבאַניען, פון דאָרטען נאָך גריכענלאַנד און טערקיי, פערבלייבענדיג אַ לענגערע צייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אין זומער פון 1811 יאָהר פאָהרט ער איבער מאַלטאַ צוריק נאָך ענגלאַנד.

נאָך פאַר זיין אָברייזען פון ענגלאַנד האָט בייראָן געהאַט פערנומען זיין זיץ אין פּאַרלאַמענט. יעצט ביי זיין צוריקקעהר, שיינט עס, האָט ער ערנסט אין זינען געהאַט זיך אָבצוגעבען מיט פּאָליטיק. זיין ערשטע רעדע, צו וועלכער ער האָט זיך געהאַט גרינדליך פּאָרבערייט, האָט געהאַט אַן'ערפאָלג, און ווער ווייס, אויב דער ערפאָלג וואָלט ניט אויפגעוועקט זיין עהרגייץ און גערייצט איהם צו ווייטערע שריט, ווען ס'וואָלט ניט געשעהן, אַז אָהן דעם פּאָליטישען ערפאָלג איז ער, לויט זיינע אייגע-

נע װערטער—אין אַ שענעם פריהמאָרגען אויפגעשטאַנען בעריהמט. —טשײַלד האַראָלד — די ערשטע צװײ געזאַנגען — ערשײַנט . װײַלענדיג אין קאָנ=סטאַנטינאָפּאָל , בײַ אַלי פּאַשאַ אין פּאַלאַץ , האָט ער איהם אָנגעפאַנגען שרײַבען ; אַנ'אַרט פּאָעטישעס טאָג=בוך האָט עס געזאָלט זײַן , װאו מיט פּרעכטיגע פאַרבען װערט געשילדערט דער אָריענט , רזײַע=אײַנ=דריקע און אויסערגעװעהנליכע פּאָליטישע געשעהנישען. דער ערפאָלג איז געװען אַ געװאַלדיגער . צו איהם האָט בײַגעטראָגען , אַחוץ די אויבענ=דערמאָהנטע פּאָעטישע שענהײַטען פונ'ם װערק, דאָס אויפטרעטען פון אַנ' אָריגינעלען , דענסטמאָל גאַנץ נײַען , האַראַקטער טשײַלד האַראָלד . מיעד און איבערזעטיגט איז ער װי זײַן שעפּפער , פערלאָזט אויך זײַן פאָטערלאַנד , מאַכט דורך דיזעלבע רײַזע װי דער אויטאָר . דורך דער צויבערפּראַכט פון נאַטור װערט זײַן גײַסט געקרעפטיגט , זײַן געדאַנק און זינען בעקומען גאַהרונג, נאָר אין גאַנצען געהײַלט איז זײַן נשמה ניט . דער ערפאָלג פון טשײַלד האַראָלד גיט דעם פּאָעט נײַע פליגלען און ער שאַפט אײנע נאָך די אַנדערע „גיאַאור“ , „די כלה פון אַבודאָס“, „קאָרסאַר“ און „לאַראַ“. אין 1814 ערשײַנען די „יודישע מעלאָדיען“ , עלעגיען, צוגע=פּאַסטע צו אַלט=יודישע געשעהנישען. מיט זײ האָט בײַראָן זיך געקױפט אַ נאָמען בײַ דער קירכליכער פּאַרטײַ . דענסטמאָל דערגרײכט זײַן רוהם דעם העכסטען פונקט און פאַלט אָבער גלײַך נאָכהער זעהר טיעף צוריק .

די ענגלישע קאָנסערװאַטיװע עפענטליכע מײנונג מישט זיך אַרײַן אין דעם פּאָעטס פאַמיליען=אַנגעלעגענהײטען . אין 1816 יאָהר פערלאַנגט זײַן פרוי איהם . די געזעלשאַפט װאַרפט די גאַנצע שולד אויפ'ן פּאָעט און פערביטערט איהם זײַן אויפהאַלט אין זײַן הײמאַט אויף אַזױ פיעל , אַז ער בעשליסט זי צו פערלאָזען אויף שטענדיג. ער בעזעצט זיך אויף אַ געװיסע צײַט אין דער שװײַץ, ניט װײַט פון זשענעװאַ, און דאָרטען שרײַבט ער אָן „פינסטערניש“ , „פּראָמעטעאוס“ , „דער געפאַנגענער פון שילאָן“, „מאַנפרעד“ און די לעצטע צװײ געזאַנגען פון „טשײַלד האַראָלד“ . אין הערבסט רײַזט ער נאָך איטאַליען און פערברענגט אַ װינטער אין װענעדיג. זײַן אויפפיהר אין װענעדיג אין יענער צײַט איז פון אַנ'אויסערגעװעהנליך װילדער אַרט. אין זײַן פּאַלאַץ האַלט ער אויף אַ האַרעם ; טעג און נעכט פערגעהען אין דעם משוגה'דיגען טומעל, דאָס העכסטע און דאָס נידריגסטע געפינט פּלאַץ דאָרטען . דער פּאָעט אַלײן איז אַזױ פערענדערט , אַז זײַנע פרײַנד דערקענען איהם קוים . קינדװײַז איז בײַראָן , חוץ דורך זײַן לאָהמען פוס , פיעל געקרענקט געװען דערמיט , װאָס ער האָט געהאַט אַ

נייגונג פעט צו ווערען. כדי צו בעקומען איידעלערע פארמען פון געזיכט און געשטאלט, פלעגט ער זיך צוריקהאלטען פון עסען. א גאנץ יאהר האט ער געליטען די גרעסטע הונגערשמערצען, נאר זיך אבצוצעהרען, און איז אין דער יוגענד געווארען זעהר שען און שלאנק. דא אין ווענעדיג איז ער געווארען ווידער פעט, זיין געזיכט האט בעקומען א געלען קאליר פון אפיום, צו וועלכען ער האט זיך געהאט צוגעוועהנט בעת'ן הונגערן; דענסטמאל איז דער אפיום געוועזען א מיטעל צו שטילען די הונגערליידען. איצט האט ער איהם מיסברויכט. פון זיין ווילדער אויסגעלאסענקייט איז ער צוריקגעקומען דורך דעם גוטען איינפלוס פון גרעפין גוויטשאללי, צו וועלכער דער פאעט האט געהאט א זעהר ווארימען געפיהל, פון דער שענער יונגער גרעפין צוריקגעצאהלטען.

אין ווענעדיג איז דער לעצטער געזאנג פון טשיילד האראלד פערענדיגט געווארען און אויך געשאפען די קאמישע ערצעהלונג „בעפפא" און „מאזעפפא". „דאן זשואן", בייראנס בעדייטענדסטעס ווערק, ענטשטעהט אויך דאן, בלייבט אבער ליידער ניט געענדיגט. די איטאליענישע פאליטישע צושטענדען האבען געצוואונגען דער גרעפין גוויטשאללים פאטער און ברודער, די גראפען גאמבא, מיט וועמען דער פאעט האט געוואוינט צוזאמען די לעצטע פיער יאהר, צו פערלאזען ווענעדיג. ביירא[ן] פאהרט מיט מיט זיי נאך ראווענא. דא ווערען אנגעשריבען צוויי דראמאטישע פאעמען „סארדאנאפעל" און „קין". פון ראווענא ווערט די איטאליענישע פאמיליע פערדריינגט נאך פיזא. ביירא[ן] רייזט ווידער מיט, און אין פיזא און שפעטער אין גענוא ענדיגט ער זיין לעצטע גרויסע דיכטונג „די אינזעל". באלד נאכהער ברעכט אויס דער פרייהייטס-קאמף אין גריכענלאנד געגען טערקיי. בעגייסטערט פאר די אידעע צו העלפען בעפרייען דאס לאנד פון קונסט און פאעזיע, רייזט ער אב נאך גריכענלאנד. זיין פערמעגען איז רעאליזירט, און ער נעמהט זיך צונויפשטעלען אנ' אייגענע בריגאדע. אין מיססאלונגהי ווערט ער אויפגענומען מיט בעגייסטערונג פון דער גריכישער בעפעלקערונג, וועלכע זעהט אין איהם איהר גואל. ער וויליגט איין איבערצונעהמען אויף זיך די הויפט-קאמאנדע און וויל שוין געהן געגען לעראנטא, ווען א העפטיגער פיבער שמידט איהם צו גו בעט, פון וועלכען ער שטעהט שוין ניט אויף מעהר. ביירא[ן] איז געשטארבען דעם 24 יאנואר 1824.

טשײַלד האַראָלד.

ערשטער געזאַנג.

I

אַ העללאַס מוזע, געטליכע פון שטאַנד!
דיך מאָלען דיכטער הײַנט, ווי זיי געפעלט;
אָפט קלינגט אַ האַרף אויף דר'ערד דיר גאָר צו שאַנד,
דרום וואַג איך ניט דיך רופען אוים דײַן צעלט.
געוואַנדערט האָב איך, וואו דײַן קוואַל נאָך קוועלט,
אויף דעלפים באַרג פאַר דײַן אַלטאַר געקניהט.
אַלץ, חוץ דעם קוואַל, איז דאָרט אַ וויסטע וועלט:
כ'האָב אויפשטעהן דאָך די מוזען ניט בעמיהט
צו חנ'ען מײַן געזאַנג — מײַן שוואַך געפאָרמעט ליעד.

II

געוועזן אין אַלביאָן — ניט אין אונזער צײַט —
אַ מענש, וואָס איהם האָט טוגענד ניט געלאָקט;
פלעגט שוועדען טעג אין אויסגעלאַסענקײַט
זײַן יובלען האָט די שטילע נאַכט געפלאָגט, —
געוועזן פערדאָרבען, פשוט'ער געזאָט.
נאָך תאוות מיאוס'ע האָט ער געגאַרט
און אויסגעשעפט אַלץ, וואָס די וועלט פערמאָגט,
און צינד געפינען רוה האָט ער געגאַרט
אין זינד און לוסט מיט גוטע ברידער אַלער אַרט.

III

טשײַלד האַראָלד רופט מען איהם , — איך בין אומשטאַנד
זײַן יחוס אָנגעבען , נאָר — נישט כדאי ;
גענוג — ער איז געװען פון יחוס־שטאַנד .
ס'האָט יחוס קנאַפּ ממשות סײַ װי סײַ ,
ער מאָג זײַן אַלט , פון יעדען ספק פרײַ ,
פערדאַרבען איהם אײַן אויסװאורף שוין גענוגט , —
עס העלפען קײַן העראַלדישער דערבײַ . . .
ניט זײַ און ניט דעם דיכטערס ליעדער גליקט
דעם שאַנדפלעק אָבװאַשען . װאָס אויף אַ נאָמען ליעגט .

IV

טשײַלד האַראָלד האָט זײַן יונגע װעלט פערבראַכט
גלײַך צו אַ זומער־פליג , פון זון געבלענדט ,
װאָס זומט אָהן זאָרג און האָט קײַן שום פערדאַכט ,
אַז װען דער טאָג ענדט , איז איהר גליק צו ענד .
צום לעבענס דריטעל האָט ער זיך געגעהנט
און האָט פון אומװאויל , ערגערן פאַר טויט ,
פון איבערזעטיגקײַט דעם טעם דערקענט .
פערהאַסט האָט ער זײַן היים דאַן מעהר פון טויט ,
ס'איז איהם פערבלײַבען דאָרט געװען — אַ שװערע לײַד .

V

דאָך בלאָנזשענדיג אין לאַבירינט פון זינד ,
האָט האַראָלד פון חרטה ניט געװאוסט :
נאָך פרויען דאָרשט ער , אײנע ליעבט ער צינד ,
פון איהר האָט ער זיך אָבזאָגען געמוזט .
אַז װאויל צו איהר ! װען נאָר פון איהם געקושט ,

איהר אומשולד וואָלט געפּלעקט געווען אין שמוץ!
איהר רײַץ פערשוועכט צוליעב געמײַנע לוסט,
און גיך צורונען וואָלט איהר האָב און גוטס, —
איהם וואָלט ס'פאַמיליענגעמט ניט געבען רוה און שוץ.

VI

דאָך ציינד איז קראַנק זײַן האַרץ, געדריקט און שווער,
פון באַקכאַנאַליען און די טיש=פרײַנד מיעד.
ס'קאָן זײַן, געשטעלט וואָלט זיך אין אויג א טרעהר, —
פאַר שטאָלץ פערפריהרט זי און צוגיסט זיך ניט...
פון אַלעם ווײַכט זײַן טרויעריג געמיטה:
זיך זעג'נען מיט דער היים איז האַראָלד גרייט,
כדי לענדער אָנזעהן, וואו די זון הײַם גליהט;
זאַט מיט תענוגים — בענקט ער ציינד נאָך לייד, —
אין גיהנום אָבוועקסלונג וואָלט ער געזוכט מיט פרייד.

VII

פערלאָזט האָט האַראָלד זײַן פאַמיליענשלאָס:
געווען געריים איז עס און אָנגעזעהן
און אַלט — געהאַלטען האָט עס זיך קוים וואָס,
דאָך פעסטע ווײַלען זענען ציינד זײַן לעהן.
אַ קלויסטער איז אין איהם אַמאָל געווען,
דאָך הײַנט — אַ נעסט פאַר אויסגעלאַסענקייט,
וואו ס'פלעגען ווילדע אָרגיען געשעהן.
געמיינט וואָלט אַ מאָנאַך, ס'קומט אָן זײַן צײַט,
— אויב וואָהר ניט רשעות איז, וואָס מ'רעדט אויף פרומע לייט.

VIII

אָפט ווען געבּרענט האָט לעבּענסלוסט אין איהם ,
אַ שוידער טהאָן פלעגט פלוצים האַראָלדס ברעם ,
ווי ס'וואָלט דאָרט אָבגעשײַנט זײַן זעלענגרים ,
צי פון ענטטוישטער לײַדענשאַפט די קלעהם ,
נאָר דאָך האָט קײנער ניט געוואוסט פון דעם :
ניט יענעם אָפען האַרץ האָט ער געהאַט ,
וואָס קען ענפלעקען וועה און לײד בעקוועם ,
צו אויסגעפינען פרײַנד זיך נאָך בּפרט , —
און ס'לינדערט ניט זײַן שמערץ קײן טרײסט=וואָרט און קײן ראַט .

IX

קײן פרײַנד געהאַט — האָטש טהיר און טויער לויז
געווען פאַר יעדען , ווער פון וואו ניט איז ,
געגאָלטען האָבען זיי פאַר הײעלער בּלויז
און פאַראַזיטען בּײַ זײַן מאָהלצײַט=טיש .
אויך פרויען ברײנגען אָפט איהם ביטערניש :
עס שעצט אַ פרוי בלויז מאַכט און עלעגאַנץ , —
ווער זיי בעזיצט , צו דעם פליהט עראָט'ס שפּיז ;
גלײַך ווי אַ נאַכט=פליג פאַנגט אַ פרוי דער גלאַנץ ,
און מאַמאָן גליקט , וואו שרף וואָלט פערצווײַפלען גאַנץ .

X

דער מוטערס כבוד האָט ער אָבגעהיט ,
און דאָך מיט איהר זיך זעגענען פערפעהלט ;
זײַן שוועסטער ליעבּט ער , דאָך ער זעהט זי ניט ,
זיך גרײטענדיג אומוואַנדערן די וועלט ;
ער האָט זיך די בעקאַנטע ניט געמעלדט :
דאָך מײנט , נאָך אַלעם , ניט — זײַן האַרץ איז שטאָהל , —

ס׳פֿיהלט יעדער, ווער זײַן גליק אין צובונד שטעלט
אויף טרײַע נאָהנטסטע קלײַן אין צאָהל,
אַז ווען׳נען זיך דאָס האַרץ צוברעכט, ניט טרײַסטענדיג צומאָל.

XI

זײַן הײַם, זײַן הויז, זײַן נחלה און זײַן לאַנד,
און פֿרויען, וואָס ער גאַרט נאָך זײַ און בענקט,
די, וועמעס העלער בליק און צאַרטע האַנד
אַ פֿרומען וואָלט פֿון וועג אַראָבגעלענקט,
וואָס האָבען לײַב און זעלע איהם פֿערשענקט;
און בעכערס איבערפֿילט פֿון בעסטען ווײַן, —
אַלץ, וואָס אַ לוקסוס-לעבען מיט זיך ברענגט,
פֿערלאָזט האָט ער אָהן יעדען זיפֿץ, אָהן פּײַן;
ער האָט זיך צינד געריכט אין ווײַטען וועג אַרײַן.

XII

שוין זענען זעגלען אויפֿגעשטעלט — זײַ טרײַבט
אַ ווינטעל מילד, ווי ס׳וואָלט איהם שטאַרק געפֿרעהט
פֿערטראָגען האַראָלד׳ן פֿון ברעג, וואָס בלײַבט
פֿערבלאַסט, ווי יענער פֿעלז, מיט שוים בעקלײדט;
און דאַן, קאָן זײַן, האָט ער אויף זײַן בעשײד
צו וואַנדערן געהאַט חרטה שוין;
דאָך טיף אין ברוסט פֿערבאָרגען בלײַבט זײַן לײד,
און אויפֿ׳ן שיף איז שטום נאָר ער אַלײן,
בעת אַלע זעגנען זיך מיט יאָמערס און געווײן.

XIII

נאָר ווען עס האָט געזאָלט די זון פֿערגעהן,
גענומען האָט ער דאַן זײַן האַרף אין האַנד,

אַנ׳אײנפאַך ליעד, װען ער פערבלײבט אַלײן,
צו שפּיעלען דרויף איז ער געװען אימשטאַנד,
און ס׳הילכט זײן אָבשײדס־גרוס צום פאָטערלאַנד,
דער האַרפען־קלאַנג אין זומעראָװענד־פּראַכט.
עס חנ׳דעלט זיך אויף זעגלען דאָס געװאַנד,
דער ברעג האָט שוין װי נעבעל זיך געדאַכט,
און דאַן דער אַלטער הײם שיקט ער זײן „גוטע נאַכט״.

1

אַדיע, אַדיע! מײן הײם פערשװינדט
אין בלױען ים װײט, װײט;
עס רױשט דער ים, עס זיפצט דער װינד,
אַ װאַסער־פױגעל שרײט.
מיר זעגלען צו דעם גאָלדנעם זױם,
װאו ס׳זינקט די זון אין פּראַכט;
איך זעגען מיך מיט זון און הײם,
מײן פאָטערלאַנד — גוט נאַכט!

2

ביז װידער װעט די זון אױפגעהן,
בלױז שעה׳ן נאָר געװעהרט;
דאַן זעה איך נאָר דעם ים אַלײן,
ניט מעהר די ליעבע ערד.
פער׳יתומ׳ט איז מײן אַלטער שלאָס,
װיסט אַלץ אַרום און רונד;
די װענד בעדעקט אַ װילדעס גראָז,
בײם טױער קלאָגט מײן הונד.

(פּאָרטזעצונג קומט)

אָסקאַר אוּאײַלד.

ליעדער אין פּראָזע.

I

דער נביא.

ס'איז נאַכט געוואָרען. ער איז אײַנזאַם געווען. אין דער ווײַטענס האָבען זיך געזעהן די ווײַסע שטאָדט־ווענד. ער איז געגאַנגען.

ווען ער האָט זיך צום שטאָדט־טויער דערנעהענטערט, האָט ער אַ פרעהליכען טאַנץ־געריויש דערהערט, אַ פרעהליך געלעכטער און זאַנפטע פידעל־קלאַנגען. ער האָט אין טויער אָנגעקלאַפּט און די וואַך האָט איהם דורכגעלאָזען.

און דערזעהען האָט ער אַ פּאַלאַץ פון לויטער מאַרמאָר, מיט קונסטפאָלע זײַלען בעציהרט. די זײַלען זענען אײַנגעהילט געווען אין אַ גאַנצען נעץ פון גירליאַנד־צווײַגען. דער הויף און די פענסטער זענען בעלויכטען געווען מיט פאַקעלן פון צעדער־שטאַמען.

ער האָט אויסגעמיטען אײַן ליידיגען זאַל נאָך'ן צווייטען און איז ענדליך אין פערווײַלונגסזאַל געקומען. דאָרט האָט ער אַ יונגעל דערזעהן, ליגענדיג אויף אַ פּורפּור־אַטלאַסענעם טעפּיך. אויף זײַן קאָפּ האָט געשימערירט אַ קראַנץ פון בלוטרויטע ראָזען. זײַנע ליפּען האָבען געגלאַנצט פון רויטען ווײַן.

ער האָט זיך צום יונגעל אײַנגעבויגען, זײַן אַקסעל בעריהרט און געזאָגט:

— וואָרום לעבסטו אַזוי?

דאָס יונגעל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען, דעם נביא דערקענט און מיט אַ געלעכטער געענטפערט:

— איך בין קרעציג געווען און דו האָסט מיך אויסגעהיילט...
קען איך דען אַנדערש לעבען?

דער נביא איז פון פּאַלאַץ ארויס און זיך געלאָזט איבער די גאַסען געהן.

באַלד האָט ער אַ פרוי דערזעהן — דאָס געזיכט אָנגעפאַרבט, אין העלע קליידער, די שיך מיט דימאַנטען אויסגעהעפט. נאָך איהר, ווי אַ יעגער, האָט נאָכגעפאָלגט אַ יונגער מאַן, אין אַ צווייפאַרביגען מאַנטעל איינגעהילט.

דאָס געזיכט פון דער פרוי האָט געשיינט, ווי דער מאַרמאָר פון אַ רוימישען אָבגאָט. די אויגען פון יונגעל האָבען געברענט מיט ליידענשאַפט.

דער נביא האָט זיי דעריאָגט און, אָנגרייפענדיג די האַנד פון יונגעל, געזאָגט:

— וואָרום קוקסטו אַזוי אויף דער זינדיגער?

דאָס יונגעל האָט זיך אומגעקעהרט, דערקענט דעם נביא און געענטפערט:

— איך בין בלינד געווען און דו האָסט מיר מיין זעהונגס-פעהיגקייט צוריקגעגעבען.... אויף וואָס דען זאָל איך קוקען?

דער נביא איז עטוואָס ווייטער געגאַנגען, בעריהרט די רייך-בעפוצטע קליידער פון דער פרוי און געשעפטשעט.

— קענסטו דען מיט קיין צווייטען וועג ניט געהן, אויסער דעם וועג פון זינד?

די פרוי האָט איהר קאָפּ אומגעדרעהט, דעם נביא דערקענט און מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

— דו האָסט מיר מיינע עברות פערגעבען, — און געהן מיט'ן וועג פון זינד איז אַנגענעהם.

דער נביא האָט די שטאָדט פערלאָזען. אונטערן שטאָדט האָט ער אַ יונגעל געטראָפען. דאָס יונגעל איז געזעסען דעם גרויסען וועג געזעסען און יאָמערליך געוויינט.

דער נביא האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם, בעריהרט זיינע לאַנגע לאָקען און געפרעגט:

— פאַרוואָס פערגיסטו טרעהרען?

דאָס יונגעל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען, דערקענט דעם נביא און געענטפערט:

— איך בין געשטאָרבען און דו האָסט מיר דעם לעבען צוריקגעגעבען... ווי זשע זאָל איך ניט וויינען?

II

דער סקולפּטאָר.

איינמאָל אין אַ אָווענד האָט זיך אין זיין מח ערוועקט אַ געדאַנק צו בעשאַפען אַ בילד: „גליק, וואָס דויערט איין אויגענבליק”. און ער האָט זיך געלאָזט זוכען איבער דער וועלט בראָנזע, ווייל נור דורך בראָנזע איז ער פעהיג געווען צו פערקערפערן זיינע בילדער. און עס איז ניט געווען קיין בראָנזע אין דער גאַנצער וועלט און אין ערגעץ האָט מען זי ניט געקענט געפינען, אויסער איין סטאַטוע וואָס האָט פאַר־געשטעלט: „שמערץ, וואָס לעבט אייביג”. די דאָזיגע סטאַטוע האָט ער אַליין בעשאַפען און בעצירט מיט איהר דעם קבר פון דער פרוי, וועלכע ער האָט געליבט זיין גאַנץ לעבען. אויפ'ן קבר פון דער פרוי, וועלכע איז איהם געווען טייערער, ווי אַלע רייכטימער פון דער וועלט, האָט ער אויפגעשטעלט אָט די שעפפונג פון זיינע הענד, עס זאָל דיענען פאַר אַ סימבאָל פון ניט־איבערגעהענדער מענשליכער ליעבע, פאַר אַ בילד פון שמערץ, וואָס לעבט אייביג. און אויף דער גאַנצער וועלט האָט זיך נאָר געפונען די בראָנזע פון דער דאָזיגער סטאַטוע. און ער האָט צושמאָלצען זיין פריהערדיגען מאָנומענט אין פייער פון אַ גרויסען שמעלץ־אויווען. און פון דער סטאַטוע „שמערץ, וואָס לעבט אייביג” האָט ער בעשאַפען אַ צווייטע: „גליק, וואָס דויערט איין אויגענבליק”.

III

דער טויט פֿון נארציס.

געשטאָרבען איז נאַרציס, און זײַן פערגעניגענס־טײַכעל האָט זײַנע זיסע פליסונגען אין אַ בעכער פון ביטערע טרעהרען פערוואַנדעלט. יאָמערנדע נימפען זענען פון דער וואַלד־טיעפעניש געקומען און מיט ליעדער דאָס טײַכעל געטרײסט.

דאָס טײַכעל האָט זיך געענדערט: עס האָט זײַנע זיסע פליסונגען אין אַ שטראָם פון ביטערע טרעהרען פערוואַנדעלט. די נימפען האָבען זײערע גרינע צעפ פונאַנדערגעלאָזען און צו זײַנע ווערען געשריען:

— מיר פערשטעהען דײַן אונענדליכען טרויער, דײַן טרויער איבער נאַרציס'ן! ער איז וואונדערשען געווען....

איז ער ווירקליך שען געווען? האָט דאָס טײַכעל געפרעגט —.

— דיר איז דאָס בעסער בעוואוסט, — האָבען די נימפען געענטפערט, — ער האָט קײנמאָל נישט געקוקט אויף אונז און בלויז צו דיר זיך געריסען; זיך צערטלענדיג אויף דײַנע ברעגען, האָט ער זײַן שענהײט אין דײַנע קריסטאַל־וואַסערן אָבגעשפיגעלט.

און דאָס טײַכעל האָט געענטפערט:

— מיר איז טײַער געווען נאַרציס; זיך אײַנבויגענדיג פון מײַן ברעג, האָט ער געקוקט אויף מיר, און אין דער טיעפעניש פון זײַנע אויגען האָט זיך מײַן שענהײט אָבגעשפיגעלט.

(איבערזעצט פון ענגליש פ. אַלעקסאַנדראָוויץ.)

(פארטזעצונג פון עלפטען העפט)

אננא האט איצט פון איהר די בלומען צוגענומען און איהר די האנד דערלאנגט. — — איך האב אייך אודאי מיט מיין נארישׁ וויינען רעכט פיעל געשטערט, ליעבעס פרײלײן ר א ז ט? מיר איז אפילו אין די געדאנקען נישט אריינגעקומען, אז מען וועט מיין וויינען ערגעץ וואו דערהערען! אבער ווען מען האט א געליעבטען טויטען אויפ'ן בית עולם געמוזט איבערלאזען און... — ווייטער האט זי שוין נישט געקאנט רײדען, די טרעהרען האבען זי אנגעהויבען שטיקען. נאך א קורצער פויזע האט זי ווידער דאס לשון בעקומען און געזאגט: —איך דאנק אייך פון טיעפסטען הארצען פאר אייער מיטגעפיהל און רחמנות אויף מיר! איהר ווייסט גאר אליין נישט, וואס פאר א גרויסע טובה זי טהוען מיר! — — און די שענע בלומען, וואס פאר אן'אנגענעהמען גערוך זיי האבען! — דערביי האט זי די נאז צווישען די בלומען פערבארגען. — מיין קליין יונגעל האט אזוי ליעב בלומען, איך קאן אייך גארנישט זאגען, האטש אין גאנצען איז ער ערשט פערצעהן חדשים אלט! — — א לייכטע רויטקייט איז איהר פון דעם האלז ביז צו די באקען ארויפגעשטיגען. — אבער ביטע, לאמיר זיך זעצען. וואס שטעהען מיר דא אזוי, פרײלײן ראזט! ? — —

זעצענדיג זיך האט דאס אריינגעקומענע פרײלײן געזאגט: — דאס פרעהט מיך זעהר, אך, דאס פרעהט מיך זעהר! ער וועט שוין גאנץ אפט פון מיר בעקומען שענע בלומען! אך, פרײלײן ז א נ ד ע ר ס, איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבען אזא שען קינד נישט געזעהן, און אזוי ארטיג, אזוי פריינדליך ווי ער איז, גאר ווי א דערוואקסענער מענש. די גאנצע פענסיאן איז איינפאך ווי ווילד מיט דעם קינד! — אזא קינד, דאכט זיך מיר, גיבט גארנישט נאך איינס אויף דער גאנצער וועלט! עפעס געהט עס זיך אזוי ווירדיג, אזוי זעלבסבעוואוסט! און זיין גאנג אזוי זיכער! —

אננא האט שמערצליך געלאכט: — יא, פרוי ק א ך, אטטאס „גענגע" האט מיר דערצעהלט, ווי זיי האבען איהם אלע פערוועהנט. ער האט שוין נעכטען זיין מילך נישט געוואלט טרינקען, אזוי פיעל שאקאלאד-קוכען האבען איהם צוויי דאמען געגעבען! —

— א, דאס זענען אודאי געוועזען די קיהן-ב ר א נ ד און די

מ א ר ס ו , — האָט ב ע ר ט ה א אַ רעכט ביסעל אײַפּערזיכטיג געזאָגט :
— די האָבען די גאַנצע צײַט בײַם מיטאָג נאָר פון דעם קלײַנטשיקען אַטטאָטשקען גערעדט ! — ענטשולדיגען זי נאָר ; אָבער איך האָב אַזוי ליעב קינדער , אַזוי ליעב , איהר קאָנט גאָרנישט גלויבען ! —

— אָבער וואָס זאָל איך אײַך דען ענטשולדיגען ? — האָט אַ נ נ אַ איהר איבערגעהאַקט ; זי האָט נאָך , נאַטירליך , נישט געוואוסט , אַז די נײַע בעקאַנטע האָט שוין אַזאַ געוועהנהײַט , ווען עס פּאַסט און ווען עס פּאַסט נישט צו בעטען אום ענטשולדיגונג .

— איהר זײַט געוואָרען אַ לעהרערין , נישט אמת ? פרוי ראַט האָט מיר שוין דערצעהלט , אַז אַ ליעבע , יונגע לעהרערין וואוינט נעבען מיר . איך דערמאָהן זיך מיר שוין געניי ! אַלזאָ בײַ אײַער בעשעפטיגונג קאָן איך שוין פערשטעהן , וואָס איהר האָט אַזוי ליעב קינדער ! —

— באַ ! — האָט יענע איהר נישט געלאָזט ענדיגען . — אַך , ענטשולדיגען זי נאָר , מײַן בעשעפטיגונג איז פאַר מיר אַ מוז , איך האָב עס נישט מיט'ן גוטען ווילען זיך אויסגעקליבען ! און די פרעמדע , זעהר אָפט שמוציגע יערגעס , וואָס בײַטען זיך נאָך אַלע יאָהר , שטענ־דיג נײַע שנויצען — — — נעע , פאַרדאָן , נײַן אַזעלכע שמוציגע ווערם האָט מען גאָרנישט אַזוי ליעב ! אָבער אײַער קינדערלע , אַך , אַז מען האָט אַזאַ אײגענעם קלײַנטשיקען ווערעמיל און ער איז נאָך אַזוי שען , אַזוי קלוג — — אַך , ליעבעם פרײַלײַן , איהר ווײסט גאָרנישט וואָס פאַר אַנ'אוצר'ל זי האָבען , ווי גליקליך זי זענען , וויפיעל עס זענען אײַך מקנא ! —

אַ נ נ אַ האָט איהר איבערראַשט און מיט חשד אָנגעקוקט ; אָבער דאָס קלײַנע פרײַלײַן איז זיך אַזוי רוהיג און איבערצײַגט אין איהר מײַנונג געזעסען און בלויז מיט דעם קאָפּ געשאָקעלט .

— איהר ווײסט נישט , וואָס איהר זאָגט ! —

—נו דאָך ! — האָט די ראָזט זיך בײַ דאָס איהריגע געהאַלטען , — איך האָב שוין וועגען דעם טויזענד מאָל נאָכגעדאַכט . נאָך זײַענדיג אין דער הײם , בײַ מײַנע זעליגע עלטערן צולאַנד , וואו מיר זענען עלף קינדער געוועזען . איצט זענען אַלע צוזײַהט און צושפּרײַט ; אָבער איך בין דאָך די עלטסטע , האָב איך דאָך געמוזט העלפען די גאַנץ קלײַנע

אויפהאָדעווען. ענטשולדיגען זי אָבער, איך ווייס שוין וואָס איך רייד? — וואָס שאַדטען אַלע אַרבײַט, אַלע פּלאָגען און זאָרגען, אַלע קוואַל און קרענקונג? אָן דעם אַלעם פערגעסט איהר דאָך באַלד, ווי איהר נעהמט נאָר אײַער אָטטאָ אַרום, אַז ער גיט נאָר אַ קוק אויף אײַך און צולאַכט זיך? אַך, ווי גליקליך איהר זײַט! איהר ווייסט גאָר אַלײַן נישט! —

זי איז שטיל געוואָרען און דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, זי האָט זיך פאַר זיך גופא פערשעמט, וואָס זי האָט זיך דאָ אַזוי צורעדט, אַלץ, וואָס בײַ איהר אויפ'ן האַרצען איז, אַראָבגערעדט! אַננאַ איז אויך שטיל געזעסען און געקלערט. אפשר האָט די פרעמדע דאָ רעכט? איז זי אפשר נישט גענוג דאַנקבאַר? ליעבט זי איהר קינד נישט ווי מען בעדאַרף? זי האָט שווער אָבגעזיפצט.

—זי ריידען, ווי דער בלינדער פון פאַרבען! — האָט אַננאַ ענדליך מיט אַ ביטערן בײַקלאַנג אין דער שטימע געזאָגט, — זי ריידען ווי אַ טעאָרעטיקערין, ווײַל זי ווייסען נישט די צרות און די לייד, וואָס מען שטעהט אויס, אַז אָפט, אַז כמעט שטענדיג, געהט נישט אײַן צו ליעב זײַ די גרעסטע פרייד, דאָס זיסטע נחת, וואָס מען וואָלט קענען פון אַזאַ אומשולדיג בעשעפעניש געניסען! —

— אָ נײַן, ענטשולדיגען זי, — האָט די ראָזע אײַנגעווענדעט. — אָבער אַננאַ האָט איהר נישט געלאָזען ענדיגען און האָט אָנגעהויבען ווײַטער ריידען: — יאָ, אַז מען האָט חתונה ווי בײַ לײַטען, זענען אַזעלכע קינדער פאַר אַ מאַמען אַ נחת, אַ גליק! אָבער אַזוי — — יאָ, אפשר רײַכע דאַמען, זעלבסשטענדיגע, פון קײַנעם נישט אָבהענגעדיגע מיידלעך, קענען זיך אַזאַ לוקסוס ערלויבען, נישט לײַדענדיג דערבײַ די אונערטרעגליכסטע קוואַלערײַ! גלויבען זי מיר, איך האָב עס דורכגעמאַכט, איך ווייס שוין דעם טעם דערפון! — — אַננאַ האָט אַ ווײַלע אויפגעהערט ריידען, האָט אַ שפּרונג געטהון פון אָרט און אײַניגע מאָל אין צימער הין און צוריק אַרומגעלאָפען. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבען ריידען: — יאָ, ווען מען דאַרף בײַ קײַנעם נישט פרעגען, ווען עס איז דאָ אַלצדינג. וואָס מען בעדאַרף פאַר אַזאַ ווערימעל — — — נאַ — מיט דער חרפּה ווערט מען שוין, האָבענדיג אַ שטאַרקען כאַראַקטער, ווי עס איז פאַרטיג! — — אָבער ווען מען מוז פאַר זיך אַלײַן און פאַר דעם קינד ערשט פערשאַפען! ? — — זי איז פאַר דער דערשראָקענער צוזאַמענגעזונקענער לעהרערין אַ ווײַלע שטיל שטעהן געבליבען: — זײַען זי פאָרזיכטיג, — האָט זי ווידער

אָנגעהויבען ,— אונטערדריקען זי אַזוינע סאָרטען געדאַנקען , באַלד ווי זי האָט זיי האָבען נאָר אָן אויפצוקומען ! און אויב איהר מיינט עס גוט מיט אייער געשלעכט , זאָלט איהר זיך היטען די דאָזיגע אידעען צו פערברייטען ! איך זאָג עס אייך פון דער פּראַקטיק , פריילײן ראָזט ! וואָס הויב איך אָן צו טהון, ווען איך וועל שוין האָבען מיין ביסעל געלד פערצעהרט און קיין אַרבייט , קיין בעשעפטיגונג וועל איך נאָך נישט האָבען געפונען , האַ ? — איך קאָן אפשר הונגערן , אָבער דער קלײנער ? זאָל איך געהן בעטלען , ווער וועט מיר דען עפּעס געבען , מיר , דעם מיידעל, וואָס האָט „אַזוי וואָס" געטהון ? יאָ , פאַר די פּראָסטע נקבה , פאַר דאָס גאַסען־מיידעל, די געפאַלענע פרוי, פאַבריק־אַרבייטערינס ,— פאַר זיי איז אפשר נאָך דאָ פעראיינען און שפּיטאָלען ! וואָס וועלען אָבער די פערשטאַנדס־דאַמען מיר זאָגען, מיר, מיט מיין בילדונג, מיט מיין יחוס ? זאָל איך זיך ערגעץ־וואו שטעלען דיענען און מיין קינד אַוועקגעבען אויף פרעמדע הענד ? וואָס פאַר אַן אויפפּאַסונג קאָן ער דען דאָרטען האָבען , אַזעלכע לייט , וואָס דאַרפען פאַר די עטליכע מאַרק , וואָס זיי בעקומען, דערנעהרען זיך מיט זייער פאַמיליע , וואָס קאָן שוין פאַר דעם פרעמדען, נישט־געזעצליכען , פון דער געזעלשאַפט פערשטויסענעם קינד בלייבען , ווער וועט זיך אויף מיין קינד דען אַרומקוקען ? גיב איך מיין קינד אין אַזאַ אַנשטאַלט אַוועק, בין איך נישט ווערט דעם נאָמען מוטער צו טראָגען. ניין , מיין ליעבע , אָט דאָס איז די קללה ! אין וואַסער אַריין מיט אונז געבילדעטע פרויען , ווען מיר שטעלען זיך אונטער , צו פאָלגען אונזער ליעבע , נישט פרעגענדיג פריהער קיין ערלויבניש ביי דעם גלח און ביי דעם פּאָליציי־בעאַמטען ! — — די גאַנצע גאַל , וואָס האָט זיך ביי אַנגאַן פאַר דער גאַנצער צייט אָנגעקליבען , האָט זי איצט פון זיך ווי אַ ווולקאַן אַרויסגעשפּיגען , דערנאָך מיט גליהענדיגען כעס אויפ'ן שטוהל אַ וואָרף געטהון, אַז יענער האָט געקנאַקט אונטער איהר .—

בערטהאַ איז מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד ווי בעטויבט געשטאַנען : — ענטשולדיגען זי , ליעבעס , ליעבעס פריילײן זאַנדערס , אָבער עס וועט נאָך אַמאָל אַנדערש ווערען , מיין איך ! — —

קיינמאָל וועט שוין נישט אַנדערש זיין , ווי לאַנג די וועלט וועט שטעהן ; דעריבער שריי איך , אַוועק מיט דער ליעבע , אַוועק מיט אַלץ וואָס שטעלט פאַר אונז אַ נעץ אויס ; נאָר נישט לויפען מיט דעם קאָפּ און וועלען דערמיט מויערן צוברעכען : דעם קאָפּ וועט איהר צובלוטיגען , צושפּאַלטען זיין מיט אייער מאַרך די ווענד נאָר קוים בע=

שפריצען, און אין א פאר מינוטען שפעטער וועט קומען א קאלטער פאליציי־מאן מיט א קאלט נאס שטיקעל שמאטע און אייער זודיגען, גליהענדיגען מארך קאלט אבווישען, און דאס מויער וועט זיך בלייבען מויער, פעסט, קאלט און שטאלץ, ווי קיינמאל גארנישט. די וועלטגע־שיכטע האט זיי געבויט, ווייל זיי זענען געווען א נויטוועדיגקייט! און נארישע מענשען שטעלען זיך דעם קאפ איין! אבער, ליידער, שטעה איך פון יענער זייט, און איך מוז זיך זעהן מיט מיין קינד פעסט צו האל־טען, אזוי אדער אזוי! — —

— דאס איז רעכט! פארדאן; אבער איך בין יא נאר א גאנץ בעשיידענע, נישט־בעדייטענדע געמיינדע־שול־לעהרערין; אבער זעהען זי דאך, מיין הארץ איז אייך גלייך צוגעפלויגען! איך האב אייך גאר־נישט פעראורטיילט! אדרבא, איך בין אייך גאר מקנא. איצט אפילו, איך בין אייך מקנא פאר אייער שטאלץ און דרייסטקייט! — — —

און די אנדערע דארטען אונטען און דא אויבען, — אלע נעהמען אנ'אנטייל אין אייער אומגליק, אלע! קיינער וועט אייך נישט צום שלעכטען אור־טיילען! פערצייהעט מיר; אבער עס קאן דאך זיין! איך האב ערשט היינט געהערט, ווי הערר דוואראל האט בעדויערט, וואס איהר קומט נישט; האט זיך די פרוי ראט אנגערופען, אז דאס קאן אפשר זיין, ווייל זי שעמען זיך! — — — פארדאן! — — — אלע האבען דאס אבגעשטריטען, דוואראל האט אפילו געזאגט: זי קענען אויך אייער קינד שטאלץ זיין, דאס איז שוין, זאגט ער, אויסגעפיהרט די טעאריע אין דער פראקטיק! — ער האלט אייך גאר פאר א נביאה'טע! און ווען די גאנצע וועלט האט פון אייביג אן די נביאים געברענט, די באלשענדיגע פענסיאנערע און זיין פעראיין „נייע גריבען“ וועלען אויך לויב־ליעדער זינגען! און מיר אלע האבען איהם מיט פריידען־געשרייען צוגעשטימט!

איבער אנגאס אויפגערעגטען געזיכט האט זיך ווי א טרויעריגער שפאס און רחמנות פערצויגען. זי האט לייכט דעם קאפ איינגעבויגען און זיך פערקלערט. עס איז איהר איינגעפאלען אנ'אלטער אנעקדאט, איינער פון די וויציגסטע אנעקדאטען, ווי אמאל האט דער לעבעדיגער ברוינער קרעבס מקנא געווען די רויטע פארב פון זיין חבר, וואס ער האט עס בעקומען ערשט נאכדעם, ווי ער איז לעבעדיגערהייט אבגעקאכט געווארען, אזוי איז עס איהר צווישען די דאזיגע פרעמדע געגאנגען! איהר אומגליק איהר עלענד, איהרע יסורים האבען איהר דעם „רויטען קאליר“ געגעבען,

זי געמאַכט אינטערעסאַנט, זי געהט אויס פון די כחות פאַר גרויסע צרות, און דאָרטען האָט מען איהר גאָר געשטעמפּעלט פאַר אַ נביאה און מען איז איהר גאָר מקנא. איהר שוויגען האָט דאָס פרײלײן ראָזט ווי אַ שווערע לאַסט געדריקט און זי האָט זיך אָנגערופען:

— ענטשולדיגען זי, פרײלײן זאַנדערס, אָבער זי זיצען דאָ אַזוי אַלײן און דאָס איז גאָרנישט גוט פאַר אײך. איהר בעדאַרפט אַרונטערצוקומען אונטען, אײנמאָל מוז מען זיך דאָך בעקענען! אַלע ווײסען דאָך פון אײער שיקזאַל, אפשר קאָן מען אײך עפּעס אַן עצה געבען און העלפען! —

אַננאַ האָט איהר בײדע הענד אַנטקעגען אויסגעשטרעקט און האָט פּעסט אַרומגענומען די הענד פון דער לעהרערין און געזאָגט: — איך דאַנק אײך!ווירקליך, איהר ווײסט גאָרנישט, ווי גליקליך איהר מאַכט מיך! ליעבעס פרײלײן! — — — הײנט אָווענד וועל איך צום אָווענדברויט אַרונטערקומען. אפשר דאַרף איך נאָך גאָרנישט אַזוי פערצווײפעלט זײן! —

— אָ, נײן, נײן! — האָט בערטהאַ לעבהאַפט אויסגעשריען, האָט זיך אײנגעבויגען און איהר די האַנד געקושט; אַננאַ האָט איהר אָבער צו זיך צוגעצויגען און אין בײדע באַקען געקושט.

— דער מענש דאַרף נישט פערצווײפלען, — האָט אַננאַ מיט אַ לײכטער צופרידענהײט געזאָגט. — פריהער האָב איך מיך געפיהלט אַזוי אײנזאַם, אַזוי עלענד און איצט האָט מיר דאָס שיקזאַל אַ נײע פרײנדין צוגעשיקט! —

— אַך, יאָ, אַך יאָ! — האָט בערטהאַ מיט אַ גליקליכער פרעהליכקײט געזאָגט, — דאָס בין איך, און מײן גרעסטער וואונש איז אײך דורך אַן ערנסטען, גרויסען קרבן צו קענען איבערצײגען, ווי ווײט איך בין אײך אַ גוטע און טרײע פרײנדין! —

די קאָך האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז מיט׳ן קינד אין צימער אַרײנגעקומען. נון האָט זיך אָנגעהויבען אַ שמחה בײ דער קלײנער לעהרערין; זי האָט זיך מיט דעם קלײנעם יונגעל געשפּיעלט און געטאַנצט און איז געוועזען גאָר איבערגליקליך. עפּיס איז זי גאָר יונג געוואָרען און די קנײטשען אויף איהר פּנים האָבען זיך ווי אויסגעגלײכט.

אַננאַ האָט ערשטוינט אָנגעקוקט די קלײנע לעהרערין און אינערליך אויף זיך גופא אין כעס געוואָרען. נײן, זי איז קײן שלעכטע מוטער נישט געוועזען, זי האָט איהר קינד געליעבט און פאַר איהם

געזאָרגט, ווי נאָר עס קאָן אַ מוטער זאָרגען פאַר אַ קינד, האָט אַלע אַרבײט געטהון, אום דאָס קינד ווי בעסער צו פלעגען, און זי פלעגט אמת'ע קרענקונג האָבען, ווען די אַם פלעגט איהר פערלויפען און נישט לאָזען טהון קײן אַרבײט פאַר'ן קינדס וועגען. נאָר אויף דעם פערלאַנג פון דער פערשטאָרבענער פרוי פאָן ד ר אָ ס ס האָט זי אײנגעוויליגט אָנצוטרויען די פלעגע פון קינד אָן די פרוי קאָך. — — — —

דאָס אײנציגע, מיט וואָס זי האָט געקאָנט די גוטהערציגע טאַנטע בעצאָהלען פאַר די פיעלע גוטס, וואָס זי האָט מיט איהר געטהון, איז געוועזען דאָס, וואָס זי האָט די אײנזאַמע עלטערע פרוי בעהאַנדעלט ווי אַן'אײגענע מוטער. די טאַנטע רעזי האָט די פרוי קאָך שטענדיג בײ זיך אין צימער געהאַלטען, גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט פון זיך נישט אָבגעלאָזט, האָט זי אָבגעהיט ווי אַן'אויג אין קאָפּ, האָט איהר די פײנסטע צערטליכקײט בעוויזען. זי האָט אַלזאָ קײן אַנדער ברירה נישט געהאַט. זי האָט געמוזט איהר קינד אָנפערטרויען דער אַלטער פרוי, ווײל דאָס איז געווען דער הײסער וואונש פון דער פערשטאָרבענער טאַנטע! — אמת, זי האָט זיך אויך מיט דעם יונגעל געשפּיעלט, איהם געהאַלזט און געקושט. אָבער אין איהר שמחה מיט אָטטאָ'ן איז שטענדיג געווען אַ שמערצליכער אומעט פערמישט, מיט פערביטערטע פאָרוואורפען אויף זיך גופא צוזאַמענגעפּאָרט. דער קלײנער האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַן'ערנסט קינד אַזוי, דאָס זי האָט מעהרערע מאָל צו דער טאַנטע רעזי געזאָגט: — זעה נאָר טאַנטעשי, ווי טרויעריג און שטיל ער איז. די שווערע לאַסט פון מײנע טרעהרען און מײנע יסורים, וואָס איך האָב פאַר זײן געבוירען ווערען אויסגעווײנט און זיך אָנגעליטען, דריקט שווער אויף דעם אָרימען יונגען! — פרוי פאָן ד ר אָ ס ס האָט דערצו צוגעשטימט. שפּעטער איז דאָס אָבער אַנדערש געוואָרען, פון דעם טרויעריגען זויג-קינד איז געוואָרען אַ מונטערער יאָהר-קינד. און איצט, ווען דאָס פרײלײן ר אָ ז ט האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט, האָט די מוטער שוין אַרויסגעזעהן אין איהם דעם שפּעטערדיגען ווילדען אויפ-בראַוזענדיגען יונגען.

פינפטעס קאַפּיטעל.

דאָס שלומפּערדיגע נישט-זויבערע דינסט-מײדעל האָט אין דעם

שמאָלען, לאַנגען, עטוואָס טונקעלען צימער געדעקט דעם טיש צום אָווענדברויט. פרוי ראָט באָלל האָט איהר דערבײַ צוגעהאָלפען. פאַר די רײַכע, פערוועהנטע פּאַנסיאָנערען, וועלכע האָבען זיך געקאָנט מעהר ערלויבען, האָט זי געשטעלט די נאַשערײַען און געטראַנקען, פאַר וועלכע זײַ האָבען עקסטראַ בעצאָהלט. די אַנדערע האָבען בעקומען אַ געוועהנליכען דאָנערשטאָגדיגען אָווענד-ברויט: וואורשט מיט קאַרטאָפעל-סאַלאַט, אויפשניט און קעז צום פוטער-ברויט. דערצו נאָך, צום פער-טרינקען, טײ. — זי האָט די גרויסע הענגלאָמפּ אָנגעצונדען, באַלד נאָר ווי דער הערר קורט רויך האָט פון קאָרידאָר אין צימער אַרײַנגעקוקט. ער איז געוואָרען אַנ'אויסגעלאַכענער בילד-שענער סטודענט און דער אַלגעמײַנער ליעבלינג פון פּענסיאָן. אפילו פרוי באָלל האָט קעגען זײַן לוסטיג-קיצעלדיג-בײַסענדיגען הומאָר בײַשטעהן נישט געקאָנט. חאָטש ער איז געוועזען אַ שלעכטער, נישט קײַן רעגעלמעסיגער צאָהלער, האָט זי איהם דאָך גערן דאָס דירה-געלד געצאָהלט און אָפט נאָך איהם אַ קלײַן הלואה'לע אויסבאָרגען: זיכער געלד איז ער, דאָס האָט זי געוואוסט: קוים בעקומט ער נאָר זײַן האָנאָראַר פון רעדאַקציע, צאָהלט ער איהר באַלד אויס ביז אײן פעניג. נאָכדעם ווי זײַן מוטער האָט זײַן געהאַלט, וואָס ער פלעגט בעקומען פון איהר, פערשמעלערט פון פינף און זיעבעציג מאַרק אויף פינפציג, האָט ער אָנגעהויבען ליפערן די הומאָריסטישע צײַטונגען און וויץ-בלעטער פערשידענע צום לאַכען רײַצענדיגע אַרטיקלען, עס האָט נישט אויסגעמאַכט, ווען עס איז אפילו געווען אַ רעכט ביסעל צוגעפעפערט מיט נבול-פה. די דאָזיגע אַרטיקלען זײַנע זענען בײַם פובליקום בעליעבט געוואָרען און ער האָט דערפון זײַן גוטע אויסקומעניש געהאַט. — דאָס געלד, וואָס די מוטער האָט איהם געשיקט, האָט ער פערשווענדעט אויף די קאָלעגען, בעצאָהלען אַלטע חובות, ביער, פרײַנד און ווײַבעלעך, אויף וואָס פרוי ראָט פלעגט שטאַרק אין כעס זײַן און איהם גאַנצע מוסר-דרשות זאָגען. —

— נ'אָבענד, באָלל! — האָט ער לוסטיג אַ זאָג געטהון, ווי שטענדיג, ווען ער איז אַלײַן געוועזען. —

— אַהאַ, איהר זענט שוין אין דער הײם? דאָס קאָלעג דויערט דאָך ביז נײַן דעם זײַגער! זי הוליען שוין ווידער? נעע, דאָס איז דאָך שרעקליך! נאָכאַמאָל וועל איך דאָס אײַער מוטער שרײַבען, אַלץ וועל איך איהר שרײַבען! —

(פאָרטזעצונג קומט)

מאַרק טווען.

אַן אינטערוויו.

(פון ענגלישען)

דער יונגערמאַן, אַ נערוועז-ריהרעוודיגער און פלינקער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל, וואָס איך האָב איהם פאָרגעלעגט, און האָט מיר געזאָגט, אַז ער אַרבייט אין'ם בלאַט: „דאָס טעגליכע געוויטער". דערנאָך האָט ער פאָרטגעזעצט: „זענט מוחל, איך בין געקומען אייך אינטערוויואירען".

— צו וואָס זענט איהר געקומען?

„אייך צו אינטערוויואירען."

— אַה, איך פערשטעה, הם... הם... יאָ... יאָ...

דעם מאָרגען האָב איך זיך געפיהלט עפּעס ניט גוט, און מיינע גייסטיגע פעהיגקייטען זענען געווען אַ ביסעל בעוואָלקענט. פונדעסטוועגען בין איך צוגעגאַנגען צו'ם ביכער-אַלמער, אָבער נאָך עטליכע מינוטען בין איך ווייטער געווען געצוואונגען צו ווענדען זיך צו'ם יונגען-מאַן: „ווי שרייבט מען עס?"

„וואָס שרייבט מען?"

— אינטערוויואירען.

„גאָט מיינער! צו וואָס דאַרפט איהר עס שרייבען?"

— איך דאַרף עס ניט שרייבען, נאָר איך וויל זעהן דעם טייטש דערפון.

„איך מוז מודה זיין: עס הידוש'ט מיך. דעם טייטש דערפון קאָן איך אייך זאָגען, אויב איהר — — אויב איהר — —

— גוט, גוט! ס'איז זעהר שעהן פון אייך. איך בין שוין צופריעדען.

„אינ... אינ... טער... טער... אינטער... — —"

— איהר שרייבט עס מיט אַן „אי"?

— „פערשטעהט זיך."

— אָט זעהט איהר, וועגען דעם האָב איך דאָך געטראַכט אַזוי לאַנג.

„אָבער, געעהרטער העיר, ווי אַזוי האָט איהר עס געוואָלט שרייבען?"

— איך... איך... ווייס טאַקע ניט. איך האָב געקוקט אין ווערטערבוך, בוכשטאַבירט פון הינטען נאָך פאָ'ענט, געזוכט צווישען די בילדער, נאָר מיין אויסגאַבע איז עפּעס צו אַלט.

„אָבער מיין טייערער פריינד! אַ בילד דערפון וועט איהר דאָך אפילו אין דער נייעסטער אויסגאַבע אויך ניט געפינען. זענט מוחל, מיין העיר... איך וויל נישט זאָגען קיין שלעכטס, אָבער... איהר זעהט אויס ניט אַזוי — ניט אַזוי — אינטעליגענט, ווי איך האָב גערעכענט. האָט גישט קיין פעראיבעל, איך מיין נישט קיין שום שלעכטס.

— אָך, איך בעט אייך, איך בעט אייך! דאָס אייגענע האָב איך געהערט שוין פון פילע, און גראָד פון אַזוינע, וואָס האָבען קיין שום סיבה ניט צו חנפ'ענען מיר. יאָ, שטענדיג רעדען זיי דערפון מיט בעגייסטערונג.

„איך קאָן זיך פאָרשטעלען. אָבער, אומקעהרענדיג זיך צום ענין, מוז איך

אײַך זאָגען, אַז איצט איז אַ מאָדע צו אינטערוויואירען יעדען בעריהמטען מענשען.

— אין דער אמת'ן? און איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגען דעם. ס'איז מסתמא זעהר אינטערעסאַנט, האַ? מיט וואָס מאַכט מען עס?

„נאָר דאָס איז עפּעס צו... מען וואָלט עס געדאַרפט אַמאָל מאַכען מיט אַ שײַט האָלץ; אָבער ס'איז אָנגענומען, אַז דער אינטערוויוער גיט שאלות און דער אינטערוויואירטער ענטפערט אויף זיי. עפּעס אַ מאַניע איז דאָס געוואָרען! אפשר וועט איהר מיר ערלויבען אײַך פאָרלעגען עטליכע פראַגען, כדי פעסטצושטעלען די הויפּט-פּונקטען פון אײַער לעבען?"

— אָך, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! איך האָב אַפילו אַ שלעכטען זכרון, נאָר איהר וועט דאָך ניט האָבען קיין פּעראיבעל. מײַן זכרון, פערשטעהט איהר מיך, האַלט לחלוטין ניט פון גלײַכמעסיגקײַט. אַמאָל שפּרינגט ער ווי אין גאַלאָפּ, טײַלמאָל געפינט ער זיך צוויי וואָכען אויף איין אָרט. ס'איז זעהר ניט-בעקוועמט פאַר מיר.

„ס'מאַכט נישט אויס. איהר וועט זיך דאָך סטאַרען, ווי ווײַט מעגליך..."

— אודאי, אודאי. גאָר מײַנע געדאַנקען וועל איך קאָנצענטרירען אויף איין פּונקט.

„אַ דאַנק. מיר קאָנען אָנהויבען?"

— איך בין גרייט.

פּ ר אַ ג ע: וויפיעל יאָהר איז אײַך?

ע נ ט פ ע ר: אין יוני ווערט מיר נײַנצעהן.

פּ ר אַ ג ע: וואָס רעדט איהר? איך וואָלט אײַך געגעבען פינף אָדער 36. וואו זענט איהר געבוירען?

ע נ ט פ ע ר: אין מיסורי:

פּ ר אַ ג ע: ווען האָט איהר אָנגעהויבען צו שרײַבען?

ע נ ט פ ע ר: אין 1836 יאָהר.

פּ ר אַ ג ע: הערט! ווי קאָן עס גאָר זײַן אויב אײַך איז איצט נײַנצעהן?

ע נ ט פ ע ר: ווייס איך טאַקי נישט; ס'איז אין דער אמת'ן עפּעס משונה'דיג!

פּ ר אַ ג ע: זעהר משונה'דיג! וועמען פון אײַערע בעקאַנטע האַלט איהר פאַר דעם בעדייטענסטען מענשען?

ע נ ט פ ע ר: אהרן באָר.

פּ ר אַ ג ע: אָבער ס'איז דאָך אונמעגליך, אַז איהר זאָלט האָבען געזעהן ווען עס איז באָר'ן, אויב אײַך איז אינגאַנצען נײַנצעהן יאָהר?

ע נ ט פ ע ר: אויב איהר ווייסט בעסער פון מיר, טאָ צו וואָס פרעגט איהר בכלל?

פּ ר אַ ג ע: דאָס איז געווען אַזוי זיך. וואו האָט איהר זיך געזעהן מיט באָר'ן?

ע נ ט פ ע ר: די מעשה איז געווען אַזוי. איין טאָג בין איך געווען אויף זײַן לויה, און דאָ האָט ער מיך געבעטען איך זאָל זײַן אַ ביסעל שטילער, און...

פּ ר אַ ג ע: נאָר, גאָט מײַנער! אויב איהר זענט געווען אויף זײַן לויה, איז ער דאָך געווען טויט; און אויב ער איז געווען טויט, וואָס פאַר אַ חילוק איז עס איהם, צי איהר מאַכט אַ ליאַרים, צי ניט?

ע נ ט פ ע ר. אָט דאָס פרעג איך דאָך אײַך! זעהט איהר, ער איז שטענדיג געווען אַנ'אָריגינאַל.

פ ר אַ ג ע : איך קאָן עס אָבער ניט בעגעהמען . פריהער זאָגט איהר , אַז ער האָט געערעדט מיט אייך , און דערנאָך , אַז ער איז געלעגען אַ טויטער .

ע נ ט פ ע ר : איך האָב נישט געזאָגט אַז ער איז געלעגען אַ טויטער .

פ ר אַ ג ע : איז ער עס ניט געווען ?

ע נ ט פ ע ר : איינע האָבען געזאָגט , אַז דאָס איז ער ! אַנדערע — אַז ניט .

פ ר אַ ג ע : ווי איז אייער מיינונג ?

ע נ ט פ ע ר : וואָס אַהרט עס מיך ? ס׳איז געווען אפשר מיין לויה ?

פ ר אַ ג ע : האָט איהר געמיינט . . . נאָר דאָ וועלען מיר קיינמאָל ניט קומען צו קיין סוף . אָט איז אַן׳אַנדער פראַגע . וועלכען טאָג זענט איהר געבוירען ?

ע נ ט פ ע ר : מאָנטאָג , דעם 31-אָקטאָבער 1693 יאָהר .

פ ר אַ ג ע : וואָס ? ! אוממעגליך ! אויב אַזוי , איז אייך דאָך איצט 180 יאָהר ! ווי וועט איהר דאָס דערקלערען ?

ע נ ט פ ע ר : איך קאָן עס גאָרניט דערקלערען !

פ ר אַ ג ע : אָבער פריהער האָט איהר דאָך געזאָגט , אַז אייך איז ניינצעהן יאָהר , און איצט רעדט איהר וועגען 180 . דאָס איז דאָך אַ מורא׳דיגער שפּרונג !

ע נ ט פ ע ר . איהר האָט עס בעמערקט ? — איך האָב איהם שטאַרק געדריקט די האַנד . — שוין אַ סך מאָל האָט מיר געשיינט , אַז דאָ איז עפּעס ניט ריכטיג , אָבער קיינמאָל האָב איך ניט געקאָנט זיך גיט דערקלערען די מעשה . ווי גיך איהר בעגעהמט אַ זאַך !

פ ר אַ ג ע : איך דאַנק אייך פאַר׳ן קאָמפּלימענט . — האָט איהר געהאַט ברי־דער צי שוועסטער ?

ע נ ט פ ע ר : יאָ . . . איך . . . מיר דוכט זיך , אַז יאָ — כ׳געדענק אָבער ניט .

פ ר אַ ג ע : אָבער דאָס איז דאָס סאַמע משונה׳דיגע , וואָס איך האָב געהערט ביז היינטיגען טאָג !

ע נ ט פ ע ר . מיט וואָס איז עס אַזוי משונה׳דיג ? .

פ ר אַ ג ע : וואָס הייסט ? — הערט , וואָס איז דאָרטען פאַר אַ בילד אויפ׳ן וואַנד ? איז דאָס ניט אַ ברודער פון אייך ?

ע נ ט פ ע ר : יאָ, יאָ, אָט איצט האָב איך זיך דערמאָהנט ! דאָס א י ז ג ע ו ו ע ן אַ ברודער פון מיר , וויליאַם-ביל האָבען מיר איהם גערופען . אָרימער , אַלטער ביל !

פ ר אַ ג ע : פאַר וואָס אָרים ? ער איז געשטאָרבען ?

ע נ ט פ ע ר : יאָ , ליידער , מיר דוכט זיך אַזוי . מיר האָבען עס קיינמאָל ניט געוואוסט גענוי . ס׳איז געווען גאָר אַ פערפלאָנטערטע מעשה .

פ ר אַ ג ע : אָך , ווי טרויעריג , ווי טרויעריג ! ער איז נעלם געוואָרען ?

ע נ ט פ ע ר : נו , יאָ , אויב איהר ווילט . מיר האָבען איהם בעגראָבען .

פ ר אַ ג ע : בעגראָבען ! ב ע ג ר אָ ב ע ן , ניט וויסענדיג , צי ער איז טויט ?

ע נ ט פ ע ר : ניין , ניט אַזוי . טויט איז ער געווען גאָר אינגאַנצען .

פ ר אַ ג ע : איך מוז מודה זיין — דאָס איז ווייטער פון מיין האָריזאָנט . אויב איהר האָט איהם בעגראָבען און געוואוסט , אַז ער איז טויט . . .

ע נ ט פ ע ר : ניין , ניין ! מיר האָבען גאָר געמיינט , אַז ער איז טויט .

פ ר אַ ג ע : אהאַ , איך פערשטעה ! ער האָט ווידער אָבגעלעבט ?

ענטפער: איך בין ערב, אַז ער האָט ניט אָבגעלעבט.

פראַגע: נו פון אַזאַ מעשה האָב איך נאָך ניט געהערט. עמיצער איז טויט עמיצען האָט מען בעגראָבען: וואָס איז דאָ פערפּלאָנטערט?

ענטפער: אָט דאָס איז דאָך די מעשה! גראָד דאָס איז דער עיקר. איהר דאַרפט וויסען, מיר זענען געווען צווילינגען — דער נפטר און איך — און אין וואַנע האָט מען אונז פערביטען, בעת אונז איז נאָך קיין 2 וואָכען ניט געווען, און איינער פון אונז איז דערטרונקען געוואָרען. איינע האָבען גערעכענט, אַז דאָס איז ביל; אַנדערע האָבען געמיינט, אַז דאָס בין איך.

פראַגע: איז דאָס אָבער אַ חידוש! ווי רעכענט איהר?

ענטפער: איין גאָט ווייסט עס. גאָר די וועלט וואָלט איך אַוועקגעגעבען, כדי זיך צו דערוויסען. דער דאָזיגער מורא'דיגער סוד פער'סמ'ט מיר מיין גאַנץ לעבען. נאָר איך וועל אייך דערצעהלען עפּעס, וואָס איך האָב נאָך קיינעם ניט אַנגעטרויט. איינער פון אונז האָט געהאַט אַ בעזונדער צייכען — אַ גרויסען געבורטס-פינטעל אויף דער לינקער האַנד. אָט דאָס בין איך געווען. דאָס בין איך געוועזען דאָס קינד, וואָס איז דערטרונקען.

פראַגע: גוט, גוט. איך פערשטעה אָבער ניט, וואָס עס איז פאַר אַ סוד.

ענטפער: איהר פערשטעהט ניט? דערפאַר פערשטעה איך! נאָר שאַ! למען השם דערצעהלט נישט קיינעם פון אונזער משפּחה! זיי וואָלטען זיך דאָך דאָס האַרץ אָבגעגעסען פאַר שבר-לב!

פראַגע: גוט, דערווייל האָב איך גענוג מאַטעריאַל; איך דאַנק אייך זעהר פאַר אייער מיה דערהויפּט איז געווען אינטערעסאַנט די ידיעה וועגען אהרן באַר'ס לויה. אפשר וועט איהר מיר נאָך זאָגען, פאַרוואָס איהר האַלט אהרן באַר'ן פאַר אַזאַ גרויסען מענשען?

ענטפער: עט, ס'איז אַ קלייניגקייט! פון 50 מענשען וואָלט עס בעמערקט אפשר איינער בעת די מלוים האָבען נאָכ'ן הספד אָנגעהויבען דעם וועג צו'ם בית-עלמין און באַר איז געלעגען אינ'ם אָרון, האָט ער געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלען נאָך אַמאָל אַ קוק טהוען אויף דעם לאַנדשאַפט, האָט זיך אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט זיך נעבען דעם קוטשער.

דער יונגער-מאַן איז זיך מיט דרך ארץ אַרויסגעגאַנגען. איך האָב בעדויערט זיין אוועקגעהן, ווייל ס'איז אַנגענעהם געווען צו שמועסען מיט איהם.

איבערגעזעצט פון ענגלישען: ס. ו. רייך.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То. 12.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

קופּאָן פיר ניט אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנען אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין וואַרשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ, די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען איבערגעבליבען אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.

13 טע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט.

1) דער קליידערשאנק. — טהאמאס מאנן.
2) ערא [פון פראנצויזישען]. — קאמיל לעמאניע.
3) די פערעל — רענע דומיק.
4) די פערגעסענע ווערטער פון דער ליעבע. — קאטול מענדעס.
5) דער אונטערגאנג פון דעם הויז אושער. — עדגאר פאע.
6) אנ'אונגליקליכע ערנליכקייט. — גיזאי דע מאפאסאן.
7) פריילין מוטער (ראמאן. פון דייטשען) — ערנסט גערגי.
8) א מאכל פון ציגנער (הומארעסקע) — אנאטאל פראנס.
9) אפאריזמען 10) ליטעראַרישע נייעס

טהאמאס מאנן.

יודיש—פון ל. שאפירא.

דער קליידערשאנק.

עס איז געווען וואלקענדיג, בין-השמשות'דיג און קיהל, ווען דער שנעלצוג בערלין-רוים איז אַרונטערגעפאהרען אונטער דאס דאך פון א וואקזאל פון מיטעלער גרויס. אין א קופע פון דער ערשטער קלאס, מיט שפיצען-נעארבייטע דעקען אויף די ברייטע פלושענע לעהנשטוהלען, האט זיך אויפגעהויבען אן איינזאמער פאסאזשיר, אלברעכט וואן-דער-קוואלען. ער האט ערוואכט פון שלאף. דערפיהלט א שטומפיגען געשמאק אין מויל. דעם קערפער האט ארומגענומען א נישט זעהר אנגענעהם געפיהל, וואס קומט פון דעם אבשטעלען זיך נאך א לאנגען פאהרען. ווען די ריטמיש-פאלענדע קלאפעריי ווערט אנטשוויגען און אין דער אומגעריכטער שטילקייט צייכענט זיך אב מאדנע דייטליך יעדער שארך פון דרויסען, די אויסרופען און סיגנאלען ... אט ווי פלוצים זיך אויסניכטערן פון א שווערע שכרות. די נערוועז פערליערען גלייך זייער שטיצע, דעם

ריִטמוס , וואָס האָט זיִ געוויַילט — און זיִ פיִהלען זיִך זעהר צעְהוּרעְרט ,
פעְרלאָזען . בעְזונדערס , אויב מ'ערוואַכט דאַן פון אַ שווערען אונטער=
וועגענס=שלאָף .

אַלבּרעכט וואַן=דער=קוואַלען האָט זיִך אַ ביִסעל אַ ציִה געטהון ,
איִז צו צום פענסטער און האָט אַראָבגעלאָזען די שויב . ער האָט געקוקט
איִן די לענג פון צוג . ביַי'ם פאָסטוואַגאָן זענען פערשיִעדעגע מענשען
געווען בעשעפטיִגט מיִט אַריַינטראָגען פאַקעטען . דער לאָקאָמאַטיִוו האָט
אַרויסגעלאָזען אַ פאָר קלאַנגען , האָט אַ ביִסעל געזאָדען , א ביִסעל גע=
גאָרגעלט , דערנאָך איִז ער אַנטשוויִגען געוואָרען און האָט זיִך געהאַל=
טען שטיִל ; אָבער בלויז ווי אַ פערד , וואָס שטעהענדיִג שטיִל ציִטערט
עס , הייבּט אַ קאָפּיִטע , מאַכט מיִט די אוירען און וואַרט בלויז אויף
אַ צייכען צו ריִהרען זיִך פון אָרט . אַ הויכע , דיִקע דאַמע מיִט אַ זעהר
פערטראָגען געזיִכט האָט געשלעפּט פארביַי די וואַגאָנען אַ שווערען טשע=
מאָדאַן , אונטער=האַלטענדיִג און אונטערשטופּענדיִג איהם מיִט דער קניִע:
אָהן לשון , אויפגערעגט, מיִט דערשראָקענע אויגען . בעזונדערס איִן
איִהר הויך=אויפגעהויבענער איבערשטער ליִפּ מיִט די קליינע טראָפּעלעך
שוויִיס אויף איִהר איִז געווען עטוואָס זעהר ריִהריִנדעס . „נעבעך , ליִע=
ביִנקע מיינע ! — האָט וואַן=דער=קוואַלען געטראַכט — וואָלט איך דיר נאָר
געקאָנט העלפען , פערשפאָרען דיִר טרחה , בערוהיִגען דיִך , שוין צו=
ליִעב דיין איבערשטער ליִפּ אַליין ! איִז אָבער איטליכער פאַר זיִך , אַזוי
איִז עס שוין , שטעה איך דאָ איִן דעם אויגענבליִק אָהן שום שרעק און
קוק אויף דיִר , ווי אויף אַ זשוק וואָס איִז געפאַלען אויפ'ן רוקען . . "

אַ בין=השמשות האָט געהערשט אונטער'ן בעשייִדענעם דאַך . איִז
עס געווען אָוועַנד אָדער פריִהמאָרגען ? ער האָט ניִט געוואוסט . ער איִז
געשלאָפען און איִז לחלוטין ניִשט איִמשטאַנד צו זאָגען , אויב ער איִז
געשלאָפען צוויי , פיִנף אָדער צוועלף שטונדען .

האָט זיִך איִהם דען ניִשט געטראָפען צו שלאָפען פיִער און צוואַנ=
ציִג שטונדען נאָכאַנאַנד און נאָך מעהר , אָהן אַ שום איבערריַיס , מיִט אַ
טיִעפען . אויסערגעוועהנליִך טיִעפען שלאָף ?

געקליידעט איִז ער געווען איִן אַ האַלב=לאַנגען , טונקעל=ברוינעם
וויִנטערראָק מיִט אַ סאַמעטענעם קאָלנער . לויט'ן געזיִכט איִז שווער גע=
ווען צו זאָגען , ווי אַלט ער איִז ; מ'האָט געקאָנט צווייִפלען צווישען פיִנף
און צוואַנציִג און דעם סוף פון פיִערטען צעהנדליִנג . זיין הויט איִז געווען
געלבליִך , די אויגען אָבער—שוואַרץ , פיִנקלענד ווי קויהלען , אַרומגע=

רינגעלט פון אַ טיפער בלויקייט. זיי האָבען קיין גוטעס ניט פערשפראָכען. פערשיעדענע דאָקטוירים, און אַן ערנסטען, אָפענהערציגען געשפרעך מיט איהם, האָבען איינער נאָכ'ן צווייטען מודה געווען, — אַז ער האָט געצעהלטע מאָנאַטען... זיינע טונקעלע האָר זענען געווען גלאַט פערקעמט אויף אַ זייט.

אין בערלין, — הגם בערלין איז נישט געווען דער אויסגאַנגס פונקט פון זיין רייזע — האָט ער זיך צופעליג געזעצט מיט זיין רויט-לעדערנעם טשעמאָדאַן אין אַ צוג, וואָס האָט גראַדע געהאַלטען ביי'ם אָבגעהן, דער נאָך איז ער געשלאָפען, און יעצט, אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער זיך געפיהלט אויף אַזוי פיעל אויסער דער צייט, דאָס ער האָט געקריגען אַ שטאַרקע הנאה. קיין זייגער האָט ער ניט געהאַט.

ער איז גליקליך געווען פונ'ם געדאַנק, אַז צום דינעם גאָלדענעם קייטעל, וואָס הענגט אַרום זיין האַלז, איז צוגעטשעפעט בלויז אַ קליינער מעדאַליאָן, וואָס ליעגט ביי איהם אין וועסטעל, ער האָט נישט ליעב געהאַט צו וויסען די שטונדע, אפילו דעם טאָג; קיין קאַלענדער האָט ער אויך ניט געהאַט. שוין לאַנג איז ער לויז געוואָרען פון דער געוואוינהייט צו וויסען, וואָס פאַר אַ דאַטום עס איז, אפילו דעם מאָנאַט, אפילו די צייט פון יאָהר. אַלעס דאַרף הענגען אין דער לופטען, האָט ער געוועהנליך געטראַכט, און הגם דער אויסדרוק איז געווען עטוואָס טונקעל, האָט ער פערשטאַנען אונטער איהם אַ היבש ביסעל. זעלטען אָדער קיינמאָל האָט איהם וואָס געשטערט אין דעם דאָזיגען נישט-וויסען. ער האָט זיך געפלייסט צו ווייכען פון אַזעלכע שטערונגען. איז איהם דען נישט גענוג געווען צו בעמערקען בלויז אין ערך, וואו דאָס יאָהר האַלט?

הערבסט, ביז צו אַ געוויסען גראַד — האָט ער געטראַכט. קוקענדיג אויף די טריבע, פייכטע פלאַט-פאָרם. מעהר ווייס איך ניט. ווייס איך איבערהויפט, וואו איך בין?.. און פלוצים, ביי דעם דאָזיגען געדאַנק איז זיין הנאה איבערגעגאַנגען אין אַ פריידיגען ציטער. ניין, ער האָט ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך! נאָך אין דייטשלאַנד? אָהן צווייפעל. אין נאָרד-דייטשלאַנד? מ'קאָן נישט וויסען. בעת זיינע אויגען זענען נאָך געווען פערנעבעלט פון שלאָף, האָט ער פון פענסטער געזעהען, ווי ס'איז פאַרביי געשוואומען אַ בעלויכטען ברעט, פיעלייכט מיט'ן נאָמען פון דער סטאַנציע אויף דעם... קיין איינציגער שטריך פון אַ וועלכען עס איז בוכשטאַב האָט צו זיין מאַרך נישט דערגרייכט. ווען ער איז געווען נאָר וואָס פון שלאָף, האָט ער געהערט, ווי דער קאָנדוקטאָר האָט צוויי,

דריי מאָל אויסגערופען אַ נאָמען... ער האָט נישט בענומען קיין איינציגען קלאַנג. נאָר דאָרטען, אינ׳ם בין-השמשות — ער האָט ניט געוואוסט: פון פאַרנאַכט צו פון פריהמאָרגען — איז געווען אַ פרעמד אָרט. אַ אונבעקאַנטע שטאָדט... אַלבּרעכט וואַן-דער-קוואַלען האָט גענומען זיין ווייכען הוט, געחאַפּט זיין רויטען טשעמאָדאַן מיט די לעדערבענדער, וואָס האָבען שטייף געהאַלטען אַ קאָלדרע פון זיידוואַל אין ווייסע און רויטע קעסטעלעך, אין וועלכער עס האָט געשטעקט אַ שירם מיט אַ זילבערנעם הענטעל. און הגם זיין בילעט איז געווען ביז פלאָרענץ, איז ער אַרויס פון קופּע, איז דורכגעגאַנגען אונטער׳ן בעשיידענעם וואָקזאַל-דאַך, האָט אוועקגעגעבען זיין באַגאַזש צו היטען אין ביוראָ, האָט פערריכערט אַ ציגאַר, אריינגעלעגט די הענד — נישט געהאַט מיט זיך ניט קיין שירם, ניט קיין שטעקען — אין די קעשענעס פון זיין ראָק און האָט פערלאָזען דעם וואָקזאַל.

דרויסען, אויף אַ טריבען, פייכטען און גאַנץ אונבעלעבטען פּלאַץ, האָבען אַ פינף, זעקס פוהרלייט געקנאַקט מיט די בייטשען.

אַ מענש אין אַ היטעל מיט גאָלדבאַנד, וואָס האָט זיך געוויקעלט פון קעלט און אַ לאַנגען מאַנטעל, האָט געזאָגט מיט אַ פראַגע-טאָן:
—האָטעל „צו׳ם ואוילען יונג״? וואַן-דער-קוואַלען האָט איהם העפליך בעדאַנקט און איז אוועק גלייך מיט׳ן וועג. מענשען זענען געגאַנגען מיט אויפגעשטעלטע קעלנער; דעריבער האָט ער אויך אַזוי געטוהן! האָט געלאָזען זינקען זיין קינבאַקען אין סאַמעט, האָט גערויכערט און איז געגאַנגען ניט געשווינד און ניט פּאַמעלעך.

ער איז פאַרביי אַ דיקע שטיינערנע וואַנד, אַ טויער מיט צוויי מאַסיווע טורעמס און איז אַריבער איבער אַ בריק, מיט סטאַטועען ביי די זייטען. דאָס וואַסער אונטען האָט געפלאָסען פויל און געדיכט. אַ לאַנג, אַלט און שוואַך שיפעל איז פאַרבייגעשוואומען. אַ מענש איז געשטאַנען אויפ׳ן הינטערטהייל פון שיפעל און האָט גערודערט מיט אַ לאַנג דרענגעל. וואַן-דער-קוואַלען איז געשטאַנען אַ ביסעל און האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער׳ן געלענדער, ער האָט געטראַכט: אָט איז עפּעס אַ טייך. ס׳אַנגענעהם, וואָס איך ווייס ניט, ווי ער הייסט... דערנאָך איז ער אוועק ווייטער.

ער איז געגאַנגען נאָך אַ געוויסע צייט גלייך איבער׳ן טראָטואַר פון דער גאַס, וועלכע איז געווען נישט צו ברייט, נישט צו שמאָל, דערנאָך האָט ער זיך גענומען לינקס. די קיילעכדיגע עלעקטרישע לאַמפּען

האָבען זיך אָנגעצונדען צוויי מאָל, אויפבליצענד און מיט אַ קנאַק, האָבען זיי געלויכטען אין נעבעל. מ'האָט געשלאָסען די קראָמען. הייסט עס, הערבסט אין אַלע הינזיכטען, — האָט וואַן־דער־קוואַלען אַ קלער געטהון און געשפּאַנט איבער'ן שוואַרצען, נאַסען טראָטואַר! ער האָט נישט געטראָגען קיין קאַלאָשען, אָבער זיינע שיך זענען געווען גאַנץ ברייט, דיך, פעסט און דאָך נישט אָהן עלעגאַנץ.

לאַנג איז ער געגאַנגען לינקס. מענשען זענען געגאַנגען פאַרביי. איילענדיג, צוליעב זייערע עסקים, פון זייערע בעשעפטיגונגען. — און איך געה צווישען זיי, האָט ער געטראַכט, אַזוי איינזאַם און פרעמד, ווי קיינמאָל קיינער אין דער וועלט. איך האָב ניט קיין בעשעפטיגונג, קיין צוועק, אפילו קיין שטעקעל, אויף אָנצושפּאַרען זיך. פרייער ווייניגער געבונדען, גלייכגילטיגער קאָן שוין קיינער ניט זיין. קיינער איז צו מיר ניט פערפליכטעט, און איך בין ניט פערפליכטעט צו קיינעם. גאָט האָט קיינמאָל זיין האַנד איבער מיר נישט אויסגעשפּרייט. ער קען מיך גאַר נישט. אַ סאָליד אומגליק, אָהן שום ערבאַרמונג, איז אַ גוטע זאַך; מ'קאָן זיך זאָגען: איך בין גאָט קיין זאַך נישט שולדיג.

די שטאָדט האָט געהאַלטען ביי'ם ענדיגען זיך. קענטיג, פונ'ם צענטר איז ער פערגאַנגען ביז צו די קאַנט־גאַסען. ער האָט זיך געפונען אויף אַ ברייטער גאַס פון פאָרשטאָדט מיט בוימער און וויללעס. ער האָט זיך גענומען רעכטס, איז דורכגעגאַנגען אַ דריי, פיער כמעט דאָרפישע, מיט גאַז בעלויכטענע גאַסען, און אויף איינער פון זיי, אַ ביסעל אַ ברייטערער, איז ער געבליעבען שטעהן פאַר אַ הילצערנעם טויער, אויף דער זייט פון אַ געוועהנליכען, געדיכט־געל געפאַרבטען הויז, מיט אונדורכדרינגליכע, שטאַרק בולט'ע, שפּיעגעל־גלעזערנע שויבען אין די פענסטער. צו'ם טויער איז פון דעסטוועגען געווען צוגעשלאָגען אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט: "אין דעם הויז, אויפ'ן דריטען שטאָק, צימערען צו פערדינגען". אַזוי? האָט ער געזאָגט, האָט אַוועק געוואָרפען דאָס שטיקעל ציגאַר, איז אַריין אין טויער, דערנאָך, פאַרביי דעם הילצערנעם פלויט צווישען דעם הויף און דעם צווייטען, אין די הויזטיר, מיט צוויי שפּאַן איז ער דורכגעגאַנגען די פעדערשטע פלאַטפאָרם מיט איהר אַלטען גרויען פוסלויפער און האָט גענומען שטייגען אַרויף מי די איינפאַכע הילצערנע טרעפּ.

די טירען אין די עטאַזשען זענען אויך געווען גאַנץ בעשיידענע. מיט מאַטע שויבן אין דראָהטענע רעמלעך. וואו־ניט־וואו ברעטלעך מיט

נעמען. די טרעפּ=דורכגענג בעלויכטען פון קעראָסין=לאָמפּען. אויפן דריטען שטאָק, דעם לעצטען, — העכער איז געווען דער בוידעם — זענען רעכטס און לינקס פון די טרעפּ געווען נאָך איינגענג: איינפאַכע ברוינע טירען; אויף זיי — קיינע נעמען. וואַן=דער=קוואַלען האָט אַ ציה געטהון ביי דער מיטעלטיר דאָס מעשענע הענטעל פון גלאָק... עס האָט געגעבען אַ קלונג, אָבער קיין בעוועגונג האָט מען נישט געהערט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין די לינקע טיר... קיין ענטפער. אין די רעכטע... לאַנגזאַמע לייכטע טריט — און די טיר האָט זיך געעפענט.

עס האָט זיך בעוויזען אַ פרוי, אַ הויכע, מאָגערע דאַמע, לאַנג און אַלט. זי האָט געטראָגען אַ הייבעל מיט אַ גרויסען בלאַס=בלויען שלייף און אַן אַלט=מאָדיש, אָבגעקראָכען, שוואַרץ קלייד. אַן איינגעפאַלען פייגעלש פנים און אויפ'ן שטערן אַמאוס'ע בייל, אַ סאָרט קרעציג ווילדפלייש, עהנליך צו מאָך.

דאָס האָט אויס געזעהען גאַנץ עקעלהאַפט.

„גוטען אָוונד" האָט וואַן=דער=קוואַלען געזאָגט, „די צימערען..."

די אַלטע דאַמע האָט אַ נייג געטוהן דעם קאָפּ; אַ נייג געטהון לאַנגזאַם, אָהן לשון און מיט אַ בעדייטענדען געלעכטער און מיט אַ לאַנגזאַמער מידער, איידעלער בעוועגונג פון איהר שענער, ווייסער, לאַנגער האַנד האָט זי אָנגעוויזען אויף די לינקע טיר געגענ'איבער. דערנאָך איז זי פערשוואונדען און איז צוריקגעקומען מיט אַ שליסעל. אָט, —האָט ער געקלערט, שטעהענדיג הינטער איהר, ווערהענד זי האָט אויפגעשלאָסען, — איהר זענט ווי אַ גייסט, ווי אַ פיגור פון האָפמאַן'ס מעשה'לעך, מאַדאַם... זי האָט אַראָבגענומען פון העקעל די קעראָסין=לאָמפּ און האָט און האָט איהם איינגעלאַדען אַריינצוגעהן.

זיי זענען אַריין אין אַקליינעם, נידעריגען לאָקאַל מיט אַ ברוינער פּאָדלאָגע; נאָר די ווענד זענען פון אויבען ביז אַראָב געווען פערפּוצט מיט העל=געלע שטרויה=טרעטער. דאָס פענסטער אין דער הינטערשטער וואַנד רעכטס איז געווען פערהאָנגען מיט אַ ווייסען מוסלין=פאָרהענגעל, וואָס איז געהאַנגען אין לאַנגע גלייכע פאַלדען. רעכטס האָט אַ טיר געפיהרט אין דאָס צווייטע צימער.

די אַלטע דאַמע האָט עס געעפענט. אויפהייבענדיג די לאָמפּ. דאָס צימער האָט אויסגעזעהען שרעקליך לעדיג. אויף די הוילע ווייסע ווענד האָבען זיך אָבגעצייכענט דריי העל=רויטע וויענער שטוהלען, ווי יאַגדעס אויף שמאַנט. אַ קליידער שאַנק, אַ וואַשטיש מיט אַ שפּיגעל...

אָנגעהײַער גרויס בעט, פון מאַהאָגאַני־האָלץ, איז געשטאַנען פרײַ אין מיטען צימער.

„איהר האָט עפּעס דאַגעגען?“ האָט די אַלטע דאַמע געפרעגט, איבערפיהרענדיג מיט איהר שנער. ווײַסער האַנד איבער דער בײַל אויפ׳ן שטערען . . . זי האָט, קענטיג, זיך אויסגעדריקט אַזוי בלויז פון צעטראָגענקייט, נישט געפינענדיג אין דעם אויגענבליק קיין פּאַסענדערע ווערטער. זי האָט גלײַך צוגעגעבען: „אַזוי צו זאָגען?“ — „ניין, איך האָב גאָרנישט דאַגעגען“, האָט וואַן־דער־קוואַלען געענטפערט. „די צימערען זענען צוגעקליעבען גאַנץ וויציג. איך נעהם זיי . . . איך וואָלט וועלען, עמיצער זאָל ברענגען מײַנע זאַכען פון וואָקזאל, אָט איז די קוויטאַנציע. איהר וועט זײַן אַזוי פרײַנדליך מיר מאַכען דאָס בעט, שטעלען אַ נאַכטטישעל . . . גלײַך מיר געבען אַ שליסעל פון הויז, אַ שליסעל פון דער וואָהנונג . . . ווי אויך אַ פּאָר האַנדטיכער. איך וויל זיך אַ ביסעל ברענגען אין אָרדענונג, דער נאָך געהן אין שטאָדט עסען און זיך אומקעהרען שפּעטליך“.

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ניקעליזירט טואַלעט־קעסטעלע, פון דאָרט — אַ שטיקעל זייף און האָט גענומען אָבפּרישען זיך די הענד און דאָס פּנים בײַם וואַשטיש. דערבײַ האָט ער צו ביסלעך אַרויס געקוקט דורך די פון דרויסען בולט׳ע שויבען פון פענסטער אויף די בלאָטיגע גאַסען פון פאָרשטאָדט. אויף די גאַז־בעלײַכטונג, די קײַלעכדיגע לאָמפּען, די לאַנד־הײַזער . . . ווישענדיג די הענד, איז ער צוגעגאַנגען צו׳ם קליידערשאַנק, וואָס איז געווען פיערקאַנטיג, ברוין געפאַרבט, מיט אַן אײַנפאַך — געשניצט קעפּעל, האָט זיך אַ ביסעל געשאָקעלט. דער שאַנק איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער רעכטער וואַנד. פּונקט אין דער נישע פון אַ צווייטער ווײַסער טיר, וואָס האָט וואַרשײַנליך געפיהרט צו׳ם לאָקאל מיט דעם הויפּט־אײַנגאַנג פון די טרעפּ אין איהם. פאַרהאַן דיר זאַכען אויף דער וועלט, וואָס זענען גוט אײַנגעריכטעט, — האָט וואַן־דער־קוואַלען אַ טראַכט געטהון. — דער דאָזיגער שאַנק פּאַסט זיך צו דער טיר־נישע, פּונקט ער וואָלט ספּעציעל פאַר איהר געמאַכט געוואָרען . . . ער האָט אויפגעעפענט . . . דער שראַנק איז געווען אינגאַנצען לעדיג, מיט עטליכע צײַלען העקלעך פון אויבען; אָבער דאָס דאָזיגע סאָלידע שטיק מעבעל האָט ניט געהאַט קיין הינטערשטע וואַנד; אַנשטאָט איהר איז צו דער הינטעשטער עפענונג געווען צוגעשטאָכען מיט נאָדלען אָדער קנאָפּ־נעגעלעך אַ שטיק געוועהנליכער, גרויער און געדיכטער שטאָף. וואַן־

דער=קוואַלען האָט פערשלאָסען דעם שאַנק, האָט אָנגעטהון דעם הוט, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זײַן אויבערראָק, פערלאָשען דאָס ליכט און איז אַרויסגעגאַנגען. ווען ער איז געגאַנגען דורך דאָס פאָדערצימער, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז מיט׳ן שאַרף פון זײַנע טריט גיעסט זיך צוזאַמען אַ קלאַנג, אַ שטילער, דורכזיכטיגער, מעטאַלענער קלאַנג, וואָס קומט פון די שכנ׳ישע צימערען... נאָר עס איז זעהר מעגליך, אַז איהם האָט זיך עס בלויז אויסגעדאַכט. פונקט ווי אַ גאָלדענער רינג, וואָס פאַלט אין אַ זילבערנעם בעכער, — האָט ער אַ טראַכט געטהון, פערשליסלנדיג די וואָהנונג, איז אַראָב פון די טרעפּ, האָט פערלאָזען דאָס הויז און אויסגעזוכט דעם וועג צוריק אין שטאָדט אַרײַן,

אויף אַ לעבעדיגער גאַס איז ער אַרײַן אין אַ בעלויכטענעם רעסטאָראַן, האָט פערנומען איינס פון די פעדערשטע טישלעך, וויַזענדיג דעם רוקען דער גאַנצער וועלט. ער האָט געגעסען אַ זופּ פון גרינע מאַנדלען, אַ ביפסטייק מיט אייער, קאָמפּאָט, אַ שטיקעל גרינעם קעז און אַ האַלבע באַרנע. געהייסען געבען ווײַן. אָבגעצאָהלט און אָנגעטהון זיך, האָט ער זיך צוויי מאָל פערצויגען פון אַ פּאַפּיעראָס, האָט פעררויכערט אַ ציגאַר און איז אַרויס. ער האָט אַ ביסעל געבלאָנדזעט, אויסגעפינען דעם וועג צו זיך אין פאָרשטאָדט און נישט געאײַלט, זיך אומגעקעהרט אַהיים.

דאָס הויז מיט די שפּיגעל=שויבען איז געווען פערזונקען אין פינסטערניש און שטילקייט, ווען וואַן=דער=קוואַלען האָט געעפענט די הויזטיר און איז ארויפגעגאַנגען דורך די פינסטערע קאָרידאָרען. ער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און זיך צוגעלויכטען, האָט געעפענט די ברוינע טיר אויפ׳ן דריטען שטאָק צו זײַנע צימערען. אַוועקגעלעגט דעם הוט און אויבערראָק אויפ׳ן דיוואַן, האָט ער אָנגעצונדען די לאָמפּ אויפ׳ן גרויסען שרײַבטיש און האָט געפונען אויף איהם זײַן טשעמאָדאַן און דעם צונויפגעדרעהטען פלעד מיט׳ן שירם אין איהם, אויפגעוויקעלט דעם פלעד, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פלאַש קאָניאַק, פון טשעמאָדאַן — אַ גלעזעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ לעהנשטוהל, זופּענדיג צו ביסעלעך, דערויכערנדיג זײַן ציגאַר. עס איז אַנגענעהם, האָט ער געטראַכט, וואָס פון דעסטוועגען איז פאַרהאַן קאָניאַק אויף דער וועלט...

דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען אין שלאָפצימער, האָט אָנגעצונדען אַ ליכט אויפ׳ן נאַכטטישעל האָט פערלאָשען די לאָמפּ אין צווייטען צימער און זיך גענומען אויסטהון. נאָר אָבשפּילענדיג די הויזענהאַלטערס, האָט

ער זיך דערמאָנט אָן דעם הוט און ראָק, וואָס ער האָט געלאָזען אויפ'ן די וואַן; ער האָט זיי געבראַכט, געעפענט דער קליידערשאַנק... ער איז אָבגעטראָטען אויף אַ שפּאַן אַהינטער און האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנד פאַר איינע פון די פיער געטאָקטע גרויסע מאַהאָגאַני־קוגלען, וואָס האָבען בעצירט די ווינקלען פון בעט.

דאָס בעוועגליכע פלעמעל פונ'ם ליכט האָט בעלויכטען דאָס צימער מיט די הוילע, ווייסע ווענד, אויף וועלכע די רויטע לאַקירטע שטוהלען האָבען זיך אָבגעצייכענט ווי מאַלינעס אויף שמאַנט. אָבער דער שאַנק מיט דער ברייט־געעפענטע טיר איז נישט געווען לעדיג; עמיצער איז אינוועניג געשטאַנען, עפּעס אַ פיגור, אַזאַ בעצובערגדע בעשעפעניש, דאָס וואַן־דער־קוואַלען'ס האַרץ האָט זיך אויף איין אויגענבליק אָבגעשטעלט, דערנאָך גענומען קלאַפּען שטאַרק, לאַנגזאַם, צאַרט,.. זי איז געווען אינגאַנצען נאַקעט, איין האַנד איהרע, שמאָל און צאַרט, איז געוועזען אויפגעהויבען און דער צווייטער פינגער איז געלעגען אויף איינעם פון די העקעלעך, וואָס אין אויבערשטען טייל פון שאַנק. חוואַליעס לאַנגע טונקעלע האָר זענען געלעגען אויף איהרע קינדערישע אַקסלען, פון וועלכע עס האָט געוועהט מיט אַזאַ חן, אַז ענטפערן האָט מען געקאָנט נאָר מיט אַ קרעכץ. אין איהרע לענגליכע שוואַרצע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער גלאַנץ פונ'ם ליכט... דאָס מויל איז געווען עטוואָס ברייטליך, אָבער זיין אויסדרוק אַזוי זיס, ווי די בעריהרונג פון שלאָפ'ס ליפּען צום שטערן נאָך אַ טאָג פון פּיין. די שלאַנקע פיס צוזאַמענגעדריקט, די טריט איינער האַרט נעבען צווייטען...

אַלברעכט וואַן־דער־קוואַלען האָט אַ פיהר געטהון מיט אַ האַנד איבער זיינע אויגען און האָט געקוקט... אויך האָט ער דערזעהען, אַז אין רעכטען ווינקעל פון שאַנק איז דער גרויער שטאָף געעפענט... „ווי?“ האָט ער געזאָגט, „איהרט ניט אַריינגעהן?.. וואָס זאָג איך... אַרויסגעהן... איהרט ניט אויסטרינקען אַ גלעזעל קאָניאַק? אַ האַלב גלעזעל?..“ אָבער ער האָט אויף קיין ענטפער נישט געוואַרט און האָט איהם נישט געקראָגען. איהרע אויגען, פינקלענד, שמאָל און אַזוי שוואַרץ, דאָס זיי האָבען דוכט זיך גאָר נישט געזאָגט, רעטועלהאַפט און שטום, זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איהם, נאָר אין זיי האָט מען ניט געלעזען קיין מיין אָדער ענטפער, גלייך זיי האָבען איהם ניט געזעהען.

— דאַרף איך דיר דערצעהלען? — האָט זי פּלוצים געזאָגט מיט אַ רוהיגער, דורכגעדרונגענער שטימע.

—דערצעהל . . .—האָט ער געענטפערט .

ער האָט זיך זיצענדיג אַראָבגעלאָזען אויפ'ן ברעג פון בעט , דער איבעררּאָק אויף די קניען און די צונויפגעלעגטע הענד אויף איהם . דאָס מויל אַביסעל אָפען און די אויגען האַלב געשלאָסען . אָבער דאָס בלוט איז צאַרט און וואַרעם געגאַנגען איבערן קערפּער , און אין די אויערען האָט עס שטיל געקלונגען .

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אינוועניג אין שאַנק און מיט איהרע צאַרטע הענד האָט זי אַרומגענומען איין קניע , דער צווייטער פוס איז אַרויס געהאָנגען דרויסען האָט צוגעדריקט די עלענבויגענס צו איהרע נישט=הויכע ברוסטען , און די עלאַסטישע הויט פון איהר קניע האָט געגלאַנצט זי האָט אָנגעהויבען דערצעהלען . . . האָט דערצעהלט מיט אַ שטילער שטימע , און דאָס פלעמעל פון ליכט האָט די גאַנצע צייט געציטערט אין שטומע טענץ .

צוויי זענען געגאַנגען דורך אַ סטעפּ . און איהר קאָפּ איז געלעגען אויף זיין אַקסעל . די גראָזען האָבען שטאַרק געשמעקט , נאָר וואָלקענס פון איוענד=נעבעל האָבען שוין געשטיגען אַרויף פון דער ערד : אַזוי האָט זיך עס אָנגעפאַנגען . און אָפט זענען דאָס געווען פּערזען , וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעשטעלט אויסערגעוועהנליך און זיס , ווי אין האַלב=דרימעל פון פיעבערהאַפטע נעכט . נאָר געענדיגט האָט זיך עס נישט גוט . דער שלום איז געווען טרויעריג , עהנליך צו דעם , ווי צוויי האָבען זיך אַרומגענומען , זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם , זייערע ליפּען האָבען זיך צוגעפּרעסט איינע צו די צווייטע , און בעת מעשה שטעכט איינער דעם אַנדערן אַ מעסער אין האַרץ, אמת, פון יענעמ'ס טובה וועגען. אַזוי האָט זיך עס געענדיגט . גלייך דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבען מיט אַ אונענדליך—שטילער און בעשיידענער בעוועגונג . האָט זיך דורכ=געגליטשט אונטער דער רעכטער העלפט פון דעם גרויען שטאָף , וואָס האָט געבילדעט דאָס הינטערשטע ווענטעל פון שאַנק . און איז נישט געוואָרען .

פון דעמאָלט אָן האָט ער זי יעדען אָווענד געפונען אין שאַנק ' האָט זי אויסגעהערט . . . וויפיעל אָוועדען ? וויפיל טעג , וואָכען אָדער מאָנאַטען איז ער פערבליבען אין יענער וואָהנונג . אין יענער שטאָדט ? וועמען וואָלט עס געגוצט צו וויסען אַ ציפער ? וועמען וואָלט פערגעניגען

פערשאפט א נישטיגע צאהל ? . . און וויסען ווייסען מיר, אז פערשיעדענע דאקטוירים האבען וואן־דער־קוואלען׳ען פערשפראכען בלויז געצעהלטע מאנאטען .

זי האט דערצעהלט . . . און טרויריגע ערצעהלונגען זענען דאס געווען . אהן טרייסט ; נאר מיט א זיסער שווערקייט האבען זיי זיך געלעגט אויף דאס הארץ , לאנגזאמער און גליקזעליגער האט עס געשלאגען פון זיי . אפט פלעגט ער זיך פערגעסען : דאס בלוט האט געשלאגען אין קאפ אריין , ער האט געשטרעקט צו איהר זיינע הענד , און זי האט זיך נישט געוועהרט . אבער פיעלע אווענדען דערנאך האט ער זי אין שאנק נישט געפונען, און אז זי האט צוריגעקעהרט , האט זי נאך פיעלע אווענדען גארנישט דערצעהלט , האט לאנגזאם ווידער אנגעפאנגען און פארטגעזעצט , ביז ער האט זיך ווידער פערגעסען .

ווי לאנג האט זיך עס געצויגען . . . ווער ווייסט ? ווייסט דען ווער אפילו , דאס אלברעכט וואן־דער־קוואלען האט ווירקליך ערוואכט דעמאלט , אין יענעם נאכמיטאג , און איז אוועק אין אנ׳אונבעקאנטע שטאדט ? מעגליכער , אז ער איז נאר געשלאפען , אין זיין קופע ערשטער קלאס, געטראגען דורך די בערג מיט אנ׳אונגעהייערע שנעלקייט אינ׳ם צוג בערלין־רוים ? ווער פון אונז וועט ענטשיידען דיזע פראגע בעשטימט און אויף זיין פעראנטווארטליכקייט ? דאס אלעס איז ווייט נישט בעשטעטיגט . „אלעס דארף הענגען אין דער לופטען . . .“ .

קאַמיל לעמאָניע.

עדא.

ווען די זאַך האָט דאָס ערשטע מאָל פּאַסירט, האָב איך עדאַ׳ אָנגענומען פאַר די האָר און איהר אויפן גראָז געשלעפּט. איך האָב דעם מאַן נאָך קיינמאָל נישט געזעהען, אָבער כאָטש ער האָט אַזוי געשווינד געמאַכט פּיס, בין איך זיכער געוועזען, אַז איך וועל איהם אפילו צווישען טויזענדער אַרויסגעפינען. דאָס איז אַ רעכנונג, האָב איך צו זיך גופא געזאָגט, וועלכע עס מוז צווישען איהם און מיר געאָרדענט ווערען. דאָס גליק וועט צווישען אונז ענטשיידען.

אין יענעם אָבענד בין איך פון דער שטאָדט צוריקגעקומען פריהער ווי איך האָב עדאַ׳ן געזאָגט: איך האָב מיין דיקען פּאָנני אָהן רחמנות מיט די שפּאָרען געגעבען נאָר כדי איך זאָל עדאַ׳ן וואָס פריהער צו זעהן בעקומען. מיר זענען זייט אַ חודש צייט פערהייראַט געוועזען און מיר האָבען איינער אָהן דעם אַנדערן איין אויגענבליק נישט געקאָנט זיין. אַז איך בין נאָהנט פון מיין הויז פאַרביי אַ באַריער פערביי־געריטען, האָב איך פּלוצלינג דאָס שרעקליכע געשעהניש בעמערקט. עדאַ איז אונטער אַ בוים אין אויבס־גאָרטען אין דעם אָרעמס פון אַ יונגען מאַן געלעגען. און אַזוי ווי לענגס די פּאַפּלען בוימער האָבען געוואַקסען הויכע גראָז האָבען זיי נישט געהערט ווי איך בין אָנגעקומען. ביידע האָבען זיי געלאַכט. עדאַס לאַכען האָט הויך אָבגעקלונגען, עס האָט אין דעם געשטעקט אַ קליין ביסעל אויסגעלאַסענקייט, דאָס אייגענע לאַכען ווי אין יענעם ערשטען טאָג, ווען איך האָב פּאָרזיכטיג, מיט צאַרטע בעוועגונגען אָנגעהויבען איהר דאָס קלייד לויז צושפּילען.

— עדאַ! דו שרעקליכע עדאַ! — דער מאַן איז אין שאָטען פערשוואונדען און זי איז זיך געשטאַנען מיט אַנ׳ אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט איהרע טרערען־פולע קינדערשע אויגען מיר אָנגעקוקט.

אַז איך האָב צוריק דאָס לשונבעקומען האָב איך געשריען אויפ׳ן קול:

—זאָג מִיר ווער אִיז עֶר דעֶן ?—

זִי האָט אִיהם צוּמאָל נִישט געֶקעֶנט. עֶר אִיז געֶוועֶזעֶן בין־השמשות־צײַט פאַרבײַ געֶגאַנגעֶן, גראָד אִין דעֶם אוֹיגעֶנבּלִיק ווען זִי האָט דִי צִיעג צוּרִיק פוּן דער פאַשעֶ געֶפִיהרט. זײַ האָבּעֶן זִיךְ בּײַדעֶ פעֶרפלוֹידעֶרט; אוּן דאַן האָט עֶר אִיהר אוֹיפ׳ן נאַקעֶן געֶקוּשט. זִי אִיז געֶפאַלעֶן. אִיךְ האָב געֶשרִיעֶן ווִי צוּדוּלט. אִיךְ וואָלט אִיהר פאַר כעס געֶקאָנט צוּם טוֹידט הרג׳נעֶן. זִי האָט אִיהרעֶ אוֹיגעֶן אוֹיף מִיר אוֹיפגעֶשטעֶלט. קײַן פוּנק פוּן שעֶמעֶדִיגקײַט האָט אִין זײַ זִיךְ נִישט געֶווִיזעֶן. מִיט אַ שטִיל קוֹל האָט זִי צוּ מִיר געֶזאָגט:

—אַזוֹי אִיז עֶס. אָבעֶר פאַרוואָס טוֹיטעֶסט דוּ מִיר נִישט? דוּ האָסט דאָךְ דאָס רעֶכט דעֶרצוּ.

דעֶרנאָךְ האָט זִי מִיר אַלץ דעֶרצעֶהלט גאַנץ אָפעֶן. זִיךְ האָט זִיךְ מִיר גאַנץ פרײַ מודה געֶוועֶן, אַז זִי אִיז פוּן אַנ׳ אוּנבּעֶקאַנטעֶ מאַכט בּעֶפאַלעֶן געֶוואָרעֶן. אוּן בּײַם דעֶרצעֶהלעֶן אִיז זִי נִישט טרוֹיעֶרִיג אוּן נִישט עֶרשטוֹינט געֶוועֶזעֶן, זִי האָט עֶס מִיר עֶרקלעֶרט מִיט דעֶם זעֶלבִּיגעֶן טאָן ווִי מעֶן עֶרקלעֶרט פאַרוואָס מעֶן האָט עֶפּיס אַ כלי פוּן אײן זײַט קוּמעֶן אוֹיף דער אַנדעֶרעֶ זײַט אַוועֶקגעֶשטעֶלט. אִיךְ האָב אִיהר פוּן זִיךְ אַוועֶקגעֶשטוֹיסעֶן אוּן האָב אִיהר געֶזאָגט, זִי זאָל אִין אִיהר צִימעֶר אַרוּנטעֶרגעֶהן. אִיךְ בִּין אָבעֶר געֶבּלִיבּעֶן דִי גאַנצעֶ נאַכט אִין אוֹיבּם גאָרטעֶן אוּן אוֹיפ׳ן קוֹל געֶחלִיפעֶט, האַלטעֶנדִיג דעֶם קאָפ אִין דִי העֶנד.

—עֶדאַ! דוּ קלײנעֶ עֶדאַ! ווִי בִּיזט דוּ אַזוֹי פעֶרפִיהרט געֶוואָרעֶן! דוּ, אַ טאָכטעֶר פוּן אַ פרוּמעֶר פרוֹי, וואָס האָט אַזוֹי פִיהל מִיה אוֹיף דִיר אָנגעֶווענדט, אַז דוּ זאָלסט דײַן מאַן אַ געֶטרײַ ווײַב זײַן.

דעֶם קוּמעֶנדִיגעֶן מאָרגעֶן האָב אִיךְ דִי טִיר פוּן אִיהר צִימעֶר געֶעֶפעֶנט. זִי אִיז געֶלעֶגעֶן אִין בּעֶט אוּן האָט מִיר אִיהרעֶ אָרמעֶס אַנטקעֶגעֶן געֶשטרעֶקט.

—גלוֹיבּ מִיר — האָט זִי אָנגעֶהוֹיבּעֶן, — אִיךְ ווִעל קײנמאָל קײן אַנדעֶרעֶן אַזוֹי נִישט לִיבּעֶן ווִי דִיךְ. אִיךְ שווער דִיר צוּ, קײנמאָל ווִעל אִיךְ קײן אַנדעֶרעֶן נִישט אַזוֹי געֶהעֶרעֶן, ווִי אִיךְ האָב דִיר אִין עֶרשטעֶן טאָג געֶהעֶרט.

אַ חוואַליעֶ בּלוּט האָט אִין מִיר אִין דִי שלײפעֶן אַרײַנגעֶשאָסעֶן. אִיךְ וואָלט געֶווִיס אִין חלשות געֶפאַלעֶן, ווען אִיךְ וואָלט געֶזעֶהן אִיהר קלײנעֶם בּוּזעֶם פוּן בּעֶט אַרוֹיסשטאַרצעֶן. אִיךְ האָב דעֶרִיבּעֶר אִיהרעֶ אוֹיסגעֶשטרעֶקטעֶ אָרעֶמס צוּרִיקגעֶוואָרפעֶן אוּן אִיבּעֶר זײַ דִי קאָלדרעֶ אַרוֹיפגעֶלעֶגט.

דערנאָך האָב איך צו איהר געזאָגט:

— ע ד אַ, איך בין זעהר אומגליקליך. בעט מיר איך זאָל דיר פערצייהען. איך וועל שוין דערנאָך זעהען, וואָס איך קאָן נאָך טהון:

— איך בעט דיך דו זאָלסט מיר פערצייהען — האָט זי געזאָגט לאַכענדיג.

— ניין, — האָב איך געשריען צאָרניג, — דאָס איז נישט גענוג, שווער מיר, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט ווידער.

זי האָט מיט דעם קאָפּ געשאָקעלט. דאָס איז געוועזען אַ לייכטעס שאָקעל, אין וועלכען עס איז נישט מעהר געלעגען קיין עקשנות, נאָר עפּעס אַזאַ מין געפיהל פון זיך מודה זיין, אַז יענע אונבעקאַנטע מאַכט וועט איהר שטענדיג בעפאַלען.

— דאָס קען איך נישט, — האָט זי געזאָגט עהרליך — אַז דאָס האָט שוין געקענט איינמאָל געשעהן, קאָן עס דאָך אויך אַ צווייטעס מאָל געשעהן. עס קאָן ווידער קומען אַ מאַנסביל אין דער צייט ווען דו ביזט נישט אין דער היים. אָבער—האָט זי שטיל צוגעגעבען, —וועסט דו דען נישט שטענדיג האָבען דאָס רעכט מיר צו טייטען?

דאָס האַרץ האָט זעלטענע שוואַכקייטען. איך האָב מיר צוגעוואוינט צו דער פאָרשטעלונג, אַז זי איז נישט מעהר די זעלביגע ע ד אַ, וואָס פאַר מיר האָט זי קיין מענשען נישט ליעב געהאַט. זי האָט מיר איהר מויל צוגעבויגט אָדער זי האָט מיר מיט איהרע לייכטצוזאַמענגעדריקטע אויגען אָנגעקוקט און איך האָב שוין געוואוסט, וואָס זי פערלאַנגט פון מיר. איהרע שענע רויטע ליפּען האָבען אויסגעזעהן ווי מיט פרישע בלוט בעמאָלט. איך האָב ווידער אָנגעהויבען ווי משוגע זיך צו פערליעבען אין איהר בלענדיגען לייב, וואָס איז אַזוי צאַרט געווען ווי דאָס פליייש פון די פרוכט, וואָס איז אין זונענגלאַנץ צייטיג געוואָרען. אַ דאָזיגער שפּריי=רעגען האָט אין איהר הויט געשוימט בשעת איך האָב איהר געקושט, איהר גאַנצער קערפּער האָט געשמאָלצען אונטער די אומאַרמונגען מיט וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט גענוג אָנזעטיגען. און דאָך האָב איך געמוזט שטענדיג טראַכטען פון יענע פערבאָרגענע נאַכט, וועלכע איז נאָך ערגעץ אין אַ ווינקעל האַרץ ביי איהר געשלומערט און האָט איהר ווילען פון זיין געוואוינליכען גאַנג אַראָבגעפיהרט.

אין אַ קורצע צייט דערנאָך איז צו אונז געקומען צו גאַסט מיינער אַ שוועסטער=קינד. אפילו נאָך גאָר אַ יונגער, אָבער אַ העסליכער אונבעהאָלפענער מענש, וואָס האָט זיין גלייכען נישט. ע ד אַ האָט אויף איהם

כמעט ווי נישט אַ קוק געטהון. און האָט זי ווען ניט ווען אויף איהם יאָ אַקוק געטהון האָט אין דיזם דאָזיגען קוק איהרען קיין בייז נישט געשטעקט דאָס איז געווען אַ גאַנץ עהנליכער קוק, וועלכען זי האָט געשאָנקען אַלע פרעמדע, וואָס זענען צו אונז געקומען.

אַז איך האָב זיי ביידען אין אַ געוויסען אָבענד געהערט לאַכען אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, האָט מיר פּלוצלונג אויפגעבליצט אַ חשד, וואָס האָט מיר דאָס לשון אַוועקגענומען און אויף די שפּיצען פינגער בין איך אויף דעם אויבערשטען שטאָק אַרויפגעשטיגען. און ווידער האָב איך איהר געטראָפען אין דעם זעלביגען צושטאַנד ווי דאַמאָלס. מיין קרוב האָב איך באַלד פון אַלע טרעפּ אַראָבגעשליידערט און אַז איך בין וויע־דער אַראָב געשטיגען, האָב איך אויף די לעצטע שטיגען געפונען בלוט.

עזראַ האָט געזאָגט גאַנץ געלאַסען:

—הער נאָר וואָס איך זאָג דיר: אַז איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן.

איהר געלאַסענקייט האָט מיר נאָך מעהר צערייצט, איך האָב זיך אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, האָב איהר מכבד געווען מיט שרעקליכע קלעפּ און פין דער ברוסט האָבען זיך מיר פערשטיקטע ווילדע קולות געריסען. און זי האָט זיך אפילו נישט געפּרובט פערטיידיגען, איך האָב מיינע ציינער אין איהר פרישׁ ראָזיג פלייש איינגעגראָבען און זי האָט צום מאָל קיין קרעכץ נישט געגעבען, נישט געבעטען איך זאָל איהר מוחל זיין, ענדליך האָב איך מיך געשעמט פאַר זיך גופא, וואָס איך בין אַזוי צערייצט.

—דיין פּוס זאָל דו מעהר נישט זיין,—האָב איך געשריען. אַנט־לויף, אַנטלויף אויף עביג פון דעם הויז, וואָס דו האָסט אַזוי שענדליך בעשמוצט.

זי האָט זיך נעבען מיר געזעצט, האָט מיך מיט איהרע אָרעמס אַרומגענומען און ווי דאַמאָלס צו מיר געזאָגט.

—דו קאָנסט מיך טייטען, אויב דו ווילסט. בין איך דען נישט דיינע אַ זאַך?

—איך בין געבליעבען אָהן כחות. ווי אַ קליין קינד בין איך שוואַך געווען. אַ לאַנגע צייט בין איך אין שטוב געבליעבען, האָב זיך אויף דער ערד אַרומגעקייקעלט און זיך אין די פויסטען געביסען, זי האָט איבער מיין שמערץ שטיל געוויינט. איך האָב שוין מעהר נישט געהאַט דעם מוט איהר אַרויסצוטרייבען:

—עס איז שוין ווידער אַזוי, —האָב איך זיך געטראַכט, —ווי זי האָט מיר געזאָגט. און אַזוי וועט זיין יעדע׳ס מאָל, ווען עס וועט קומען עמיצער צו אונז צו גאַסט.

איין מאָרגען האָב איך איהר איבעראַשט אין וואַלד. זי איז דאָרטען געווען געגאַנגען מיט שוין אַ בעיאַהרענטען מיינעם אַ גוטען פריינד, וועלכען איך האָב שטענדיג זעהער פריינדליך אויפגענומען, דער גוטער פריינד מיינער האָט מיך מיט טרערען אין די אויגען געבעטען, איך זאָל איהם פערצייהען, ער קאָן זיך אַליין נישט ערקלערען ווי אַזוי ער האָט איהר פלוצלונג צו זיך געדריקט. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט די זעלבּיגע אויגען, וואָס זי האָט אויף מיר געקוקט און זיי האָבען קיין איינציג וואָרט גערעדט. זי האָט זיך באַלד זיין ווילען אונטערגעגעבען, ער איז פאַר גרויס חרטה און שאַנדע אַוועק ערגיץ ווייט, עפּיס האָט ער געוואָלט אַבקומען פאַר די שווערע זינד, וואָס ער איז אַנקעגען זיין בעסטען פריינד בעגאַנגען. וואָס ער האָט זיך געלאָזט פערפיהרען פון דער פרוי מיינער, וואָס איין בליק איהרעס איז גענוג געווען דעם אָרענטליכסטען מאַנסביל פערברעכעריש צו מאַכען. איך האָב אָנגעהויבען רחמנות צו בעקומען אויף עדאַ׳ן, וועלכע קאָן איהר גליהענדע ליידענשאַפט נישט בעקעמפען. איך האָב פערשטאַנען, אַז זי ליידט פון דעם פיעל מעהר פאַר מיר.

און דעריבער האָב איך אין איהר ליעבע צו מיר נישט געקאָנט מעהר צווייפלען. עס פלעגט מיר שניידען ביי׳ם האַרצען, זעהענדיג ווי זי איז ביי אַלעמען אין טשוב אונטערגעוואָרפען, ווי זי פיהלט זיך זינדיגער און נידריגער פאַר אַלעמען. און דאָך האָט איהר שענעם, יונגעס לעבען עפּיס די גאַנצע שטוב צוגעגעבען אַ פּראַכטפולע בלומען-בעפּוצונג. זי האָט געהאַט אַ פאָר קלאָרע אויגען, וואָס האָבען זיך אַזוי עהרליך אין מיינע אויגען גע׳טובל׳ט, ניין, דאָס איז געווען עפּיס אַנדערש, עפּיס אַזוינס. וואָס ניט זי, ניט איך האָבען געוואוסט ריכטיג ווי עס אָנצורופען.

בין איך אויף עטליכע טעג געשעפטליך פון דער היים אַוועקגעפאָהרען, האָב איך באַלד בעקומען בריעף, אין וועלכע מען האָט מיר, צו וויסען געגעבען, אַז מען האָט עדאַ׳ן געזעהן אַרומטרייבען זיך אין די קאָרן און אין קליינעם וועלדעל וואָס איז נישט ווייט פון מיהל. זי האָט זיך אויף אַלץ מודה געווען, האָט קיין זאַך פון מיר נישט פערלייקענט, מאַנסלייט האָבען איהר צוגעוואונקען און זי איז זיי באַלד נאָכגעגאַנגען, עס זענען דערונטער געווען, אַזעלכע וואָס זי האָט זיי צו׳ם מאָל, נישט געקאָנט. וואָס זי האָט זיך קוים געקאָנט דערמאַנען ווי זיי אויסזע-

העֶן. איך בּין שוין אויף איהר נישט מעֶהר אין כּעס געוואָרעֶן. איך האָבּ דאָס דאָזיגעֶ אומגליק געדולדיג געליטעֶן ווי אַ שווערעֶ שטראָף וואָס דעֶר בּייזער מזל האָט אויף אונז בּיידעֶן אָנגעשיקט. איך האָבּ מיר געטראַכט:

—נייַן לאַנג לייַדעֶן אַזוי קאָן איך נישט, אַ קורצעֶ צייַט קאָן עֶס נאָך אַזוי ווייַטער געהן, סוף כּל סוף וועל איך איהר דאָך טעֶדטעֶן.

רבּונו של עולם, יאָ איך בּין אַזוי ווייַט געקומעֶן, אַז איך האָבּ פון דעֶם גאַנץ קאַלטבּלוטיג געקלערט, ווי אַ מעֶנש וואָס ווייסט אויף זיכער, אַז פאַר איהם איז קיין אַנדער אויסוועֶג נישטאָ ווי אַזוי לויז צו ווערעֶן פון דער קראַנקהייט, וואָס איז אין פעֶרלויף פון דער צייַט געוואָרעֶן אונהייַלבּאַר.

קיינמאָל איז זי נישט אַזוי שעֶן געוועֶזעֶן, קיינמאָל נישט אַזוי רייַצעֶנד ווי אין דעֶר צייַט נאָכדעֶם ווי זי האָט דאָס פעֶרבּרעֶכעֶן בּעֶגאַנגעֶן. עֶפּיס ווי אַן אונשולדיג טייַבּעֶלעֶ האָט זי דאַמאָלס אויסגעֶזעֶהעֶן און האָט מיר געוויזעֶן אַזוי פיעל טרייַעֶ ליעבּעֶ וויעפיעל אַ פרוי קאָן נאָר פעֶרמאָגעֶן.

—דו. זאָגט זי צו מיר איינמאָל,—דאָס איז נישט דאָס אייגעֶנעֶ, דו, דאָס איז אַ וויכטיגעֶ געשעֶהעֶניש, ווי איך וואָלט אין גאַנצעֶן אין דייַן האַנד געלעֶגעֶן, ווי איך וואָלט דיר מיט יעֶדעֶן קוש מייַן גאַנץ לעֶבּעֶן אוועֶקגעשעֶנקט. ווען דו וואָלסט חלילה געפעֶהרליך קראַנק געוואָרעֶן וואָלט איך אין קלויסטער געגאַנגעֶן און צו גאָט תּפלה געטהון עֶר זאָל מיר לאָזעֶן אָנשטאָט דיר שטאַרבּעֶן. דו איינעֶר בּיזט שעֶנעֶר פאַר אַלעֶ מאַנסבּילעֶן צוזאַמעֶן. אָבּער, זעֶהסט דו, זייַט דעֶם איך האָבּ צו דיר דאָס עֶרשטעֶ מאָל געהערט, קומט מיר פאָר, אַז איך געהעֶר שוין מעֶהר נישט זיך גופא. איידעֶר איך האָבּ דיר געקאָנט האָבּ איך קיינמאָל ווענעֶן דעֶם נישט געטראַכט. איך בּין געוועֶזעֶן אַ גאַנץ קליין אונוויסעֶנד קינד. דו האָסט מיר נישט בּעֶדאַרפט מייַנעֶ קינדערשעֶ אונשולדיגקייט צו נעֶהמעֶן. איך וואָלט זיך געלעֶבּט רוהיג בּייַ דיר אין הויז, געוועֶזעֶן בּייַ דייַן זייַט מיט מייַן נאָך שלאָפעֶנדיגעֶן זינעֶן. יעֶצט האָבּ איך עֶפּיס אין מיר וואָס די גאַנצעֶ וועֶלט האָט..

אַ וואָך שפּעֶטער האָבּ איך איהר וויעדער געפּאַקט שוין נאָר אין קיך מיט אַ יונגעֶן דיענער, וועֶלכעֶן מעֶן האָט צוגעֶנומעֶן בּייַ אונז פאַר דעֶר צייַט פון היי־שניט. און האָבּ געחאַפּט אַ מעֶסער פון טיש און האָבּ עֶס זי אין בּריסט אַריינגעֶשטאָכעֶן. דאָס בּלוט האָט אָנגעֶהויבּעֶן פלייצעֶן. זי איז רויט געוואָרעֶן ווי אַ תּבואה־פעֶלד אין וועֶלכעֶן עֶס בּליהעֶן אַ סך רויטעֶ מאָהנ־בּלומעֶן. אַ טוידט־שרעֶק איז איהר בּעֶפאַלעֶן, זי האָט איהרעֶ ליפּעֶן

אויף מיינע הענד געדריקט און מיט אַ שטיל קול געזאָגט:

—דו האָסט רעכט געטהון. קיין אַנדער סוף האָט נישט געקאָנט זיין. מאַך זיך וועגען מיר נישט קיין בעזונדערע מיה. איך פערזיכער דיר איך בין זעהר גליקליך, וויל דו וואָלסט דאָס געוויס נישט געטהון ווען דו וואָלסט מיר נישט געליעבט. די אַנדערע אָבער האָבען מיר קיי־נער נישט ליעב. יעצט נעם מיין האַנד און מאַך מיר אַ קרייץ־צייכען אויפ'ן שטערן... אין נאָמען פון גאָט, דעם פאָטער...

—עדאַ! עדאַ! דו שטאַרבסט מיט שטילע ווערטער אויף דיינע ליפען, אַזוי שטיל ווי אַ קוש. און יעצט בליהט רויטער מאָן אַרום דיין קליינעם קרייץ, און רויזען אויף אַזוינע העלע ווי דיין פערליעבטער לייב, וועלכע דו האָסט נישט געקאָנט אָבזאָגען קיינעם, וואָס זענען דיר נאָר געקומען אין וועג... דו און איך, מיר לעבען פון יענער צייט אָן אַ גרויסען עביגען חלום.

רענע דומיק.

די פערעל.

שפאצירענדיג איבער די גאסען פון באגדאד, האט אחמעד איינמאל בעמערקט אין א פענסטער=אויסשטעלונג פון א גאלדשמיד א פערעל מיט אנ'אונגעוועהנליכען גלאנץ.

ער האט ליעב געהאט צירונג און טייערע שטיינער, טייער געזועהר, רייכע דיוואנען און שעהנעס געוועב.

נאר דער סוחר האט געבעטען כמעט א ווילדען פרייז. אחמעד איז אבער געוועזן זעהר קלוג חאטש אויך יונג. ער האט געקאנט שטילען זיינע פערלאנגען און אבזאגען זיך פון דעם וואס ער קען נישט דערגרייכען.

—אך!—האט ער אבגעזיפצט.— מען דארף נישט מעהר טראכטען וועגען דעם!

ער האט אבער געטראכט וועגען דעם אי א טאג דערנאך, אי א סך טעג דערנאך.

ער האט בארעכענט, אז דער פרייז פון דער פערעל איז גלייך מיט זיין יעהרליכען געהאלט. און א חוץ דעם וואלט ער זיך נאך געמוזט שיידען מיט עטליכע זאכען, צו וועלכע ער איז ליידענשאפטליך צו געבונדען. איהם וואלט אויסגעקומען צו פערקויפען דעם פארטרעט פון זיין מוטער, וועלכער איז בעציערט מיט בריליאנטען.

דאס וואלט ער קיינמאל נישט געטהון. ער האט דאס פעסט בעשלאסען. ס'איז נישט אוועק א וואך, ווי די פערעל האט געהערט צו איהם. ער האט זי געלאזט איינפאסען אין טייערע, קינסטליך=בעארבייטע מעטאלען. ער האט זי אריינגעלעגט אין א פוטליאר, אויסגעשלאגען מיט טייערע געוועב. זי איז דארט געוועזן ווי אויף א מזבח. לאנגע לאנגע שעה'ן האט ער זיך געבוקט פאר איהר. דאס זענען געוועזן וואונדערבארע שעה'ן. א זאנדערבארע בעצויבערונג איז ארויסגעגאנגען פון איהר, א געהיימע בעגייסטערונג האט איהם ארומגעחאפט, ווי פון א פרויען=בליק.

און ער האט זי פערבארגען פון אלעמענס אויגען. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ווען אנדערע וואלטען זיך דערוואוסט פון זיין גליק, וואלטען זיי עס ביי איהם צוגענומען.

ער איז געווען גליקליך.

איינמאל אין אווענד האט אחמעד געזעסען צוזאמען מיט זיינע פריינד. אלע זענען ביסלעכווייז געווארען מעהר רעדעוודיג. זיך געפרייט, געוויצעלט זיך, דערצעהלט אנעקדאטען. מען האט דערצעהלט א מעשה פון איינעם א גאלדשמיד פון באגדאד, וואס ער האט געהאט א נאכגעמאכטע פערעל און האט זיך געהייסען פאר איהר בעצאהלען, מעהר ווי פאר דער בעסטער אמת'ער, און ער האט געפונען א קונה. פון דער מעשה האבען אלע שטארק געלאכט. אחמעד האט געלאכט, ווי אלע אנדערע.

נאר אין דער טיעפעניש פון זיין הארץ האט ער געליטען אנ'אונערטרעגליכע פיין.

ער האט גענומען די פערעל און, זייענדיג שטארק אויפגערעגט, האט ער זי געוואלט צו ברעכען.

דער גארנישט, איבער וועלכען אלע האבען אזוי געלאכט, דאס איז געווען ער! ווי האט ער געקענט זיין אזוי פערטרויליך? דער גלאנץ, די ריינקייט, די ווייכע שטראהלען, דאס איז אלץ געווען נאכגעמאכט! ווי האט ער געקענט דערלאזען, מען זאל איהם אזוי אבנארען?

און ווער אויף זיין ארט וואלט ענטדעקט דעם שווינדעל? ער איז דאך פארט געווען א מבין; נישט איינמאל האט ער זיך ארומגעשלעפט איבער די מארקען פון שטאדט און געהאלטען אין זיינע הענד די מערקווירדיגסטע, טייערע שטיינער. אבער קיין איינע פון זיי האט אין איהם נישט ערוועקט אזעלכע פערלאנגען, און ווען ער וואלט זיי אפילו אלע געהאט, וואלטען זיי איהם נישט פערשאפט אזא פרייד ווי עס האט איהם פערשאפט די פערעל.

אך! די פרייד, די ענטציקונג. ווען די ענטציקסט זיך, ליעבענדיג, און ליעבסט, ענטציקענדיג זיך, די מינוטען, פון וועלכע, יעדע בעזונדער האט געקענט פארבייטען א גאנץ לעבען, האט ער זיך איינע נאך די אנדערע דערמאנט. די ערינערונג האט זיי פארגעשטעלט מיט אנ'אונגעווענליכער לעבעדיגקייט. ער האט אמאל ווירקליך ערפארשט די פריידען — דאס, איז האטש, נישט געווען פאלש... און ער האט צוריק געלייגט די פערעל, א בלישטשענדע און א קאלטע, אין פוטליאר, וואו זי האט געשיינט, ווי אויף א מזבח.

דאָס האָט זיך איבערגעחזר'ט יעדען טאָג. ער האָט זיך פערשוואוּ=רען צו פערניכטען די שווינדלערישע פּערל. ווי נאָר ער האָט זי אָבער דערזעהען, האָט זיך זיין צאָרען פערביטען אין אַ צער, אין וועלכען ער האָט געפינען נאָך אַנ'אונבעוואוסטעס גליק. דערפאַר ווייל אין דער פּערל איז געווען עפּעס אַ צויבער.

אַ מאָל האָט מאַחמעד געפונען אַ קעסטעל, אָנגעפילט מיט בלי=שטשענדיגע, טייערע שטיינער.

דאָרט זענען געווען שמאַראַגדען, גריגע, ווי דאָס וואַסער פון צו=היצטען ים. רוביגען, העלליכע אויף טראָפּענס בלוט. טאָפּאַזען וועלכע האָבען דערמאָנט זונען-טראָפּענס. טורקוסען, בלאָהע, ווי אַ חלום. סאַ=פּירען, פון אַזאַ אונענדליכער בלאָהקייט, ווי די וואָס דרעמעלט אין דער טיעפעניש פון די אויגען.

אַחמעד האָט איינגעגראָבען ביידע הענד אין דעם וואונדערליכען קעסטעל. עס האָט אויסגעוויזען, ווי דאָס ליכט וואָלט זיך טייכענווייז צווישען זיינע פינגער געגאָסען.

דאַמאָלס האָט איהם אָנגעגרייפט אַ ווילדער צאָרן.

ער האָט געזאָגט די שמאַראַגדען:

—איך גלויב אייך נישט. זאָלען זיך אַנדערע ענטציקען מיט אייער פאַלשען גלאַנץ. אַחמעד'ן וועט איהר נישט אָבנאַרען, —

און ער האָט פון זיך ווייט אַ וועק געוואָרפען די שמאַראַגדען, וואָס האָבען אויסגעזעהען ווי דאָס וואַסער פון צוהיצטען ים.

ער האָט געזאָגט די רוביגען.

—בלוט וואָס פליעסט אונטער אַ דורכזיכטיגע הויט, איז נישט אַזוי פריש און יונג, ווי איהר. איך קען אייך נישט אָנקוקען פאַר אייער יוגענד, וואָס איז אַזוי פאַלש.—און ער האָט אַוועק געוואָרפען די רוביגען, וואָס זענען עהנליך געווען צו טראָפּענס בלוט. ער האָט אַוועקגעוואָרפען די טאָ=פּאַזען און אָפּאַלען און טורקוסען, און די סאַפּירען מיט זייער אונענדליכער בלאָהקייט, ווי די וואָס דרימעלט אין דער טיעפעניש פון די אויגען.

און יעדעס מאָל האָט ער איבערגעחזר'ט דאָס זעלבע. „אַחמעד וויל נישט זיין מעהר אָבגענאַרט. אַחמעד'ן קען מען נישט מעהר פערפיהרען".

ער איז יעצט געווען עפּעס אין אַ מאָדנער שטימונג. ער האָט אויסגעמיטען זיינע פריינד. ער פלעגט זיך פערמאַכען אויף גאַנצע טעג. ער האָט געוואָלט זיין אַליין, און ביסלעכווייז איז ער געוואָרען מעהר טרויע=ריג. זיינע פריינד זענען בייז געוואָרען, און האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען

ער זאָל נישט משוגע ווערען.

איינמאָל, אין דער פריה האָט מען איהם געפינען טויט. נעבען איהם איז געלעגען אַן אָפענער פוטליאַר, אין פוטליאַר האָט געשיינט די פערעל. אַ בלישטשענדיגע און אַ קאַלטע.

ער האָט געוואָלט אויף איהר אָנווענדען זיין לעצטען בליק.

איז עס געווען אַ בליק פול מיט פאָרוויף פאַר דעם שרעקליכען שווינדעל, וועלכער האָט איהם דאָס לעבען פאַר אונערטרעגליך געמאַכט?

איז עס געווען אַ בליק פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער אילוזיע, מיט וועלכען זי האָט איהם בעשאָנקען, און יועלכע האָט איהם געמאַכט פאַר דעם גליקליכסטען פון אַלע טויטע?

קיינער וועט דאָס נישט דערקענען.

דערפאַר, ווייל טויטע האָבען נישט ליעב אַרויס צוגעבען זייערע סודות. נאָר אין דער לעצטער מינוט איז אין זייערע אויגען קענטיג, אַז זיי האָבען אַ סוד. זיי טראָגען איהם מיט זיך מיט. און מיט דעם דאָזיגען סוד לעבען זיי אייביג.

יודיש — אָ. קאַמאַ.

עדגאַר פּאָע .

דער אונטערגאַנג פון דעם הויז אושער .

(פאָרטזעצונג פון לעצטען בוך)

איך האָב זיך בעמיהט אַראָבצושאָקלען פון זיך די דאָזיגע אײנדריקע און צו בעפרײַען מײַן געמיטה פון דער אַנגסט , וואָס איז בלויז פון מײַנע אָנגעשטרענגטע נערווען ענטשטאַנען . איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דעם ווירקליכען אויסזעהן פון דער געבײַדע . די סימנים פון אונטערגאַנג אין דער דאָזיגער געבײַדע האָבען געדיענט פאַר אַ בעווײַז, אַז דער שלאָס שטעהט שוין זעהר זעהר פיעל יאָהרען . די ווירקונג פון דער צײַט, וואָס אַלצדינג פערעלטערט זי און בליאַקעוועט אָב, איז , קאָנטיג , זעהר אַ שטאַרקע געוועזען און אויפ'ן שלאָס היבשע שפורען נאָכגעלאָזען . דער גאַנצער שלאָס איז ווי מיט קלײנטשיקע פילצען אַרומגעשפונען געוועזען , וועלכע זענען אין צאַרטע פערשידענפאַרביגע געוועבען פון די דאַך-רינעס אַרונטערגעהאָנגען . דאָס איז אָבער פאַר קײן פאַל נישט געשעהן צוליעב וועלכע עס איז אַנדערע, נישט געוועהנליכע צושטערונגען אין שלאָס . דער גאַנצער שלאָס איז נאָך געוועזען הײל און גאַנץ , קײן אײנציגע שטעלע אין דעם גאַנצען מויערווערק איז נאָך נישט אײַנגעזונקען געוועזען ; אין ערגעץ איז דער שלאָס נישט בויפעליג געוועזען . און די פערשידענע געבײַדעס , וועלכע זענען נאָך פאָלקאָמען ברויכבאַר געוועזען , זענען געשטאַנען אין אַ שטאַרקען ווידערשפּרוך צו דעם צערבּרעקעלדיגען צושטאַנד פון אײנצעלנע שטײנער אין מויערווערק . דאָס האָט מיר דערמאָהנט אָן געהילץ , וואָס איז יאָהרענלאַנג געלעגען אין אַ שײַער , וואו קײנער איז נישט אַרײַנגעקומען , און אַזוי לאַנג ווי ס'איז נישט אַרײַנגעדרונגען אין שײַער קײן הויך פון דרויסען , האָט דאָס געהילץ שטענדיג געהאַט זײַן פרישען אויסזעהן . אַחוץ די דאָזיגע לײַכטע סימנים פון פערוויטערונג , וואָס זענען אויף דער גאַנצער אויבערפלעכע פערשפּרײט געוועזען , האָט דאָס געבײַדע נישט געוויזען קײן שום שפור פון בויפעליגקײט און נישט-פעסטיגקײט . דאָך האָט דאָס אויג פון אַ שאַרפען בעאָבאַכטער געקאָנט בעמערקען אַ קוים אָנזעהעוודיגען ריץ , וועלכער

האָט זיך אָנגעהויבען אין דער פאָדערשטער זייט פון דער געביידע ביים דאַך און האָט זיך מיט אַ זיגזאַג געצויגען ביז גאָר אונטען צום מויער, ביז ער איז אין די טריבע וואַסערן פונ׳ם טייך פערשוואונדען געוואָרען.

בעטראַכטענדיג אַזוי אַלץ אַרום מיר, בין איך זיך דערוויַיל געריטען אויף אַ קורצען, געפלאַסטערטען וועג, ביז איך בין צום הויז צוגעקומען. אַ דינער האָט ביי מיר צוגענומען מיין פערד, און איך בין מיר אַריין אין שלאָס אונטער אַ געוועלבטען בויגען אין גאָטהאַישען סטיל. אַ לאַקיי, וועלכער איז מיט שטילע, פאָרזיכטיגע טריט צו מיר צוגעקומען, האָט מיך דורכגעפיהרט דורך פעשיעדענע פוסטע קאָרידאָרען און מיך ביז צו זיין הערע׳ס שטודיער-צימער געבראַכט. אַ סך פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב מיר אָנגעזעהן אויפ׳ן וועג, האָט צוגעהאָלפען, נישט קענענדיג זיך גופא אָבגעבען דערפון אַ רעכנונג, עס זאָל אין מיר ווידער אויפלעבען יענער אַבערגלויבישער שרעק, וועלכען איך האָב שוין אויבען דערמאָהנט. די געגענשטאַנדען וואָס האָבען זיך אַרום מיר געפונען: — די שניצערייען אויבען אויפ׳ן סופיט, די אומעטיגע וואַנד-בעקליידונגען, די ווי עבענהאָלץ שוואַרצע פאָדלאָגע און די פאַנטאַסטיש-צוזאַמענגעשטעלטע וואַפענשילדער, וועלכע האָבען זיך גענומען טרייסלען ביי יעדען שריט, וואָס איך האָב געשטעלט — זענען דאָך אַלץ געווען אַזוינע זאַכען, מיט וועלכע איך בין שוין פון קינדווייז אָן געוועהנט געוועזען אַז דאָס אַלץ איז מיר זעהר בעקאַנט; דערביי אָבער האָב איך זיך גלייכצייטיג געוואונדערט, וואָס אַזאַ בעקאַנט בילד האָט געקאָנט אין מיר אַרויסרופען אַזעלכע משונה׳דיגע פאָרשטעלונגען. אויף איינער פון די טרעפען-אָבטיילונגען האָב איך דעם הויז-דאָקטאָר בעגעגענט. אין די צוגען פון זיין געזיכט האָב איך דערקענט אַנ׳אויסדרוק פון געמיינער היטרעקייט, אין וועלכער עס האָט זיך אַ מין שרעק פערמישט. ער האָט מיך בעגריסט מיט אַנגסטיגער צוטומלונג און איז זיך געגאַנגען זיין וועג. דער דינער, וואָס האָט מיך בעגלייט, האָט בריים אַ טיר אָפענגעמאַכט און מיך אַריינגעפיהרט צו זיין הערן.

דאָס צימער, אין וועלכען איך בין אַריינגעקומען, איז געווען גרויס און פאָרנעהם. די פענסטער — הויך און שמאָל און פון אויבען האַלב רונד אויסגעוועלבט. זיי זענען פון דער דעמבענער, אין קעסטלעך אויסגעלעגטער פאָדלאָגע אַזוי הויך געוועזען, אַז מען האָט בשום אופן צו זיי נישט געקאָנט דערגרייכען. דורך די פערקראַטעטע שויבען זענען אַריינגעדרונגען בלאַסע שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדיגער זון און האָבען פער-

שפּרייט אַ פּורפּור=רויטליכע בעלייכטונג, וואָס איז געווען, מען זאָל דייטליכער דערקענען יענע געגענשטאַנדען, וואָס האָבען זיך מעהר אין די אויגען געוואָרפען. דערפאַר אָבער האָט זיך דאָס אויג אומזיסט אָנגע־שטרענגט אַריינצודרינגען ביז אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון צימער, אָדער אין די פּערטיעפונגען פון דעם געוועלבטען און רייך געפּוצטען סופיט, די ווענד זענען געווען מיט דונקעלע שטאָפען בעקליידט און בכלל איז עס געווען זעהר רייך אויסגעשטאַטעט, אָבער אָהן הרחבת הלב, פּערעלטערט און אָבגעבליאַקעוועט. פיעל ביכער און מוזיקאַלישע אינסטרומענטען זענען געלעגען צעוואָרפען, צושטרייט, זענען אָבער נישט אימשטאַנד געווען צוצוגעבען דעם צימער עפּעס מעהר וואַרים־קייט, מעהר לעבעדיגקייט. איך האָב געפיהלט, אַז איך אָטעם איין אַנ'אַטמאָספערע, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט פערדרוס און קימער. אַ טיעפע פּראָסטיגע מעלאַנכאָליע, פון וועלכער מען קאָן בשום אופן נישט לויז ווערען, איז מיט אַ מין בלייערנער שווערקייט געלעגען אויף אַלעם און אַלץ דורכגעדרונגען.

בשעת איך בין אין צימער אַריינגעקומען, איז א ו ס ה ע ר געלעגען אויסגעצויגען אויף אַ סאָפע. דערזעהענדיג מיך, האָט ער זיך אויפגעהויבען און מיט לעבעדיגער וואַרימקייט מיך בעגריסט. אָנפאַנגס האָט זיך מיר אָבגעדאַכט, אַז אין זיין גרוס איז דאָ פיעל איבערטריבענער הערצליכקייט, אַ סך געקינסטעלטעס בעמיהען זיך פון אַ גוט גענייטען וועלטמאַן. אָבער איין איינציגער בליק אין זיין געזיכט האָט מיך איבער־צייגט, אַז ער מיינט דאָס אויפריכטיג. מיר האָבען זיך געזעצט און איניגע מינוטען, בשעת ער האָט גערעדט, האָב איך איהם בעטראַכט מיט אַ געפיהל פון רחמנות און בעהאַלטענעם שרעק. איך בין זיכער, אַז עס איז נאָך קיינמאָל אין אַזאַ קורצע צייט נישט פּאָרגעקומען מיט אַ מענשען אַזאַ שרעקליכע פערענדערונג, ווי עס איז פאָרגעקומען מיט מיין פריינד ר אָ ד ע ר י ק א ו ס ה ע ר! עס האָט מיר געווען מיה געקאָסט, ביז איך האָב געקאָנט ביי זיך פועל'ן צו גלויבען, אַז די בלייכע געשטאַלט, וואָס שטעהט דאָ פאַר מיר, איז דאָס טאַקע באמת דיזעלבע פּערזאָן פון מיין חבר, מיט וועלכען איך האָב מיינע קינדער=יאָהרען פערבראַכט. אויף זיינע געזיכטסצוגען איז פון שטענדיג אָן געווען עפּעס משונה'דיגעס אויסגעפּרעגט. די קאָליר אַ טוידט=בלאַסע; די אויגען גרויס, קלאָר און פינקלענדיג; די ליפּען עטוואָס דין און פאַרבלאָז, אָבער די ליניען זענען אויסערגעוועהנליך שען געווען; די נאָז פון פיינעם

יודישען שניט, אָבער ביים שפּיץ עטוואָס ברייטליך, וואָס איז געוועהנליך מיט דעם דאָזיגען טיפּ נישט פעראייניגט; אַ שען געפאָרמעטער קינבאַק, וואָס איז עטוואָס מעהר נאָך פאָרט אַרויסגעשטאַצט און געדיענט אַלס צייכען פון אָבגעלאָזענקייט און מאַנגעל אין ענערגיע; דאָס האָהר נאָך ווייכער און פיינער פאַר זייד. אָט די אַלע איינצעלנע צוגען און דערצו נאָך די אונגעוועהנליך ברייטע שלייפען האָבען געבילדעט אַ געזיכט, וואָס, קוים זעהט מען עס איינמאָל, קאָן מען עס שוין מעהר נישט פערגעסען. יעצט האָבען זיך אָבער די אַלע צוגען אַזוי שטאַרק פערענדערט, אַז איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ קלער, צי רייד איך דאָס טאַקע מיט דער ריכטיגער פערזאָן. מעהר פאַר אַלץ האָט מיר אָנגעשראָקען די גייסטערהאַפטע בלאַסקייק אין געזיכט און דער איבערנאַטירליכער גלאַנץ אין די אויגען. יאָ, אַ שוידער איז מיר דורך אַלע גליעדער דורכגעלאָפען. דאָס זיידענע האָהר איז מחמת אָבגעלאָזענקייט משונה לאַנג אויסגעוואַקסען געוועזען און האָט דאָס געזיכט נישט אַרומגעראַהמט, נאָר זענען ווילד און אין אונאָרדנונג איבער זיין געזיכט פונאַנדערגעפאַלען, אַזוי, אַז עס האָט מיר פיעל מיה געקאָסט אַרויסצובעקומען אַ מענשליך געשטאַלט פון אונטער די ווילדע און אין איינצעלטע בינטלעך פונאַנדערגעפאַלענע האָהר.

אין דעם וועזען פון מיין פריינד, איז מיר דאַמאָלס פאָרנעקומען, פעהלט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג, — איז פאַרהאַן עפּיס אַ ווידערשפּרוך. און באַלד האָב איך אַרויסגעפונען, אַז די סיבה דערפון איז די אָפטע אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט זיך נאָכאַנאַנד געמאַכט, זיך גובר צו זיין איבער אַן׳אונבעשלאָסענקייט, וואָס איז ביי איהם שוין אַ געוועהנהייט געוואָרען, זיך גובר צו זיין איבער אַ נערוועזישע אויפרעגונג, וואָס איז ביי איהם שוין אויף׳ן העכסטען גראַד געוועזען געשטיגען. אמת, איך האָב מיר אויף עטוואָס אַזוינס געהאַט גערייכט; נישט אַזוי פיעל דורך זיין בריעף, ווי דורך די ערינערונג אָן געוויסע צוגען זיינע נאָך פון יונגעלווייז, און דורך די בעשליסע, צו וועלכע איך בין געקומען, וויסענדיג די זאָנדערבאַרע אַרט פון זיין פיזישען קערפּערבוי און פון זיין גייסטיגען טעמפּעראַמענט. אין זיין גאַנצען וועזען האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין בעשטאַנדיגקייט, שטענדיג האָט ער זיך געביטען, דאָ איז ער מיט אַמאָל לוסטיג געוואָרען און דאָ איז ער באַלד ווידער אין אַ מרה שחורה אַריינגעפאַלען. זיין רעדען, נאָך מעהר, אפילו דער טאָן פון זיין שטימע איז געשווינד איבערגעגאַנגען פון אַן׳אַנגסטליכער

אונבעשלאָסענקייט אין אַנ׳ענערגישער, האַסטיגער קורצקייט און אין אַ כהרף עין האָט זי זיך ווידער פערוואַנדעלט אין אַנ׳איבערלעגטע, אַרומגעקלערטע און הויהל קלינגענדיגע רעדענסאַרט, אין אַנ׳אָבגעמאָסטענער, שווערפעליגער און משונה׳דיגער קעהלשטימע, ווי מען הערט עס ביי אַלטע שכורים אָדער פערפאַלענע אָפּיום־רויכערער, ווען זיי געפינען זיך אין העכסטען גראַד פון אויפרעגונג.

אויף דער דאָזיגער אַרט האָט ער גערעדט איבער דעם צוועק פון מיין בעזוך, איבער זיין גליהענד פערלאַנגען זיך מיט מיר צו זעהען און פון דער גוטערווירקונג, אויף וועלכע ער האָפט דערפון. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, ווי ער גופא האַלט פון זיין קראַנקהייט. זי איז, לויט זיין מיינונג, שוין אַ געבאָרענע זאַך ביי איהם, ער האָט דאָס איבערגענומען בירושה פון זיינע עלטערן אָן, אַז ער גופא איז פערצווייפעלט און גלויבט נישט, דאָס עס איז אונמעגליך צו געפינען דערצו אַ וועלכעס עס איז היילמיטעל. איבעריגענס, — האָט ער צוגעגעבען, — איז דאָס נישט מעהר ווי אַ נערוועאישע אָנגעגריפענקייט, וואָס וועט געוויס באַלד איבערגעהן.

דערנאָך האָט ער ווייטער ערקלערט, אַז די קראַנקהייט־ערשיינונגען בעשטעהען אין אוננאַטירליכע אויפרעגונגען. איינינגע פון זיי, איבער וועלכע ער האָט דערצעהלט באריכות און מיט אַלע איינצעלהייטען, האָבען מיין אינטערעס צוגעצויגען אויפ׳ן העכסטען גראַד און האָבען אויף מיר אַנ׳אונגעהייערן שרעק אַרויפגעוואָרפען. אודאי האָט דערצו אַ סך צוגעהאָלפען די אויסגעזוכטע אויסדריקע זיינע און איבערהויפט די גאַנצע אַרט, ווי ער האָט זיי געשילדערט. ער האָט אַ סך געליטען דורך אַ קרענקליכע פעשאַרפונג פון די חושים. פון שפּייזען האָבען איהם געשמעקט נאָר אַזעלכע נאַהרונגסמיטלען, וואָס האָבען אַ קוים מערקליכען געשמאַק געהאַט; זיינע קליידער האָבען געמוזט געמאַכט ווערען פון אַ געוויסען שטאָף. דעם דופט פון בלומען האָט ער נישט געקאָנט פערטראָגען, דעם שוואַכסטען ליכט־שטראַהל האָבען זיינע אויגען נישט געקאָנט פערנעהמען און נאָר געוויסע טענער פון סטרונגעס־אינסטרומענטען האָט ער געקאָנט אויסהערען נישט שוידערענדיג.

(פאָרטזעצונג קומט)

קאמיל מענדעס.

די פערגעסענע ווערטער פון דער ליעבע.

I

עס האט אמאל געטראפען א מעשה מיט א פעיע. לויט איהר שעהנקייט איז זי געווען גלייך צו עדעלע בלימלעך, און לויט איהר לוסטיגקייט—גלייך צו שלאנגען. און אט דער דאזיגער פעיע האט זיך פערגלוסט זיך נוקם צו זיין פון א פאלק.

וואו וואוינט דאס פאלק? צווישען הויכע שטאלצע בערג, אדער אין דער נידער, אויפ'ן ברעג פון טייך, אדער אויפ'ן ברעג פון ים — דאס ווייס איך נישט. די געשיכטע פערשוויינט דאס.

גאר מיט וואס האט מען בעליידיגט די דאזיגע פעיע?

אך, אויך דאס פערשוויינט די געשיכטע. נאר, עס קאן זיין, אז מען האט אונגער'ן זי פערגעסען איינצולאדען צום געבורטס-טאג פון קעניגס טאכטער, אדער מען איז בעגאנגען נאך א גרעסערען פערברעכען. איך ווייס נישט, גאר נישט ווייס איך. און פרעגט מיך נישט. איך קאן אייך נאר פערזיכערען, אז די פעיע איז געווען זעהר און זעהר בייז.

און לאנג האט זי זיך געבראכען איהר שעהן קעפעלע איבער דעם וועלכע שטראף ארויפצולעגען אויפ'ן פערזינדיגטען פאלק. צי זאל זי נישט שיקען אפשר פייערדיגע גייסטער, וועלכע זאלען אין איין רגע פערברענען די זינדיגע שטאדט? נישט בעפעהלען די בלומען-גייסטער, אז זיי זאלען בעשיטען אלע הייזער מיט בעז און רויזען, און אונטער די בלומען בעגראבען אלע די, וועלכע האבען זי בעליידיגט? נישט מאכען פון די אלע שעהנע, בליהענדע מיידלעך אלטע מכשפות?

לויט איהר בעפעהל, האבען זיך פון די וואלקענס געקאנט אראברייסען ווילדע שטורם-ווינדען, און פון די פייערשפייענדיגע בערג האבען זיך געקאנט ארויסווארפען די שרעקליכסטע לאווען; האט געקאנט בעפעהלען דער זון, אז זי זאל אראב פון איהר אייביגען וועג און די גאנצע ערד בעדעקען מיט א תוהו ובהו'דיגען חשך.

נאָר די אַלע שטראָפֿען האָבען זיך אויסגעוויזען דער פֿעיע פֿאַר צו קנאַפּ. נײַן, דורך איהר שלאַנגען־חכמה האָט זי אויסגעקליבען עפּעס אַנדערש. זי האָט אַרויסגעריסען פֿון די מענשענס געדעכניש דרײַ קלײנע ווערטערלעך, דרײַ געטליכע ווערטער: „איך ליעב דיך!“

דערנאָך האָט זי זיך צולאַכט מיט אַ טײַוועלשען געלעכטער און פֿערשוואונדען געוואָרען:

II

די ערשטע צײַט האָבען די מענשען בעמערקט, אַז עפּעס פֿעהלט זיי, נאָר האָבען זיך דערום ווענִיג געקימערט. דאָ דאָרט, דאָ דאָ, דאָ איינע, דאָ די אַנדערע האָבען דער׳פֿיהלט, אַז עס פֿעהלט זיי עפּעס, — נאָר וואָס האָבען זיי נישט געוואוסט.

די יונגע פֿערליעבטע פּאָר׳לעך, וועלכע זענען נאָך געזעסען אונטער שמעקעדיגע ראָזאָווע קוסטעס, און יונגע פּאָר־פֿאָלק, וועלכע האָבען אַזוי צאַרט און ליעב געפּלוידערט הינטער די אַראָב־געלאָזטע פּאָרטיערען אין אַלקיר, — זענען פּלוצלונג ענטשוויגען געוואָרען און גענומען זיך אַנקוקען מיט אויגען, וועלכע זענען פֿיעל מיט פֿערוואונדערונג און אַ שווערער ערוואַרטונג. זיי האָבען קלאָר און אָרגאַניש געפֿיהלט, אַז זיי דאַרפֿען זיך עפּעס זאָגען, עפּעס אַזעלכעס, צו וואָס זיי זענען שוין פֿון לאַנג צוגעוואוינט, אַז זיי דאַרפֿען זאָגען דאָס, וואָס פֿלעגט זיי דיענען אַלס פֿראַגע און אַלס ענטפֿער. און זיי האָבען וועגען דעם געטראַכט און געטראַכט און נאָר נישט געקאָנט צו־טראַכטען. די פֿערליעבטע האָבען דערשפּירט אַן אונרוהיגקײַט און האָבען נישט געוואוסט מיט וואָס זיך צו בערוהיגען.

די ערשטע צײַט האָט מען נאָך אַלעם נישט אַזוי שטאַרק געפֿיהלט, אַז עס פֿעהלען די דאָזיגע ווערטער, דען בײַ די מענשען זענען נאָך איבערגעבליבען גענוג ליעבעס־ווערטער. נאָר נישט לאַנג האָט עס געדויערט, און אַלע הערצער זענען גיך פֿיעל געוואָרען מיט אַ טיעפֿען אומעט. אומזיסט האָבען זיך מענשען שטאַרק געליעבט, אומזיסט האָבען זיי אַנגערופֿען זייערע געפֿיהלען מיט די צערטליכסטע נעמען, נישט אויפֿגעהערט די לײַדענשאַפֿטליכסטע קושען, נישט אויפֿגעהערט שווערען וועגען אײביגער ליעבע. די הערצער האָבען אינסטינקטיוו געפֿיהלט דאָס בעדערפֿניש צו הערען עפּעס אַנדערש, — אַ געוועהנליך, קלײן וואָרט, וואָס שטעהט

אָבער העכער פֿון די טייערסטע ווערטער, וואָס זיי האָבן געהערט.

און שפּעטער איז דער אומעט פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין קריגע־רייען, געפֿינענדיג, אַז זייער גליק איז נישט קיין פֿולעס. האָבען די געליעבטע גענומען איינער דעם צווייטען בעשולדיגען אין קאַלטקייט, אויפֿגעהערט גלויבען אין דער איניגקייט פֿון די לאַסקעס.

און ביסלעכווייז זענען פּוסט געוואָרען די בליהענדע ראָזאָווע בייד־לעך אין די גערטנער, דען עס האָבען אויפֿגעהערט אַלע טרעפֿונגען און בעגעגנישען. און די פּאַרטיערען פֿון אַלקיר האָבען אויפֿגעהערט אַראָב־פֿאַלען, דען די צאַרטע פּאָר־פּאָלק פֿלעגען מעהר נישט צוזאַמענקומען.

און דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדעקט געוואָרען מיט אַ שרעקליכען אומעט, דען וואו עס איז קיין ליעבע נישטאָ קאָן דען זיין פֿרייד?

די מערדערליכסטע מלחמה און די שרעקליכסטע מגפֿה וואָלטען נישט איבערלאָזען אַזאַ טיעפֿע שפּור, ווי עס האָבען איבערגעלאָזען די דריי פֿערלוירענע, די דריי קליינע ווערטער.

III

אין דעם דאָזיגען פֿערשאָלטענעם לאַנד האָט געוואוינט אַ פּאָעט, וועלכער איז געווען זעהר בעדויערענסווערט. און ער איז נישט דערפֿאַר אומגליקליך געווען, וואָס ער האָט זיין געליעבטע נישט געקאָנט דערצעה־לען וועגען זיין ליעבע, אָדער וואָס ער האָט פֿון איהר קיין ליעבע־ווער־טער נישט געקאָנט הערען, — ער האָט גאָר קיין געליעבטע נישט גע־האַט. ער איז אָבער געווען אַ ליבישער פּאָעט, און פֿון דערזעלבער מינוט, ווען די פֿעיע האָט אַרויסגערעדט איהר קללה, האָט ער בשום אופֿן נישט געקאָנט ענדיגען זיין פּאָעמאַ, וועלכע האָט געדאַרפֿט האָבען אַלס לעצטע שורה: „איך ליעב דיך״! נאָר אָט דאָס ענדע האָט געקאָנט צוגעבען די פֿולהייט פֿון אינהאַלט און די שענהייט פֿון ריטם פֿון זיין פּאָעמאַ.

דער פּאָעט האָט זיך לאַנג געקלאַפּט מיט די פֿינגער אין שטערן און געשריגען צו זיך: „בין איך פֿלוצלונג נישט אַראָב פֿון זינען?״ איידער ער האָט זיך געזעצט שרייבען האָט ער דאָך אַזוי גוט געקענט די דריי ווערטער. און ער האָט געוואוסט, אַז מיט אָט די דריי ווערטער וועט ער ענדיגען זיין פּאָעמאַ. און אַלס בעווייז, אַז ער האָט געוואוסט

די װערטער, האט ער געהאט דעם גראם פון דער לעצטער שורה, װעלכער האט געדארפט צופאסען צו׳ם לעצטען װארט פון די פערנעפענע װערטער.

און דער פאעט האט זיך לאנג דעם קאפ געבראכען און דעם סוד נישט געקאנט דערגעהן, און װערענדיג פערצװײפעלט איז ער ארײנגעפאלען אין א האפנונגסלאזער מעלאנכאליע, דען עטװאס שרעקליכערעס איז נישטא פאר א פאעט, װי נישט ענדיגען א פאעמא. ער האט גענומען אויסמײדען די מענשען, אװעקגעהן אין געדיכטע װעלדער און אבזיצען גאנצע טעג איבער טרויעריגע פער׳חלום׳טע טײכלעך.

IV

נאר אײן מאל, װען אונזער פאעט איז זיך געזעסען אונטער אגריגעם קוסט אין א געדיכטען װאלד. האט איהם דערזעהען די בײזע שעהנע פעיע, און מאמענטאל אין איהם זיך פערליעבט. זי איז גלײך צוגעגאנגען צו איהם און איהם א קוש געטהון אין די ליפען. און האטש ער איז געװען שטארק פערנומען מיט זײן פאעמא, דאך האט ער זיך געלאזט אײנרעדען און אװעק מיט דער פעיע אין איהר הערליכען בלומען־פאלאץ.

און דארט איז ער אזוי אויפגערעגט געװארען פון דער פעיע׳ס פער׳כשופ׳טע לאקען, פון איהר קלינגענדען געלעכטער און פון איהרע לײדענשאפטליכע קושען, אז ער האט אינגאנצען פערגעסען אן זײן קומער און אן זײנע לײדען, און פער׳שכור׳ט האט ער געהערט די הימלישע סערענאדען פון די אונגעזעהענע מוזיקאנטען און געקוקט אויף די טענץ פון די לײכטע לופט־עלפען. און הערענדיג, קוקענדיג און קושענדיג האט ער געגעסען די שמעקעדיגסטע פרוכטען און פערטרונקען מיט די געשמאקסטע װײנען. דאן איז ער אזוי בעגײסטערט געװארען, אז ער האט געהאפט א הארפע און גענומען זינגען א באלאדע לכבוד דער פעיע. און די פעיע איז געװען גליקליך, װאס דער פאעט האט איהר געװידמעט די באלאדע.

לאנג האט געדױערט די פרײד און די שמחה פון דער פעיע, נאר צײטענװײז האט זיך געדוכט, אז עפעס אנ׳אונזיכטבארער אומעט לעגט זיך אויף איהר געזיכט, — און דאן פלעגט פערפרױרען װערען איהר געלעכטער, און דונקעל װערען איהרע אויגען. און דאן פלעגט זי אראבלאזען איהר שעהן קעפעלע אויף די הענד, און איהרע גאלדענע האר פלעגען

זי איינגעצען בעדעקען.

דאס האט דער פאעט בעמערקט און אויסגעשריגען פאלענדיג אויף די פים.

— מיין קעניגין וואס פעהלט דיר? וואס בעטריבט דיך אזוי? וואס פערלאנגסטו, — דו אלמעכטיגע און שעהנע?

אין אנהייב האט זי גארנישט געענטפערט, נאר אז זי איז גערירט געווארען פון זיינע בקשות האט זי איהם געזאגט מיט א זיפץ.

— איך בין אליין שולדיג. בעשטראפענדיג די מענשען האב איך זיך אליין בעשטראפט. מיר איז אומעטיג. מיר איז שרעקליך אומעטיג, ווייל דו האסט מיר נאך קיין איין מאל נישט געזאגט: „איך ליעב דיך!“

ער האט די ווערטער נישט ווידערהאלט, נאר א פרעהליך געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון זיין הארצען איבער'ן גאנצען וואלד, דען ער האט ווידער געפונען דאס פערלוירענע ענדע פון זיין פאעמא.

אומזיסט האט זיך די פעיע געסטארעט איהם אבצוהאלטען. ער האט א שפרונג געטהון און א היים געלאפען, געענדיגט די פאעמא, זי איבער געשריבען און זי פערעפענטליכט. און די איינוואוינער פון אויסגעמוטשעטען לאנד האבען ווידער ערווארבען די דריי פערגעסענע געטליכע ווערטער.

און יעצט האבען זיך ווידער אנגעהויבען בעגעגנישען אין די בליהענדע ביידלעך פון די גערטנער. און ווידער הערט מען דאס צערטליכע פלוידערן הינטער די שווערע פארטיערען פון אלקיר.

איבערזעצט L. K.

גיואי דע מאָפּאַסאַן.

אַן׳אונגליקליכע ענליכקייט.

עס איז געווען אין דער נאַכט פון ערשטען יאַנואַר. ביי איינעם פון די בעסטע פיגורען־מאָלער פון פּאַריז. דער הויכער פּאַסקאַרעל האָט זיך אויפגעהויבען און פלוצלינג אַ זאָג געטהון:

— די מענשען זענען נישט אינגאַנצען אונגערעכט געווען, ווען זיי האָבען מיין נאָמען פערמישט מיט דער שענער לוסי פּלאַנעללי. זי האָט באמת געהאַט געפאַנגען מיין האַרץ, ווי עס פאַנגט אַ יעגער אַן׳אונפּאָרזיכטיגען פויגעל אין אַ פראָסטיגען פריהמאָרגען זי האָט מיט מיר דענסטמאָל געקאָנט מאַכען, וואָס איהר וואָלט נאָר געפעלען.

איך בין אינגאַנצען געווען בעאיינפלוסט פון דעם צויבער, וואָס איז געלעגען אין איהר רעטהזעלהאַפט און שפּאָטיש שמייכעלע, דענסטמאָל, ווען איהרע צייהנדעליך האָבען געהאַט אַ גרויזאַמען אויסזעהען, צווישען די רויטע ליפּלעך און האָבען געגלאַנצט, ווי זיי וואָלטען גרייט געווען צו ביַיסען און פערגרעסערן דורך פּיין דאָס העכסטע פערגעניגען פון אַ הייסען קוש.

איך האָב געליעבט אַלעס אין איהר: איהר קאַצענאַרטיגע בייגזאַמקייט, איהרע לאַנגזאַמע בליקען, וואָס האָבען זיך פאַמעליך אָפּער

געגליטשט פון איהרע האַלבפערמאַכטע אויגען־אַפּפּלען , און וואָס זענען געווען פול מיט צוזאָג און נסיון — איהרע צאַרטע הענד , וועלכע זענען געווען בעצויגען מיט אַ ווייסער הויט און בלויע אָדערן , און וואָס האָבען אויסגעזעהן , ווי די הענד פון אַ מלאך אונטער אַ גע־פאַרבט גלאָז — איהר שלאַנקע פינגער, אויף וועלכער ס'האָט ווי אַ רובין געגלאַנצט רויטע טראָפּענס בלוט .

איך וואָלט איהר אַלעס אוועקגעגעבען : מײַן איבערגעבליבענע יוגענד , מײַן לעצט ביסעל לעבענס־קראַפט , איך זאָל בלויז די זכיה האָבען אַרויפצולעגען מײַנע ברענענדע הענד אויף דעם נאַקען פון איהר רונד־קיהלען האַלז און פיהלען , אַז כ'בין אײַנגעהילט אין דעם העל־זײַדענעם קענושער , וואָס צערטעלט מײַן הויט .

איך ווער גאָר נישט מיעד, הערענדיג איהר אָבלאַכענדע און טראָ־ציגע שטימע , די עכאָס וואָס האָבען געקלונגען , ווי זיי וואָלטען פון אַ גלאָז אַרויסגעקומען , די מוזיק וואָס איז געווען צײַטענווייז הייזעריג , צײַטענווייז מעכטיג און דורכנעהמענד, ווי דאָס שאַלענדע רופען פון דער וואַלקירעם .

אָ הימעל ! בלויז צו זײַן איהר ליעבהאָבער , איהר שקלאַף , מיט דעם גאַנצען לעבען זיך איבערגעבען צו איהר , דעם לעצטען גראָשען אויף איהר אויסצוגעבען , און נאַכהער פון הונגער שטאַרבען , אַבי נאָר צו בעזיצען דאָס אונענדליכע גליק, וואָס ליעגט אין איהר הימלישער שענ־קייט , אַליין צו בעזיצען דאָס רויטע און ווײַסע פון איהר דעמאָנישער נשמה, אַליין , חאָטש עטליכע חדשים !

איך ווייס , איהר וועט לאַכען פון מיר . איך , דערזעלבער, וואָס פלעג געבען די פרײַנד אַזוינע גוטע און קלוגע עצות , די וואָס פלעגען ציטערן פאַר דער ליעבע, ווי פאַר דאָס זאַמד, וואָס ליעגט בײַם ים , וואָס ווײַזט זיך , ווען דער עב איז נידעריג , און אין וועלכען מען קאָן אַזוי לײַכט אײַנגעזונקען ווערען , זאָל זיך לאָזען אויף אַזאַ אופן פאַנגען .

אָבער ווער קאָן זיך דען פערטהיידיגען געגען אַזאַ געפאַהר ? ווער קאָן ווידערשטעהן דער צוציהונגס־קראַפט , וואָס ליעגט אין אַזאַ פרוי ?

דאָך בין איך גאַנץ צופעליג געהיילט געוואָרען פון דער דאָזיגער קרענק. און אָט ווי אַזוי די בעצויבערונג, וואָס האָט אָנפאַנגס אויסגעזעהן עוויגליך , איז פערשוואונדען .

עס איז געווען אין טעאַטער, איך בין געזעסען נישט ווייט פון לוסי, וואָס איז ווי אַלע מאָל געווען בעגלייטעט פון איהר מוטער. זיי האָבען פערנומען אַ לאָזשע און זענען געזעסען זייט ביי זייט. איך בין געווען בעהערשט פון אַנ'אונבעזיעגבאַרער צוציהונגס־קראַפט און האָב קיין אויג נישט אַראָבגענומען פון דער פרוי, וואָס איך האָב געליעבט מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין וועזען. איך האָב זי אַדורכגענומען מיט מיינע בליקען און האָב אויסער איהר אין טעאַטער גאָרנישט געזעהען, איך האָב זיך צומאָל נישט צוגעהערט צו דער זאַך, וואָס מען האָט פאָרגעשטעלט אויף דער ביהנע.

פלוצלונג האָב איך דערפיהלט אַ וועהטאָג, ווי עמיץ וואָלט מיר האַסטיג אַ שטאָך געגעבען, און בין אַרייַנגעפאַלען אין אַ וואַהנזיניגע האַלוציניאַציע. לוסי האָט זיך פון אָרט געריהרט, איהר קאָפ איז געווען אין אַ פּראָפיל, און אין דערזעלבער ליניע מיט איהר מוטערס קאָפ. איך ווייס נישט, וועלכער שאָטען אָדער פייער־שפּיעל האָט אַזוי שנעל פערהאַרטעוועט און געביטען די קאָליר פון איהרע אייִדעלע געזיכטס־צוגען. מיט איינמאָל איז צושטערט געוואָרען איהר אידעאַלע שענקייט. און וואָס מעהר איך האָב אויף זיי געקוקט, אויף דער איינער, וואָס איז געווען יונג, און דער אַנדערער, וואָס איז געווען אַלט, אַלץ שטאַרקער און פיינליכער איז פאַר מיר געוואָרען זייער עהנליכקייט.

איך קאָן זעהן, ווי לוסי ווערט עלטער און עלטער, קעמפפענדיג מיט די אָנגעזאַמעלטע יאָהרען, וואָס רופען אַרויס קנייטשען אויף דעם געזיכט, דאָפּלען און דריטלען די גאָמבע און צושטערען די שענקייט פון אַ געטאָקט מויל. — זיי האָבען כמעט אויסגעזעהן ווי אַ צווילינג.

איך האָב זעהר פיעל געליטען. אָנשטאָט זיך צו בעפרייַען פון דעם געפיהל און אַרויסלויפען פונ'ם טעאָטער אויף דעם רואיגען בולוואַר, האָב איך ווי אַ פער'כשופ'טער געהאַלטען זיי אין איין בעטראַכטען. דורכנעהמענדיג די אַלטע מיט מיינע בליקען, בין איך אויפגערעגט געוואָרען איבער איהרע געריִנצעלטע באַקען, די לעכערליכע גריבלעך אין זיי, דער געדריטעלטער גאָמבע, די געפאַרבטע האָהר, די אויסגעלאָשענע אויגען און דער נאָז, וואָס איז געווען אַ קאַריקאַטור פון לוסיעס געטאָקט נעזיל.

איך האָב זי געליעבט, און וואָלט שטענדיג ליעב געהאַט די קליינע מכשפה, וואָס האָט מיך אַזוי שנעל און דעספּאָטיש

בעזיגט. איך וואָלט צו דער קלענסטער אינטריגע נישט צוגעלאָזען, פון דעם טאָג אָן, וואָס זי וואָלט זיך צו מיר איבערגעבען. און זייענדיג מיט איהר אין נאָהענטע בעציהונגען, ווער קאָן וויסען, אויב עס וואָלט נישט געקומען טראָץ מיין פאָרזיכטיגקייט צו אַ חתונה.

און וואָרום זאָל איך דען נישט געבען מיין נאָמען דער פרוי, וואָס איך ליעב? די אורזאַכע איז אָבער, דאָס איך וועל שפּעטער זיין צוגעבונדען צו אַ מיאוס בעשעפעניש, מיט וועלכער איך וועל נישט וואַגען אויף דער גאַס אַרויסצוגעהן. מיינע פריינד וואָלטען געלאַכט פון איהר, און בעדויערט דעם אונגליקליכען, וואָס מוז זיך אַרומפיהרען מיט דעם דאָזיגען איבערבלייבעניש . . . .

און דעריבער אַזוי שנעל ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלען, בין איך אַרויס פונ׳ם טעאַטער, צומאָל אַ גוטע נאַכט נישט געזאָגט, גענומען די ערשטע בעסטע פרוי און פערבראַכט מיט איהר ביז שפּעט צומאָרגענס.

אַלזאָ! האָט געזאָגט אַנ׳אַנגעוועזענדע דאַמע: איך וועל מעהר מיין מוטער מיט מיר אין טעאַטער נישט נעהמען. די מענער ווערען שוין ווירקליך צו משוגע.

איבערזעצט י. טופּפּמאַן

(פאָרטזעצונג פון צװעלפטען העפט)

—אַך, באַללכֿען, דאָס װעלען זי דאָך נישט טהון! איהר װילט דאָך מײַן אַלטע גוטע מוטער נישט פערשאַפען קײַן עגמת־נפש! זי האָט שוין אָהן דעם איהר פעקיל צרות, דער קאָפ איז איהר גענוג פערדרעהט מיט עלוזעם חתונה! איבריגענס איז עס פאַר מיר טאַקע גלײַכֿער, איך זאָל זיך אַ ביסעל פון די טרוקענע סחורה אַ ביסעל צוריק־האַלטען! איך האָב שוין װידער בעקומען עפּעס גאָר אַן׳אַנטיקעל! —

—אַך, געהט שוין מיט אײַערע אונאַנשטענדיגקײַטען! שטודירען זי ליעבער ערנסט! —

—דאָס טהו איך טאַקי ערנסט — — — און מיט ליעבע!— האָט ער איהר פערזיכֿערט.

פרױ ראַט האָט זיך פאַר איהם אױפגעשטעלט, גרײַט איהם אַ גאַנצע מוסר־דרשה צו האַלטען, האָט אָבער געמוזט אָנהױבען צו לאַכֿען, אַז ער האָט דעם קאָפ אָן אַ זײַט אָבגעבױגען און אַ צוקנײַטשט פנים געמאַכֿט.

—נײַן! — האָט זי געשריען, — הערט שוין אַמאָל אױף מיט אײַערע נאַרישע העװיות, הערר רױך! — — — — — — — איך ערקלער עס ערנסט, אַז איך װעל אײַך צום ערשטען, שפּעטסטענס צום פונפצעהנ־טען נאָװעמבער „אַרױסזעצען”, װען בערטהאַ אױבען װעט נאָך אַמאָל האָהר־שפּילקעס און אַ שיך־קנעפּער געפינען! —

—אָ, דאָס װאָלט איהר זעהר רעכֿט געטהון, טײַערסטע פרױ! דאָס װאָלט געװען נאָך מעהר װי דול; — — — נאָר אַזױ װי איך, גרױסער נאַר, קאָן נישט װיסען, װער עס זאָל האָבען בײַ מיר פערלױ־רען האָהר־שפּילקעס — — — סײַדען זי זענען עס געװעזען, באַללכֿען, מײַן טײַערע נשמה, דען איהר קומט שטענדיג בײַ מיר אין בײַדעל עפּיס אױסצושניפען! —

— און דער שוך־קנעפּער איהר אונפּער — —

— נאָר נישט געזידעלט זיך, שאַ! דעם דאָזיגען אינסטרומענט בעדאַרף איך גופא, אַמאָל פאַר מײַנע האַנדשוה, אַמאָל מײַנע װאָנסען אױסצוציהען! — — ער האָט איהר מיט זײַנע בלױע אױגען אַרױס־פאָדערנדיג אָנגעלאַכֿט און האָט די בלאָנדע באָרד זײַנע געדרעהט. י האָט אױך אַ ביסעל אַ שמײכֿעל געטהון, באַלד אָבער צוריק אַנ׳ ערנסטע מינע אָנגענומען און מיט אַ געמאַכֿטען כעס געזאָגט:

— זי געפינען אױף אַלצדינג אַ תירוץ! אָבער געלעכֿטער אָן אַ זײַט, הערר רױך! אױבען װאױנען מיסס בריטהו, די

ר אָ ז ט , די ז אַ נ ד ע ר ס און עס וואָלט פאַר מיר געוועזען די גרעסטע שאַנדע — — —

— יאָ , וואָס מאַכט דען די אונזיכטבאַרע מאַדאָנע ? — האָט ער פעראינטערעסירט געפרעגט . —

— טאָמער וועט איהר דאָך שוין אַמאָל אייער צונג אַ ביסעל שטייפער האַלטען ! — האָט זיך פרוי ב אָ ל ל אויף איהם ערנסט געבייזערט . —

— נו , נו , איך וועל שוין מעהר נישט , איך טהו תשובה , אַלזאָ ווען וועט זיך שוין אַמאָל אייער סאַמע אינטערעסאַנטסטע אַיינוואוינערין , דאָס פרייליין=מוטער , בעוויזען ? איך שטאַרב פאַר נייגיעריגקייט ! —

— איהר דאַרפט שוין נישט שטאַרבען ! די ראָזט איז געוועזען אונטען און האָט מיר געמאָלדען , אַז פרייליין ז אַ נ ד ע ר ס וועט קומען צום אָוועגד=ברויט ! די ביידע האָבען זיך שוין בעפריינדעט ! —

— דונער=וועטער ! נו , נו ! דאַכט זיך אַזאַ וצדקתך'לע — — — — די ר אָ ז ט , קאָן גאָר קיין צוויי נישט צעהלען ! שטיל וואַסער האָט אַ טיעפען גרונד ! — אָבער אמת, פרוי ב אָ ל ל , איך האָב גוט געטהון , וואָס איך בין נישט אין קאָלעג געגאַנגען ! איך וואָלט פאַר קיין געלד אין דער וועלט נישט מותר געוועז אויף די ערשטע פאָרשטעלונג אין זאַל ! —

— אויף איהר וועט איהר שוין , דאַכט מיר , נישט האָבען קיין ווערטלעך צו זאָגען ! די ז אַ נ ד ע ר ס וועט אייך שוין אויסלערנען האָבען פאַר איהר דרך ארץ , זי טרויט זיך קיינעם נישט אַזוי לייכט אָן ! —

— נאַנאַ ? — האָט ער סקעפטיש אויסגערופען . — אַזוי געפעהרליך איז עס נישט, דען — — — — אײנער האָט עס געוואַגט , — — אײנער האָט עס געוואַגט ! — האָט ער לויט זינגענדיג פאַראַדירט אַ בעקאַנט ליעדעל . ביידע האָבען געלאַכט , זי האָט איהם מיט'ן קולאַק געסטראַשעט .

— איז דוואָראַל צו הויז ? —

— געוויס , אָקאָרשט טאַקע געקומען ! —

— אַזוי , איהם מוז איך נעהמען . ער וועט דאָך פשוט משוגע ווערען פאַר שמחה . ער וואָלט צום בעסטען דאָס פרייליין=מוטער ביי זיינע „נייע גריכען" אויסשטעלען ! — — דערביי האָט ר ו י ך דער ווירטין אַ האַנד=קוש צוגעוואָרפען און איז געשווינד אַוועק .

היינט האָבען זיך אַלע פענסיאָנערען שוין גלייך נאָך זיעבען אַ

זײַגער אין דעם זאַל אײַנגעפונען, אַלע האָבען געוואָלט דערבײַ זײַן, ווען אננאַ וועט דאָס ערשטע מאָל ערשײַנען אין זאַל. געפעהלט האָבען נאָר די קיהן-בראַנד, וועלכע איז געפאָהרען אין טעאַטער, ווײַל זי האָט געמוזט שפּיעלען, און די בײדע באַנק-בעאַמטע העררען ראָטער און העררען לודוויק, וועלכע האָבען ווי שטענדיג אין שטאָדט אָווענדברויט געגעסען. זײ האָבען בײַ פרוי באָלל נאָר צוויי גרויסע פאָדערצימער בעוואוינט, און האָבען נאָר דאָס ערשטע פריהשטיק בײַ איהר געגעסען; דעם גאַנצען טאָג זענען זײ אין שטאָדט געוועזען און דאָרטען מיטאָג און אָווענד-ברויט געגעסען; בײַם אַלגעמײַנעם טיש, אינאײַנעם מיט אַלע אַנ-דערע אײַנוואוינער, האָבען זײ זיך געפונען נאָר יעדען זונטאָג, — אַכט דעם זײַגער פלעגט מען שוין עסען. אַ האַלבע שעה פריהער איז פרוי באָלל ערשיענען מיעד און אָבגעמאַטערט און איהר טואַלעטע איז געוועזען אַזעלכע, וואָס מען האָט באַלד געקאָנט דערקענען, אַז קײַן פיעל צײַט האָט עס נישט פערנומען. אַרײַנקומענדיג האָט זי געפונען אַלעמען, אפילו מיס ברוטהי און מיסטער פאָוועל, לאַכענדיג מונטער איבער רויכ׳ס וויצען, וועלכע זענען איהם הײַנט בעסער ווי אַלע מאָל גע-ראָטען. — באַלד נאָכדעם האָט זיך געהערט אַ קלאַפּען אין טיר. די טיר האָט זיך געעפענט און אננאַ זאַנדערס הויכע געשטאַלט האָט זיך בעוויזען אין טיר-חלל. זי איז געוועזען בלײך. די בלאַסקײַט פון איהר געזיכט און דער ווײַסער שרונד, די צושטרײַטע זילבערנע פעדים אין איהר פריזור האָבען דורך די טיעפע שוואַרצקײַט פון איהרע טרויער-קלײדער נאָך מעהר אָבגעשלאָגען.

— אַ מלאך פון הימעל, וואָס פאַר אַנ׳עדעלקײַט עס ליעגט אויף איהר, — האָט דוואַראָל געשעפּטשעט צו דער קאָנצערט-זינגערין בעטינאָ מאַרסאָ מיט בעגײַסטערונג. עס איז שטיל געוואָרען. אַלע אויגען זענען צו דער אַרײַנקומענדיגער אננאַ געווענדעט געוועזען. הינטער איהר איז נאָכגעגאַנגען פרײַלײַן ראָזט מיט גלאַנציגע פערקלערטע אויגען.

— גוטען אָווענד, מײַנע העררשאַפטען, — האָט אננאַ געזאָגט. אין איהר שטימע האָט זיך דער אָבקלאַנג פון איהרע אינערליכע לײַדען געהערט. די פאַרב פון איהר געזיכט האָט זיך שנעל געביטען; דאָ איז עס רויט געוואָרען, דאָ באַלד ווידער בלאַס געוואָרען. פרוי באָלל איז אויך רויט געוואָרען:

— גוטען אָווענד, פרייליין זאַנדערס! — האָט זי פאַר אַלע איהרע איינוואוינער, וועלכע האָבען זיך שווייגענדיג פערבויגט, געענטפערט. — ערלויבט מיר איך זאָל אייך בעקאַנען: פרייליין באָרמער, פרייליין מאַרסו. — זי האָט אַלעמענס נעמען אויסגערעכענט, יעדע גערופענע האָט זיך פערבויגט. נאָר דוואַראָל האָט אַננאַ'ן זיין האַנד אויסגעשטרעקט און איהר אַ קוש געטהון אין איהר רעכטע האַנד, וועלכע איז ווי מאַרמאָר קאַלט געוועזען. אַ לאַנגווייליגע, דריקענדיגע אונטערהאַלטונג האָט זיך געשלעפט פויל און שלעפעריג, ביז דאָס הויז־מיידעל האָט אַלעמען צום טיש געבעטען. אַלע זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם דערבייאיגען שפייז־צימער.

— געלויבט איז גאָט, אַז בערטהאַ מיט די געצאַקטע וואורשט־לעך איז שוין דאָ! — האָט רויך זיך אָנגערופען. ער האָט זיך צום טיש דער ערשטער געזעצט. — אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט, ביז דער עולם האָט זיך אויף די ערטער געזעצט, יעדער האָט זיך בעמיהט פאַר אַננאַן דעם „אויבענאָן” צו לאָזען און אין איהר נאָכבאַרשאַפט זיך צו געפינען. אויסגעקומען איז סוף כל סוף, אַז אַננאַ איז געבליבען זיצען צווישען די ראַזט און די בריטי. איהר קעגענאיבער זענען געזעסען די מאָרסו און דוואַראָל, וועלכער האָט זיך דעם דאָזיגען אָרט כמעט מיט כח ערקעמפט. די איבריגע זעהענדיג, אַז זיי וועלען שוין קעגענאיבער, אָדער נאָהנט נעבען אַננאַ'ן נישט קאָנען זיצען, האָבען זיך געזעצט וואו עס האָט זיך געלאָזען. פאַר יעדע פערזאָן האָט מען אַ סערוועטיל געלעגט, וועלכען מען האָט אין אַ האָלץ־רינג אַריינגעשטעקט. געזעסען איז מען שטיל. קיינער האָט נישט געוואַגט עפּעס אַ וואָרט אויסצורעדען, טאָמער וועט עס דעם נייעם גאַסט נישט אַנגענעהם זיין. געבראָכען די שטילקייט האָט ענדליך פרייליין סוסי בריטי, וועלכע ווי שוין אַן אַמעריקאַנערין, וואָס האַלטען זיך נישט אַזוי שטרענג און שטייף אָן דער טאַקטיק, האָט בעריהרט דוקא יענעם פונקט, וועלכע די איבריגע האָבען בעמיהט אויסצומיידען. באַלד ווי אַננאַ איז נאָר אַריינגעקומען, האָט איהר די דאָזיגע אַמעריקאַנערין מיט איהרע העלע קלוגע אויגען בעקוקט מיט אַן אויספאָרשענדיגען בליק פון אויבען ביז אַראָב. דאָס פרייליין בריטי איז געווען איינע פון יענע אַמעריקאַנערינס, וועלכע ס'איז שווער, לויט זייער האַלטען זיך אין אַ געזעלשאַפט, צו דערקענען, צו וועלכען געשלעכט זיי געהערען; זי איז געווען פון יענע אַמעריקאַנערינס, וועלכע אַרבייטען ביי זיך אין דער היים זעהר

שווער, ווערען מיט דער אונטערשטיצונג פון דער פאמיליע נאך אייראפא געשיקט, וואו זיי קאנען א סך ביליגער לעבען. דא אין אייראפא שרייבען זיי זיך מיט זייערע וועניגע שפראך=קענטניסע אין די אוניווערזיטעטען איין, גיבען קאנצערטען, פרובירען זיך צו פאנגען מאנסבילען אין זייער נעץ און זענען שטארק צופריעדען פון זייער לייכטזיניגקייט און איבערמוט, מיט וועלכע זיי בעהאנדלען אלע וועלט=פראגען. די לייכטזיניגקייט, וואס פאסט טאקע פאר זייער האלב=בילדונג! זייער פרייעס און זיכערעס אויפטרעטען איז פונדעסטוועגען נישט אינגאנצען אונסימפאטיש, די אונארדנונג אין זייער קליידונג, די שרעקליכע פערנאכלעסיגקייט פון זייער אויסערליכקייט קומט פון זייער שטאלצען זעלבסט=געפיהל. — די דאזיגע רויטהאריגע מויד, וועלכע רויך האט א נאמען געגעבען דאס „פלעט=ברעט פון ווילדען מערב", האט זיך מיט א גרילציגען רוק צו איהר נאכבארין זיך געווענדעט: א, טעלל מי, (זאגט מיר) פריילין זאנדערס, איך וועל ליעבען צו הערען, אויב זי האבען געהאט פיעל צו ליידען ביי איהר בייבי (יונגעל) פון די דייטשען? איך בין זעהר אינטערסירט אין עס! — — אננא איז בלייך געווארען. אלע האבען זיך דערשראקען. דוואראל האט זיך צארניג אנגעקוקט מיט רויכ'ן, וועלכער האט זיין כעס נישט געקאנט אונטערדריקען.

— איך וועל אייך עפעס זאגען, מיס בריטי, — האט ער האסטיג געזאגט, נאך איידער די געפרעגטע האט בעוויזען צו ענטפערען, — זי לעבען דא אין א קולטורעלער מדינה און נישט אין מעדיסאן, וואו עס לויפען נאך ארום די אינדיאנער מיט פעדער=קרוינען אויפ'ן קאפ. דאס רוב דייטשען זענען צופיעל טאקטיש, א מענשען צו דערמאהנען פון עטוואס נישט אנגענעהמעס. ווער עס טהוט עס אבער יא, דער גילט ביי אונז אלס געמיינער פעבל=מענש, און ווי איך בין מיר משער, אונטער די פיינערע אמעריקאנער אויך! —

— וועל (גוט), דאס געפין איך ווערי קאנווענטיאנאל (זעהר פערטרעגליך) — — — היו (וועלכע) זאג איך — — איז זעהר קליינליך פון די דייטשען! וואו קאן מען דען ווען דעם אמת הערען, — האט זי נאאיוו ערשטוינט זיך אנגערופען.

אננא האט זיך אינ'ם געזיכט פון צארניגען סטודענט סימפאטיש איינגעקוקט. מיט ציטערדיגע פינגער האט זי איהר ברויט צוקריישעלט און זיך צו מיס בריטי וועגדענדיג האט זי געזאגט:

— ווען איהר ווילט דערגעהן דעם אמת, מיס בריטי, קאן איך

אײַך פֿון מײַנע ערפֿאַהרונגען זאָגען, אַז מען האָט אומעטום, נאַטירליך, צו לײַדען, ווען מען לעבט נישט אויף דעמזעלבען אופֿן, ווי די גאַנצע וועלט לעבט! איך האָב פֿיעל דורך מײַן קינד געליטען! אָבער מעהר נאָך דורך מיר גופֿא, דורך מײַנע אײגענע עמפּפֿינדליכקײַט, ווי דורך די פֿעראַנטוואָרטליכקײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט! בעזונדערס האָב איך געליטען פֿון מײַנע נאָהענטע קרובים און גוטע בעקאַנטע, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט דערצו, אויסער זײ האָבען מיר בלויז די נישט־פֿרײַנדליכע בליקען, מיט וועלכע מען האָט אויף מיר געקוקט, פֿיעל פּײַן און לײַדען געבראַכט. מען איז טויזענד מאָל מעהר ווי געוועהנליך עמפּפֿינדליך, ווען מען איז ערגעץ־וואו אָנגעגריפֿען! —

חאָטש אַננאַ האָט די דאָזיגע ווערטער זעהר רוהיג אַרויסגערעדט, האָט דאָך אין איהר שטימע אַ לײַכטער אָבקלאַנג פֿון אויפֿרעגונג זיך געהערט.

— איך האָב נאָך קײנמאָל אין מײַן לעבען אַזאַ שען קינד ווי אײַער קלײנעם אָטטאָ נישט געזעהען! — האָט פֿרײַלײן מאַרסו געזאָגט. דוואָראַל איז געזעסען ווי אויף גליהענדע קויהלען און האָט אַננאַ׳ן אָנגעקוקט. — אַננאַ האָט אַ שמײכעל געטהון און עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן אַ רײהע ווײַסע, שענע געזונדע צײהן מיט אַן׳עלפֿענבײנענעם גלאַנץ.

— איך מוז אײַך אַלעמען דאַנקען, מײַנע הערשאַפֿטען — האָט אַננאַ שטיל געזאָגט, — איהר פֿערוועהנט דעם קערל צופֿיעל און ער האָט עס זעהר ליעב, ער זאָל זײַן דער מיטעלפּונקט, אַרום וועלכען אַלע דרעהען זיך, — דערבײַ האָט אַננאַ שווער אָבגעזיפֿצט, — שפּעטער ווער ער נאָך האָבען גענוג זיך אויף דער וועלט אָנצולײַדען, דאַמאָלס וועל איך איהם אָן זײַן קינדהײט דערמאָהנען און איהם וועט ווערען לײַכ־טער אויפֿ׳ן האַרצען, ווי עס ווערט מיר לײַכטער, ווען איך דערמאָהן זיך אָן מײַנע קינדער־יאָהרען! — —

נון האָבען אַלע אָנגעהויבען אַרויסצווײַזען זײער מיטגעפֿיהל און ליעבע צו אַננאַ׳ן מיט איהר קינד. די אײנציגע וואָס האָט זיך פֿער־האַלטען גלײַכגילטיג איז געוועזען פֿרײַלײן אָליע באָרמער. זי איז שוין געוועזען אַ בעיאָהרענט מײדעל און האָט געשטאַמט פֿון אַן׳עדעלער, פֿײַנער בעאַמטען־פֿאַמיליע אויף דער פּראָווינץ. נאָך אַ סך קעמפּפֿען האָט זי זיך פֿון דער פּראָווינץ־שטאָדט אַרויסגעריסען און איז קײן בערלין גע־פֿאָהרען, וואו זי האָט געוואָלט שטודירען. אָבער דאָס ציעל, נאָך

װעלכען זי האָט געשטרעבט, דער טיטול דאָקטאָר, איז דערװײַל נאָך זעהר װײַט געװעזען פון איהר. כדי זי זאָל קאָנען לעבען אין בערלין, װאו אַלץ קאָסט אַזוי טײַער, האָט דאָס ענערגישע מײדעל געמוזט פון אין דער פריה ביז שפּעט זיך פערנעהמען מיט לעקציעס געבען, װאָס האָט איהר, נאַטירליך, געשטערט צו בעזוכען די אוניװערזיטעט, און צו פערגרעסערן און פערמעהרען איהרע קענטניסע. דערצו איז זי נאָך געװעזען שטאַרק איבערגעגעבען צום פעראײַן פון פרויענבעװעגונג. אַזוי איז זי אין אָװענד געלאָפען אַ פערמאַטערטע פון אײן רעפעראַט צום אַנדערן, פון אײן פערזאַמלונג צו דער אַנדערער און ערשט שוין אַ שטיק אין דער נאַכט האָט זי זיך צו איהרע אײגענע אַרבײט געזעצט. דער סוף דערפון איז געװעזען, אַז דאָס אַמאָליגע פרישע, לעבענסלוסטיגע מײדעל איז געבליבען נאָר אַ שאָטען פון אַ מענש, אַ הויפען בײנער און נאָר אַ דאַנק איהר אײַזערנעם גײַסט האָט זיך אויך איהר שװאַכער קערפּער געהאַלטען. — אַלס אַן איבערגאַנגס-בעשעפעניש האָט זי זיך טעאָרעטיש פאַר אַננאַס שיקזאַל בעגײַסטערט. יעצט אָבער, אַז זי האָט פאַר איהר געזעהן דאָס שענע, רײַצענדע געזיכט, װאָס האָט דורך דאָס לײַדען עפּעס גאָר אַ בעזונדער חן געקריגען, איצט — — — האָט זי צוזאַמענגעשראָקען. װי אַזוי איז דאָס בײַ אַזאַ פערזאָן פאָרגעקומען? דערזעהענדיג אַננאַן אַ לעבעדיגע, אַ ממשות׳דיגע, איז זי בײַ איהר אין די אויגען נישט אויף אַ האָהר אַפילו ערהעליך געװען צו דער אַננאַ, װעלכע זי האָט זיך אין דער פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט, דערצו נאָך האָט זיך בײַ איהר אויפגעװעקט אַלע פעראַכטונג, װעלכע מען האָט איהר אין איהרע עלטערנס הויז אין איהר קינדער-יאָהרען אין האַרץ אײַנגעפלאַנצט געגען אַזעלכע סאָרטען פרויען. די דאָזיגע זאַנדערס איז נישט געװעזען קײן פאָרקעמפּפערין, װאָס זאָל זיך האָבען דאָס קינד אָנגעשאַפט אַלס אַ פּרינציפּ! זי איז אויך נישט געװעזען קײן לײַדענשאַפטליכע קינסטלער-נאַטור, קײן לײַכטזיניג מײדעל, װאָס איז צוליעב נישט ערפאַהרונג אַרײַנגעפאַלען!! — — אָבער װי אַזוי האָט עס גאָר געקאָנט געשעהן, װי האָבען גאָר די דאָזיגע װײַכע ליפּען געקאָנט קושען נישט-ערלויבטערהײַד? — — אָליע האָט זיך איבער דער פראַגע דעם קאָפּ צוברעכען. זי איז צו קײן שום רעזולטאַט נישט געקומען, זי איז געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש, װאָס זי קאָן עס נישט אויפלעזען און דעריבער האָט זי זיך פון דער זינדיגער פרוי געהאַלטען פון דער װײַטענס. נאָך מעהר, אין איהר האַרץ האָט אָנגעהויבען װאַקסען אַ שנאה געגען

דער דאָזיגער פרוי , וועלכע האָט שוין פערזוכט דעם גן-עדנ׳שען טעם פון אַנ׳עבירה און פונדעסטוועגען זיצט זי זיך דאָ אַזוי בעקוועם, גלייך ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט אַראָב אַ טריט אַפילו פון דרך הישר ! —

— אַ נ נ אַ האָט געפיהלט די ברענענדיגע בליקען , וואָס האָבען זי פון יענעם שמאָלען אָבגעמאַטערטען געזיכט געבריהט . זי האָט אַ סך מאָל אַהין אַריבערגעבליקט און האָט צוזאַמענגעשוידערט , דען זי האָט פּלוצלונג דערפיהלט , אַז אַלע האָבען פון איהר אַ גוטע מיינונג אַ חוץ יענע. פון איהרע דונקעלע אויגען האָט די שנאה אַרויסגעשטראַהלט און דאָס האָט אַננאַן זעהר געקרענקט , זי האָט די דאָזיגע פעראַכטונג פאַר קיין אופן נישט געקאָנט אַריבערטראָגען , און זי איז נאָך שטילער ווי פריהער געוואָרען . — האַלב צעהן דעם זייגער איז זי צוריק אין איהר צימער אַרויף . די ר אָ ז ט איז איהר נאָכגעגאַנגען . קומענדיג אויבען זענען זיי ביידע צו דעם קליינעם אָ ט ט אָ ם בעט צוגעגאַנגען . די פרוי ק אָ ך האָט פאָרזיכטיג דאָס ליכט געהאַלטען , כדי דער שיין זאָל אויף איהם נישט פאַלען .

— דאָס קליינע מלאכ׳ל , — האָט ב ע ר ט ה אַ געשעפּשעט . — די זיידענע ברעמעלעך זיינע , די ראָזיגע ליפּעלעך און דאָס שענע , קליינע מיילכעלע ! —

אַ נ נ אַ האָט איהם בעטראַכט מיט שווייגענדיגער צערטליכקייט . פּלוצלונג האָט זי צוזאַמענגעשוידערט , ער האָט אין שלאָף זיינע ליפּען בעוועגט און דאָס האָט איהר געבראַכט אויף די געדאַנקען, אַז אויך דערמיט איז ער זעהר ערנליך צו קאַנטאַגען, אַזוי ווי ער איז מיט יעדער קלייניג-קייט צו איהם ערנליך ! זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַזוי אָ ט ט אָ איז אין האָטעל-צימער געשטאַנען אַזוי בעזאָרגט פאַר זיין זוהן , ווי אַזוי דער דאָזיגער שטאָלצער און שענער מאַן איז געשטאַנען פאַר איהר מיט דעם אויסדרוק פון ליידענשאַפטליכער , הייסער ליעבע , בשעת זי האָט דעם קליינעם ניי-געבוירענעם זוהן אויפ׳ן שוים געהאַלטען . — אַ ברענענדיגע בענקשאַפט האָט איהר דורכ׳ן גאַנצען קערפּער דורכגעגליהט . איהר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער , דאָס בלוט האָט געזאָדען . עפּעס האָט זיך איהר אַ רויטקייט געשווינדעלט פאַר די אויגען ; אָבער איהר פערשטאַנד האָט זי נישט פערלוירען : עס האָבען איהר געפּייניגט שרעק-ליכע געדאַנקען: „דו ביזט משוגע! דו ביזט אַ פערלאָרענע געפאַלענע פרוי! —

(פ אָ ר ט ז ע צ ו נ ג ק ו מ ט)

אנאטאל פראנס.

א מאכל פון ציגנער.

דער שטן איז געלעגען אויף זיין געלעגער הינטער דעם פארהאנג פון פייערקא-ליר. די דאקטוירים און אפטייקערס פון גיהנם דערזעהענדיג אז די צונג איז ביי איהם ווייס געווארען, האבען דערפון געדרונגען, אז זיין מאגען קאכט נישט גוט און האבען איהם דעריבער בעראטען — עסען שפייז, וואס זאל איהם אין קרעפטיגען און זיין לייבט צו פערדייען.

האט זיך דער שטן מודה געווען, אז ער וואלט זיין א בעלן פערזוכען א גע-ריכט פון עולם-הזה וועלכען די פרויען קענען אזוי קונציג צוריכטען ווען זיי קלייבען זיך צונויף אינאיינעם, — א מאכל פון ציגנער מיינט ער.

די לייבדאקטוירים האבען איינגעפונען, אז דער דאזיגער מאכל וועט זיין אויס-געצייכענט גוט פאר דעם הערשערס מאגען.

אין א שעה ארום איז דער וואונש פון שטן געווען ערפילט. נאר דאס דאזיגע געריכט האט ביי איהם גארנים אויסגענומען — ס'איז געווען אהן זאלץ און אהן פעפער און נישט געשמאק.

האטער גערופען דעם הויפט-קוכער און געפרעגט פון וואנען איז דער דאזי-גער מאכל.

— פון פאריז מיין הער, — האט יענער געענטפערט: — עכט פריש היינט אין דער פריה האבען איהם אויסגעבאקט אין מארע צוועלף בעל-מצוה'טניצעס ביי א בעט פון א קינטעטארין.

— איך זאג עפעס... איצט פערשטעה איך, פארוואס ער איז אזוי אהן זאלץ, — האט געזאגט דער שר פון גיהנם. — איהר האט דאס בעשטעלט נישט ביי די עכטע בריות די דאזיגע פרויען און בכלל די פרויען פון מיטעלען קלאס מאכען אפילו אפט דעם דאזיגען מאכל און מאכען איהם זעהר גערן, נאר דערצו פעהלט זיי טאלענט און בעגייסטערונג און עס קומט ביי זיי ארוים גאר אהן טעם די פרויען פון פאלק מאכען דאס נאך ערגער. א רעכטען מאכל פון ציגנער מוז מען בעשטעלען אין א פרויען-מאנאסטיר. די אלטע מנישקעס זענען דערצו די גרעסטע בריות. זיי ווייסען שוין, וואסערע קרייטעכער און בשמים עס בעט זיך אין אזא געריכט: אהער טהוען זיי ארין צימרינג פון נקמה-געפיהל, קימעל פון לשון-הרע פעטרעשקע פון גיפטיגע שטעכ-

וועגטליך לאָבערבלעטער פון רכילות.

דער דאָזיגער משל איז גענומען געוואָרען אוים די דרשות פון דעם זעליגען פאָטער הילאָטען לאַנדול, אַ גרויסען צדיק און איש-תמים.

געוועהלטע אַפאָריזמען פון פרידריך ניצשע.

איבערצייגונגען זענען פאַר דעם אמת נאָך מעהר געפעהרליך ווי טעות'ן.

אַז ביי אַ מענשען איז דאָ חאַראַקטער ווייזט זיך אָפטער אַרוים דאַן, ווען ער פאָלגט זיין טעמפּעראַמענט, נישט זיינע פּרינציפּען.

מיר לעבען אין אַזאַ צייט, ווען דער קולטור שטעהט פאָר אַ געפאַהר אונטער-צוגעהן פון דיזעלבע מיטלען, וועלכע זי אַליין, די קולטור, געברויכט.

דער וואָס טראַכט אַ סך און טראַכט ערנסט פערגעסט גאַנץ לייכט דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אָבער קיינמאָל פערגעסט ער נישט די געדאַנקען, וועלכע דאָס איבערגעלעבטע האָט ביי איהם אַרויסגערופען.

שטראָמיגע וואַסערען טראָגען שטיינער און גראָזען, וואָס זיי האָבען אַראָבגע-שווענקט פון בערג, און שטאַרקע מוחות שלעפּען מיט נאַרישע און צום דענקען נישט-פעהיגע קעפּ.

דער וואָס רעדט שלעכט אויף אַ פרעמדער שפּראַך, האָט אַ גרעסערן פערגעניגען, בעת ער רעדט אויף איהר ווי דער וואָס בעזיצט זי פאָלקאָם, אַ פערגעניגען האָבען נאָר יענע מענשען וואָס קענען נישט די זאַך פאָלקאָם.

דער אונטערשיד צווישען אומגליק און גליק איז אַזוי גרויס, אַז ווען מיר זאָגען איינעם „אַך ווי איהר זענט גליקליך!" — הויבט ער אָן צו פּראָטעסטירען גלייך ווי גליק וואָלט זיין עטוואָס באַנאַלעס נישט-שענעס, וואולגאַרעס.

איינער קומט אוים נישט אַזוי טאַלענטפאָל, ווי ער איז דאָס אין דער אמת'ן.

גור מחמת דעם , ווייל ער נעהמט זיך פאר זאָגען וואָס זענען נישט נאָך זיינע כחות .

ווען איינער האָט נישט קיין פריינד איז דאָס אַ סימן אַז ער איז אַ בעל-מקנא און אַ גדלן אַנ'אַנדערער האָט פריינד נאָר מחמת דעם , ווייל ער האָט זיי נישט וואָס מקנא צו זיין .

וואָס ווייניגער טאַלענטען דער מענש האָט , אַלץ איינגעגלויבטער איז ער אין זיך .

זעהר אָפט זענען מיר נישט איינשטימיג מיט אַ געוויסער מיינונג נאָר דערפאַר ווייל אונז איז נישט אַנגענעהם דער טאָן , מיט וועלכען די דאָזיגע מיינונג איז אַרויס-געזאָגט געוואָרען .

מיר וועלען זיך אַ סך גיכער וואַרפען אין וואַסער אַריין צו ראַטעווען איינעם , װאָס טרינקט זיך , אין ד ע ם פאַל , אויב דערביי וועלען זיין עדות וואָס וועלען דאָס נישט וואַגען צו טאָן .

די ערשטע מיינונג , וואָס קומט אונז אַרויף אויפ'ן געדאַנק , ווען מען גיט אונז פּלוצלונג אַ פראַגע וועגען עפּעס , איז נישט א ו נ ז ע ר מיינונג , נאָר די אַנגענו-מענע . די הערשענדע מיינונג , די מיינונג פון אונזער שטאַנד , פון אונזער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט , פון אונזער אָבשטאַמונג ; אונזערע אייגענע מיינונגען ווערען זעהר זעלטען אַרויסגעזאָגט .

אַ מענש , וואָס שרייבט נישט קיין ביכער , טראַכט אַ סך , לעבט איינזאַם און זעהט זיך כמעט מיט קיינעם נישט , שרייבט געוועהנליך זעהר גוטע בריעף .

די גוטע זייט פון אַ שלעכטען זכרון בעשטעהט אין דעם , וואָס אַ סך גוטע זאַכען קענען פיעל מאָל פערשאַפען אַ פערגעניגען צ ו ם ע ר ש ט ע ן מאָל .

איבערזעצט ז .

ליטעראַרישע נייעס .

די דייטשע בלעטער ערצעהלען פאָלגענדעס וועגען היינעס בעקאַנטשאַפט מיט זיין פערלעגער . אויסגעקומען איז עס אויף דעם פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען אופן :

דער האַמבורגער בוכהענדלער און פערלעגער קאַמפּע האָט היינען פערזענליך ניט געקענט איינמאָל איז היינע אַריין אין קאַמפּעס בוכהאַנדלונג , קויפען עפּעס ניט . קאַמפּע , ניט וויסענדיג מיט וועמען ער רעדט , האָט איהם צווישען אַנדערע ביכער , אויך היינעס ליעדער . היינע האָט זיך וועגען זיי אַרויסגעזאָגט זעהר ניט קיין גוטען מיינונג . קאַמפּע האָט זיין מיינונג בעשטריטען און האָט בעמערקט אַז הלואי האָט ער היינעס אַ מאַנוסקריפּט וואָלט ער עס געדרוקט . דאָ האָט איהם היינע געכאַפּט ביים וואָרט און זיך אָנגערופען : — אויב אַזוי , קויפט ביי מיר מיין נייעסטעס ווערק . די רייזע נאָך האַרץ . קאַמפּע האָט גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און פון יענער צייט אָן איז ער געוואָרען היינעס פערלעגער .

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То. 12.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.

קופּאָן פיר ניט אַבאָנענטען .

די וועלכע ברענגען 4 קופּאָנעס אין רעדאַקציע , און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין וואַרשע . אין פּראָווינץ 11 קאָפּ , די וועלכע האָבען 15 קופּ . צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען .

אינהאלט:

1) בעז. — מארסעל פרעוואָ.
2) דרײַ חתנים (אַ אינדישע מעשה׳לע). — נאָך לערמאָנטאָװ.
3) * * * (געדיכט) — קאַזשמיערזש טעטמאַיער.
4) זי. — גיאָוואַני באָקאַטשיאָ.
5) מלאך גבריאל. — לאָרד בײַראָן.
6) טשײַלד האַראָלד. — סט. פשיבישעווסקי.
7) אַ תפילה. — ערנסט געאָרגי.
8) פרײַליין מוטער (ראָמאַן פון דײַטשען) — מ. גאָרקי.
9) ליטעראַרישע נײַעס: דער „ודוי“

מאַרסעל פרעוואָ.

בעז.

(ערצעהלונג).

דער ריח פון בעז וועט פאַר מיר שטענדיג זײַן אַ ערינערונג אָן דעם בעדײַטענדסטען טאָג פון מײַן לעבען. אַ טאָג פון גרויסער פרייד און פון גרויסען טרויער. אין די לעצטע טעג פון מײַן שוואַנגערשאַפט האָב איך נאָך די בעז-בלומען געגאַרט, ווי אַ וואַהנזיניגע; כמעט יעדען טאָג פלעג איך בעטען מײַן מאַן ער זאָל זיי מיר קויפען. נאָר ס׳איז דאַן געוועזען אין מיטען ווינטער, בלומען זענען טײַער געוועזען, און איך האָב נישט גע־קאָנט האָבען אַזוי פיעל, וויפיעל איך האָב געוואָלט. אָבער אין דעם טאָג וואָס איך בין אַ מוטער געוואָרען, האָט מײַן מאַן מײַן צימער אין אַ אמת׳ען

בעז־געצעלט פערוואנדעלט. דאס איז געוועזן שוין גאר אין די לעצטע טעג פון מאנאט פעברואר. די זון האט געשיינט שוין גאר ווי אין פריהלינג. א ווארעם ווינדטעל האט זיך אריינגעריסען דורכ'ן אפענעם פענסטער או האט זיך צונויפגעמישט מיט'ן זיסען, פערשכור'נדען ריח פון בעז.

א לענגערער שלאף האט מיך ערפרישט און געמאכט פערגעסען די שרעקליכע פיזישע ליידען פון דער פערגאנגענער נאכט... איך בין געלעגען אין א זיסער אהנמעכטיגקייט און מיט פערגעניגען האב איך מיך אבגעגעבען דעם געפיהל פון אונפערשטענדליכער צופריעדענהייט, און האב נישט אויפגעהערט טרוימען אויף וואכערהייד... די טהיר אין דערבייאיגען צימער איז געוועזן האלב־פערמאכט און צייטענווייז האט זיך פון דאָ־טען געהערט א גערויש פון פאפיער און א שארך פון איבערמישען בלעטער פון א בוך. איך האב געוואוסט, אז דאס ארבייט מיין מאן לואי ביי זיין שרייב־טיש.

שוין דאס בעוואוסטזיין אליין, אז ער געפינט זיך דא, זעהר נאהנט נעבען מיר, האט מיך בערוהיגט און געשטארקט. איך האב איהם דאך אזוי שטארק געליעבט. מיר זענען געוועזן שוין פיער יאהר פערהייראטעט. בעגעגענט האב איך איהם אין פאריז, וואו ער האט געדינט אלס בע־אמטער אין א מיניסטעריום. באלד נאך אונזער חתונה האט מען איהם אוואנסירט און איבערגעפיהרט אין א קליין שטעדטעל אין גאראנער געגענד. קיין איין וואלקענדעל האט זיך נישט בעוויזען אויפ'ן האריזאנט פון אונזער פאמיליען־לעבען... לואי איז זעהר א גוטער און איז צו מיר שטענדיג אזוי אונגעוועהנליך ווייך און פריעדליך. די שטעלע פון א אינספעקטאר איבער מלוכה־פערמעגען איז זעהר א פעראנטווארטליכע און ער איז דעריבער זעהר פיעל בעשעפטיגט. זיין פיגור איז זעהר א חשיבות'דיגע. ווען מיר שפאצירען צוזאמען געארעמט, הער איך פיעל מאל, ווי די פרויען, וואס געהען אונז אן אקעגען, שעפטשען זיך: „ס'א שענער!" און דאס פילט מיין הארץ אן מיט פרייד צוזאמען מיט א געפיהל פון צופריעדענגע־שטעלטען שטאלץ.

די ערשטע דריי יאהר נאך אונזער חתונה איז מיר גאר קיינמאל אין קאפ נישט איינגעפאלען, אז איך זאל קאנען דעם דאזיגען לואי אונטריי ווערען. איך בין מיט איהם אזוי גליקליך געוועזן! פאר דער גאנצער צייט האט נאר איין מאל געטראפען, אז איך האב זיך מיט איהם עפיס א ביסעל צעקריעגט און אט צוליעב וואס דאס איז פארגעקומען: ווען זיין ברודער איז פלוצלונג געשטארבען און האט נאך זיך איבערגעלאזען א זיבענצעהן־

יעהריגען שווינדזיכטיגען בחור, האָט לואי אונבעדינגט געוואָלט נעהמען צו זיך אין שטוב דעם יתום, איבער וועלכען ער איז בעשטימט געווען אַלס אַפּוטרופּוס. אומזיסט האָב איך זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל דאָס ניט טהון, ער זאָל ניט צעשטערען אונזער צוזאַמען־לעבען, נאָר ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט חרטה האָבען פון זיין בעשלוס. איך האָט געמוזט נאָכגעבען, נאָר אין האַרצען איז מיר געבליבען בעהאַלטען אַ שלעכט געפיהל געגען דעם נייעם, אונגעווינשטען מיטגליעד פון אונזער פאַמיליע. נאָר ווי וועניג האָט געדויערט דער דאָזיגער כעס, די דאָזיגע אונצופריעדענהייט! ס'איז צעגאַנגען געוואָרען ווי אַ רויך, באַלד ווי כ'האָב נאָר דעם דאָזיגען בחור דערזעהן, אַזאַ פערלעגענער, אַזאַ אונגעשיקטער, אַזאַ שעמעוודיגער... און אַזאַ רייצענד־שענער אין זיין פערלעגענהייט! אָרעם קינד! די קראַנקהייט האָט שוין געהאַט אַרויפגעלעגט אויף איהם איהר שרעקליכען שטעמפּעל. ער איז געווען צו הויך געוואַקסיג פאַר זיינע יאָהרען, שרעקליך דאַר, מיט שמאָלע אַקסלען און מיט אַנ'איינגעפאַלענער ברוסט!... זיינע שענע, סאַמעטענע אויגען האָבען געקוקט טרויעריג, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך בעטען אַ טראָפּען מיטלייד און ליעבע.

— ער האָט געירש'נט די קרענק, פון וועלכער „זיין מאַמע" איז געשטאָרבען — האָט מיר לואי געזאָגט, ווען איך בין מיט איהם אַליין געבליבען — איהם איז שוין אונמעגליך אויסצוהיילען.

מיר האָט זיך דאָס האַרץ שרעקליך צוזאַמענגעדריקט. הערענדיג דיזע ווערטער. איך האָב בעשלאָסען אונבעדינגט צו רעטען דאָס יונגע לעבען. לעאָן, אַזוי האָט געהייסען דער אָרעמער יתום, האָט זיך געמוזט פיעל בעשעפטיגען. ער האָט זיך פאָרבערייטעט צו'ם עקזאַמען אין יורידישען פאַקולטעט, וואָס ער האָט בעדאַרפט אָבגעבען ענדע יאָהר. נאָר אין אמת'ען האָט ער גאָר אין גאַנצען ניט געאַרבייט און גאַנצענע טעג האָט ער פערבראַכט אין אַ וועלט פון אַזעלכע לייכטע, טרויעריגע און גלייכצייטיג אַזעלכע זיסע טרוימען, וואָס מיר, געזונדטע מענשען, קאָנען זיי גאָרניט פערשטעהן און בעגרייפען. ער האָט זיך גלייך פערליעבט אין מיר. נאָר דאָס איז געווען אַ ריינע און ערהאַבענע ליעבע! אַזוי קאָנען ליעבען נאָר זעהר יונגע הערצער! די דאָזיגע ליעבע האָט מיך ניט געשראָקען. דער דאָזיגער קרענקליכער און שעמעוודיגער יונגעל איז דאָך אַזוי וועניג ענהליך געווען צו אַ פערפיהרער!

ווען מיין מאַן איז אַוועקגעפאָהרען צו זיין אַרבייט, בין איך מיט איהם געבליבען אַליין אין דערהיים. דאָס ערשטע מאָל האָב איך, ווי

געוועהנליך, זעהר געבענקט נאָך לואי'ן און כ'האָב מיך געפיהלט אונבע-
קוועם אין דער אַנוועזענהייט פון קוזען; נאָר אין גיכען האָב איך ליעב
בעקומען די שטילע שטונדען, וואָס מיר האָבען צוזאַמען פערבראַכט! די
שטונדען זענען געפלויגען מיט אַ אונגעוועהנליכער שנעלקייט, און דאַן
האָבען מיר צווישען זיך גאָרנישט גערערט... איך האָב דעם יונגען
קיינמאָל נישט צוגעלאַשטשעט, און קיינמאָל האָט זיך פון זיין מויל אַ וואָרט
פון ליעבעס-ערקלערונג נישט אַרויסגעריסען; נאָר ווי מיר פלעגען זיך איי-
נער דעם צווייטען צופעליג אָנריהרען, פלעגען מיר שוין פיהלען אַ פער-
שכור'נדע שוואַכקייט... אין האַרצען האָב איך מיר קיינע פאָרוואורפען
נישט געמאַכט, ווייל קיין שלעכטס האָב איך דאָך קיינעם נישט געהאַט
געטהון. און מיין געפיהל צום יונגען-מאַן האָב איך געהאַלטען איינפאַך פאַר
אַ געפיהל פון אַ מוטער צו אַ קינד. נישט אומזיסט פלעג איך צו'איהם
אָפט זאָגען „קינד מיינס" און האָב ליעב געהאַט צוצוגעבען: „איך בין דאָך
שוין אין פערגלייך מיט דיר אַן'אַלטע באַבע".

אַזוי איז אַריבער, אַ ווינטער, אַ רעגענדיגער, וואַרעמער און קורצער
ווינטער, ווי עס טרעפט זיך אין די דרום-געגענדען. קיין שנעע איז אין
דעם יאָהר אין גאַנצען נישט געוועזען. ס'איז אָנגעקומען דער פריהלינג מיט
זיינע העלע און זוניגע טעג, מיט דעם זיסען ריח פון פרישע גרינס. לעאָן
האָט שוין כמעט אויפגעהערט הוסטען. דער ווייכער קלימאַט פון אונזער
שטאָדט האָט זעהר פיעל פערבעסערט זיין געזונד. פון דעסטוועגען האָט
ער זיך נאָך אַלץ פאַרבערייטעט צום עקזאַמען און האָט איהם אַפילו זעהר
גוט אויסגעהאַלטען. מיין מאַן האָט בעשלאָסען איהם אין נאָוועמבער איינ-
צואָרדנען אין באָרדאָ'ער אוניווערזיטעט, פון דעמאָלט אָן איז דיעזער
פּראָיעקט געוואָרען דאָס הויפּט-טעמאַ פון אונזערע פאַמיליען-געשפרעכען.
זיין אָבפאָהר האָט אונז שוין פאָראויס בעטריבט.

איינמאָל אין אַ קלאָרען מאַי-אָבענד (מיין מאַן איז דאַן, ווי געוועהנ-
ליך, אין דערהיים נישט געוועזען) איז לעאָן צוגעגאַנגען צו מיר און האָט
זיך נעבען מיר אַוועקגעזעצט נעבען ניעדעריגען פענסטער, וואו פאַר אונ-
זערע אויגען האָט זיך ענטדעקט דאָס וואונדערבאַרע בילד פון גאָרטען, און
פון די פעלדער און טייך, וואָס הינטער דעם גאָרטען. איך בין געוועזען
אָנגעטהון אין אַ גרינגע באַטיסטען-קלייד, וואָס איז נעבען האַלז אויסגע-
שניטען געוועזען; איך האָב געפיהלט, אַז איך בין שען און אינטערעסאַנט;
לעאָן האָט פון מיר זיינע ענטציקטע אויגען נישט אַראָבגענומען, ער איז
געוועזען פערשכור'ט מיט דעם דופט פון מיין קערפער.

(14 העפא)

— צי דען וועל איך שוין טאקי אין גיכען דארפען אוועקפאהרען פון דאנען? — האט ער טרויעריג א זאג געטהון.

— ס'לוינט פון וואס צו טראכטען! — האב איך א געשריי געטהון, וועלענדיג זיך ווייזען פרעהליך. — ביז דיין אבפאהרען איז נאך גאנצע וועקס מאנאטען! און אויסער דעם איז דאך בארדא גאר נישט אזוי וויים פון דאנען.

— נאר מיר דאכט זיך, אז איך וועל שוין פון דארטען צוריק נישט קומען!

און ער האט מיר אונרוהיג א קוק געטהון אין די אויגען. איך האב מיך געמאכט, ווי איך וואלט איהם כלומר'שט נישט פערשטאנען.

— דו וועסט נישט צוריקקומען? פאר וואס עפּים? — האב איך געפרעגט.

— איך וועל דארטען שטארבען...

איך האב איהם דאס מויל מיט דער האנד פערמאכט.

— שווייג, דו שוטה! פאר וואס טראכסטו פון טוירט? ביזט דאך יעצט אין גאנצען א געזונדטער.

ער האט א קוש געטהון מיינע פינגער, מיט וועלכע איך האב איהם דאס מויל פערמאכט, און דערנאך האט ער פעסט מיין האנד געדריקט און האט זי שוין מעהר נישט ארויסגעלאזט. איך האב ביי מיר נישט געפונען אזוי פיעל קראפט זי צוצונעהמען פון איהם.

— איך בין כלל נישט געזונד, — האט ער שטיל א זאג געטהון, — איך ווייס, איך פיהל, אז איך האב שוין נישט אזוי לאנג צו'ם לעבען.

און דערנאך, אין א מינוט ארום, האט ער נאך שטילער צוגעגעבען:

— איך וועל שטארבען... און איהר וועט אן מיר פערגעסען.

אומזיסט האב איך געזוכט איינינע ווערטער, כדי איהם ארויסצווייזען מיין גאנצע צערטליכקייט, כדי איהם איבערצוצייגען, אז ער האט א טעות, — איך האב נישט געפונען... אין פערצווייפלונג האב איך איהם שטארק ארומגענומען און איהם צו מיין הארצען צוגעדריקט. מיר האבען ביידע געוויינט. לאנג האבען זיך אונזערע הענד נישט צענומען. לאנג האבען זיך אונזערע ביידענס טרעהרען געגאסען אויף מיין באטיסטען-קלייד און... אונבעמערקט פאר אונז זעלבסט האבען זיך אונזערע ליפען צונויפגעגאסען אין דעם ערשטען קוש... איך ווייס אפילו נישט, ווי אזוי דאס האט געטראפען, נאר מיר האבען אנגעהויבען געהערען איינער צו'ם צווייטען.

נישט לאַנג דערנאָך האָבען מיר דערפיהלט געװיסענס-ביסען; יעדערער פון אונז האָט זיך זעלבסט פאָרװאָורפען געמאַכט דערפאַר, װאָס ער האָט דעם צװײטען פערפיהרט... נאָר אַזױ װי יעדעם מאָל, װען מיר זענען זיך צונױפגעקומען, כּדי זיך אַביסעל אױסצװױינען און אײנער פאַר'ן אַנדערן אױף זײן זינד תּשובה טהון, זענען מיר סוף-כּל-סוף די זעלבע זינד נאָך אַ מאָל בעגאַנגען, האָבען מיר זיך דעריבער געמוזט צופריעדען-שטעלען מיט אונזער טרױעריגען שיקזאַל. אונזערע צופעליגע קושען און בעגעגענישען זענען פערװאַנדעלט געװאָרען אין אַ שטענדיגע בעציהונג. אַזױ װי מיר װאָלטען בײדע זיך צונױפגערעדט, האָבען מיר צו מײן מאַן זיך בעצױגען נאָך מיט מעהר ליבע, מיט מעהר צערטליכע זאָרגען, װי פריהער, װי מיר װאָלטען בײדע דערמיט װעלען אױסקױפען אונזער אונטרײַהײט.

— אמת, ער איז זעהר אַ גוטער? — האָב איך אָפט געזאָגט צו'ם יונגען-מאַן.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב איהם כּמעט אַזױ ליעב, װי מײן פערשטאָרבענעם טאַטען, אָ, װען ער װאָלט דײן מאַן נישט געװען!

און איך האָב נישט אײנמאָל געקלערט:

„הלואי װאָלט ער זיך נאָר פון קײן זאַך נישט דערװאוסט. איך װאָלט בעסער געװאָלט שטאַרבען, אײדער איהם אַזאַ עגמת-נפש אָנצוטהון".

איך האָב זיך דערװאוסט אַז אין שטאָדט האָט מען שױן אָנגעהױבען רעדען פון מײן צו-גרױסער פרײנדשאַפט און נאָהנטקײט צו'ם קוזען, נאָר לואי האָט גאָרנישט בעמערקט.

„מיר דוכט", פלעגט ער צו מיר אָפט זאָגען, „אַז לעאָן הױבט זיך אָן אַ ביסעל צו פערבעסערן. דאָס אָרעם יונגעל! אָ, װי גליקליך װאָלט איך געװען, װען אונז װאָלט װירקליך געלונגען איהם אַרױסצורײַסען פון טױדטס נעגעל".

און, װירקליך, לעאָן האָט װי אױפגעלעבט. און, כּדי צו פערטױבען אַ ביסעל מײן געװיסענס-ביסען, פלעג איך צו זיך זאָגען:

„שענקענדיג איהם מײן ליעבע, רעטע איך איהם דאָס לעבען".

ס'איז אַריבער פריהלינג; דערנאָך זומער; ס'איז אָנגעקומען דער הערבסט. דער טאָג, װען ער האָט געזאָלט אָבפאָהרען, איז געװען שױן זעהר נאָהנט; און דאָס האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט אונזער לײדענשאַפט און אַרײַנגעגאָסען פײער אין אונזערע קושען. אין אָנהױב אָקטאָבער האָט

לעאָן פלוצלונג ווידער אָנגעהויבען הוסטען. ער אַליין איז שוין געווען זיכער, אַז ער ווערט געזונד, און דערבּער האָט דאָס פרישע הוסטען איהם פּשוט אין פערצווייפלונג געבראַכט. די שווידערליכע געשטאַלט פון טוירט האָט איהם ווידער אָנגעהויבען בעזוכען און פּייניגען.

ווען אין דרויסען איז דער ערשטער נעבעל געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען מיט בלוט שפּייען. ער איז פון זיין צימער שוין מעהר נישט אַרויסגעגאַנגען און גאַנצע טעג פלעגט ער אַ טרויעריגער און אַ פערטראַכטער אָבליעגען ביי זיך אויפ'ן בעט. איך פלעג כמעט נישט אָבטרעטען פון איהם, צייטענווייז פלעגט מיין מאַן אַרויפגעהן צו איהם אין צימער, איהם אַ ביסעל טרייסטען און לאַשטשען, אַ גלעט טהון איבער'ן קאָפּ און פלעגט ווידער צוריקקעהרען צו זיין איבערגעריסענער אַרבייט.

אָפט פלעגט לעאָן נעהמען מיינע הענד, זיי אַרויפלעגען צו זיך אויפ'ן געזיכט און פלעגט זאָגען שטיל:

„איך וואָלט שטענדיג געוואָלט קראַנק זיין, אַבי אַז דו זאָלסט שטענדיג נעבען מיר זיין".

איך פלעג זיך איבער זיין געזיכט איבערבויגען און איהם צאַרט אין די ליפּען קושען. נאָך אַזעלכע קושען פלעג איך אין מויל לאַנג פיהלען אַ טעם פון בלוט.

אין מיטען אָקטאָבער האָב איך דערפיהלט אַז איך בין שוואַנגער. איך האָב עס דערצעהלט דעם קראַנקען און איהם געזאָגט, אַז דאָס קינד איז זיין קינד; דערין בין איך געווען טיעף איבערצייגט; עפּיס האָט אַ געפיהל, וואָס איז פאַר מיר אַליין געווען אונפערשטענדליך, מיך געהייסען גלויבען אין דעם.

„איך, שטאַרבענדער, וועל אַ קינד האָבען!" האָט ער זיך געוואונדערט, „און איך וועל עס נישט זעהן"...

ער איז שנעל אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָרען צעגאַנגען.. ביי נאַכט פלעגט ער נישט קאָנען שלאָפען.

איינמאָל, נאָך דעם ווי כ'האָב אונטען אָבגעגעסען מיטאָג צוזאַמען מיט'ן מאַן, בין איך שנעל אַרויפגעגאַנגען אין קראַנקענס צימער. איך בין צוגעגאַנגען צו זיין בעט און, רעכנענדיג, אַז ער שלאָפט, האָב איך איהם געוואָלט מיט אַ קוש אויפוועקען — ס'איז שוין געווען צייט איינצונעהמען אַ רפואה.

נאַר, ווען כ'האָב מיט מיינע ליפּען זיין געזיכט אָנגערירט, בין

איך מיט שרעק אָבגעשפּרונגען צוריק, זײן געזיכט איז געװען קאַלט װי אײז.

אָ, װאָס פאַר אַ שרעקליכע מאָנאַטען איך האָב איבערגעלעבט נאָך זײן טױדט! דאָס זענען געװען מאָנאַטען פון פיזישע און גײסטליכע לײדען, פון שרעקליכע געװיסענס־ביסען און פון חרטה־טרערען! דער אײנציגער טרײסט מײנער, די אײנציגע זאַך, אין װאָס איך האָב מיך געקאָנט פערגעסען, איז געװען דאָס גאָט־בעטען. אָפט פלעג איך דעם אונגליקליכען יונגעלס קבר בעזוכען און הײס געבעטען פאַר אונזערע זינדיגע נשמות.

אָנהױב מערץ האָב איך אַ יונגעל געבאָרען.

און אָט לעב איך װידער איבער דעם זעלבען טאָג. איך זעה מיך װידער ליעגען אין בעט צװישען גאַצע בערגער בעז. דאָס קינדס געבורט האָט פון מיר װי אַראָבגענומען די לאַסט פון די געװיסענס־ביסען, איך האָב געפיהלט, װי איך בין פון מײנע צרות לױז געװאָרען. איך האָב געהאַט דאָס רעכט צו ליעבען דאָס קינד, װעלכעס איך האָב פון איהם געהאַט, קײנעם דערמיט נישט בעלײדיגענד, און נישט זײענדיג אונטרײ קײנעם.

איך פלעג טראַכטען פון דעם ליעבען פערשטאָרבענעם, איהם מיט זײן נײ־געבױרענעם זוהן פערגלײכען און בײדען פלעג איך אײנהילען מיט אײנעם און דעם זעלבען שלײער פון צערטליכער, טרױעריגער ליעבע.

אין צימער איז מײן מאַן אַרײנגעקומען, הינטער איהם האָט די ניאַנקע דאָס קינד געטראָגען, זי האָט עס נעבען מיר אױפ'ן בעט אַװעקגעלעגט:

— זעה נאָר, װי שען דײן זוהן איז! — האָב איך צו לואי געזאָגט.

דאָס פּיצעלע איז געלעגען מיט ברײט־פונאַנדערגעעפענטע אױגעלעך און בעװאוסטלאָז געקוקט אױף אײן און דעם זעלבען פּונקט. זײנע אױגעלעך זענען געװען שװאַרץ, װי די נאַכט, און האָבען אױסגעזעהן אונגאַטירליך גרױס אױף זײן קלײנינקען געזיכטעל, װאָס איז געװען װי פון אַ ליאַלקע.

דער מאַן האָט זיך מיט גרױס ליעבע אײנגעבױגען איבער'ן קינד.

— דו װײסט, — האָט ער צו מיר פּלוצלונג געזאָגט, — איך געפין, אַז ער איז זעהר ענליך צו מײן פערשטאָרבענעם ברודער און צו אונזער אָרעמען לעאָן.

איך האָב איהם אָהן דער קלענסטער פערלעגענהײט געענטפערט:

— יאָ, ער איז זעהר ענהליך צו איהם. בעוואונדערם די אויגען.

— אָרעם יונגעל! — האָט לואי אויסגעשריען. — שוין זעקס מאָנאַטען נאָך זיין טוידט, ווי שנעל די צייט לויפט!

איך האָב אַ קוק געטהון אויף מיין מאַן. ער האָט צו מיר ליעבליך אַ שמייכעל געטהון. עס איז געוועזן צו בעמערקען, אַז קיין חשד האָט נאָך זיין ריין הארץ קיינמאָל נישט בעריהרט! און איך האָב מיר מוטה געמאַכט:

— לואי, איך רעכען, אַז מען דאַרף דאָס קינד אַ נאָמען געבען נאָך איהם.

דער מאַן האָט אַ סעקונדע אַ טראַכט געטהון, וויעדערהאָלענדיג שטיל:

— לעאָן... לעאָן הערלט... לעאָן הערלט... דאָס קלינגט זעהר נישט שלעכט. איך האָב גאָרנישט געגען דיזען נאָמען.

די ניאַנקע האָט גענומען דאָס קינד. מיין מאַן האָט זיך איינגעבויגען מיר אַ קוש צו טהון.

— נאָך מיטאָג וועל איך געהן אויפ'ן בית־עולם און וועל אַרויפלעגען אַ ביסעל בעז אויף אונזער ליעבען יונגעלס קבר, — האָט ער געזאָגט. — מ'דאַרף קיין טוידטע נישט פערגעסען, בפרט נאָך דאַן, ווען מיר זענען גליקליך. . . . .

איבערזעצט ל. ב—ג.

דריי חתנים.

א אינדישע מעשה'לע.

א מאָל האָט אין אודזשאַני אַ בראַמין געלעבט. ער איז אַ געטרייער דינער און דער ערשטער מיניסטער בײַ'ם קעניג פּונזשאַן געוועזען. און גערופען האָט מען איהם כאַריס־וואַמין. זײַן ווײַב האָט איהם אַ זוהן מיט אַ טאָכטער געבוירען. דעם זוהן האָט מען גערופען דעוואַס־וואַמין און מיט זײַנע מעלות איז ער געראָטען אין פאָטער געווען. און דער טאָכטער האָט מען גערופען סאַמאָ־פּראָבאַ (לבנה־ליכט) דען איהר פּנים האָט ווי די לבנה געלויכטען און איהר שענהייט האָט בעשטראַהלט נישט נאָר ביז די גרענעצען פון פּונזשאַנ'ס קעניגרײַך, נאָר אויך די אַנדערע לענדער אַרום.

ווען ס'איז געקומען די צײַט אַ שידוך צו טהון מיט איהר, האָט זי וויסענדיג, אַז זי איז זעהר אַ שענע, אַזוי געזאָגט: אויב זי וועט חתונה האָבען וויל זי נאָר מיט אַ גבור, אַ חכם אָדער אַ מכשף... האָט זיך דער פאָטער זעהר געזאָרגט: וואו וועט ער פאַר איהר אַזאַ חתן קריגען?

אין יענער צײַט איז דער קעניג פון דרום אָנגעפאַלען אויף זײַער לאַנד. האָט דער קעניג פּונזשאַן אַוועקגעשיקט זײַן ערשטען מיניסטער ער זאָל מיט יענעם פריעדען שליסען. ווען כאַריס־וואַמין האָט ערפילט זײַן שליחות, איז געקומען צו איהם אַ בראַמין און געבעטען זײַן טאָכטער'ס האַנד בײַ איהם, דען ער האָט פון איהר שענהייט געהערט. האָט כאַריס־וואַמין אַזוי געזאָגט:

„מײַן טאָכטער וויל נאָר אָדער אַ גבור, אָדער אַ חכם, אָדער אַ מכשף".

האָט דער בראַמין געענטפערט:

„איך בין עס!"

„בעווײַז!"

האָט דער מכשף אויסגעשפּרייט פֿאַר איהם אַ פֿליִהענדען קאָרבאַטץ, איהם אַרויפֿגעזעצט און אין איין רגע איהם דעם הימעל און די גאַנצע וועלט בעוויזען, און דערנאָך איהם אַ פּערוואונדערטען צוריק צום קעניג פֿון דרום געבראַכט. דאַמאָלס האָט כאַריס-וואַמין געזאָגט:

„געפֿעלסט מיר! די טאָכטער איז דײַנע, קום צו מיר אין אַ וואָך אַרום".

אין דערזעלבער צײַט האָט זיך אין אודזשאַני צו סאַמאָ-פּראָבאַ'ן אַ צווייטער בראַמין געשדכנ'ט האָט דער ברודער איהרער דעוואַס-וואַמין אַזוי געזאָגט:

„אַ מאַן איהרער קען זײַן נאָר אַ חכם, אַ מכשף אָדער אַ גבור".

האָט איהם דער בראַמין געענטפֿערט:

„איך בין אַ גבור!"

און האָט איהם דערבײַ בעוויזען אַ וואונדערליכע געשיקטקייט בײַ'ם שיסען פֿײַלען פֿון בויגען און בײַ'ם פֿעכטען. איז דעוואַס-וואַמין, זיך בענוצענדיג מיט די רעכט פֿון אַן'עלטערן ברודער, בעשטאַנען אויף איהם און האָט לויט די עצה פֿון די שטערן-זעהערס בעשטימט די חתונה אויך ווי דער פֿאָטער אויפֿ'ן זיבענטען טאָג.

די מוטער ווידער, נישט וויסענדיג פֿון די ערשטע צוויי חתנים, האָט פֿערבעטען אַ דריטען חתן און האָט אַזוי געזאָגט:

„אָדער אַ חכם, אָדער אַ גבור, אָדער אַ מכשף".

„איך בין אַ חכם!"

און ווען ער האָט איהר געטראָפֿען די פֿערגאַנגענהייט און פֿאָרגעזאָגט, וואָס וועט מיט איהר אין צוקונפֿט זײַן, האָט זי איהם צוגעזאָגט, אַז אין זיבען טאָג אַרום וועט זי איהם געבען איהר טאָכטער פֿאַר אַ מאַן.

דערווײַל האָט זיך כאַריס-וואַמין צוריקגעקעהרט אַהיים מיט אַ פֿרעהליכע בשורה, אַז ער האָט שוין אַ חתן; נאָר ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זײַן טאָכטער האָט שוין דרײַ חתנים, איז ער ערשטוינט געוואָרען. און אַזוי איז עס טאַקי געוועזען, אויף דעם זיבענטען טאָג, זענען זיך צוזאַמען-געקומען אין כאַריס-וואַמינ'ס הויז אַרײַן דער חכם, דער מכשף און דער גבור. און ווען די חתנים האָבען זיך אָנגעהויבען צו אַמפּערן צו וועמען געהער די כלה, איז די כלה פּלוצלונג

פערשוואונדען און מען האָט זי אין ערגעץ נישט געקענט געפינען. האָט דער פאָטער זיך צום חכם געווענדט:

„דו חכם, וואָס פון דיר איז נישט פערהוילען קיין שום סוד פון דער וועלט, זאָג מיר וואוהין איז מײַן טאָכטער פערשוואונדען?"

„איהר האָט דער פײַער־שלאַנג דומראַטשיל, דער פאַנגער פון שענע מײדלעך אין זײַן הײל אַוועקגעטראָגען", האָט דער חכם געענטפערט.

דאַמאָלס האָט דער פאָטער אַ פערצווייפעלטער אויסגעשריגען:

„וועה! וועה, טאָכטער מײַנע, ווי אַזוי וועל איך דיך אַצונד רעטען?"

„גענוג צו יאָמערן!" האָט דער מכשף געזאָגט, „מיר וועלען זי שוין רעטען".

און גלײַך האָט ער פאַר זיי אויסגעשפרײט זײַן פליהענדען קאָרבאַטץ. אַלע האָבען זיך געזעצט אויף איהם און זענען אַהין אַוועקגעפלויגען. אין אַ רגע אַרום זענען זיי געקומען צו דער פינסטערער הײל, וואו דער שרעקליכער שלאַנג האָט געוואוינט.

פול מיט צאָרן האָט ער זיך געוואָרפען אויף זיי, פלאַמען האָט ער פון זײַן מויל געשפּיגען, אַ רויך האָט געזעצט פון דאָרט און אַ שלעכטער גערוך האָט זיך געהערט. און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטרײַט צווישען מענש און שלאַנג איבער אַ פרוי, נאָר די שווערד פון דעם גבור האָט צום שלאַנג'ס צאָרן אַ סוף געמאַכט, און דער פערבלוטיגטער קאָפּ פון דעם בעזען שלאַנג איז צום גבור'ס פוס געפאַלען. אויסגעלײזט איז די יונגפרוי געוואָרען, און אַלע האָבען זיך גליקליך צוריקגעקעהרט אויף דעם פליהענדען קאָרבאַטץ אין כּאַרים־וואַמינ'ס הויז אַרײַן. נאָר דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דער שטרײַט צווישען חכם, מכשף און גבור.

דער חכם האָט געזאָגט:

„אויב איך וואָלט אײַך נישט געוויזען די הײל פון דעם שלאַנג וואָלט איהר זי קיינמאָל נישט געפונען. און דערפאַר איז זי מײַנע!"

האָט אָבער דער מכשף אויסגעשריגען:

„אָהן מײַן פליהענדען קאָרבאַטץ, וואָלט איהר דאָך צום שלאַנג נישט געקומען, און דערפאַר געהער זי צו מיר".

דאַמאָלס האָט דער גבור אַ פּאָך־טהוענדיג אין דער לופט מיט'ן שווערד אַזוי געזאָגט:

„אײַער גאַנצע מיה, וואָלט נאָר אַ בלויסער חלום געוועזען, ווען נישט מײַן שטאַרקע האַנד, און דעריבער טאַקי איז זי מײַנע".

און אַזוי האָבען זיי זיך געאַמפּערט איבער איהר. נאָר כּאַרים־וואַמין

האָט געשוויגען, דען ער האָט נישט געוואוסט קיין אויסוועג צו דער צרה. ענדליך איז ביי זיי געבליבען זיך צום קעניג פונזשאן ווענדען, ער איז רעכטפאַרטיג זאָל ער משפט'ען. און אָט האָט דער קעניג, זיך בע־דענקענדיג אַזוי געזאָגט:

„ווילט איהר וויסען דעם בעפעהל פון גורל? גבור זי איז דיינע — דו ביזט געווען גרייט אויעקצוגעבען דאָס לעבען פאַר איהר, און איהר, מיינע פריינד, האָט איהם נאָר צוגעהאָלפען.

יודיש פ—ר.

מ. ברכהן.

נאָך לערמאָנטאָוו.

*
* *

ניט דיך... דו, וועמענס חן
און גלאַנץ איז ניט פאַר מיר;
ניט דיך, אָ, ליעב איך — ניין!
— איך ליעב מיין לייד אין דיר...
דאָס לייד פון יוגענד'ס צייט,
וואָס איז פערגאַנגען וויים. —

און קוק איך ווען, — איך שטעך
אין דיר אַ בליק פול שמערץ;
זיין סודותדיג' געשפרעך
פיהרט ניט מיט דיר מיין הערץ...

— איך זוך אין דיין געזיכט
מיין יוגענד. מיין אַמאָל —
— דאָס לאַנג פערלאָשען ליכט,
— דעם לאַנג פערשטומטען קול.

קאָשמיערוש טעטמאיער.

זי.

געװען איז עס מיט טױזענדטער, טױזענדטער יאָהרען צוריק...

אין עפּיס אַ לעגענדעריש װאונדערבאַר לאַנד, װאָס האָט זיך אין ליכט און גלאַנץ געבאָדען איז עס געװען; שטילע צופריעדענע האָבען מענשען צװישען װײַסע הײַזער, װײַס מאַרמאָרנע װענד, װאָס האָבען צו דער זון געבלאַנקט — שפּאַצירט.

גרױסע קװײַטען האָבען זיך פון דער הױך צו מענשליכע געזיכטער אײַנגעבױגען, און װי שװאַנען־העלזער אײַנבױגענדיג זײַערע שטאַנגען, האָבען זײ זיך געבוקט. גרױסע רױטע, לילאַ, פּורפּור בלומען מיט אַ פערכשופטען געשמאַק און גרױסע גרינע סאַמעט־בלעטער האָבען פון דער־הױך צו די שפּאַצירענדע אָרעמס דערגרײַכט און צװישען זיך עפּיס גע־מורמעלט.

און פערכשופּ׳ט זענען די מענשען געװאָרען פון דעם מורמלען און די בלומען און בלעטער האָבען נאָר גליק און שענהײַט געזעהן...

און װעגען גליק און שענהײַט האָבען זײ געשמועסט.

דער זונענשײַן האָט זײַנע גאָלדענע פליגעל איבער דער שטאָדט פערשפּרײַט און שענהײַט און גליק איז פון זײ אַרױסגעשװאומען, װי פון אונטער די װאָלקען׳ס די זונען־שטראַהלען...

צװישען די שאָטען׳ס פון װײכע װײַס־רױזיגע פרױען־קערפּערם מיט גלײַכע װי מאַרמאָר געטאָקטע פלײצעס און פולע רונדע ברוסטען איז אױפגע־גאַנגען די װאַרעמקײַט פון שענהײַט און גליק.

און געשטאַנען זענען די פרױען איבער דעם גרױסען קריסטאָלענעם טײַך און ליעב האָבען זײ געהאַט אין װאַסער זיך שפּיגלען, װײַל זײ האָבען דאָרט פרעהליכע הײליגע מלאכים געזעהן.

אָבער אונטער דער שטאָדט איז געװען אַ װיסטע, אַ אָבגרונד, אַ

מדבר מיט שטיינער, פעלזען, זאַמדיגע בערג און איבער דעם אַלעם די זון־פייער.

די זון־פייער, די זון־טויט.

ווי דער טויט וואָס דראָהט די שיף אין אַ שטורם, ווי דער טויט וואָס געהט די קעמפפער נאָך אין אַ מלחמה, ווי דער טויט וואָס רינגעלט אַרום די מענשען בשעת אַ מגפה, אַזוי שרעקליך איז געווען די זון. —

וועלכע שיף וועט דערשווימען? וועלכער קעמפפער וועט נישט פאַלען? ווער וועט פון דער מגפה געראַטעוועט ווערען?

אַט געהט דער טויט אין דעם שטורם, אַט געהט דער בלוטיגער טויט, אַט געהט דער שוואַרצער טויט — ווער וועט דען נישט זיינער זיין? ווער ווייסט און ווער קאָן זאָגען? ער איז ווי אַ ווינד, קיינער ווייסט נישט וויפיעל ער וועט אַרומרינגלען ווילדער און אומוואַרפען.

דער מלאך המות טרייבט אויף אַ קופּערנעם רייט־וואָגען וואָס גלאַנצט און פערניכטעט אַלץ אין מלחמה, אין — פייער; ער טרייסעלט די בלוט־רויטע לייטשען און די טייפעל־שוואַרצע פערד שפּריצען מיט פייער פון די פלאַמיגע נאָז־לעכער, מיט פונקען — פון די אויגען, זיי יאָגען — — — די לופט ציטערט און קנאַלט ווי פון אַ דונער, אָדער קוילען־האָגעל...

דאָס טרייבט דער מלאך המות צו די מענשען, ער טרייסעלט די בלוט־רויטע לייטשען און פון זיין בייטש די בליץ־שטונדען פליהען, ווי פייערדיגע פליגען, פונקען, אָבטרייסלענדיג זיך פון אַ פייערצווייג.

אין רעגען פון פונקען, אין שטורם פון פונקען, טרייסעלט דער מלאך המות די רויטע לייטשען אויף אַ קופּערנעם פייער־וואָגען צו די מענשען...

זיינע האָר — פלאַם־פייער, אויגען — פון אַ שלאַנג, וואָס ברעכט פלאַמען, זיין האַנד — אַ ווינד, די ברוסט — אַ שאַרפער פעלז, ווי אַ טיגער — זיין האַרץ, ווי אַ וואַסערפלייצונג זיין געדאַנק, ער ווייסט נישט פון קיין רחמנות, מיטגעפיהל, וועהטאָג און ליידען...

ווי אַ לאַווע פון אַ וואולקאַן אָדער ערד־ציטערניש, יאָגט ער אָהן ווייסען, אָהן ציעל, פאָרוועכטס, פאָרוועכטס און פערניכטעט; דער ליאַרם פילט אָן די לופט — די גאַנצע וועלט רעש'ט מיט דעם מלאך המות...

דאָרט איבער דעם דאָזיגען מדבר, צווישען פעלזען־שטיינער און

וואַמד. שוועָבט עָר אִין זײַן רײַטוואָגעָן און פּערניִכטעָט אַלץ אִין דעָר נאַכט-מלחמה, עָר טרײַסעָלט די רויטעָ לײַטשעָן, שוועָבט, פּעָרניִכטעָט אַליִן, און רעָדעָר דרעָהעָן זיִך אִין דעָר לופטעָן מורא'דיִגעָ, שנעָלעָ, אונבעָוואוסטעָ; עָר פאַלט ווי אַ האָגעָל, עָר שלאָגט ווי אַ אַמגליִק אִין דאַך — — — זי איז געָגאַנגעָן מיִט מיִר...

איִך האָב געָמוזט דורך די וויִסטעָ געָהן און זי איז געָגאַנגעָן מיִט מיִר, זי האָט מיִר אִיהרעָ העָנד אויף מײַן האַלז געָוואָרפעָן און איז געָגאַנגעָן — — — — — — — — — — — — — — — — —

איבערזעצט נתן הערצמאַן

גיאָוואַני באָקאַטשיאָ.

מלאך גבריאל.

אין דער שטאָדט אימאָלאַ, האָט געוואוינט אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ שלעכטען רוף. זיין נאָמען איז געוועזען „בערטאָ דעל מאַסאָ“. אַזוי בעוואוסט זענען געווען זיינע שלעכטע מעשים, דאָס יעדער אין אימאָלאַ האָט צו איהם קיין צוטרוי נישט געהאַט, און אַז ער האָט שוין אַ מאָל יאָ געזאָגט אַ וואָהרע זאַך, האָט מען איהם אויך נישט געגלויבט.

אַז ער האָט געזעהן, דאָס מיט זיין שווינדלעריי האָט ער פאַר זיך דאָס אָרט צו היים געמאַכט, און דאָס ער קאָן דאָרט לענגער נישט בלייבען, איז ער אַוועק קיין ווענעציאַ, וואָס איז דעמאָלט געוועזען דער אָבגרונד פון זינד, און דאָרט האָט ער בעשלאָסען פאָרטצוזעטצען זיין שענדליך לעבען אויף אַ נייעם אופן. ער האָט מכלומר׳שט אָנגענומען אַ ראָלע פון אַ גאָטעספורכטיגען מאַן, און ענדליך איז ער געוואָרען אַ פראַנציסקאַנער *) אונטער דעם נאָמען „אַלבערטאָ דע אימאָלאַ“. דאָס מיינט נישט אַז ער איז אַליין בעקעהרט געוואָרען, ער האָט עס בלויז געטהון, כדי זיך צו פערהיטען פון אָרעמקייט, און קאָנען בעפריעדיגען זיינע ליידענשאַפטען, אונטער דעם מאַנטעל פון גלויבען. וויפיעל מענער האָבען אָנגענומען די פריעסטערליכע פראָפעסיע, צוליעב עהנליכע מאָטיוועןן!

ברודער אַלבערטאָ האָט גוט פערשטאַנען, אַז כדי צו ערדייכען זיין ציעל, מוז ער אויף זיך נעמען עטליכע איינגעהאַלטענקייטען, און ער האָט עס בעשלאָסען צו טהון, האָפענדיג דאָס אין אַ פאַסיגע צייט, וועט ער בעלויהנט ווערען פאַר די דאָזיגע איינגעהאַלטענקייטען. ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבען צו פראַקטיצירען זיין זאַך.

שטענדיג פלעגט ער רעדען פון איבערגעבענהייט, תעניתים און

---

*) אַ גלח אונטער דעם אָרדען פון הייליגען פראַנציס.

תּפילות, און געהאַלטען אין איין לויבען דעם תּענוג פון אַ בעל תּשובה. ער האָט קיינמאָל קיין פליישׁ נישט געגעסען, געטרונקען בסוד, געוועזען שטענדיג איבערגעבען צו תּפילות, און די פרייע צייט זיינע האָט ער אָבגעגעבען פאַר לעהרע. מיט די דאָזיגע מיטלען האָט ער שנעל געוואונען כבוד ביי זיינע ברידער מאָנאַכען, וועלכע דענקענדיג אַז ער איז אויסער פרום אויך געלערנט, האָבען איהם געראַטהען ער זאָל אָננעמען די שטעלע פון אַ פּרעדיגער. ער האָט זיך מתחילת ענטזאָגט. ענדליך האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען, און האָט אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען. זייענדיג קלוג און אַמביציעז איז ער שנעל בעוואוסט געוואָרען צווישען אַנדערע פּרעדיגער, יעדער פלעגט נאָך איהם לויפען, וועלען איהם הערען רעדען, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלען, אַז ער איז אַליין נישט איבערצייגט אין די אַלע וואַרהייטען וואָס ער פּרעדיגט פאַר אַנדערע. ער האָט געשפּיעלט די ראָליע פון אַ היפּאָקריט אויסגעצייכענט גוט, און האָט צייטענווייז טרעהרען פערגאָסען בשעת ער פלעגט רעדען, מען זאָל מיינען אַז ער איז גערירט, אָדער כּדי אויפצוועקען די געפיהלען פון זיינע צוהערער.

עס איז איהם געלונגען און אין אַ קורצע צייט האָט ער געוואונען רעספּעקט און צוטרוי פון דער גאַנצער שטאָדט. מען האָט פון עפּיס אַנדערש נישט גערעדט, נאָר פון הייליגען פּאָטער אַלבערטאָ. פרומע לייט האָבען איהם געוואָלט האָבען פאַר זייער גייסטיגען פיהרער, און די פרומסטע האָבען איהם גערופען צו זייער טויטען־בעט, איהם געמאַכט דעם אויסשטעלער פון זייער צוואָה, אַנדערע פלעגען איהם איבערגעבען זייער געלד און ווערטהפולע זאַכען. איהר קאָנט אַלזאָ פערשטעהן אַז דער חברה־מאַן האָט געמאַכט נישט איין גוט געשעפט, זייענדיג זיכער אַז מען וועט איהם נישט אויסגעפינען, צעמאָלט נישט חושד זיין. און טאָמער וועט מען איהם יאָ ביי עפּיס חאַפּען, וועט עס אויך קיינער נישט גלויבען, ווייל אַפילו דער הייליגער סט. פראַנציס אַליין, האָט נישט גענאָסען אַזאַ הייליגע רעפּוטאַציע ווי ער.

אָבער די חומרות וואָס פּאָטער אַלבערטאָ האָט אויף זיך גענומען, זענען נאָר אַזוי וויים געגאַנגען ביז די זאַכען וואָס זענען נוגע זיינע עפענטליכע האַנדלונגען.

אין דער טיעפעניש פון זיין האַרץ, האָט ער נאָך אַלץ געוואַרעמט זיינע אַמאָליגע זינד, צו וועלכע ער האָט יעצט צוגעלעגט היפּאָקריטסטוואָ — וואָס דאָס איז די גרעסטע פון אַלע זינד, ווייל דאָס מיינט: שפּעטען פון גאָט אַליין. ער האָט פון אייביג אָן ליעב געהאַט פרויען, און ווי נאָר ער האָט געפונען אַ פרוי צווישען זיינע בעל־תּשובות, וואָס איז געווען אַ ביסעל לייכט=

גלויבּיג, אָדער בּײַ װעמען צניעות איז געװען אַ גרינגע זאַך, האָט ער איהר בּאַלד אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן נעץ אַרײַן.

אײן מאָל איז צו איהם געקומען אַ פרוי װעמען גאָט האָט ניט געבּענשט מיט צופיעל שכל, זי האָט געהײַסען „ליזעטאַ דע קאַװאַרינאַ”, און איז זיך געקומען פאַר איהם מתודה זײַן. איהר מאַן איז געװעזען אַ רײַכער הענדלער, װאָס האָט צוליעב געשעפט געמוזט אָבּרײַזען אויף אַ געװיסע צײַט. נאָך דעם װי זי איז שנעל אַדורך געלאָפען די ליסטע פון איהרע קלײנע עבירה׳לעך, האָט איהר דער מאָנאַך געפרעגט אויב זי האָט אַ ליעבּהאָבּער. די פרוי װעלכע איז געװעזען שטאָלץ װי אַלע װענעציאַנערינ׳ס האָט איהם געענטפערט בּעז:

— װאָס נוצען אײַך אײערע אויגען פאָטער, אַז איהר זעהט ניט דאָט מײַן שעהנקײַט איז ניט פון יענעם סאָרט װאָס מען קאָן שנעל אויסנוצען! איך האָבּ געקאָנט האָבּען גענוג ליעבּהאָבּערס, מעהר װי איך װיל אַלײן, אויבּ איך װאָלט געװען אײנע פון יענע װאָס מען שטעלט לײַכט צופריעדען. אָבּער זעהענדיג װי אויסערגעװעהנליך שעהן איך בּין, האָבּ איך בּעשלאָסען צו האַלטען די דאָזיגע שעהנקײַט, פאַר אײנעם װאָס װעט איהר װערטה זײַן, האָט איהר װען עס איז געזעהן אַ פרוי מיט אַזאַ שעהן געזיכט, און שעהנע פיגור װי איך האָבּ?

זי האָט געזאָגט מעהר ליעבּ־װערטער איבּער איהר שעהנקײַט, און פאָטער אַלבּערטאָ, האָט שנעל געקאָנט בּעמערקען, אַז איהרע געהירען זענען ניט אין אָרדנונג. אַ שעהנע פרוי איז זי טאַקי, און דענקענדיג אַז זי איז די דאָזיגע װאָס ער זוכט, האָט ער צו איהר לוסט געקריגען, און געװען זעהר ליעבּליך צו איהר. ער האָבּ אָבּער ניט אָנגעהויבּען זײַן אונטערנעהמונג בּאַלד, נאָר עס אָבּגעלעגט אויף אַ מעהר גינסטיגערע צײַט, און האָט װײַטער געשפּיעלט זײַן ראָליע פון אַ הײליגען מאַן, און איהר געזאָגט דאָס זעלבּסט־בּעריהמערײַ שטאַמט פון זעלבּסט־ליעבּע, און ער װאָלט איהר ראַטהען די עבירה בּײַצוקומען. זײַן בּעל־תשובה׳ניצע װאָס האָט אַזאַ זאַך ניט געקאָנט פערשטעהן, האָט איהם געזאָגט דאָס ער איז אַ נאַר, און קאָן ניט אונטערשײַדען אײן סאָרט שעהנהײַט פון דער אַנדערער. פאָטער אַלבּערטאָ האָט איהר ניט געװאָלט מעהר דערבּעזערן, האָט איהר געגעבּען אַבּסאָלוציע*) און געהײַסען איהר געהן.

אין עטליכע טעג אַרום איז ער צו איהר געגאַנגען בּעגלײטעט פון

*) אַזאַ תשובה.

אַ מאָנאַך וואָס איז געווען זעהר איבערגעבען צו איהם. אויפקריכענדיג איהר אין אַ זייט, האָט ער זיך געוואָרפען צו איהרע פיס און געזאָגט:

— מאַדאַם! איך מוז אייך בעטען ענטשולדיגונג אויף דעם וואָס איך האָב אייך געזאָגט פאָריגען זונטאָג. איך בין דערפאַר שטאַרק בעשטראָפט געוואָרען, אין דער זעלבער נאַכט. אַזוי שטאַרק איז די שטראָף געוועזען, דאָס כ'האָב די גאַנצע צייט געמוזט צו בעט ליגען.

— ווער האָט דיך דאָס אַזוי געשטראָפט? האָט געזאָגט די יונגע און נאַרישע ליזעטאַ.

— איך וועל דיר זאָגען. די נאַכט נאָך דיין ודוי, זייענדיג פערנומען אין תפילות אין מיין היייל ווי תמיד, האָב איך פּלוצלונג בעמערקט אַ העלע ליכט. איך האָב נאָר וואָס געהאַט אויסגעדרעהט מיין קאָפּ צו זעהן וואָס עס איז, איז אויף מיר אַרויפגעשפּרונגען אַ בילד־שעהנער יונגער מאַן און האָט מיך שיער נישט געטויטעט מיט איין זעץ פון זיין שטעקען. נאָך דעם ווי ער האָט מיך אַזוי מיאוס בעהאַנדעלט, האָב איך איהם געפרעגט ווער ער איז, און ער האָט מיר געזאָגט דאָס ער איז דער אַרכאַנגעל גבריאל, און דאָס ער האָט מיך בעשטראָפט ווייל איך האָב די חוצפה געהאַט צו געפינען אַ שולד אין די הימלישע שעהנקייט פון מאַדאַם ליזעטאַ, וועמען ער ליבט איבער אַלעם אויסער גאָט. איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען וואָס ס'איז געווען, איך האָב איהם יאָמערליך געבעטען ער זאָל מיר מוחל זיין, און ער האָט געזאָגט, איך פערגיב דיר, נאָר מיט דעם בעדינג, זאָלסט געהן צו דער דאַמע, און דיך פאַר איהר ענטשולדיגען. איך פערזיכער דיר אויב זי וועט דיר נישט מוחל זיין, וועל איך צו דיר קומען נאָך אַמאָל, און דיך אַזוי שלאָגען דאָס וועסט עס פיהלען דיין לעבענלאַנג. איך בעט אייך דעריבער טהייערע מאַדאַם, זייט מיר מוחל, און דאַן וועל איך אייך זאָגען, וואָס דער מלאך האָט נאָך געזאָגט.

די נאַרישע פרוי איז געווען איבערפולט מיט פרייד הערענדיג דאָס וואָס איז געווען אַזוי שמייכעלהאַפט צו איהר איינרעדעניש, און אין וועלכען זי האָט אַ מינוט נישט געצווייפעלט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט פאָטער דאָס מיין שעהנקייט איז אַ הימלישע, האָט זי געענטפערט; — נאָר איך בעדויער זעהר וואָס איהר האָט אַזוי געליטען, און כדי איהר זאָלט מעהר נישט ליידען, וועל איך אייך מוחל זיין. איהר מוזט מיר אָבער איבערחזר'ן אַלעס וואָס דער אַרכאַנגעל האָט אייך געזאָגט.

— ווייל דו האָסט מיר מוחל געווען, האָט געזאָגט דער מאָנאַך —

וועל איך פון דיר קיין זאַך נישט פערהוילען. מוזט אָבער אין זין האָבען, דאָס קיין וואָרט טאָר נישט ענטפּלעקט ווערען פון דעם וואָס כ'וועל דיר דאָ ערצעהלען, — דו ביזט די גליקליכסטע פון אַלע פרויען. האָט דער מאַנאַך פאָרטגעזעצט; — דער אַרכאַנגעל גבריאל ליעבט דיך לײַדענשאַפטליך, און אויב ער וואָלט נישט מורא געהאַט דאָס ער וועט דיך איבערשרעקען, וואָלט ער צו דיר שוין לאַנג געקומען. ער האָט מיר דעריבער בעפוילען, כ'זאָל דיר צוויסען געבען אַז ער וויל צו דיר קומען, ער וועט עס טהון ווען דיר וועט געפעלען, און דו קאָנסט דיר אַליין אויסקלויבען אַ נאַכט. נאָר אַזוי ווי ער איז אַ מלאך, און אונריהרבאַר אין זײַן מלאכישע פאָרמע, האָט ער מיר געזאָגט דאָס דיר צוליעב וועט ער אָננעמען אַ מענשליך געשטאַלט. און ער האָט מיך געהייסען דיך פרעגען, אין וועלכען געשטאַלט דיר וועט אַנגענעהם זײַן איהם צו עמפּפאַנגען. מעגסט זיכער זײַן דאָס קומען וועט ער פונקטליך. און דו וועסט אַלזאָ זײַן די גליקליכסטע, ווי דו ביזט די שענסטע פון אַלע פרויען.

די יונגע פרוי האָט געענטפערט גאַנץ אונשולדיג, דאָס זי איז העכסט צופריעדען פון די ליעבע וואָס דער הייליגער אַרכאַנגעל פיהלט צו איהר, ווײַל צו איהם איז זי מעהר איבערגעגעבען. — נאָך יעדען מאָל ווען כ'זעה זײַן הייליג בילד אין דער קירכע, פאַרברען איך אַ וועקסען ליכט פאַר זײַן כבוד וועגען. ער קאָן קומען ווען ער וויל, און ער קען זיכער זײַן, דאָס ער וועט מיך טרעפען אַליין אין מײַן צימער. אַ געשטאַלט קאָן ער אָננעהמען וואָס איהם וועט געפעלען אַבי נישט קיין שרעקעוודיגע.

— דו רעדסט צום פונקט, האָט געזאָגט דער מאַנאַך. ערלויב מיר אַלזאָ פאַר דיר די זאַך צו ערלעדיגען, און איך קאָן דיר צוזאָגען, דאָס דו וועסט צופריעדען זײַן. איין טובה וועל איך דיך נאָך בעטען, עס וועט דיך גאָר נישט קאָסטען, און פאַר מיר וועט דאָס זײַן דאָס גרעסטע גליק: ערלויב דעם מלאך צו באָרגען מײַן קערפּער. די הנאה וואָס איך וועל דערפון האָבען וועט בעשטעהן אין דעם: באָרגענדיג מײַן קערפּער, וועט ער דערווײַל שיקען מײַן נשמה אין גן עדן אַרײַן, וואו זי וועט בלײַבען די גאַנצע צײַט וואָס ער וועט מיט דיר זײַן.

— גאַנץ גלײַך! האָט געענטפערט ליזעטאַ. — דו פערדיענסט ווירקליך אַ בעלוינונג פאַר די קלעפּ, וואָס איך האָב דיר פערשאַפט.

— דו וועסט אַלזאָ מאַדאַם, לאָזען אָפען דײַן הויז־טהיר הײַנט בײַנאַכט, ווײַל קומענדיג צו דיר אין אַ מענשליך געשטאַלט, וועט דער אַרכאַנגעל מוזען אַרײַן גײַן, ווי אַ געוועהנליכער בשר ודם. ליזעטאַ האָט איהם דאָס

פערשפּראָכען און דער פראַנציסקאַנער איז אַוועק, איבערלאָזענדיג איהר אַזוי איבערפילט מיט פרייד און אונגעדולד, דאָס זי האָט זיך געפיהלט גרינג ווי אַ פעדער, און יעדע מינוט איז ביי איהר געווען אַ יאָהר.

פּאָטער אַלבערטאָ האָט זיך דערווייל אָנגעהויבען גרייט צו מאַכען צו דער זאַך. און אַזוי ווי ער איז דאָ נישט געגאַנגען שפּיעלען די ראָלע פון אַ מלאך, האָט ער זיך גוט אָנגעגעסען מיט קרעפטיגע און אויפרייצענדע שפּייזען, ער זאָל קאָנען, בראַוו אַדורך פיהרען זיין ראָלע. אַזוי שנעל ווי ס'איז נאַכט געוואָרען האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט, בעגלייטעט פון זיין איבערגעגעבענעם חבר־מאָנאַך. ער האָט זיך געשאַפט אַ ווייסען מאַנטעל, און איז אַריין אין ליזעטאַס הויז ווען ער האָט געדענקט דאָס עס איז די פּאַסיגע צייט. ער האָט געעפענט די טהיר וואָס איז בלויז צוגעלעהנט געווען, האָט זיך אָנגעטהון דעם ווייסען מאַנטעל, און איז אַרויף אין ליזעטאַס שלאָפצימער אַריין. איהם דערזעהענדיג האָט זי זיך געוואָרפען צו זיינע פיס אין אַנ'עקסטאַז, זייענדיג בעגייסטערט פון דער בלישטשענדער ווייסקייט, פון דעם אַזוי גערופענעם מלאך. ער האָט איהר געבענטש, איהר אויפגעהויבען, און איהר געוויזען דאָס בעט. זי האָט איהם געפאָלגט און דער מלאך איז איהר נאָכגעגאַנגען.

פּאָטער אַלבערטאָ איז געווען אַ שעהנער יונג און אין אַ געזונדטען צושטאַנד, און אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געפונען מיט איהר אין איינעם, האָט ער איהר געלאָזט וויסען, דאָס די מלאכים פון דעם דאָזיגען סאָרט, זענען אַ שפּאָר ביסעל טהעטיגער פון איהר מאַן.

שפּעטער האָט ער איהר דערצעהלט די הערליכקייט פון הימעל. זי איז געוועזען צופריעדען, און האָט געדאַנקט גאָט, וואָס האָט איהר געבענשט מיט אַזאַ וואונדערליכער שעהנקייט דאָס אַפילו אַ מלאך האָט זיך אויך אין איהר פערליעבט.

אַז ס'האָט אָנגעהויבען טאָג צו ווערען, האָט דער פראַנציסקאַנער דענקענדיג אַז ס'איז שוין צייט אַוועקצוגעהן, בעשטעלט מיט דער פרוי ווען זיך וויעדער צוזאַמענצוקומען, און איז אַוועק צו זיין בעגלייטער, וואָס האָט דערווייל פערברענגט מיט די וואָלטהעטיגע אַלטע־דיענסט, וואָס האָט עס נאָר געטהון אויס מיטלייד דער היילינגער מאָנאַך זאָל זיך דערווייל נישט פיהלען איינזאַם.

צומאָרגען'ס נאָכמיטאָג, איז ליזעטאַ אַוועק צום פּאָטער אַלבערטאָ, און איהם געלאָזט וויסען, דאָס זי האָט ערהאַלטען אַ וויזיט פון מלאך גבריאל, און האָט איהם אויך דערצעהלט אַלעס וואָס ער האָט איהר

דערצעהלט וועגען די הערליכקייטען פון הימעל, צוגעבענדיג עטליכע פון איהר אייגענע פאַבעלן.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי דו האָסט געגאָסען פון דעם וויזיט, האָט דער מלאך געזאָגט. — איך ווייס נאָר, קומענדיג צו מיר פאָריגע נאַכט אום געוואָהר צו ווערען, אויב כ'בין געווען ערפאָלגרייך אין מיין שליחות צו דיר, האָט דער מלאך אַ שיק געטהון מיין נשמה אין אַנ'אָרט פון אַזעלכע הערליכקייטען, וואָס דער מענש קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלען. דאָרט איז זי געבליבען ביז עס האָט אָנגעהויבען טאָג צו ווערען. וואָס ס'איז דערווייל געוואָרען פון מיין קערפער ווייס איך נישט.

— אייער קערפער! האָט געזאָגט ליזעטאַ, איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אין מיינע אָרעמס, אין איינעם מיט'ן מלאך גבריאל. אויב איהר גלויבט מיר נישט, בעטראַכט אייער לינקע ברוסט, און איהר וועט דאָרט זעהן אַ צייכען, וואָס וועט אַזוי שנעל נישט פערשווינדען. דער גלח האָט איהר געענטפערט אַז ער וועט עס בעטראַכטען. נאָך דעם דאָזיגען געשפרעך איז זי אַוועק אַהיים און האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף אַ צווייטען וויזיט! נאָך דעם צווייטען איז געקומען אַ דריטער, אַ פערטער, און ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וואָלט געדויערט, ווען איהר נאַרהייט וואָלט נישט פלוצלונג מאַכען אַנ'ענדע צו אַלעם.

זיצענדיג אַמאָל מיט איינע פון איהרע פריינדינ'ס, האָבען זיי פלוצלונג אָנגעהויבען צו שמועסען וועגען פרויען־שעהנהייט, און ס'פערשטעהט זיך אַז די נאַרישע פרוי האָט איהר שעהנקייט געהאַלטען פאַר דער ערשטער.

— זאָלסטו נאָר געוואוסט מיין טהייערע פריינדין, ווען איך האָב צופריעדען געשטעלט, וואָלסטו קיין מינוט נישט געקלעהרט, און מודה געווען דאָס איך בין ווירקליך די שעהנסטע פון אַלע פרויען.

איהר פריינדין וועלכע האָט געוואוסט ווי נאַריש זי איז, און זייענדיג נייגעריג צו וויסען ווען זי מיינט דאָס, האָט עס נישט בעשטריטען. — איך אַליין בין זיכער אַז דו זאָגסט וואָהר, אַנדערע אָבער וועלען עס נישט גלויבען ביז זיי וועלען נישט וויסען ווער דער יעניגער איז, וואָס האָט זיך צו דיר אַזוי איבערגעגעבען. איך בין זיכער עס איז געווים איינער מיט אַ גוטען געשמאַק.

— איך ברויך עס דיר אַפילו נישט צו זאָגען, האָט די נאַרישע פרוי געענטפערט, נאָר אַזוי ווי איך האַלט פאַר דיר קיין שום סוד נישט, וועל איך דיר זאָגען: עס איז דער מלאך גבריאל, ער ליובט מיך זעהר

און האַלט מיך פֿאַר דער שענסטער פֿרוי אין דער וועלט; אין אונזער לאַנד זיבער, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט.

ליזעטאַ'ס פֿריינדין האָט שיער נישט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ גרויס געלעכטער, נאָר כּדי מעהר צו דערגעהן, האָט זי זיך איינגעהאַלטען.

— אויב גבריאל האָט דיר דאָס געזאָגט, איז קיין צווייפֿעל נישט דאָס ער ליעבט דיך — האָט די פֿרוי מיט ערנסט געזאָגט — און איך מוז צוגעבען, דאָס איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, דאָס מלאכים, פֿערליעבען זיך אין פֿרויען.

— ווייסטו עס יעצט! האָט ליזעטאַ מיט שטאָלץ געזאָגט — און איך קאָן דיר פֿערזיכערן, דאָס די מענער זענען גאָר־נישטען אין פֿערגלייך מיט זיי. דער שענער אַרכאַנגעל האָט מיך איבערצייגט. יעדעס מאָל וואָס ער איז מיט מיר געוועזן, דאָס מיין מאַן איז אַ טויגעניכטס. און ער דערצעהלט מיר, דאָס אין הימעל ליעבט מען זיך אויך, און די אורזאַכע וואָס ער האָט זיך אין מיר פֿערליעבט איז, ווייל קיין הימלישע שעהנהייט, האָט איהם נאָך נישט אַזוי צוגעצויגען, ווי איך. יעצט פֿערשטעהסטו שוין? עס איז דאַכט זיך גאַנץ דייטליך.

איהר פֿריינדין האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען, און האָט אויסגעקוקט זי זאָל שוין אַוועק, אום זי זאָל קאָנען הילכיג לאַכען אויס ליזעטאַ׳ס נאַרישקייט, און אַזוי שנעל ווי די לעצטע האָט פֿערלאָזט דאָס הויז, האָט זי זיך טאַקי צעלאַכט וויפֿיעל איהר האַרץ האָט געגלוסט.

דעם זעלבען אָבענד איז זי געוועזן אויף אַ חתונה צוזאַמען מיט נאָך פֿרויען, און אום זיי צו אַמוזירען, האָט זי זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. זיי האָבען עס איבערגעגעבען זייערע מענער, און נישט ווייניגער ווי אין צוויי טעג האָט גאַנץ ווענעציאַ געוואוסט דערפֿון. די זאַך איז אָנגעקומען צו ליזעטאַ'ס אַ שוואָגער, וועלכער וויסענדיג אַז זי איז נישט איבריג קלוג, האָט גלייך פֿערשטאַנען, דאָס אַ גאַלאַנטער ריטער האָט זיך פֿאַר איהר אַלס מלאך גבריאל פֿאָרגעשטעלט, און איהר אויף אַזאַ אופֿן גענאַרט, און ער האָט בעשלאָסען צו דערגעהן ווער דער דאָזיגער מלאך איז.

אַז פּאָטער אַלבערטאָ האָט זיך דערוואוסט, דאָס מען רעדט אין שטאָדט דערפֿון, איז ער צו איהר געגאַנגען, אום זי צו שטראָפֿען פֿאַר איהר אונפֿאָרזיכטיגקייט. איהרע שוואָגערס וואָס האָבען די גאַנצע צייט געהיטען דאָס הויז, האָבען איהם געזעהן אַריין געהן, און אַזוי שנעל ווי ער איז געוועזן אינוועניג, האָט ער געהערט אַ גערודער אין פֿאָדער־

צימער, און אַ קלאַפּערײַ אין טהיר, וואָס איז געווען בלויז פערריגעלט. דאָס איינציגע מיטעל צום אַנטלויפען איז געווען דאָס פענסטער. ער איז אַרויסגעשפּרונגען דורכ'ן פענסטער, אונטער וועלכען ס'האָט געפלאָסען דער גרויסער שטאָדט-קאַנאַל. מיט גרויס מיה איז איהם געלונגען צו-צושווימען, צו אַ פישער-הײַזעל. ער האָט איהם געבעטען דעם פישער ער זאָל איהם העלפען, געבענדיג איהם אַזעלכע אורזאַכען, וואָס האָבען איהם געבּרענגט צו זײַן יעצטיגען מצב, דאָס דער אָרעמער פישער האָט אויף איהם מיטלײַד געקריגען, איהם אַרויסגעהאָלפען פון וואַסער, און איהם אָבגעגעבען זײַן בעט ער זאָל זיך אויסרוהען. אַז עס איז טאָג גע-וואָרען האָט איהם דער פישער געבעטען ענטשולדיגונג, ער מוז אַוועק אין שטאָדט וועגען וויכטיגע זאַכען, און האָט איהם געהייסען רוהען ווי לאַנג ער וויל.

די שוואָגערס זענען דערווײַל אַרײַן אין שלאָף צימער, און צו זייער איבעראַשונג איז שוין גבריאל געווען אַוועק-געפלויגען. זיי האָבען דעם בעם אויסגעלאָזט צו דער שוועגערין, און מיטנעמענדיג מיט זיך דעם הייליגען מאָנאַך'ס קליידער זענען זיי אַוועק.

די זאַך איז דערווײַל צושפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער שטאָדט, און דער גוטער פישער הערענדיג די געשיכטע האָט זיך משער געווען, דאָס דער מלאך וואָס האָט זיך געוואָרפען אין קאַנאַל אַרײַן, איז נישט קיין אַנדערער נאָר דער מענש, וואָס האָט בײַ איהם איבער-גענעכטיגט. ער איז אַהיים געגאַנגען, און האָט דערקענט דעם מאָנאַך, און איהם געוואָלט איבערגעבען צו די שוואָגערס, אויב ער וועט איהם נישט געבען פופציג דוקאַטען. דער מאָנאַך איז געווען געצוואונגען איהם צו געבען אַ צייכען, און דער פישער האָט געשיקט אַ שליח וועלכער איז צוריק געקומען מיט דעם געלד.

דער אָרעמער מאָנאַך האָט געמיינט אַז ער איז שוין פּטור, נאָר דער פישער וועמען די היפּאָקריטסטוואָ האָט שטאַרק פערדראָסען, האָט איהם צווישען געגעבען דאָס דער שטראָף איז נאָך צו קליין.

— הימלישער פאָטער — האָט ער געזאָגט צום פריסטער, — איין מיטעל האָסטו ווי אַזוי צו ענטרינען פון ליזעטאַ'ס צאָרניגע שוואָגערס. און אָט וואָס איך מיין. הײַנט איז אַ פעסט אין שטאָדט, צו וועלכען יעדער מוז ברענגען אַ מאַן, פערשטעלט אין דעם געשטאַלט פון אַ בער, אָדער אַן'אַנדערע ווילדע חיה. אויב דו וועסט אײַנווילליגען אָנצונעמען דאָס דאָזיגע געשטאַלט, זאָג איך דיר צו אַז נאָך דעם ווי די צערעמאָניע וועט

זיך ענדיגען, וועל איך דיך אַהיים פיהרען אויף דיין אָרט. אַזוי ערנאָך וועסטו בעפרייט ווערען פון די קלעפּ וואָס דיך ערוואַרטעט, פון דער פרוי'ס משפחה, וועמען דו האָסט אויף אַזוי אַנ'אופן געשענדעט.

קיין גרויסע לוסט האָט פּאָטער אַלבערטאָ דערצו נישט געהאַט, נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טהון. דער טאָן מיט וועלכען דער פישער האָט גערעדט, האָט איהם איבערציינגט אַז עס איז קיין שפּאַס נישט, און די שרעק פאַר די קלעפּ האָבען איהם געצוואונגען איינצווויליגען.

דער ווירט האָט איהם איינגעשמירט מיט האָניג, און בעשיט מיט פעדערן. נאַכהער האָט ער איהם אָנגעטהון אַ מאַסקע אויף דאָס געזיכט, און אַ קייט אויף דעם האַלז. אין איין האַנד האָט ער איהם געגעבען אַ שטעקען, און אין דער צווייטער אַ שטריק, צו וועלכען ס'איז געווען צוגעבונדען צוויי גרויסע הינט. און ער האָט דערוויילע געשיקט אַ מאַן אין שטאָדט אַריין, ער זאָל בעקאַנט מאַכען, „דאָס ווער ס'וויל זעהן דעם אַרכאַנגעל גבריאל זאָל קומען אין מאַרק אַריין, אין פערלויף פון א שעה צייט".

אַרויספיהרענדיג דעם בער פון שטוב אַרויס, איז ער אַרומגערינגעלט געוואָרען פון אַ מאַסע מענשען, וועלכע האָבען געקוקט מיט בעוואונדערונג נישט וויסענדיג וואָס דאָס בעדייט. און ביז זיי זענען צוגעקומען צום בעשטימטען אָרט איז שוין די גאַס געווען שוואַרץ פון מענשען. דער פישער האָט אָנגעבונדען דעם בער צום בוים, און געזאָגט דעם עולם, אַז ער וואַרט אויף אַ יאַכט. אַ גאַנצע שעה איז דער אָרעמער מלאך אַזוי געשטאַנען פריי פאַר די פליעגען און אַנדערע אינזעקטען. אַז דער פישער האָט געזעהן דאָס דער עולם מעהרט זיך, האָט ער איהם אַראָבגעריסען די מאַסקע, און אויפגערופען צו די איינגעזאַמעלטע:

— הערען! אַזוי ווי קיין אַנדערער בער איז נישט געקומען, קאָן היינט קיין יאַכט נישט פאָרקומען. נאָר כּדי איהר זאָלט נישט האָבען אומזאָנסט פערברענגט אייער צייט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזען דעם מלאך וואָס איז אַראָבגעקומען פון הימעל, כּדי צו טרייסטען די ווענעציאַנער דאַמען אין זייער איינזאַמקייט. דאָס איז ער דער שעהנער מלאך.

אַלע האָבען איהם דערקענט, און איהר קאָנט אייך פאָרשטעלען וואָס ער האָט געליטען. גאַנצע צוויי שעה האָט ער איהם אַזוי געהאַלטען, און דער עולם האָט מיט איהם געטהון, לויט זיין פערדינסט. אַ ביסעל שפּעטער זענען זעקס מאָנאַכען נאָך איהם געקומען. איהם איינגעהילט

אין א טוך און איהם אוועק געטראגען. די מאסע האט געפייפט, און אויסגערופען שימפף־ווערטער אויף איהם און זיינע ברידער מאנאכען.

היסטאריע זאגט, דאס מען האט איהם אריינגעזעצט אין געפענגניס, וואו ער האט געענדיגט זיין קלעגליך לעבען.

אזוי איז געשטראפט געווארען א ליגנערישער מאנאך, נאך דעם ווי ער האט א גאנצע שטאדט געגארט, אויסגעניצט די נארישע איינרעדעניש פון א פרוי, און בעגאנגען פיעל עהנליכע פערברעכענס פון וועלכע קיינער ווייס נישט, און וואס זענען געוויס נישט ווייניגער פון די וואס מען האט ענטדעקט. מעגען אלע די יענינע וואס טהוען די זעלבע מעשים, אויך האבען אזא סוף.

איבערזעצט י. טופפמאן.

3

„אהער, אַהער, מײַן פּאַזש, טרעט צו,
וואָס װײנסט און קלאָגסט דו קינד!
צי פאַר די װעלען ציטערסטו?
שרעקט שטורם דיך און װינד?
װיש אָב די טרערן — זײַ נישט באַנג,
פאַר װעלען שרעק דיך נישט:
די שיף איז שטאַרק — ס׳איז לײַכט איהר גאַנג, —
קײַן פױגעל האַלט איהר נישט!"

4

„זאָל שלאָגען בײַ דעם ים דער װינד —
מיך שרעקען חװאַליעס נישט;
ס׳איז נישט פון דעם, סער טשײַלד, מיר צינד
פערקומערט דער געמיטה —
פון פאָטער שײדען איז מיר װעה,
נישט זעהן די מוטער — שװער, —
מײַן ביסעל פרײַנד — דאָס זענען זײ
און דו — און אױבען ער.

5

געװינשט האָט מיר מײַן פאָטער גליק,
געקלאָגט האָט ער נישט פיעל,
די מוטער, ביז איך קום צוריק,
װעט אָבער זיפצען שטיל". —
„גענוג — מײַן פּאַזש, האָסט אַלץ געזאָגט
א טרעהר אַזאַ — זי הנ׳ט,
װאָלט איך דײַן רײַנעם האַרץ פערמאָגט
איך װאָלט צינד אױך געװײנט.

6

„אהער, אַהער קום, װאַכמאַן, דו!
װאָס ביזטו אַזױ בלאַס?

שרעקט דיך דער פײנד? רויבט דען דײן רוה
דער ים אין שטורם׳ס כעס?״
— „סער טשײלד, מײנסטו איך בין א טרוס, —
איך שאץ מײן לעבען הויך?
בענקט עמיץ נאך זײן װײב, דאן מוז
דער פנים אויסזעהן בלײך.

7

מײן װײב און קינדער װאױנען דאך
בײם טײך, נישט װײט פון שלאס,
פרעגט זיך א קינד אויפ׳ן פאטער נאך
װאס ענטפערט זי איהם, װאס?״
— „געגוג, בײזט, װאכמאן, גוט און טרײ —
דײן שמערץ מוז זײן געאכט —
דאך איך בין לײכט געזינט — כ׳האב פרײ
בײם אבפאהר זיך צולאכט.

8

װײל װער געטרויט די זיפצען דען
פון כלות, פון א װײב?
עס װישט דאס אויג, װאס פײכט געװען,
דער פרײנד צום צײט-פערטרײב.
װאס איך פערלאז, מאכט מיר נישט שװער,
װאס איך ערװארט — קײן לײד;
מיך קרענקט נאר, װאס נישט װערטה איין טרעהר
איז אלץ, פון װאס איך שײד.

9

אלײן בין איך. עס טראגט מיך אום
א ים אהן ברעג, אהן שיעור.
זאל עמיץ באנג טהון מיר? — װארום?
לאזט װער א טרעהר נאך מיר?

מײַן הונד קלאָגט נאָר — דאָך ביז איהם שפּײַזט
אַ נײַער בעל הבית,
קעהר איך אַהײם — אָ, מיך צוררײַסט
מײַן הונד בײַם שוועל פון שלאָס!

10

מיט דיר, מײַן שיף, אין ים אַ וועג
זוכט ווײַט און ברײט מײַן בליק,
מעגסט טראָגען מיך צו יעדען ברעג,
נאָר נישט אַהײם צוריק!
געגריסט זײַט שוואַרצע חוואַליעס, איהר
און ווען צום ברעג געבראַכט,
געגריסט זײַט פעלז אין וויסטעניש מיר
מײַן פאָטערלאַנד — גוט נאַכט!"

XIV.

די שיף פליהט שנעל, פערשוואונדען איז דער ברעג
ביסקאַיער וואַסער שטורמט נאָכאַנאַנד.
פערלאָפען זענען שוין דערווײַל פיער טעג,
און אויפ'ן פינפטען ווײַזט זיך ווידער לאַנד;
שוין גריסט אין וועג זײַ צינטראַס פעלזען-וואַנד;
און טאַגאָס גאָלדענער שטראָם קומט אָן פון ווײַט:
דעם ים די צינזען ברענגט ער לויט זײַן שטאַנד.
די שיף בעשטײַגען לוזיער שיפער-לײַט
און פיהרען זי צום ברעג, וואו ס'איז פון שניט די צײַט

XV.

אָ גאָט, אַ בילד ענטפּלעקט זיך, ווי אַ טרוים!
ווי גנעדיג איז דער הימעל צו דעם לאַנד!

וואָס פאַר אַ פרוכט דאָ בליהט אויף יעדען בוים!
וואָס פאַר אַ פראַכט די בערג ביים מזרח־ראַנד!
דאָס אַלץ פערשווענדט דעם מענשענס פרעכע האַנד.
דאָך וועט אויף די, וואָס לעסטערן זיין רייך,
גאָט מאַכען פאַלען גיך זיין צאָרן־בראַנד,
און דרייפאַך שטראָפען דורך אַ פייער־טייך,
און גאַליענס היישריקס־נעסט וועט ווערען מיט ערד צוגלייך.

XVI.

ווי הערליך איז פון וויטען ליסאַבאָן,
ווען אויפ'ן וואַסער וויעגט זיך זיין געשטאַלט!
אין גאָלד האָט איהם דער דיכטער אָנגעטהאָן,
דאָך היינט פערשטעלט איהם גאַנץ אַ מאַסטען־וואַלד
פון שיפען — ס'האָט זיי אַלביאָנס געוואַלט
געשיקט בעשיצען לוזיאַנער ערד;
דאָך ס'פאָלק, וואָס שטאָלץ און דומהייט בלויז ענטהאַלט,
חאָטש, קושט, דאָך פאַסט די האַנד, וואָס האַלט דאָס שווערד
צו שיצען איהם פון גאַליער, וואָס הערשט דאָ אומגעשטערט.

XVII.

זאָל אָבער ווער אַריינטרעטען אין שטאָדט,
וואָס שיינט צו זיין פון וויטען הימליש שעהן,
געזעהן וואָלט ער — און שאַרפער מערקט עס גראָד
אַ פרעמדענס אויג — ווי אַלץ איז דאָרט געמיין;
אַ צעלט, אַ פּאַלאַץ — ביידע גלייך נישט ריין, —
די מענשען זינקען פשוט אין אין קויט.
נישט בלויז דאָס פאָלק — די גראַנדען שוין אַליין
זיי זאָרגען אויך נישט ריין צו געהן געקליידט;
דרום איז מצרים'ס פלאָג דאָ אַלגעמיין פערשפרייט.

XVIII.

אַ שקלאַפען פאָלק דאָך לעבט אין הערליכקייט!
וואָרום, נאַטור, פערשווענדסטו פראַכט אויף זיי?
אָ, זעהט! פון ציגטראַס פעלז אויף ברייט און ווייט
פון בערג און טאָלען שלענגעלט זיך אַ רייה.
קיין פערער איז אימשטאַנד אַ העלפט אַזוי
צו שילדערן, ווי ס'קען אַנ'אויג דאָ זעהן;
ס'איז הערליכער פון בילדער אַלערליי,
וואָס דיכטערס מאָלען אונז זינט ווען
געעפענט איז די וועלט־עליזיום געווען.

XIX.

דער פעלז, וואָס טראָגט אַ קלויסטער אויף זיין שפּיץ,
מיט ווייסע קאָרקען־בוימער רונד בעדעקט;
דאָרט אונטען מאָך, שוואַרץ־ברוין פון היץ.
און שטרויך וואָס זיך נאָך זונענשטראַהלען שטרעקט;
דער ים צאַרט־בלוי, אין גאַנצען אונבעוועגט;
דער אַפּעלסינען־גלוט, צום גאָלדשיין גלייך;
דער שטראָם, וואָס שפּרינגט פון באַרג און אַלעס וועקט;
דער ווינשטאָק אויבען — בוימלעך נעבען טייך;
דאָס אַלעס גיט אַ בילד, אין פראַכט און פאַרבען־רייך.

XX.

בעשטייגט דעם באַרג־וועג און פון יעדען בויג
אָפט זעהט איך אום אַהינטער און פאָראויס:
גאָר נייע בילדער זעהט פון דאָרט דאָס אויג,
דאַן רוהט דאָס הויז „פון נאָטעס שמערץ“ 1) זיך אויס.

1) דאָס קלויסטער „אונזערער ליבע פרוי פון פעלז“.

איהר טרעפט דאָרט אַ מאָנאַך, וואָס ווײַזט דאָס הויז
און מעשות זעלטענע דערצעהלט, ווי שווער
געשטראָפט האָט גאָט די לײַט, דאָס זעהט איהר בלויז
האָנאָריוס 1) טיעפע הײַהל. — אַלײַן פלעגט ער,
— כדי ווערטה זײַן יענע וועלט, — זיך פײַניגען אויף ד ע ר.

XXI.

און שטײַגט איהר העכער, מערקט איהר דאָ און דאָרט
פיעל צלמים, גראָב געשניצטע, האַרט בײַם וועג
פאַר קײַנעם אָבער איז נישט ליעב דער אָרט, —
מצבות זענען דאָס, וואָס וואַרפען אָן אַ שרעק:
דאָ איז אַמאָל אין נעכטליכען געשלעג
פערגאָסען בלוט געװען פון מערדערס האַנד.
ווער ווײַם, ווער ווען עס שטעלט אַ קראַנץ אַוועק.
מיט יענע צלמים איז פערפלײַצט דאָס לאַנד,
וואָס שיצען איהרע בירגער איז עס נישט אימשטאַנד.

XXII

אויף פלאַכע בערג, און ערטערווײַז אין טהאָל
שטעהען שלעסער הײַנט, שוין האַלב צושטערט;
עס רוהט אויף זיי אַ גלאַנץ נאָר פון אַ מאָל,
און ווילדעס גראָז בעדעקט אַרום די ערד.
אָן, יענער, האָט דעם פרינצען 2) ווען געהערט.
דאָ, וואַטהעק 3), ענגלאַנדס רײַכסטער זוהן האָסטו

---

1) דער הייליגער האָנאָריוס האָט געלעבט אין אַ הייהל געבען קלויסטער, געשטאָרבען אין 638.

2) דער פרינץ יאָהאַן, וואָס האָט רעגירט פון 1792.

3) וו. בעקפאָרד, דער פערפאַסער פון אַנ'אַראַבישער ערצעהלונג „וואַטהעק" דער נאָמען איז איבערגעגאַנגען אויפ'ן פערפאַסער.

דײַן פּאַראַדיז געבויט און נישט בעקלערט,
אַז רײַכטום ברענגט קײַן גליק, ווען ס׳פעהלט דערצו
דער שלום מיט דער וועלט, און וואַהרע זעעלען־רוה.

XXIII.

האָסט דאָ פערבראַכט, געטרוימט פון פרייד און גליק,
דאָ — צווישען בערג פון זון בעלויכטען העל, —
און הײַנט שטעהט ווי פערשאָלטען וויסטערהייד,
דײַן שלאָס, אַזוי אויך עלענד, ווי דײַן זעעל;
קײַן פוס בעטרעט פון לאַנג שוין נישט זײַן שוועל,
עס איז פערוואַקסען צום פּאָרטאַל דער וועג.
אַ מוסר איז דערפון, ווי ס׳ווערט אַ תּל
אויס אַלע פריידען פון דעם מענשענס טעג,
און מיט׳ן שטראָם פון צײַט שווימט אַל׳ץ געשווינד אַוועק.

XXIV.

דאָ האָט געהויזט דער גענעראַליטעט 1)
אַ, יענעם הויז פערהאַסט הײַנט יעדער בריט!
אין קרוין פון פליטער־גאָלד אָן מערקט אַ שר
אַ קלײנעם שד, וואָס שפּעטען ווערט נישט מיעד...
ער זיצט אין פּאַרמעט־פּאַנצערן געשמיעדט,
אַ זיעגעל און אַ כּתב הענגט נאָך בײַם זײַט,
אַ שוואַרצער כּתב, וואו אין דער לענג זיך ציהט
אַ שורה חתימות פון די גרויסע לײַט, —
דער טײַפעל לאַכט דרויף ווײַזענדיג פון צײַט צו צײַט.

(פאָרטזעצונג קומט).

---

1) דאָס הויז פון מאַריאַלוואַ וואו ס׳איז פאָרגעקומען „די קאָנווענציע פון צינטראַ" (אין 1808). נאָך דאָרטיגען בעשלוס האָט דער ענגלישער גענעראַל ד׳אַלרימפּל, נישט קוקענדיג אויף זײַן זיעג בײַ ווימיעראַ, אײנגעווילינגט אויף די פאָדערונג צום גונסטען פון די פראַנצויזען.

סט. פשיבישעווסקי.

א תְּפִלָה.

(פון פוילישען.

דו, וואס פלעכטסט איין מיט דיינע שטראהלענדע פינגער אין מיינע שווארצע חלומות די שעהנקייט פונ'ם וועלקערינגען הערבסט, דעם גלאנץ פון אבבליהענדיגע שעהנקייטען, די ברענענדיגע פארבען פונ'ם גן־עדן, וואס איז פון פייער ארומגענומען. —

א דו מיין ליכטיגע!

וויפיעל ליידען זענען פערביי, ווי אין טרוים, זינט דער צייט, ווען איך האב דעם לעצטען מאל דיך געזעהן, און נאך אלץ שיינט מיין הארץ צווישען די שטערן, וואס דו האסט איבער מיין לעבען צעשפרייט — נאך אלץ רייסען זיך די דארשטיגע הענד אין מיין בלוט צום גליק, וואס דו האסט אמאל פאנאנדערגעצונדען אין מיין נשמה.

דו, וואס וועבסט מיר מיט שטילע הענד אין דער בין־השמשות'דיגער פינסטערקייט אויף פערצויבערטע הארפען א שווערע בענקשאפט נאך די מינוטען פון תענוג, וואס האבען פערביינגעיאגט, ווי דער גערויש פון פליגלען ווייטע, וועגען זונען, וואס פינקלען ווי א בלוטיגער טוי אויפ'ן מזרח, דערטרינקענדיג אינ'ם אונענדליכען ים —

א דו מיין ליכטיגע!

וויפיעל מאל שוין איז אויפגעגאנגען די זון, זינט דו פלעגסט מיט דיינע צויבער־געזאנגען ברענגען שלום דעם טרויער פון מיין זעעלע — און איך זעה נאך אלץ דיינע אויגען, פול זיפצען און אומעט, איך זעה ווי זיי ברענען מיט אנ'איבערערדישער קראפט, איך זעה די ליכטיגע האנד,

וואָס שטרעקט זיך אויס צו מיר און חאַפּט מיט אַ הויכען שריי מײַנע פינגער.

דו, וואָס פערוואַנדעלסט אין קלאָרע טעג די רוישענדיגע נעכט, וואָס פערלעשט די זעהונגען אין די טיעפענישען פון מײַנע חלומות, דו, וואָס שטופּסט אָב גאָר דאָס נאָהנטע אין דער אונענדליכער ווײַטקײַט —

דו, וואָס צינדסט אָן אין מײַן האַרצען בלאָנזשענדיגע פײַערלעך און וועקסט די שוואַרצע בלומען צום לעבען, —

אָ דו מײַן ליכטיגע!

טויזענדער מאָל האָט משנה געווען זיך די וועלט, זינט דײַן בליק האָט די פערלעשענדיגע שטראַהלען פון מײַן זעעלע אַרומגענומען, און נאָך אַלץ זעה איך דאָס קינדערשע קלײַנטשינקע פּנימ׳ל און אַ גאָלדענע קרוין פון זײַדענע האָר אַרום דײַן שטערן, ווי צוויי טרעהרען זענען אין אַ בלײַבען שמײכעל צעגאַנגען, וואָס האָט אויף דײַנע ליפּצען גערוהט, און איך הער, ווי עס ווײנט דײַן שטים מיט אַ פינסטערער קלאַנג.

דו, וואָס פון אַלע געהײמניסען רײַסטו אַראָב פאַר מיר די חתימות און לײענסט די זונען פון בעהאַלטענע כחות, וואָס שפּרײט זיך אויס מיט אַ רעגען-בויגען פון ליעבשאַפט פון איין הימעל ביז׳ן צווײטען און אַלע שגעונות פון מײַן לעבען, —

נאָך קײנמאָל האָבען מײַנע שטערען זיך אין אַזאַ שטורם נישט געדרעהט, נישט קײנמאָל נאָך האָט דער שײַן אַרום דײַן קאָפּ מיט אַזאַ בלוטיגען גלאַנץ זיך געשפּיגעלט, ווי איצט, ווען איך האָב דיך אויף עביג פערלאָרען.

צו די פיס דײַנע האָב איך געוואָרפען מײַנע שטערען, דײַנע פיס האָב איך אַרומגעוואָבען מיט אַ שוואַרצען נעץ פון חלומות, און אין דײַנע הענד לעג איך מײַן האַרץ... מײַן האַרץ...

איבערזעצט דורך מ. וו. רייך.

האָט אַ אינעווענינגסטע שטימע צו איהר גערעדט קלאָר און דײַטליך . —
„ער איז אַ שוואַכער , פערדאָרבענער מענש , אַ מענש אָהן אַ חאַראַקטער ,
אָהן אַ פונק יושר , אַ מענש , וואָס וואַרפט אַוועק זײַן געליעבטע , זײַן איינ־
ציג קינד , צוליעב געלד ! אַ פּאָדליעץ , וואָס שטעהט אפשר יעצט בײַ זײַן
כלה און ערקלערט איהר זײַנע פאַלשע ליעבע ! ער איז נישט ווערטה , אַז
דו זאָלסט וועגען איהם טראַכטען ! —— באַלד אָבער האָט אַנ'אַנדער
שטימע בײַ איהר אינעווענינג גערעדט : „וואָס מאַכט עס אויס ? איך האָב
איהם אָבער דאָך ליעב , ליעב אָהן אַ מאָס , ליעב ביז צום משוגע ווערען !"

אויבען בײַ פּ ע ט ע ר ד ו ו אַ ר אָ ל אינ'ם איינפאַכען צימער , מיט
דעם שמוציגען האַלב צעבראָכענעם מעבעל , איז געזעסען דער שריפטשטע־
לער פאַר זײַן שרײַב־טיש , וואָס איז געווען בעפּאַקט מיט ביכער , בריעף ,
אָנגעהויבענע מאַנוסקריפּטען , קאָרעקטור־בויגענס , אויפגעמישטע ביכער . דאָס
אַלץ איז געלעגען אויפגעטורעמט אין אונאָרדנונג און בעלעגט מיט אַ דיקען
שטויב , מיט טינט־פלעקען און בעשאָטען מיט אַש פון פּאַפּיראָסען . צו
פוסענס בײַם טיש זענען געשטאַנען קאָניאַק־פלאַשען , לעדיגע און פולע .
ווען איז געוועזען צו פרוי ב אָ ל ל און איהר ב ע ר ט ה אַ , אַז זיי האָבען
זיך געפּרובט בײַ איהם אַ שטיקעל אָרדנונג צו מאַכען ! די גוואַלדען
זײַנע דערבײַ האָט מען אין די צעהנטע גאַס געקאָנט דערהערען , — ק ו ר ט
ר ו י ך און פּ ר ע ד פ אָ ו ו ע ל זענען געווען בײַ איהם צו בעזוך . זיי האָבען
די אָנצונגען , שטיוועל , ציגאַרען־קאַסטען , וואָס זענען אויף די שטוהלען צעלעגט
געוועזען , אויף אַ דרײַ פיסלעכדיגע אויף אַ קאַסטען אָנגעשפּאַרטע זאָפע
אַרויפגעשלײַדערט און אַזויערנאָך געהאַט אויף וואָס צו זיצען און אַזוי
זענען זיי געזעסען נאָהנט געבען איהם , האָבען גערויכערט און פילאָזאָ־
פירט , דער שאָטלענדער , וואָס האָט אויפ'ן פיעדעל געשפּיעלט און אין
קאָנסערוואַטאָריום געשטודירט , האָט שטענדיג געשוויגען און זיך צוגעהערט
וואָס אַנדערע רעדען . ער איז צופיעל עגאָאיסטיש און פלעגמאַטיש געווען
ער זאָל זיך אַרײַנמישען אין דער אונטערהאַלטונג פון די היצקעפּ . דאַגעגען
ווידער צו פיעל בערעכענט , זיך נישט צו בענוצען מיט דער געלעגענהײַט צו
הערען ווי מען רעדט אַ גוטעס דײַטש — ד ו ו אַ ר אָ ל , איז געוועזען
אַנ' אונפּראַקטישער אָבער זעהר בעגאַבטער פאַנטאַזיאָר , פול מיט אידעאַ־
לען . אין לעבען און אין אורטהײל איז ער געוועזען ענטוועדער צופיעל בעגײַס־
טערט אָדער גאַר גלײַכגילטיג און אַ מאָל אויך פול מיט פעראַכטונג . ר ו י ך

אָבער — אַ קלוגער פּראַקטישער מענש וואָס ווייסט, אַז דאָס לעבען קאָן אָהן פּשרות נישט קיין קיום האָבען, אַ מענש וואָס שטעהט מיט ביידע פיס אויף דר'ערד. און דעריבער פלעגט זעהר אָפט פאָרקומען צווישען די ביידע קאָנטראַסטען הייסע וכּוחים, וועלכע פלעגען זיך נישט בעגעהן אָהן שאַרפע. טייל מאָל אויך גראָבע זידלערייען. אָבער דאָס האָט זייער פריינדשאַפט נישט געשטערט; אָבגעקריגט זיך, אָבגערופען זיך איינער דעם אַנדערן מיט די גרעסטע זלזולים, האָט מען זיך שפּעטער איבערגעבעטען און געבליבען גוטע פריינד ווי געוועזען. עס איז שוין געוועזען צוועלף דעם זייגער בייַ נאַכט, ווען רויך האָט דעם פענסטער געעפענט, עס זאָל אַביסעל אַרויסגעהן דער רויך פון די אָנגערויכערטע ציגאַרען וואָס האָט שוין אין האַלז געשטיקט. ער האָט אַראָבגעקוקט אונטען.

— אַ דראָשקע איז אָנגעפאָהרען, — האָט רויך געזאָגט, — דאָס ערשיינט קאַראָלאַ קיהן-בראַנדט, דאָס איז אַ שלויע בעסטיע! —

— פאַר וואָס איז זי דאָס אַ בעסטיע?

— ווייל זי בעניצט קיינמאָל נישט דעם עקיפּאַזש פון איהר אַזוי גענאַנטען אָנקעל: דעם גראַף דאַהלענ'ס, וועלכער שטעהט שטענדיג פאַר איהר גרייט! זי איז איבערהויפּט אַ שאַפּס-קאָפּ, וואָס זי וואָהנט דאָ אויף דעם דריטען עטאַזש און בעגנוגענט זיך מיט די אבילות, וואָס מען גיט דאָ בייַ באָלל צו פרעסען, בשעת זי וואָלט געקאָנט האָבען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, די פיינסטע דעליקאַטעסען! דער גראַף וואָלט איהר דאָך אַ גאַנצע ווילע אויך געלאָזט איינריכטען. איך וואָלט געוועזען אַ בעלן צו וויסען, פאַר וואָס זי וויל אַזוי, אַז מען זאָל איהר האַלטען פאַר אַ כּשר'ה צנועה'דיגע פרייליין? — האָט קורט געזאָגט.

— מען האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר פאָטער פערנעמט אַנ'אָנגעזעהענע שטעלע בייַ דער רעגירונג און איהר ברודער איז אַנ'אונטעראָפיציער; זיי זאָלען זיך דערוויסען, אַז זי פיהרט זיך נישט אָרענטליך וועלען זיי איהר ברוין און בלאָה מאַכען, — האָט פּעטער געענטפערט.

רויך האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט: עס איז ווירקליך צום לאַכען, ווען מען זעהט ווי די חברה שפּיעלען דאָס אַזוי שלוי זייער ראָליע ווי די קליינע קאַראָלינכען למשל, דאָס פאָלקס-קינד אונזערע. זי האָט אין גאַנצען זעכציג מאַרק אַ מאָנאַט געהאַלט, דאָס האָט מיר אולריך געשוואָרען און איהם קאָן מען גלויבען, ער ווייסט דאָס פון סאַמע אינספּעקטאָר. דער באַללע צאָהלט זי צוויי הונדערט מאַרק אַ חודש, אָהן וויין,

רווישט אויף זײַדענס, האָט באַטיסטענע און זײַדענע וועש. אום זומער רײַזט דאָס אַרום אויף לוסט־רײַזעס מיט בריליאַנטען — — — וועטען זי וועט נאַרען, מיר נישט, נישט קוקענדיג אויף מײַן דלות בין איך נאָך אַ מבין אויף גוטע עכטע ערעלשטײַנער און ווײס צו אונטערשײדען פון פאַלשע ביז ריכטיגע בריליאַנטען. מילא, מײַן באָבעס דאגה, דער עיקר איז נאָר, אַז אירע נאָהנטע קרובים גלויבען אין דעם! איך זאָג נאָר: הויך זאָלען לעבען די גוטע, אַלטע אָנקעלס! —

— פּסט, האַלט שוין אַמאָל דאָס מויל, ר ו י ך! מען קלאַפּט שוין אין דרויסען, זי קאָן נאָך דערהערען!

ר ו י ך איז פערשוואונדען געוואָרען און אין אַ פּאָר מינוטען שפּעטער איז ער מיט דער שוישפּילערין צוריקגעקומען.

— ד ו ו אַ ר אָ ל, וואָס איהר שטאַמט אָב פון אַ פראַנצויז מיט אַ רוסין, פאַלט אויף די קניע! זעהט נאָר וואָס פאַר אַ גלאַנץ איך האָב דאָ אין אײַער צימער אַרײַנגעבראַכט! —

די קיהן־בראַנד האָט אַ לאַך געטהון און איהם איבער'ן מויל אַ פּאַטש געגעבען: — נ'אָבענד, מײַנע הערען! איך האָב דאָ געזעהן פײַער און בין געקומען נאָר אויף איין מינוט, פרעגען אויף פרײַלײַן טומער'ס ערשטען אויפטרעטען? ווי איז זי? ווי איז זי געוועזען?

דער שריפטשטעלער האָט איהר זײַן שטול אַוועקגעגעבען און ער גופא האָט זיך געזעצט אויפ'ן טיש: — זי איז געטליך, אַבלום פון גן־עדן! —

— אַהאַ, פעטערכען איז שוין פערליבט! — האָט ק אַ ר אָ ל אַ געלאַכט.

— ניין, איך מיין עס מיט אַן אמת; דיזע דײַטשע — זי איז אַ רײַצענדע ליבענסווירדיגע פערזאָן! אַזוי ערנסט, אַזוי פאָרנעהם און צניעות'דיג, אַז איך פרעג זיך נאָר פון וואַנען האָט די דאָזיגע צנועה איהר קינד בעקומען?

— צו איהר וועל איך זיך קיינמאָל נישט דערוועגען, הײַנט פערשטעהט איהר שוין! — האָט ר ו י ך זיך אָנגערופען. — —

— אָה, וועל, אפשר איז זי פריהער אַנדערש געוועזען און איז ערשט יעצט אַזוי געוואָרען! — האָט זיך פ אָ ו ו ע ל אַרײַנגעמישט. — — — —

— איהר זײַט בלינד, טויב! וואָס ווייסט איהר פון אַזעלכע טײַערע פרויען־נאַטורען? — האָט ד ו ו אַ ר אָ ל מיט כעס געשריגען, — ווער פון אײַך האָט בעמערקט דעם בליק פון איהרע אויגען וואָס האָט זיך שטענ.

דיג געוועקסעלט, דאס רייצענדע לייכטע בעוועגונג פון איהר געטאקט נעזעל, דאס פיינע קוים בעמערקבארע פארבע-וועקסעל אין איהר ערלען געזיכט? הא? אח, ליימענע גולם'ס, פאר אזעלכע בלומען געהט די גרויסע מאסע פארביי! אי זענט איהר מבינים! דאס ווייב איז א ווולקאן, א טיגער וואס ברעכט זיך פון מענאזשעריע ארויס און א מלאך, ווען זי ליעבט, גרייט אויף מסירת-נפש, ערהאבען, עדעל! גיט'ס נאר א קוק אויף דאס קינד! אזא געטליך קינד קאן נאר פון אמת'ער, ריינער ליעבע געבארען ווערען! — —

— ער פאנטאזירט דאך טאקי מיט אנ'אמת, זעהט נאר ווי זיינע אויגען לייכטען, האט רויך געלאכט, — א שאד וואס מיר ווייסען נישט די פרטים און מיר וועלען עס קיינמאל נישט וויסען! נאר אויב די זאנדערס האט מיט אנ'אמת דעם גאט אמאר אלס באקהאנטין געדיענט, דאס איז נאך ביי מיר א גרויסער ספק! מיר ווייזט אויס גיכער פאר אלץ, אז זי איז דאס פערפיהרטע דייטשע גרעטכען!

דער שטרייט וועגען אננא האט נאך געדויערט א לאנגע צייט נאך די שווישפיעלערינס אוועקגעהן. זי האט זיך אויף מארגען אליין פאר אננא פארגעשטעלט און האט דעם יונגע געבראכט שפיעלצייג און שאקאלאדע. אלע האבען דאס קינד פערוועהנט און די מוטער די גרעסטע אויפמערקזאמקייט געוויזען און נישט קוקענדיג אויף דעם אלעם האט עס איהר געצויגען צום מעהרסטען צו יוליע בראמער. נאר אין איהר האט אננא געפיהלט די נשמה וואס איז צו איהר נעהנטער ווי אלע אנדערע; אבער דוקא די האט זיך פון איהר געהאלטען פון דערווייטענס. נישט בערטהא ראזע'ס איבערגעבענהייט, נישט דווארא'ס טרייקייט האבען נישט געקאנט בעפריעדיגען זי און פערגיטיגען פאר די אבווייזונג וואס זי האט פון דער ערנסטער לעהרערין בעקומען. פריילין זאנדערס איז געווארען דער ליעבלינג פון פענסיאן, איהר קינד — אנ' אבגאט. אלע זענען צו דער „פריילין מוטער" געקומען און פאר איהר די הערצער זיך אויסגערעדט. אלע כסדר פון פרוי ראט באלל ביז צו דעם לוסטיגען סטודענט רויך. זי האט אלעמען מיט רוהיגקייט אויסגעהערט, מיט אלעמען האט זי אנ'אנטייל גענומען, עצות געגעבען, זי האט אויסגעהערט דווארא'ס שירים, רויך'ס חובות- און ליעבעס-זארגען. דערביי איז אבער איהר איינענער געמיט מיט יעדען טאג בעדריקטער געווארען. אין איהר איז ווידער אויפגעשטיגען די צעפרעסענדיגע ליעבע פאר קאנטהאגען און די זארג פאר איהר לעבענס-בעדארף. פרוי קאך האט געמוזט בלייבען ביי אטטאכען.

וועלכען זי האט קיין ביליגע קינדער-מיידעל נישט געקאנט אנפערטרויען. דאס לעבען, ווי קארג מען זאל נישט זיין, קאסט אלע טאג, מען קאן דאך די נשמה נישט אויסשפייען. עס האט זיך שטענדיג געמאכט הוצאות אויף וועלכע מען האט זיך גארנישט געריכט. דערווייל איז זיך אזוי פערבייגעגאנגען דער אקטאבער, דער גאנצער הודש נאיועמבער און א נ נ א האט נאך אלץ נישט געפונען קיין בעשעפטיגונג.

יעדען מארגען איז זי אין א קאפיע געגאנגען, דורכגעלעזען די אנאנסען, זיך נאטירט די אדרעסען פון יענע וועלכע ווילען געבען ארבייט און איז דארט געגאנגען. זי האט אין די פאבבלעטער אנאנסירט, איז פון איין אטעליער צום אנדערן געלאפען. עס איז געוועזן שוין אין מיטען סעזאן, די גוטע שטעלעס זענען שוין געוועזן פערנומען. מען ברויך נישט קיין עמפפאנגס-דאמען, נישט אזעלכע וואס רעטושירען, — וואס האט זי געזאלט טהון? ווערען א גוווערנאנטע, א לעהרערין, א קינדער-פריילין? האט זי אלס אזעלכע נישט געקאנט. אריינטרעטען אין א געשעפט, איז זי דערצו נישט געוועזן ערצויגען, נישט געהאט די נויטיגע ערפאהרונג. ווערען א לאנדפריילין מיט דרייסיג אדער ווען הויך פונפציג מארק א חודש? פאר זיך מיט דעם קינד? א נ נ א איז טעגליך פערצווייפעלטער געווארען, האט פאר בחצי חנם איבערגעמאלען פאטאגראפיעס פאר א בזאר, האט געשריבען אדרעסען, געשטיקט טיש-לויפער און דערמיט געלאפען פון איין געשעפט צום אנדערן. זי האט געמוזט אויסשטעהן אלערליי ערנידערונגען. וואס וועט ווערען ווען דאס ביסעל געלד וועט אויסגעהן? דער טאג רוקט זיך אלץ נעהנטער! זיך ווענדען צו איהרע קרובים? צו א ט ט א פאן ק א נ ט ה אגען? ניין, בעסער שוין מיט דעם קינד אין וואסער איידער דאס! — —

פארזיכטיג האט זי שוין יעצט גאר די ציערונג איהרע, וואס פרוי פאן ד ר א ס האט איהר געשאנקען, געמאכט צו געלד, זי האט איהר טייער'ן גילדען זייגערל אויף א פראסטען שווארצען זייגערל אויסגעטוישט און האט דאס געלד איינגעוויקעלט אין א זייט.

און וואס האט זי זיך אין די נעכט אנגעליטען! אין דער פינסטער זענען די זארגען צו ריזיגע שרעקענסבילדער אויסגעוואקסען. אננא האט די ווייכע, רונדע געזיכטס-פארם פערלארען, איז געווארען וואס א טאג בלאסער. פון א זאנפטע, רוהיגע נשמה איז זי אנ' אויפגערעגטע און א נערוועזישע געווארען — ב ע ר ט ה א ר א ז ט האט פערשטאנען איהר קימער און האט מיט איהר מיטגעליטען. ב ע ט ט י נ א מ ז ר ס ו האט אננא'ן פערשאפט די אנפאנגס לעהרע אין קלאוויער שפיעלען ביי צוי

קינדער. אָבער באַלד אין אַ וואָך אַרום, אַז די מוטער האָט זיך פון איהר שיקזאַל דערוואוסט האָט זי איהר פון דער שטעלע אָבגעזאָגט און איהר דערביי גראָב בעליידיגט און שטאַרק געזידעלט. ביסלעכווייז האָבען אַלע פענסיאָנערע בעמערקט, אַז פריילין זאַנדערס זוכט טעגליך עפּיס בעשעפטיגונג און בעקומט נישט. — זיי האָבען איהר גערן געוואָלט העלפען, האָבען אָבער נישט געוואוסט ווי אַזוי און די גוטע שטעלעס זענען אויף דער גאַס נישט געלעגען.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

ווי אין חלום איז אַננאַ זאַנדערס אין די גאַסען אַרומגעגאַנגען. היינט האָבען איהר נישט די זאָרגען וועגען ברויט בעשעפטיגט. — ווי שטענדיג, האָט זי ווידער דאָס קאַפע־הויז אויפגעזוכט, כדי פון די צייטונגען זיך צו דערוויסען פון עפּיס אַ שטעלע אָדער אַזוי אַרבייט. פלייסיג איז זי געזעסען ביי דער אַרבייט אין איהר עק, פלוצלונג האָט זי דערהערט דעם קלאַנג פון שפּאָרען און אַ שווערד אויף דער פּאָדלאָגע. דריי אָפיציערען זענען אַריינגעקומען און האָבען זיך נעבען איהר טישעל געזעצט.

צוערשט האָט זי נאָר אויבערפלעכליך אַ בליק געטהון און באַלד זיך ווידער איבער דער אַנאָנסען־ביילאַגע איינגעבויגען. באַלד אָבער האָט זיך איהר אָבגעדאַכט ווי די דרוק־בוכשטאַבען וואָלטען פערשוואומען פאַר איהרע אויגען און אָטטאָ קאַנטהאַגען'ס אוניפאָרם האָט אויף דעם פּאַפּיער ווי אַ קאָלירטע איליוסטראַציע געלייכטעט. — ער און שטענדיג נאָר ער! — האָט זי נישט ווילענדיג געטראַכט. און כדי פון דאָס דאָזיגע בילד לויז צו ווערען האָט זי ווידער אַרויפגעבליקט — — — און האָט מיט אַלע גלידער אַ שוידער געטהון. צוויי פון די אָפיציערען האָבען געטראָגען פּריסישע אינפאַנטעריע־אוניפאָרם'ס, דער דריטער אָבער, אַן עלטערער שטאַבס־אָפיציער, איז געווען אין דער אוניפאָרם וועלכע געהער צו אָטטאָ'ס פּאָלק — — — — דעריבער הייסט עס! — — — האָט מען טאַקע אַ מישנע זיך דאָ געזעצט — — — מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ האָט זי זיך דאָס לויטע געשפּרעך איינגעהאָרכט, וועלכע מען האָט אַזוי אינזשענירט געשפּראָכען. זי האָט גאָר אַליין נישט געוואוסט, ווי הייס עס איז איהר וואונש געווען פון איהם עפּיס צו הערען. — צו ערשט האָט זיך

אונטערהאלטען װעגען פרעמדע פערזאָנען . פלוצלונג האָט אין איהר אויער עפּיס אַ נאָמען אַרײַנגעשלאָגען . אַ נ נ אַ איז אַ פּערצײַטערטע געװאָרען און האָט די האַנד אויף איהר ברוסט אַרויפגעלעגט , גלײַך װי זי װאָלט געװאָלט דערמיט בעצװעקען מען זאָל נישט הערען װי שטאַרק איהר האַרץ קלאַפּט .

— יענער לעבט דאָס אודאי אַביסעל צו אין פּ אַ ר י ז אָדער אַן דער ר י װ ע ר אַ , איך װײסט נישט װאו דאָס יונגע פּאָר שטעקט יעצט ? בײַ איהם איז דאָך יעצט דער גילדענער חודש . די פליטער־װאָכען האָט מען קײַן צײַט נישט צו שרײַבען ! — האָט דער פרעמדער אָפיציער געענטפערט . — —

— זײַט װען האָט דען ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן חתונה געהאַט ?

— זײַט דעם 10־טען נאָװעמבער ! די גאַנצע זאַך איז צוגעגאַנגען װי מיט דאַמפּף געשװינד ; איך װײס נישט צוליעב װעלבע סבה ! די אַלטע פּרינצעסין האָט די חתונה געפײַערט , אַלס פאַרשטעהערין פון דער כּלה די יתומה , אין איהר אײגענעם פּאַלאַץ , — — — — אַ מערקװירדיג , שענע חתונה געװען ! — האָט מען אָבגעענטפערט . — —

— האָט ער װירקליך זיך פון זײַן דינסט אָבגעזאָגט ? — —

— נײַן , דערװײַל נאָך נישט . דערװײַל האָט ער נאָר גענומען אורלויב ; אָבער געװיס װעט ער זיך אָבזאָגען אין גאַנצען ! אַ שאַד , ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן איז מײַן בעסטער מײַן פעהיגסטער אָפיציער געװעזען ! — —

— יאָ , ער איז אויך אַ׳ אויסגעצײכענטער קאָלעגע געװעזען , װי מיר האָט מײַן שװעסטער־קינד ר אָ ד ע ק דערצעהלט . — —

— ער איז דאָך זײַן בעסטער גוטער פרײַנד געװען , שטענדיג האָט מען זײ בײדען געזעהן צוזאַמען און מיר האָבען זײ געגעבען דעם צונאָמען קאַסטאָר און פּאָלו . —

— איך קאָן מיר פאָרשטעלען װי ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן איז גליקליך ! סוף כּל סוף איז דאָך דאָס נישט קײַן קלײניגקײט , דאָס שענסטע און דאָס רײַכסטע מײדעל אַרײַנצוכאַפּען ! — —

— איז אײך די יונגע פרוי געפאַלען ? —

— מיר , האַהאַ , — האָט זיך דער געפרעגטער צעלאַכט . — עס הויבט זיך גאַרנישט אָן ! די שענע ר ע נ אַ ט ע ז ע ע ב ע ר ג איז מיר , װי זאָל איך אײך זאָגען , די אונסימפּאַטישסטע פּערזאָן . װעלכע איך האָב אין מײַן גאַנץ לעבען קענען געלערנט , דאָס הײסט : צװישען אונז זאָל עס בלײַ־

בען, מײנע הערדען, איך בין מיט מײן אורטײל, ווי מען זאָגט, אַ דעת יחיד! אָבער איך קאָן מיר נישט העלפען, און מײן פרוי האָט אויך די אײגענע מײנונג וואָס איך! מיר האַלטען איהר פאַר די נאַרישסטע בעשעפעניש, דום, עגאָאיסטיש, אײנגעבילדעט אויף איהרע מיליאָנען. איך האָב שוין בעצײטענס רחמנות אויף דעם יונגען ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן! — —

— האָט ער זיך אין איהר פערליבט? —

— דאָס שוין אוראי נישט, וועניגסטענס האָט ער אויף אַלעמען געמאַכט אַ זאָנדערבאַרען אײנדרוק! מיר האָבען נאָך קײנמאָל אַזאַ ערנסטען קאַלטען חתן נישט געזעהן. אויף דער חתונה, אויף זײן אײגענער חתונה איז ער עפּיס ווי אַ שטײנערנער גאַסט געוועזען! — — —

— אַח, און זי? — האָט אײנער נײַגיריג געפרעגט.

— זי, די בהמה, האָט געשטראַהלט פאַר גליק און ביז איבער די בײדע אויערן פערליבט. אונזער יונגסטער לײטענאַנט איז אַ מבין אויף אַזוינע זאַכען, ער האָט געזאָגט: ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן איז אַנ' אויסגעצײכענטער דיפּלאָמאַט, ער האָט געשפּיעלט די ראָליע פון אַנ' אײזקאַלטען חתן נאָר דעריבער, בכדי ער זאָל דורך דעם איהר מעהר געפעלען, כּדי מעהר די שענע ר ע נ אַ צו רײצען, און בײם מאַכען דעם חתונה-קאָנטראַקט האָט ער געשפּיעלט די ראָליע פון אַ תם'וואַטען בחור'ל און געשיקט דעם פאָטער ער זאָל זעהן מען זאָל איהם, חס ושלום, קײן עוולה נישט טהון, מען זאָל איהם נישט נאָר די חובות בעצאָהלען, נאָר סתם אַזוי אַ גראָבען צרור אַרײנבראָקען! — —

— ער זאָל דאָך האָבען אַזוי זאָליד געלעבט?

— יאָ, פאַר לײַטען האָט ער געלעבט זאָליד, און דאָך זאָל ער האָבען אָנגעמאַכט חובות, וואָס איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלען!

— נו, מן הסתם האַלט ער אויס די גאַנצע פאַמיליע זײנע! — —

אַ נ נ אַ האָט שוין געהאַט גענוג. די נײַעס וואָס זי האָט זיך דאָ אָנגעהערט, האָבען ווילד אין איהר קאָפּ זיך געטומעלט. זי האָט זיך אויפגעהויבען, בעצאָהלט און לאַנגזאַם פאַרבײַ די שפּרעכענדיגע פאַרבײַגעגאַנגען. אײן אָפיציער האָט איהר מיט אַ רחמנות'דיגען בליק נאָכגעקוקט, ווײַל זי איז בלײך געווען ווי אַ מת און האָט מיט די לעצטע כּוחות די פּיס געשלעפּט.

(פאָרטזעצונג קומט).

ליטעראַרישע נייעס.

פון דער רוסישער ליטעראטור.

דער „וָדוִי“, ערצעהלונג פון מ. גאָרקי.

(רעצענזיע).

דער „ודוי“, דאָס אינדיווידועלסטע ווערק פון גאָרקי'ן, וואָס איז פריהער ערשינענען אינ'ם זאַמעלבוך „Знаніе“ און איצט אין אַ בעזונדערער אויסגאַבע — עראינערט אונז יענע האַרמאָנישע עפּאָכע פון זיין שעפּפונג, וואָס נאָר אַ דאַנק איהר איז זיין נאָמען געוואָרען אַזוי פּאָפּולער. אויך דיזע ערצעהלונג, ווי איבערהויפּט אַלע זיינע וויכטיגסטע ווערק, איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקער שטרעבונג צו די הויכע הימלען און אַבסטראַקטע אידעאַלען; אויך דאָ פיהלען מיר דאָס ציטערן פון די סטרונעס פון זיין פידעל, פונ'ם זעלבען פידעל, וועלכער האָט נישט לאַנג דער־טראָגען צו אונזערע אויערן שטאַרקע און מיט טרויער־דורכגעזאַפּטע אַקאָרדען וועגען אַ „הפקר'דיגען אָדלער“, וואָס האָט זיך געריסען צו די הויכע הימלען און וועגען גאָטטליכען זינגער אין שטרייט פונ'ם אימפּירישען, טעגליכען לעבען. און זאָגאַר די דאָזיגע קלאַנגען זענען שוין אונז גענוג בעוואוסט. ווי מיט זייער שטימונג אַזוי אויך מיט זייער הימלישער שטרעבונג — דאָך ווילט זיך אונז זיי הערען ווידער און זיי ערוועקען אין אונז פערגעסענע עראינערונגען פון דער נאָהנטסטער פערגאַנגענהייט.

אינ'ם „ודוי“ בעגעגנען מיר זיך ווידער אָן מיט דער זעלבער פּראָבלעמאַ, וואָס איז שוין נישט איינמאָל בעאַרבייטעט געוואָרען דורך גאָרקי'ן, ווי אַ פּשוט'ער, איינפאַכער מענש, מיט ווייניג בילדונג און פּראַקטיק, זוכט זיין גאָט, בענקט נאָך איהם, גאַהרט צו איהם, זוכט איהם ביז וואַנען ער געפינט איהם, און אין דער זעלבער צייט, ווי ער ווערט נאָר בעפליגעלט מיט אַ געטליכען גייסט — בעפרייט ער זיך פון די ביטערע, פייַנליכע פראַגען, וואָס האָבען איהם אַזוי געדריקט אויפ'ן הארצען, געעקבויערט זיין נשמה און ער בעגנוגענט זיך שוין נישט דערמיט, מיט דער ערבערונג פון דער שכינה זעלבסט, נאָר זיינע פערלאַנגען צוגיסען זיך ערשט ווי אַ שטירמישער ים, און גאַהרט צו בעגרייפען דאָס לעבען אין פולען זין, אונטערצושיידען צווישען גוטס און שלעכטס

און בעגרינדען זײַן פּערזענליכעס לעבען, אַלס אָריגינעל פון דער פערפּלאָנטערטער וועלט-קעט, אויף די יסודות פון וואַהרהײַט און גערעכטיגקײַט.

און באמת'ן, אויב מיר וואָלען נאָכפאָרשען די הויפּט-אידעע פון דאָס רוב ווערק זײַנע, אָנהויבענדיג פון „קאָנאָוואַלאָוו" און ענדיגענדיג מיט'ן „אויפ'ן אָבגרונד", דאַן וועלען מיר זיך לײַכט איבערצײַגען, אַז גאָרקי האָט די דאָזיגע פּראָבלעמע נאָך נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנד. און דאָס ווײַזט, אין אַ געוויסער מאָס, ווי גאָרקי זעלבסט בעמיהט זיך אַרויסצוגעפינען אַ ביסעל ליכט אין דער פינסטערניש פון דער ווירקליכקײַט.

גאָרקי'ס העלדען ערשײַנען פאַר אונז שטענדיג צווייזײַטיג:

פון איין זײַט זעהען מיר אַ מענשען, וואָס איז בעשאָנקען מיט אויסגעצייכענטע פעהיגקײַטען, שטעהט העכער איבער אַלע טעגליכע ברויט-פראַגען און דער ענגער קרײַז, צו וועלכען ער איז ווי מיט קעטען צוגעקאָוועט, קען איהם בשום אופן נישט בעפרידיגען, און — פון דער צווײַטער זײַט — אַ פּשוט, איינפאַכער מענש, אָדער נאָך אויסדריקליכער: אַן עם-הארץ, וואָס האָט קיינמאָל געלעזען און געלערנט. דאָס בוך מיט די שוואַרצע פינטעלעך איז איהם פרעמד און, זעלבסט-פערשטענדליך, אַ בעשײַדונג אויף זײַנע ביטערע האַרבע פראַגען זוכט ער נישט אין איהם, אינ'ם בוך, נאָר אין אַנדערע בײַ גוטע מענשען. און ווי באַלד די אַנטוואָרטען אויף דער דאָזיגער וועלט-פראַגע זענען פיעל און פערשידענאַרטיג, דרום איז גאָר קײַן וואונדער נישט, אַז די זעלבע „גוטע מענשען", בײַ וועלכע ער האָט געהאָפט צו בעקומען גוטע עצות אום צו שטילען זײַן קאָכענדעס האַרץ, ווענדען איהם אָב נאָך מעהר (זעלבסטפערשטענדליך: אונבעוואוסטזיניג) פון זײַן אויסגעטראָטענעם וועג, אין וועלכען ער האָט גײַסטליך געבלאָנדזשעט וואָס ווײַטער און ווײַטער.

און אַזוי איז דאָך, ווי בעוואוסט, געווען די ענדע פון אַלע זײַנע העלדען:

פאָמאַ גאָרדיעוו האָט איבערגעריסען דאָס לעבען-פעדימעל אין דער פינסטער, אין משוגעים-הויז, און לונעוו האָט צערשמעטערט זײַן קאָפּ אָן ערשטען שטיין, וואָס האָט זיך איהם געטראָפען אויפ'ן וועג. און נישט וויַיל זיי האָבען בײדע נישט געקענט פערווירקליכען זייערע פערלאַנגען אין דעם אָרומיגען חאָאָס. דערום זענען זיי בעגאַנגען זעלבסטמאָרד — נאָר ווײַל באמת'ן זענען זיי געווען בלינד און האָבען זיך אָנגעשטויסען אין דער פינסטערניש מיט נאָך אַזעלכע בלינדע ווי זיי, וואָס האָבען נישט געוואוסט ווי צו עפענען די אויגען און צו געפינען אַן אַרויס-גאַנג.

נאָר דער העלד פון „ודוי" איז אין דער הינזיכט פיעל גליקליכער פאַר זײַנע חברים: ער געפינט זײַן גלויבען, זײַן גאָט און, איבערהויפּט, אַן אַרויסגאַנג פון דער טרויעריגער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ מענש, וואָס ווייס די פוסטקײַט פון זײַן לעבען און קען עס נישט אויסטוישען אויף אַ אַנדערס, און — וואָס נאָך וואונדערבאַרער עס איז — די זעלבע פינסטערניש, וואָס האָט אַלעמען פערפיהרט, האָט איהם ענדליך געוויזען אַ ליכט-שטראַהל.

נאָר-אָט איז דער אינהאַלט פון דער ערצעהלונג אין קורצען:

איינער, וואָס איז געבוירען געוואָרען פון נישט קיין גלייבער פּאָר, אין דער יוגענד אַ האַלבער אַריסטאָקראַט, האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער פרעמד, ביי אַ פּריץ, וואָס איז געווען שלעכט און האַרט ווי שטאָהל. אין דער יוגענד איז ער געווען זעהר פרום און געגלויבט אין גאָט. און ווען ער וואָרט עלטער און שטויסט זיך אָן אויף די אונענדליכע צרות אויף יעדער שריט און טריט, דאַן געפינט ער אַ רפואה צו אַלעם דעם אין זיינע וואַרעמע תפלות צו גאָט. אין אַזעלכע שווערע מינוטען האָט ער נאָך אַ רפואה נעמליך: זיין שטאַרקע ליעבע צום פּריצ׳ס טאָכטער, וואָס ענדליך פערהייראַטעט ער זיך אויף איהר. צוליעב דער דאָזיגער שטאַרקער פּלאַטאָנישער ליעבע גיט ער זיך אונטער זיין ביטערן שיקזאַל און לאָזט זיך טרעטען פון זיין שווער, און די אַלע פיינליכע פראַגען, וועלכע טאָטשען איהם ווי אַ וואָרעם; פאַר וואָס ליידט ער אַזוי פיעל און וועלכע ברענגען איהם צו תרעומות אויף דער וועלט און איהר שעפּפער — דערשטיקט ער אין האַרצען און לאָזט זיי נישט אויס־ברעכען, זאָגאַר עס קאָסט איהם דאָס זעהר טייער — און געפינט זיך שטענדיג אין אַ פערכשוּפ׳טען קרייז. נאָר דער פּלוצלונגער טוידט פון זיין פרוי צערשמעטערט איהם אין גאַנצען — גייסטליך און פיזיש — און פערלירט זיין גלייבגלויביגקייט, דאַן לאָזט ער זיך אַוועק זוכען די גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, און נאָך פיעל צוועקלאָזע אַרומוואַנדערונגען קומט ער אָן אין אַ מאָנאַסטיר. נאָר דאָ, געפינענדיג זיך אָבגעזונדערט פון אַלעמען און האָבענדיג די מעגליכקייט צו פילאָזאָפירען, וואָרט ער גרינדליך איבערגעאַנדערשט און לאָזט זיך ווידער זוכען דעם „העכשער איבער זיין נשמה", ווי ער דריקט זיך אויס.

און דאָ שילדערט אונז גאָרקי טאַלאַנטפאָל אַלע צרות, ליידען און יסורים וואָס ער, דער מענש מיט די פיעל בעגריפען און ווייניג מעגליכקייטען, האָט אויסגעליטען זוכענדיג זיין גאָט, זיינע אינערליכע קאָנפליקטען, איבערלעבונגען און צאַנקערייען, אַ מיר — פשוט׳ע, וואָכעדיגע מענשען — וועבען צוזאַמען מיט איהם זיינע פאַנטאַזיעס, טרוימען זיינע טרוימען, שטרעבען צוזאַמען צו די הויכע הימלען, וועלכע הענגען ריין און אונשולדיג איבער אונזערע זינדיגע קעפּ, און עפּיס־וואָס בלייבט איבער טיעף ביי אונז אין האַרצען.

איך בענוגע זיך מיט׳ן אויסדרוק: „עפּיס־וואָס", ווייל פון אַן׳אמת׳ער קינסט־לערישער ווערק פאָדערן מיר דאָך מעהר נישט — געוועהנליך, אַ חוץ די אויסערליכע פאָרם — ווי ווירקונג, וואָס זאָל אונז איבערצייגען ווי וויט דער שרייבער־פּסיכאָלאָג איז אַריינגעדרונגען אין דער טיעפעניש פון אונזער נשמה און האָט זי אַנאַליזירט.

און ווען מיר לעזען די דאָזיגע ערצעהלונג, פיהלען מיר ווי אַ פערבאָרגענער קול שושקעט אונז אין די אויערן און קלאָגט זיך: אויף אונזער פוסטקייט, אויף דער פעראומרייניגונג פון געטליכען פונק און אויפ׳ן פערלאָזען דעם אמת׳ן גאָט, דעם אַלמעכטיגען, אַלוועלטליכען און נאָכגעהן פרעמדע מאָמענטאַלע געטער, וואָס פערשווינדען אַזוי גיך, ווי זיי קומען...

דאָס איז אין קורצען דער אינהאַלט פון׳ם ווערק.

און וואָס אַנבעלאַנגט דער אויסערליכער פאָרם — נעהם איך זיך נישט דאָס

רעכט צו ברענגען איינינע שטעלען אין איבערזעצונג, ווייל אום עס אומצופאסען דאַרף מען דאָס לעזען אין אָריגינאל, און ערשט דאן קען מען פיהלען די שטאַרקייט פון סטיל און די רייכקייט פון פאַרבען, וואָס נאָר אַזאַ קינסטלער ווי גאָרקי קען מיט זיי קאָמבינירען.

ערטערווייז אין אפילו, אמת, קענטיג די פראָקלאַמע=שפּראַך, וואָס גאָרקי האָט זיך אויך די לעצטע יאָהרען, ווי בעקאַנט, געפונען אונטער איהר ווירקונג, אָבער אין גרונד גענומען איז דער „ודוי״ אַ מייסטערהאַפטעס ווערק, וואָס מאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק.

און דער אינטעליגענטער יודישער לעזער דאַרף פשוט אָנקוועלען, וואָס אַזאַ ווירקער אויפן אַלגעמיין=מענשליכען גייסט, ווי גאָרקי, האָט ענדליך ווידער געפונען זיין וועג, פון וועלכען ער איז שיער נישט אַראָבגעקראָכען...

וואַרשא. ב. אַבראַמסאָן.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская №

קופאָן פיר ניט אַבאָנענטען.

די וועלכע ברענגען 4 קופאָנעס אין רעדאַקציע, און אין פּראָווינץ צו די אַגענטען בעקומען די מאָנאַטליכע פּרעמיע פיר 10 קאָפּ אין וואַרשע. אין פּראָווינץ 11 קאָפּ, די וועלכע האָבען 15 קופּ. צאָלען פיר די איבעריגע פּרעמיעס וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער אַנאָנסע פון אייראָפּעאישע ליטעראַטור ווי אַבאָנענטען.